STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04065

MENTSH UN MASHIN IN

D. L. Mekler

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. ל. מעקלער

מענטש און מאַשין אין סאָוויעטן-לאַנד

[פאקטן, בילדער, איינדרוקן
פון א רייזע איבער
סאוויעט-רוסלאנד]

פארלאג י. זימאן, ווארשע 1936

Copyright by D. L. Mekler
New York

Printed in Poland

D. L. Mekler: Mencz un maszyn
in sowietn-land
Wyd. J. Zyman, Warszawa, 1936

Druk. „Pośpiech" W-wa

אײנלײטונג

איבער זיבעצן יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש און דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז נאָך פאַר דער דרויסנדיקער וועלט אַלץ אַ לאַנד אונטער זיבן שלייערן. נאָך דעם מבול פון ידיעות, שטודיומס, באַלייכטונגען, אונטערזוכונגען, און דע־ברייטער עולם איז נאָך אַלץ אין ספק וועגן דער ווירקלעכקייט אין דעם לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

סאָוויעט־רוסלאַנד גייט ממש נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון די צייטונגען, ווו נאָר אַ מסיבה רעדט מען וועגן דעם לאַנד, ווו אַ נייַ לעבן, דאַרף עס הייסן, האַלט זיך אין פאַרעמען. אָבער וויפל פון די, וואָס זענען אויסער די גרענעצן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, קאָנען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז זיי האָבן אַ גענויען באַגריף און אַ גענויע פאָרשטעלונג פונם לעבן אין יענעם לאַנד?

די ידיעות וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן זיך תמיד ווידערשפּראָכן, קומענדיק פון פאַרשידענע ריכטונגען און קוואַלן; די שטודיומס, אפילו די, וואָס זענען, דאַכט זיך, געמאַכט געוואָרן פון אַזוי גערופענע אומפּאַרטייאישע באָאָבאַכטער, האָבן זעלטן געשטימט. דאָס רוב איז מען געגאַנגען פון איין עקסטרעם צום צווייטן. אָדער מ׳האָט גערעדט און געשריבן וועגן סאָוויעטן־פאַרבאַנד מיט פאַרביטערונג און גאַל, מיט שוים אויף די ליפּן, אָדער — מיט אויגן פאַרגלאָצט צום לעניניסטישן הימל, שפּרינגענדיק פון התפּעלות. תמיד איז דער אורטייל — און אַן אורטייל האָט, קענטיק, יעדער געמוזט אַרויסטראָגן אפילו ווען עס איז נאָך לחלוטין געווען צו פרי פאַר דעם — געווען אָדער פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו. פאַר איינעם איז סאָוויעט־רוסלאַנד געווען אַ גיהנם און פאַרן צווייטן — אַ גן־עדן. ביידע האָבן זיך איינער דעם צווייטן אָפּט באַשולדיקט אין אומערלעכקייט און פּאַרטייאישקייט.

זעלטן אז אימיצער רעדט אדער שרייבט וועגן סאוויעט־רוס־לאנד אן פאראורטייל, מיט געמיטלעכער איבערלייגונג, מיט אביעק־טיווער צוועקמעסיקייט, וועגנדיק און מעסטנדיק פאקטן ווי זיי זע־גען, אן פניות און אן פאליטישע שמד־שטיקישע הינטער־דריידלעך, נישט זוכנדיק צו שפילן אויף אימיצנס געפילן און נישט זייענדיק אויסן ביי אימיצן זיך איינצוקויפן אין לאסקע.

טאמער מאכט אימיצער אזא פארמעסט און פרובירט געבן אן ערלעכע אפשאצונג פון די געשעענישן אין סאוויעטן־פארבאנד, זאל ער אבער נאר דערציילן די אמתן, וואס ער האט געזען, און זאלן די דאזיקע אמתן — ווי דאס איז על־פי רוב דער פאל — נישט זיין אין איינקלאנג מיט די ווונטשן און איינבילדונגען פון די געשוווי־רענע און נישט געשווירענע, אמתע אדער בלומרשטע, פריינט פון די סאוויעטן, וועלן באלד קעגן אים געמאכט ווערן די זעלביקע באשולדיקונגען ווי קעגן איינעם, וואס טרעט צו לכתחילה מיט א פאראויס־באשטימטער מיינונג און מיט א פארטיקער מאס, מיט וועל־כער צו מעסטן און לויט וועלכער צו פארטייטשן היסטארישע גע־שעענישן.

ווייס איך, אז מיין ראל איז נישט קיין דאנקבארע און אז א סך „חברים", וועמעס גאנצע התפעלות פאר סאוויעט־רוסלאנד נעמט זיך נישט פון אינערלעכער איבערצייגונג און באקאנטשאפט מיט די פאקטן, נאר פון דעם, וואס זיי זענען עקשנותדיק איינגע־שפארט נישט צו וועלן דערלאזן דעם געדאנק, אז סאוויעט־רוסלאנד איז נאך ווייט פון זיין א גן־עדן און אז דאס, וואס האט זיך דארט געשאפן ביז אהער — איך פארנעם זיך נישט מיט נביאות־זאגעריי וועגן דער צוקונפט (כאטש אינם ליכט פון דער פארגאנגענהייט און קעגנווארט וועל איך זיך א היפש ביסל מוזן אפשטעלן אויף דעם)— איז עפעס אזוינס, וואס ערלעכע און אויפריכטיקע אידעאליסטן קע־נען זיך קיינמאל נישט פארשטעלן אונטער א רעזשים פון די, וואס רעדן פון העכסטן מענטשלעכן אידעאל — וועלן אוודאי קעגן מיר זאגן דאס אייגענע, וואס זיי זאגן קעגן יעדן איינעם, וואס איז נישט מיט זיי.

איין זאך ווייס איך, גראד די קאמוניסטן אין סאוויעט־רוס־

לאַנד — און איך רעד וועגן די פירנדיקע און מאַסגעבנדע — וועלן נישט לייקענען די פאַקטן, וואָס איך וועל איבערגעבן.

אין פאַרלויף פון מיין רייזע איבער סאָוויעט־רוסלאַנד בין איך געווען שטאַרק איבערראַשט, וואָס צווישן אַ גרויסער צאָל, אויב נישט דער איבערוועגנדיקער צאָל פון די פאַראַנטוואָרטלעכע סאָוויעטישע טוער זוכט מען גראָד נישט צו באַהאַלטן פאַקטן און צו פאַרדעקן דעם אמת. אוודאי נישט יענע פאַקטן און אמתן, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן.

אַ באַקאַנטער קאָמוניסטישער שריפטשטעלער און טוער האָט מיר דערציילט (און ער האָט עס טאַקע געטאָן מיר צו צייגן, ווי אָפנהאַרציק עס זענען קאָמוניסטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אין קאָנטראַסט צו די „חברים" אין אויסלאַנד) וועגן אַ געוויסן קאָ־מוניסטישן יידישן שרייבער פון אַמעריקע, וועלכער האָט זיך אוועק־געלאָזט אויף די פליגל פון זיין פאַנטאַזיע און געשילדערט סאָוויעט־רוסלאַנד, אַלס לאַנד פון כל טוב און גליק, וואָס האָט פון זיינע רו־סישע חברים געקריגן אַ שאַרפע טאַדלונג.

— ווער בעט אייך, אַז איר זאָלט וועגן אונז דערציילן הרים וגבעות? — האָט מען אים פאַרגעוואָרפן. — ווער בעט אייך, אַז איר זאָלט פאַרדעקן דעם אמת און פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז די לאַגע ביי אונז איז אַ שווערע און אַז די פּראָבלעמען זענען קאָמפּליצירטע? איר טוט אונז אַ בערישע טובה!

דאָס מיינט נאָך אָבער נישט, אַז מען איז אין סאָוויעט־רוס־לאַנד שטאַרק להוט אייך אָנצווייזן אויף די אָנגעווייטיקטע פּונקטן און אַז מען פּרובירט נישט „פאַרענטפערן" און „פאַרטייטשן" געשעענישן און עקזיסטירנדיקע צושטאַנדן. מען איז בכלל נישט נייגעריק, אַז איר זאָלט אַריינקוקן אין די אַזוי גערופענע פאַרבאַ־האַלטענע ווינקעלעך פון גרויסן לעבנס־ים — ווינקעלעך, וועלכע זענען אין דער אמתן גאָרנישט קיין ווינקעלעך, נאָר דאָס ברייטע לעבן אַליין און וועלכע זענען נישט פאַרהוילן פון קיין זעענדיק אויג, נאָר אַנטפּלעקן זיך פאַר אייך אַזוי גיך, ווי איר וואַרפט אַ בליק אין וועלכער ריכטונג איר ווילט נאָר אַליין.

אויב איר זענט נאָר אַ פרעמדער — און אַ פרעמדער איז יע־

דער, וואָס שטייט אויסער די גרעניצן פונם קאָמוניסטישן תחום, — האָט מען אייך בכלל נישט געדן, סיידן איר באַנוגנט זיך בלויז מיט דער ראָל פון אַ טוריסט, וואָס אַלס באַצאָלטער גאַסט פון „אינטוריסט״, וואָס מיינט פון דער מלוכה, קאָנט איר פאַר־ברענגען חדשים אין לאַנד און בלייבן אונטערן איינדרוק, אַז איר געפינט זיך אַ גן־עדן התחתון, מיט ערשטקלאַסיקע האָטעלן, פיינע רעסטאָראַנען, פּרעכטיקע אויטאָמאָבילן, טעאַטערס, וועג־וויזער און אַלע ווילטאָגן, וואָס מ׳קאָן זיך נאָר פאַרגינען אין בורזשואַזע מדינות.

ווילט איר אָבער זען סאָוויעט - רוסלאַנד מיט אייערע אייגענע אויגן און נישט דורך די אויגן פון די שיינע און אַלע שבעים־לשונות־רעדנדיקע וועגווייזערינס פון „אינטוריסט״, וועלכע האָבן תמיד פאַר אייך גוט־אויסגעפּלאַנטע און ספּעציעל־צוגעגרייטע עקסקורס־יעס איבער די הויפּט־צענטערן פון לאַנד, דאַן שטויסט איר זיך באַלד אָן אָן גאָר אַ סך שוועריקייטן. איר קריגט אַפילו דעם איינדרוק, אַז מ׳וויל אייך בכלל נישט אַרויסלאָזן פונם רשות פון „אינטוריסט״ און פון אונטערן אויפזיכט פון די וועג־ווייזערס, אין וועמעס גע־זעלשאַפט אַ סך אויסלענדישע טוריסטן פילן זיך גאַנץ אָנגענעם צו פאַרברענגען, — אַ סך אָנגענעמער ווי אַליין צו בלאָנקען איבער די אומעטיקע גאַסן פון די רוסישע שטעט, אָדער ווי צו פאַרברענגען אין די אומהיימלעכע היימען פון די סאָוויעטישע בירגער.

איר געפינט אויך אויס, אַז עס זענען דערביי אויך דאָ אַנדער׳ע שוועריקייטן, — פינאַנסיעלע שוועריקייטן, וואָס נעמען אייך אַריין אין דעם סאַמע לאַבירינט פון דער סאָוויעטישער עקאָנאָמיק און די „מיסטעריען״ פון די רוסישע פינאַנסן.

אָבער, אַז איר זענט אַנטשלאָסן און אַז איר זענט לכתחילה געקומען פאַרבערייטעט אַריינצודרינגען אין דער סאַמע טיפעניש פון רוסישן לעבן און ווילט דווקא זען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויפן „דנאָ״, ווערן פאַר אייך, ממש קעגן ווילן פון די באַטרעפנדיקע אינסטאַנצן, אַלע שטערונגען באַזייטיקט, פריער - שפּעטער הויבן די דאָזיקע אינסטאַנצן אַליין אייך אָן צייגן פריינטלעכקייט און אַ באַגער אייך צו באַקענען מיט דער לאַגע.

אמאָל זאָגן זיי עס גאַנץ אָפן און אמאָל גיבן זיי עס אייך צו פאַרשטיין אויף אַן אומדירעקטן אופן:

— מיר האָבן גאַנץ ווייניק נחת פון דעם, וואָס איר זענט אהער געקומען. איר זענט דאָך נישט קיין אונזעריקער. איר מעגט זיך זיין גאַנץ ערלעך און אָביעקטיוו (און ווער קאָן דען ערלעכ־קייט און אָביעקטיוויקייט געפינען ביי בורזשואַזע שרייבער!). איר וועט דאָך נישט שרייבן, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט. איר וועט האָבן אייער אייגענעם צוגאַנג צו זאַכן. איר וועט געבן אייער אייגענע אויסטייטשונג. דאַרפן מיר אייך נישט האָבן. מיר וואָלטן נאָך אייך קיינמאָל נישט געשיקט. וואָרום וואָס און ווי איר זאָלט וועגן אונז נישט שרייבן, ווי באַלד נאָר איר טרעט נישט אַרויס פון דעם ריין־קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט, איז עס נישט אונזער שטאַנדפּונקט, געפעלט עס אונז נישט. איר זענט דאָך שוין אָבער דאָ, איר זענט דאָך געקומען נישט קיין געבעטענער. אַגב, זעט איר דאָך זאַכן אַ! אונזער הילף אויך, ווילן מיר נישט זיין אַזוי גראָב אייך צו פאַר־שטויסן. ווען מיר פאַר אייך נישט פאַרמאַכן די טיר. איר זענט געקומען זען? גוט! אָט נאַט און זעט! זעט דעם גאַנצן אמת! מיינט איר דען, אַז מיר ווילן עפּעס פאַר אייך באַהאַלטן? קאָמוניסטן זענען ערלעך. זיי ווילן פון אייך נישט באַהאַלטן קיין זאַך, ווי אומ־אַנגענעם דאָס זאָל נישט זיין!

פונדעסטוועגן מוזט איר זיין גוט אויף דער וואַך אפילו נאָך אַזאַ, אַזוי צו זאָגן, אָפנהאַרציקער דערקלערונג. אויב איר ווילט זען רוסלאַנד, מוזט איר אַליין אַריין אין לעבן, אַליין אויספאָרשן זאַכן, אפילו ווען דאָס דאַרף אייך אָנקומען מיט גרינגער גאַל און איר דאַרפט מקריב זיין טעג און נעכט, אָפט נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן. און אפילו נעמען געוויסע ריזיקעס.

ע־שט דעמאָלט הויבט איר אָן זען זאַכן אין זייער ריכטיקן ליכט און ריכטיקער פאַרב. עס הויבן זיך אָן פאַר אייך אַנטפּלעקן זאַכן, וועגן וועלכע איר האָט שוין, דאַכט זיך, געוווּסט, אָבער וועגן וועלכע איר זענט קיינמאָל נישט געווען זיכער — טאַקע דערפאַר, וואָס אייערע קאָמוניסטישע פריינט אין דער היים האָבן וועגן יע־דער אומגינסטיקער ידיעה פון רוסלאַנד געהאַלטן אין איין שריי־

ען, אז דאָס איז אַ „געמיינער ליגן", אַ פאַלסיפיקאַציע פון דער בורזשואַזער פּרעסע", „פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואָס וויל תּמיד סאָוויעט־רוסלאַנד שטעלן אין אַן אומגינסטיק ליכט"— אַזוי, אַז איר זענט אָפּט אַליין געוואָרן מבולבל און נישט געהאַט דעם מוט און די איבערצייגונג, אַז יענע ידיעה איז אַ ריכטיקע.

* * *

איך דערמאָן מיך אָן אַן אינצידענט אין ניו־יאָרק. עס איז געווען פאַר־צוויי־יאָרן זומער. מיר זענען געווען זאַלבע־עטלעך אויפן ברעג ים אין „סיגעיט". אַ קאָמוניסטישע דאַמע האָט אונז, שרייבער פון דער „בורזשואַזער פּרעסע", געהאַלטן אין „דעקן", פאַרוואָס מיר „דערלאָזן", אַז אַזוינע ידיעות ווי די, אַז אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד הונגערט מען, זאָלן נאָך אַלץ געדרוקט ווערן.

— ווייסט איר דען נישט, אַז דאָס איז כזב ושקר? — האָט זי זיך געהיצט. — שוין אַזויפיל יאָרן ווי מ'האַלט אַלץ אין: דער־ציילן וועגן הונגער אין סאָוויעט־רוסלאַנד, די גאַנצע באַפעלקע־רונג האָט דאָך שוין געדאַרפט זיין אויסגעשטאָרבן!

אַ קאָלעגע האָט פּרובירט זיין אַפּאָלאָגעטיש, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז נאָך אַלעם דעם, קאָן אַ צייטונג נישט וויסן גענוי, אויב אַ געוויסע ידיעה איז הונדערט פּראָצענט ריכטיק. ווען נאָר אַ ידיעה קומט פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן קוואַל, איז די צייטונג מחויב זי צו דרוקן.

פאַר דער קאָמוניסטקע איז עס נישט געווען קיין תּירוץ. וואָס איז שייך, אַז די ידיעה האָט טאַקע באמת געקאָנט זיין אַ ריכטיקע, וועגן דעם האָט זי זיך אפילו נישט געלאָזט רעדן.

מיט אַמאָל באַווייזט זיך אַ יונגערמאַן. די קאָמוניסטקע שפּרינגט אויף.

— מאַקס! מאַקס! — הויבט זי אָן רופן, און צו אונז באַ־מערקט זי דערווייל: — אָט באַלד וועט איר וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד. אָט דער יונגערמאַן, אַ חבר אונזערער, אַן ערלעכער און אויפריכטיקער, אויף וועמעס וואָרט מ'מעג זיך פאַרלאָזן, האָט זיך איצט צוריקגעקערט פון דאָרט. ער וועט אייך דערציילן אַלץ.

מאַקס איז באַלד געווען נעבן אונז.

— איך האָב דאָך געמיינט, אַז דו ביסט געפאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד דאָרט צו פאַרבלייבן? — האָט אונזער קאָמוניסטקע זיך געווענדעט צו מאַקסן.

— יאָ, דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט, — האָט מאַקס גע־ענטפערט. — איך האָב זיך גאָר שנעל איבערצייגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

— וואָס הייסט דען? קיין אַרבעט נישט געקאָנט געפינען? — האָט די דאַמע זיך געוווּנדערט.

— גראָד נישט דאָס. נישט געווען וואָס צו עסן! — און ער האָט זיך אַ קרים געטאָן און דאָן צוגעלייגט: — ווער האָט עס גע־קאָנט אויסהאַלטן, אַז יעדן טאָג האָט מען געדאַרפט דאגהן וועגן שטיקל ברויט?

די קאָמוניסטקע איז געבליבן אָן לשון. מיר האָבן זיך איינע די אַנדערע איבערגעוואָרפן מיט בליקן און געשוויגן, נישט וועלנדיק, אויס העפלעכקייט, זי ברענגען אין נאָך אַ גרעסערער פאַרלעגנ־הייט. מאַקס, פילנדיק, אַז ער האָט זיינס אָפּגעטאָן, האָט זיך אויס־געדרייט און פאַרשוווּנדן.

די קאָמוניסטקע איז אָבער לאַנג נישט געווען אין קיין פאַר־לעגנהייט. זי איז שנעל געקומען צו זיך און אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, האָט זי אַ זאָג געטאָן אין אַ טאָן פון ביטול:

— טאַקע געמיינט, אַז ער וויים עפּעס! נאָר פונוואַנען זאָל ער וויסן? בסך הכל גאָר אַ יינגל און אַן אַמעריקאַנער דערצו! מסתמא האָט אים דאָרט געפעלט זיין אָראַנדזש־זאַפט יעדן פרי־מאָרגן און אַנדערע אַמעריקאַנער וווילטאָגן! דער בורזשוי איז נאָך פון אים נישט אַרויס!

און אָט בין איך שוין אויף אַ סאָוויעטישער שיף, אויפן וועג קיין אדעס. איך בין אויף דער שיף אַרויף אין יפו.

ארץ־ישראל איז גראָד אַ צענטער, ווו איר הערט זיך אָן פריש־צאַפּלדיקע „נייעס" פון סאָוויעט ־ רוסלאַנד. ווי ווייניק רוסישע יידן ס'קומען דאָרט אַריין, באַגעגנט איר זיי אָבער אויף שריט און טריט. איר באַגעגנט טאַטעס און מאַמעס, וואָס זענען אַריבערגע־

בראכט געווארן פון זייערע קינדער; רבנים, ישיבה בחורים און אזוי וויל - לערנער, וואס האבן זיך אויף דעם אדער יענעם אופן „געראטעוועט", ווי זיי אליין באצייכענען עס, פונם לאנד פון פראלעטארישער דיקטאטור און איר קומט פנים אל פנים מיט חלוצים, אזוינע, וועלכע נאכדעם ווי זיי האבן זיך אויסגעוואלגערט אין פארשיידענע סאוויעטישע טורמעס און אויסגעשטאנען אלערליי פארפאלגונגען צוליב זייער ציוניזם, האבן דאך דערגרייכט דאס לאנד פון זייער חלום.

גראד דעם אוונט, ערב מיין אפפארן פון ארץ - ישראל, האב איך געהאט די געלעגנהייט בייצווווינען אין תל - אביב אן אינטימען קבלת פנים, וואס איז געגעבן געווארן פאר א גרופע חלוצים, וואס האבן זיך מיט דער הילף פון א ספעציעלער ארץ־ישראלדיקער ארגאניזאציע פאר דעם צוועק, „מגן", ארויסגעריסן פון די באלשעוויסטישע הענט.

דארט האב איך זיך אנגעהערט שטוינענדע פאקטן וועגן דער טרויעריקער לאגע פון די יידן אין סאוויעטן־פארבאנד.

איך האב אין ארץ - ישראל זיך אויך אנגעהערט וועגן דער לאגע פון די יידן אין סאוויעט - רוסלאנד פון געוויסע פערזאנען, וואס שטייען אויף פארשיידענע אופנים אין שטענדיקער פארבינדונג מיט יחידים און גרופן אין יענעם לאנד.

איר זענט פול מיט אימפרעסיעס. איר האט דאכט זיך קיין אורזאך צו צווייפלען אינם אמת פון דעם, וואס איר האט געהערט. אלץ קומט פון פארטרויאונגסווערטע און גוט באגלויבטע מענטשן.

אבער אז איר ווילט זיך אויסמיישן מיט מיינונגען מיט אייערע מיטרייזנדע אויף דער סאוויעטישער שיף, קריגט איר באלד דאס געפיל, ווי איר וואלט אפגעגאסן געווארן מיט א קאלטן עמער וואסער.

* * *

מיינע מיטרייזנדע זענען אדער גאנצע, אדער האלבע קאמוניסטן. זיי פארן קיין סאוויעטיש־רוסלאנד מיט דער פולער זיכערקייט, אז דארט איז דער אמתער פראלעטארישער גן עדן און

אויב נאָך נישט קיין פולשטענדיקער גן־עדן, האַלט עס גאָר נאָנט דערביי.

— די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז אין אַ פאַרשווערונג צו פאַרלוימדן דאָס אייגציקע לאַנד, וווּ די אַרבעטער האָבן אַלע אין זייערע אייגענע הענט, — זינגען זיי אַלע איין פּזמון, — און איר, אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָס פּרעטענדירט אויף אָביעקטיוויטעט און אַ פאַרלאַנג צו זען דעם אמת, טאָר זיך נישט לאָזן פאַרבלענדן די אויגן.

און אַז זיי דערפילן, אַז זייער אייגענע פאַרזיכערונג וועגן דער לאַגע אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז נאָך נישט גענוג — אפשר דערפאַר, וואָס זיי אַליין זענען אין ספק — ברענגען זיי מיר באַלד עדות פון דער מאַנשאַפט פון דער „פּראַנץ מערינג", ווי די סאָוויעטישע שיף, אויף וועלכער מיר פאָרן, הייסט.

— אַט זאָגט אים, אויב מען הונגערט אין סאָוויעט־רוסלאַנד! — ווענדעט זיך איינער פון די פּאַסאַזשירן צו אַ ברייט־פּליייציקן מאַטראָז מיט אַ געשטופּלט לבנה־פּנים, וועמעס וואַסערדיקע אויגן האַלטן תמיד אין שמייכלען גוטמוטיק און פריינט־לעך.

איר האָט צו דעם דאָזיקן פאַרשוין צוטרוי. איר פילט, אַז אַזעלכער ווי ער, וועט אייך קיין ליגן נישט זאָגן.

דער מאַטראָז קוקט אונז אָן פריינטלעך און גוטמוטיק. עס איז קענטיק, אַז ער וואָלט גרייט געווען פאַר אייך עפענען זיין האַרץ. ער רעדט אָבער נישט באַלד. עפּעס פילט איר, אַז ער האָט מיט זיך אַ שטאַרקן ישוב הדעת. טאַקע אַ געוויינלעכער, נישט קיין שטאַרק איבערגעשפּיצטער פאַרשוין. דאָס וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. ביי אַ גלעזל משקה ערגעץ אין אַ איינ־טימען ווינקל, וואָלט זיך די צונג באַלד צעגאַנגען, ווי אויף שרויפן. ער איז נישט פון די, וואָס קאָנען האַלטן ביי זיך סודות.

ער האָט מסתמא געלערנט פון דער ביטערער דערפאַרונג, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד רעדט מען נישט סתם אין דער וועלט אריין, בלויז דערפאַר, וואָס עס פּיקט ביי דער צונג.

ער איז טאַקע איצט נישט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער אַ סאָוויעטישע שיף איז ווי סאָוויעטישע טעריטאָריע. אַ מאַטראָז איז נישט סתם קיין אַרבעטער, ער איז אין דירעקטער דינסט פון דער מלוכה.

ער ווייס שוין מסתמא אויך — און דאָס האָט מען מיט אים, ווי מיט אַלע אַנדערע אויף דער שיף, לאַנג גענוג איינגע־חזרט, — אַז פּאַסאַזשירן זענען געסט, „קונדן", פון וועלכע מען קריגט אַרויס די געגאַרטע „וואַליוטע". מ'דאַרף זיי נישט נאָר באַהאַנדלען גוט, מ'דאַרף אויך נאָכקומען אַלע מעגלעכע פאַרלאַנ־גען זייערע.

שמועסן מעג מען מיט זיי און מען מעג פאַרברענגען מיט זיי. מ'דאַרף אָבער וויסן, ווי צו ענטפערן אויף אָפט גאַנץ אומאַנגענעמע פראַגן, וואָס זיי שטעלן אַמאָל מיט כוונה און אַמאָל אומשול־דיקערהייט.

דער מאַטראָז גיט זיך אַ קראַץ אין דער פּאַטילניצע און ענט־פערט לאַנגזאַם ציענדיק די ווערטער:

— אויב מ'הונגערט אין סאָוויעט ־ רוסלאַנד, ווילט איר וויסן? — פרעגט ער אָן. — רוסלאַנד איז אַזוי גרויס. מענטשן זענען פאַראַן אַזויפיל . וואָס קאָן איך, אַ וואַנדערנדיקער מאַטראָז, וויסן, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד? ווי קאָן איך רעדן פאַר אַנ־דערע? איך קאָן רעדן נאָר וועגן דעם, וואָס איך ווייס פון זיך אַליין.

— אויסגעצייכנט, — ווערט ענטוזיאַסטיש מיין קאָמוניס־טישער מיטפּאַסאַזשיר. — וואָס זענען דיינע אייגענע דערפאַרונ־גען?

— מיר איז גוט,—ענטפערט דער מאַטראָז שוין אָן שהיות.— בין שוין אַ מאַטראָז עטלעכע און צוואַנציק יאָר. אַמאָל, וואָס האָב איך אַמאָל געהאַט? קדחת! איצט בין איך אַ גאַנצער פּריץ! אויפן שיף קריג איך די בעסטע עסנס. מיין געהאַלט איז אַ גאַנץ נישקשה־דיקס. מיין פאַמיליע איז באַזאָרגט מיט אַ גוטער דירה. איך קאָן שיקן מיינע קינדער אין אַ שול. זיי האָבן די זעלביקע געלעגנהייטן, וואָס אַנדערע לייטישע קינדער. איך אַליין קאָן אויך ווערן אַ

לײט. איך דאַרף עס גאָר װעלן. רק מ׳זאָגט, לערן! איך קאָן אַפּילו װערן קאַפּיטאַן. אַ מאַשיניסט אודאי. כ׳דאַרף נאָר צולײגן קאָפּ, װעלן זיך אַרײנטאָן אין די ביכלעך. אַנדערע טוען עס טאַקע און זײ האַלטן שױן בײם װערן גאַנצע לײט. מײן קאָפּ אַרבעט אָבער נישט. שױן נישט קײן יונגערמאַן! אַגב, שױן אַ סך מיטגעמאַכט אין לעבן. נישט קײן קלײניקײט דורכצומאַכן אַזעלכע שװערע יאָרן: מלחמה, רעװאָלוציע. ס׳איז נישט קײן שפּילעכל! דאַרף מען זיך באַנוגענען, װאָס עס איז דאָ װו דעם קאָפּ אַװעקצולײגן און װאָס צו נעמען אין פּיסק, פאַרזאָרגן װי נישט איז די פאַמיליע, גענוג פאַר אַ מוזשיק װי איך! קאַפּיטאַנען און מאַשיניסטן זאָלן װערן אַנדערע.

מײן קאָמוניסטישער מיט־פּאַסאַזשיר קװעלט אָן.

— נו, זעט איר שױן? — רופט ער אױס מיט נצחון. — דאָס איז פאַר אײך דאָס נײע רוסלאַנד! אָט האָט איר אַ לעבעדיקן בײ־שפּיל פון דעם, װאָס דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט אױפגע־טאָן פאַרן פּראָסטן אַרבעטער, קודם כּל פאַרבעסערט זײן לאַגע. איצט די גרױסע געלעגנהײטן, װאָס ער האָט פאַר זיך און דער עיקר פאַר זײנע קינדער! דאַרפט איר נאָך מער?

איך הער זיך צו. עס איז באמת דאָ װעגן װאָס זיך צו פאַר־טראַכטן. איך פיל, אַז דער מאַטראָז האָט אַ סך נישט דערזאָגט. ער װײס פיל מער װי דאָס, װאָס ער האָט אונז דערצײלט. אױב עס איז נישט געװען זײן נאַטירלעכער אינסטינקט און די פאָר־זיכטיקײט, װאָס ער האָט געלערנט פון דערפאַרונג, האָט מען עס מיט אים אײנגעשטודירט. ער פאָלגט אױס אינסטרוקציעס. איך װײס שױן געװי, אַז אױפן שיף הערשט אַ שטרענגע דיסציפּלין. דאַכט זיך, אַ האַנדלס־שיף, אָבער די דיסציפּלין איז אַ מיליטער־רישע.

איך װײס אָבער אױך, אַז דאָס, װאָס דער מאַטראָז האָט יאָ געזאָגט, איז געװען ריכטיק. ער איז נישט קאַפּאַבל צו זאָגן ליגן.

װאָס איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געװוסט — און מײן קאָ־מוניסטישער מיטרײזנדער האָט עס אױך נישט געװוסט, — איז

וועגן די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס אָדער קלאַסן (אויב מען קאָן רעדן וועגן קלאַסן אין א מדינה, וואָס באַרימט זיך, אז זי האָט שוין געמאַכט א סוף צו קלאַסן), אין וועלכע דאָס פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד איז צעטיילט: די פּריווילעגירטע און נישט־פּריווילעגירטע, די, וואָס לעבן אין פאַרהעלטניסמעסיקן וווילטאָג, די, וואָס האָבן גענוג אויף זייערע באַדערפעניש, און די, וואָס האָבן קוים אויף אויסקו־מעניש און מוזן צוהונגערן, און גראָד די לעצטע באַשטייען פון די גרויסע מאַסן אַרבעטער, אין וועמעס נאָמען מען בויט עס דעם קאָמוניסטישן גן־עדן.

— וואָס דאַרפט איר א סך זוכן? — וויל זיך דער קאָמוניס־טישער פּאַסאַזשיר מיט מיר אויספּירן. — די שיף איז דאָך אליין א שטיק רוסלאַנד, א טייל פון דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט. קוקט זיך צו צו דעם, וואָס גייט דאָ אָן. הערט זיך צו צו דעם, וואָס מענטשן רעדן אַרום אייך און פאַר אייך. איר וועט דאָ אויפן אָרט אויסגעפינען, אז אין גרעסטן טייל איז דאָס, וואָס איר האָט געהערט און געלייענט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועגן סאָ־וויעט־רוסלאַנד, פאַרלוימדעריש, פאַלסיפיצירט און קאָלירט.

אויף דער דאָזיקער עצה האָב איך אייגנטלעך נישט געדאַרפט וואַרטן, אז זי זאָל קומען פון מיין מיטרייזנדן. איך האָב לכתחילה אויסגעקליבן א סאָוויעטישע שיף בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב אין פאָרויס געוואָלט אָנהייבן שטודירן דאָס לאַנד פון די סאָוויעטן אויף ווי ווייט דאָס וועט נאָר מעגלעך זיין אויף דער שיף.

עס האָט מיך באַזונדער אינטערעסירט א סאָוויעטישע שיף, וואָס פאַרקערט צווישן ארץ־ישראל און סאָוויעט־רוסלאַנד, ווייל עס האָט מיך, א חוץ אלע אַנדערע זאַכן, אויך אינטערעסירט צו זען, וואָס פאַר א האַנדל און אַנדערע פאַרבינדונגען עס עקזיס־טירן צווישן אָט די צוויי לענדער. עס האָט זיך מיר אויך געוואָלט זען און שטודירן די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן אויף אַזאַ שיף. טאַ־קע מיין מיטרייזנדער קאָמוניסט אליין, וועלכער איז געווען איינער פון א גרופּע, האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט.

איך האָב דערפאַר באַלד ביים אַנקומען אין יפוער האַפן, ווו

די „פראנץ מערינג״ האָט אויף אונז געוואַרט, זיך אָנגעהויבן צו־קוקן צו אַלץ און זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער שיף. און אַ צוגרייטונג צו דעם, וואָס עס איז מיר אויס־געקומען צו זען און הערן אין סאָוויעט - רוסלאַנד גופא, איז עס בלי ספק געווען אַ גאָר גוטע.

קאַפּיטל איינס

אויף א סאָוויעטישער שיף

1

איך האָב נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן ביז איך וועל גרייכן אָדעס, צו דערפילן, אַז איך בין אין אַן אַנדער, פּאַקטיש אינגאַנצן אָפּגעשלאָסענער וועלט. איך האָב עס דערפילט באַלד ווי איך בין אַרויף אויף דער „פּראַנץ מערינג׳׳ אין האַפן פון יפו.

אָט זע איך נאָך דעם גאַנצן ווייס־זאַמדיקן ים־ברעג פון תּל־אביב. איך קאָן אפילו זען, ווי די תּל־אביבער פאַרגעניגן־זוכער פּליוסקען זיך אין די לעבלעכע, בלויע וואַסערן פון מיטללענדישן ים, זוכנדיק דערלייכטערונג פון דער ברענענדיקער זון אין יענעם וואַכעדיקן נאָכמיטאָג; עס ליגט פאַר מיר יפו, וועלכע איז, דאַכט זיך, נישט אַזוי אָנציִענדיק און גאָר ווייט פון ריינקייט, ווען איר זעענט אין שטאָט, וועלכע האָט אָבער דעם גאַנצן אָריענטאַלישן רייץ און צויבער, ווען איר זעט זי פון דערווייטן, באַזונדער פון ים; צו מ גע זויערן דערטראָגט זיך נאָך אפילו דער גאַנצער געפילדער — די געשרייען פון אַראַבישע לאַסט־טרעגער און שווער־פאַרהאָרעוועטע האַפן־אַרבעטער, דאָס טרובען פון אויטאָמאָבילן און דאָס מאָדנע, אומעט־אָנזאָגנדיקע הירזשען פון אייזלען. איך האָב נאָך פאַר די אויגן דאָס גאַנצע בילד פון דעם ווילדן געלויף, נשמה־אַרויסקוועטשנדיקן געדראַנג, מישמאַש און אומאָרדענונג אין דעם יפוער האַפן — אַ קעסל־גרוב פון מענטשן און פּיר־פּיסיקע באַשעפענישן, — דורך וועלכע איך האָב מיט אַ ווײַלע פריִער מיט גרויס שוועריקייט זיך געמאַכט אַ וועג צום ברעג ים, פון וואַנען אַן אַראַבישע לאָדקע האָט מיך מיט נאָך צוויי פּאַסאַזשירן אָפּגעפירט צו דער סאָוויעטישער שיף, וואָס האָט אויף אונז געוואַרט אַ היפּשע שטרעקע פון ברעג.

איך פיל מיך שוין אָבער, ווי איך וואָלט געווען אין אַן אַנדער וועלט. שוין פון מאָמענט, וואָס איך האָב פון דערווייטן דערזען די „פראַנץ מערינג“, וועלכע האָט אין איר שוואַרץ און ווייס אָפּגעבליאַקעוועטן פאַרב אויסגעקוקט ווי אַ „מפּיל“ אַנטקעגן דער „יערוזאַלים“ (ירושלים), די איטאַליענישע שיף, וועלכע האָט יענעם טאָג געבראַכט עטלעכע הונדערט יידישע טוריסטן און איינוואַנדערער קיין ארץ־ישראל און זיי גרופּעסווייז געהאַלטן אין שיקן צום ברעג אויף קליינע שיפלעך, — אָט שוין דעמאָלט האָב איך דערפילט, אַז איך ווער אַרויסגעריסן פון איין וועלט און אַריינגעזעצט אין אַן אַנדערער, וווּ אַלץ איז אַזוי אַנדערש און אַזוי ניי.

איך בין נאָר אַרויף די משופּעדיקע טרעפּלעך פון שיף און באַטרעטן דעם דעק, פון וועלכן מען האָט געהאַלטן, מיט דער הילף פון רוישיקע, בריאַזגעדיקע הויב־מאַשינען, אין אַרויסציען פונם איינגעווייד פון דער שיף קאַסטנס און שווערע פּעק מיט סחורה, אויסלאָדנדיק זיי אויף לאַסט־שיפן אונטן, און אַ יונגער רוס, מיט אַ פריילעכן און גוטמוטיקן פּנים, האָט ביי מיר, מיט אַ באַגריסונג פון „טאָוואַרישטש“, צוגענומען מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט און בילעט, אָפּפירנדיק מיך אין דעם צווייטן, און אויך דעם העכסטן, קלאַס פון שיף.

אָרעמלעך, ענג און אומבאַקוועם, אָן אַ סך פון די איינריכטונגען, וואָס מען זעט געוויינלעך אויף מאָדערנע שיפן, האָט מען אָבער באַלד געקאָנט מערקן אַ ריינקייט און אַן אָרדענונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון זיכערקייט, אויב נישט אויך פון דערוואַרטונג, ווי אַלץ אויף דער שיף און אַרום איר וואָלט געווען איינגעהילט אין אַ געהיימניש, וואָס דאַרף ערשט פאַר אונז אַנטפּלעקט ווערן.

איין זאַך האָט זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן: די שיף איז געווען שטאַרק באַוואַכט פון פּאַלעסטינישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום שיף אויף לאָדקעס, און פון עטלעכע רעגירונגס־אַגענטן אין ציוויל צוזאַמען מיט אַ פּאָר אוניפאָרמירטע באַאַמטע, וועלכע האָבן אַרומשפּאַצירט אויף די דעקן.

עס איז מיר באלד אויפגעקלערט געווארן, אז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס מען איז מיט סאוויעט - רוסלאנד אין פריינטלעכע באציאונגען און וואס סאוויעטישע שיפן ווערט דערלויבט צו קומען אין די ארץ - ישראל - האפנס, דארט אויסלאדן און אנלאדן פראכט, ארפלאזן און ארויפנעמען פאסאזשירן, ווערן זיי אבער שטארק געהיטן, ווי מען וואלט מורא געהאט, אז עפעס זאל פון די דאזיקע שיפן נישט ארונטערגעשמוגלט ווערן, צי דאס זאל זיין לעבעדיקע סחורה אדער פראפאגאנדע - ליטעראטור. מען האלט אויך א וואכעדיק - אויג אויף די, וואס פארן אויף סאוויעטישע שיפן. קענטיק, אז יעדער, וואס טוט עס, שטייט אונטער חשד.

אזא שטרענגע שמירה, און אפשר נאך א שטרענגערע, פאר סאוויעטישע שיפן, האבן מיר שפעטער אויך געהאט אין די האפנס פון די אנדערע לענדער, ווו די „פראנץ מערינג" האט זיך אפגעשטעלט.

אפילו די סאוויעטיש - פריינטלעכע טערקיי, וועלכע איז מיט סאוויעט - רוסלאנד לעצטנס „פאן-בראט", ווייזט קלאר, אז ז האלט פון דעם „כבדהו וחשדהו", ווען עס האנדלט זיך וועגן סאוויעטישע שיפן, וואס שטעלן זיך אפ אין אירע האפנס סמירנא און די אמאליקע קאנסטאנטינאפאל און איצטיקע איסטאמבול.

שטרענגער ווי אומעטום צו סאוויעטישע שיפן איז מען אין די עגיפטישע האפנס. דארט דערלויבט מען זיי אינגאנצן נישט ארויפצונעמען פאסאזשירן. אויב אימיצער, אן אויסלענדער, וויל פון אן עגיפטישן האפן פארן מיט א סאוויעטישער שיף, קריגט ער אהין נישט קיין וויזע. פאסאזשירן אויף סאוויעטישע שיפן ווערט נישט דערלויבט ארונטערצוגיין אין עגיפטישע האפנס, אפילו אונטער א שמירה. אפילו אן אמעריקאנער פאספארט, וואס קריגט געוויינלעך די שנעלסטע אנערקענונג, פארלירט זיין אנגעזעענקייט, ווי באלד מען איז א פאסאזשיר אויף א שיף, איבער וועלכער עס פלאטערט די רויטע פאן מיטן סערפ און האמער.

האבן מיר, די פאסאזשירן פון דער „פראנץ מערינג", זיך

געפילט ווי „געפאנגענע", ווען מיר זענען אנגעקומען אין האפן פון פארט סאיד, ווו די שיף איז פארבליבן א גאנצן טאג, אויס־לאדנדיק און אנלאדנדיק פראכט. מיר האבן געמוזט פארברענגען דעם טאג אויפן דעק, באנוגנדיק זיך מיט דעם, וואס מיר האבן געקאנט זען פון דארט, און דאס איז געווען אזוי ווייניק, אז מיר האבן געפילט, ווי מען וואלט אונז יענעם טאג געהאלטן מיט פארבונדענע אויגן, ווויסנדיק, אז מיר שטייען ביים ארייננגאנג פון סועץ־קאנאל, וואס פארבינדט אייראפע מיט אזיע און אפריקע.

עס איז אויך געווען אין פארט סאיד, וואס מיר האט זיך גע־דוכט, אז די קליינע „פראנץ מערינג" איז נאך מער „איינגע־שרומפן" געווארן, ווען זי איז פון אלע זייטן געווען ארומגע־רינגלט מיט גיגאנטישע פאסאזשיר־שיפן און גרויסע שווער־בא־לאדענע פראכטערס.

אויף א פאר ניי־אנגעקומענע שיפן האבן שיין־פארפוצטע פאסאזשירן און פאסאזשירקעס פון די אויבערשטע דעקן ארונטער־געקוקט אויף דעם קליינעם סאוויעטישן דאמפער און — צי מיר האט עס זיך בלויז געדוכט — איך האב באמערקט שפאט און פאראכטונג אין זייערע בליקן. אדער אפשר איז עס גאר געווען טשיקאוועקייט און נייגעריקייט.

די מאנשאפט פון דער סאוויעטישער שיף האט זיך, ווי מיר האט אויסגעזען, גארנישט אומגעקוקט אויף די שכנישע שיפן, איגנארירנדיק די קוריאזע פאסאזשירן, ווויסנדיק מסתמא פון לאנג, אז די סאוויעטישע שיפן באוועגן זיך אין א פרעמדער און אונ־פריינטלעכער וועלט.

אנדערש איז געווען, ווען די „פראנץ מערינג" האט זיך אין פארט סאיד באגעגנט מיט א גרויסער יאפאנעזישער פאסאזשיר־שיף. דא האבן זיך שוין די צוויי שיפן „איבערגעווארפן" מיט שארפע בליקן. ביי עטלעכע יונגע סאוויעטישע מאטראזן האבן זיך פארטשעמעט די ציין. א פאר עלטערע האבן עפעס א מורמל גע־טאן. דאס איז געווען א באגעגעניש פון צוויי פאטענציעלע שונאים. ווארום ווען יאפאן אלס שונא, מיט וועמען מ'וועט פריער, שפע־

טער מוזן פירן דעם קריג, הערט מען אין סאָוויעט - רוסלאַנד נישט אויף צו רעדן און מ'רעדט וועגן דעם ווי דאָס וואָלט געווען אַן אומפאַרמיידלעכקייט, אַ פאָרויס־באַשטימטע זאַך.

2

מיר האָט שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן, וואָס פאַר סחורה די „פראַנץ מערינג" לאָדעט אויס פאַר ארץ־ישראל. איך האָב אויסגעפונען, אַז דאָס באַשטייט פון אַגריקולטור־מאַשינען און טעקסטיל.

דאָס האָט מיר שטאַרק פאַרוואונדערט.

— הייסט עס — האָב איך געפרעגט איינעם פון די אָפּי־צירן — אַז סאָוויעט־רוסלאַנד האָט שוין די מעגלעכקייט צו עקס־פּאָרטירן אי אַגריקולטור־מאַשינען און אי געוואַנט?

— מיר עקספּאָרטירן אַלץ, — האָט מיר דער אָפיציר געזאָגט מיט גאָרנישט ווייניק שטאָלץ און באַרימעריי. — סאָוויעט־רוסלאַנד איז איצט אַ גרויס־אינדוסטריעל לאַנד. מיר האָבן פון אַלץ.

— האָט איר אָבער גענוג שוין צו עקספּאָרטירן פאַבריצירטע פּראָדוקטן קיין אויסלאַנד? — האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט.

— זעט איר דאָך! — האָט ער אָפּגעענטפערט און אָנגעוויזן מיטן האַנט אויף דער הויב־מאַשין, וועלכע האָט סאָפּענדיק און כאָרכלענדיק אויף איר מאַשינאַוון אופן געהאַלטן אין אַרויסשלעפּן פון דער טיפענִיש פון שיף נייע קאַסטנס און פּעק.

— זענען שוין דען אייערע אייגענע פעלדער באַזאָרגט מיט גענוג מאַשינען און אייערע אייגענע בירגער געהעריק באַקליידט, אַז איר קאָנט זיך פאַרגינען פאַרקויפן אָט די פּראָדוקטן אין אַנ־דערע לענדער?

דער אָפיציר האָט געמאַכט אַ זויערע מינע. ער האָט זיך קענטיק נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין לאַנגע דערקלערונגען. מיינע פראַגן האָבן, ווי עס האָט אויסגעזען, בכלל אים אָנגעהויבן דאָקוטשען. ער איז אָבער געווען העפלעך און גוטמוטיק. מיט אַ

פרעמדן, בפרט אן אמעריקאנער, איז מען אין סאוויעט־רוסלאנד תמיד העפלעך און גוטמוטיק.

— אונזער אייגענע באזארגונג, — האט ער געזאגט נאך א היפשער פויזע, ציענדיק לאנגזאם די ווערטער, — איז אן ענין, מיט וועלכן די מלוכה אליין גיט זיך אפ. אונזער מלוכה איז א פראלע־טארישע. אודאי האט זי נאר אין זינען די אינטערעסן פון פאלק, נישט ווי די בורזשואזנע מלוכות, וואס זארגן זיך בלויז, אז די קאפיטאליסטן זאלן האבן פראפיטן. אונזער מלוכה וואלט נישט גע־שיקט קיין פראדוקטן קיין אויסלאנד, ווען דאס וואלט נישט געווען אין די אינטערעסן פון פאלק. צי מיר האבן גענוג ביי זיך אין דער היים, איידער מיר שיקן עפעס ארוים קיין אויסלאנד, געהער צו די זאכן, וועגן וועלכע אונזערע קאמיסאריאטן דארפן באשליסן און אויב זיי באשליסן, אז דאס דארף געטאן ווערן, אפילו ווען דאס פאדערט א קרבן פאר דער באפעלקערונג אין דער היים, דארף עס און מוז עס אזוי זיין.

זיין ענטפער איז שוין אייגנטלעך פאר מיר געווען גענוג. עס איז געווען א כאראקטעריסטישער ענטפער פון איינעם, וואס איז אונטער א שטרענגער דיסציפלין, פון איינעם, וואס פרעגט נישט קיין פראגן, נאר פאלגט אויס באפעלן בלינדערהייט, האבנדיק פולע אמונה, אדער וויסנדיק פון דערפארונג, אז אזא אמונה מוז מען ציינן אפילו געגען אייגענעם ווילן, לכל הפחות, אויסער־לעך, כאטש אין הארצן מעג מען זיין פול מיט ספקות.

— און וואס אימפארטירט איר פון ארץ־ישראל? — האב איך זיך שוין פארקירעוועט אין אן אנדער ריכטונג.

— זייער ווייניק, כמעט גארנישט, — האט ער מיר געזאגט. — אמאל אין סעזאן אביסל אראנזשן. — און נאך א ווײַלע צו־טראכטן האט ער צוגעלייגט: — פאלעסטינע האט דען וואס צו עקספארטירן? זי האט דאך בכלל גארנישט!

כאטש אין תוך איז ער געווען גערעכט, איז ער אבער געווען גאר ווייניק אינפארמירט וועגן דער אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל. זיין אינפארמאציע איז געווען אזוי באגרענעצט, ווי ער וואלט גאר

קיינמאָל נישט געווען בײַ די גרענעצן פֿון ארץ־ישׂראל און קיינ־מאָל נישט געלאַנדעט אין אַן ארץ־ישׂראלדיקן האַפֿן.

שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען, אַז די סאָוויעטישע בירגער, אַפֿילו די וויכטיקסטע פֿון זיי, ווייסן בכלל ווייניק, וואָס עס טוט זיך אין פֿרעמדע לענדער, מעגן זיי אַפֿילו מיט יענע לענדער זײַן אין גאָר ענגע האַנדלס־ און פּאָליטישע פֿאַרבינדונגען.

אין פֿאַרלויף פֿון דער רייזע האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אַפֿילו דער קאַפּיטאַן אַליין ווייס גאָרנישט וועגן ארץ־ישׂראל. טראַקטירנדיק אים מיט אַן ארץ־ישׂראלדיקן פּאַפּיראָס, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, האָט ער זיך שטאַרק געחידושט, וואָס ארץ־ישׂראל פּראָדוצירט פּאַפּיראָסן. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז מען פֿאַבריצירט דאָרט כמעט אַלץ, האָט ער געשמאַצקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געהערט דעם גרעסטן וווּנדער.

מיטן ארץ־ישׂראלדיקן פּאַפּיראָס האָט ער זיך געצאַצקעט, אים באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן און בײַ מיר אויך געבעטן דאָס שאַכטל, וועלכעס ער האָט שטאַרק באַוווּנדערט.

ווען ער האָט פֿאַררויכערט דעם ארץ־ישׂראלדיקן פּאַפּיראָס, האָט ער דעם רויך געצויגן מיט גרויס כּוונה און האָט זיך גע־האַלטן אין פּאַסמאַקעווען. ווען נישט זײַן עכט־רוסיש פּנים, זײַן עכט־רוסישער אַקצענט און עכט־רוסישע תּמימות און אָפֿנ־האַרציקייט, וואָלט איך אים „חושד" געווען, אַז ער איז אַ ייד און אַז ער האָט אין פּאַפּיראָס מיט אַמאָל דערפֿילט דעם „ריח" פֿון ארץ־ישׂראל, וואָס האָט אים ממש פֿאַרשכּורט.

אין זעלביקן אָוונט, זײַענדיק פֿאַרנומען בײַם רודער, האָט דער קאַפּיטאַן געשיקט דעם שיפֿס־דאָקטאָר, מיט וועמען איך האָב זיך שוין געהאַט באַפֿרײַנדעט, בעטן איך זאָל אים מכבּד זײַן מיט אַ צווייטן ארץ־ישׂראלדיקן פּאַפּיראָס. איך האָב אים געשיקט אַ גאַנץ שאַכטל, און דער קאַפּיטאַן האָט דערנאָך מיר כּסדר גע־האַלטן אין דאַנקען.

איז עס געווען באַהאַלטענער רעליגיעזער סענטימענט, וואָס האָט פּלוצים דערוואַכט אין דעם תּמימותדיקן רוס? איך האָב

אַמאָל מיטן קאַפּיטאַן פּרובירט פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם.

ער האָט אָבער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און נישט געוואָלט רעדן. עס זענען דאָ אַ סך זאַכן, וועגן וואָס רוסן רעדן נישט.

רוסן רעדן איצט בכלל „פּיאַניסימאָ״, כמעט שעפּטשענדיק. דאָס האָב איך טאַקע צוערשט באַמערקט אויפן שיף. מיר האָט עס שטאַרק געחידושט. רוסן זענען אַלע מאָל געווען הויך־רעדער. איצט רעדט מען אין אַ טאָן, ווי מ׳וואָלט זיך איינער דעם אַנדערן איינגערוימט אַ סוד.

די אורזאַך, ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, איז אַ פּשוטע:

די רעוואָלוציע האָט אויסגעלערנט, אַז מען זאָל זיין פאַרזיכטיק, צוריקגעהאַלטן, ממש קאָנספּיראַטיוו. מ׳האָט מורא אַ הויך וואָרט אַרויסצוזאָגן. מיט פרעמדע וויל מען אינגאַנצן נישט רעדן. עס נעמט לאַנג איידער דער פרעמדער קריגט אימיצנס צוטרוי. אויב דער פרעמדער איז געוואַגט גענוג צו לאָזן פאַלן אַ שאַרף וואָרט, וועט יענער אָפּקערן דעם קאָפּ. און אויב מ׳רעדט שוין יאָ, זאָל עס אַפילו זיין אַן אינטימער פריינט, טוט מען עס שעפּטשענדיק.

אויפן שיף און שפּעטער אין רוסלאַנד גופא, ווען איך פלעג הערן מענטשן אַזוי רעדנדיק, האָב איך אויף זיי שטאַרק רחמנות געהאַט. איך האָב געפילט, אַז פאַר זיי מוז עס זיין גאָר אַ גרויסע אָנשטרענגונג. זיי וואָלטן אודאי געגאַרט זיך קאָנען אויסרעדן, עפּעס אַרויסשרייען הויך אויפן קול. אָבער די צונג איז געפּענטעט. דער לשון ווי אָפּגענומען... ביי די מער קולטיווירטע האָט עס שוין אָנגענומען די פאָרם פון ראַפינירטקייט. ביי די פּראָסטערע איז עס אָבער נישט מער ווי אַן אַרויפגעצוווּנגענע זאַך. וואָס מען דולדעט און צו וואָס מען האָט זיך צוגעוווינט ווי צו אַ סך אַנדערע און ערנסטערע איבלען.

2

אינגאַנצן זענען מיר געווען אַכט פּאַסאַזשירן ביים אַרויספאָרן פון יפו. דריי פון זיי, וועלכע איך האָב געפונען אַרומשפּאַ־

צירנדיק אויפן דעק אין קאַליטע פּידזשאַמעס מיט געשטריקטע מיצקעס אויף די קעפּ, רעדנדיק צווישן זיך אַ פרעמדע שפּראַך, האָב איך צוליב זייער אָריענטאַלישן אויסזען און טשיקאַווע האַל־טונג אָנגענומען פאַר סיריער אָדער טערקן און האָב זיי לכתּחילה ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשענקט.

די אַנדערע פיר — דריי יונגעלייט און אַ מיידל — האָבן באַלד צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

ווען צוויי, אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק און אַ מיידל אומ־געפער אויך פון זעלביקן עלטער, האָב איך באַלד אויסגעפונען, אַז זיי זענען יידישע קאָמוניסטן, וועלכע די ארץ־ישראל־רעגירונג האָט דעפּאָרטירט, נאָכדעם ווי זיי זענען פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט אָפּגעזעסן חדשים־לאַנג אין געפענגעניש.

ביידע זענען מיט זייערע פאַמיליעס געקומען קיין ארץ־ישראל אַלס קליינע קינדער און האָבן דאָרט געקריגן זייער דער־ציאונג, רעדנדיק אַ פּליסיקן העברעאיש און פילנדיק זיך אין אַלע אַנדערע אופנים אַלס אמתע ארץ־ישראלדיקע.

כאָטש זיי האָבן מיר פאַרזיכערט אין אַ טאָן פון בראַוואַדאַ, אַז זיי זענען אין פלוג „צופרידן", וואָס מ'שיקט זיי אין לאַנד, ווו דער קאָמוניזם איז שוין „פאַרווירקלעכט", האָבן זיי אָבער נישט געלייקנט, אַז זיי פאַרלאָזן ארץ־ישראל מיט אַ געפיל פון חרטה. זיי האָבן דאָרט אויך דערוואַרט אויפצוטאָן „גרויסע זאַכן". זייער הויפּט־אינטערעס, ווי זיי האָבן מיר אָפנהאַרציק דערקלערט, איז געווען צו „העלפן" די אַראַבער, אַרויסצורופן זיי אין אויפ־שטאַנד. פאַר די „דערנידעריקטע" און „עקספּלואַטירטע" אַראַבער גייט זיי ממש אוים דאָס האַרץ, האָבן זיי געזאָגט. די ציוניסטישע „עקספּלואַטאַטאָרס" און די ענגלישע אימפּעריאַליסטן זענען די „שונאים", קעגן וועלכע זיי האָבן געהאָפט צו קעמפן ביזן סאַמע לעצטן אָטעם.

וואָס האָבן זיי אָבער געקאָנט טאָן, אַז די ענגלישע מאַכט, וועלכע איז מיט די ציוניסטן אין אַ „פאַרשווערונג" צו דערשטיקן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון די אַראַבער, האָט זיי מיט אַ ברוי־

טאלער האנט אוועקגעריסן פון זייער ארבעט און געשיקט זיי סעגן זייער ווילן דארט, וו עס וועט זיי זיכער זיין „ווויל און גוט״, — איז דאך עפעס סאוויעט־רוסלאנד דער פראלעטארישער גן־עדן, — אבער ווו מען דארף זיי נישט האבן דערפאר, וואס קאמוניזם איז שוין דארט געבראכט געווארן אן זיי און נאר אין ארץ־ישראל, ווו דער קאמוניזם דארף נאך ערשט געבראכט ווערן, האבן זיי זיך געקאנט מאכן נוצלעך?

זיי האבן דערפאר געהאלטן אין שימפן די פאלעסטינער רע־גירונג און די ציוניסטן נישט אזוי אלס אפענע שונאים ווי אלס די, וואס האבן זיי אוועקגעריסן פון זייער „לעבנס־מיסיע״.

די אנדערע צוויי — א מאן פון א יאר פערציק מיט א טונ־קעלן פנים, מיט באברילטע פארחלומטע אויגן, און א בחור פון א יאר צוויי און צוואנציק, בלאנד, א פנים, וואס האט געטראגן ווייניק סימנים פון יידישן אפשטאם, מיט סאנדאלן אויף זיינע באָרוועסע און נישט צו־אפט געוואשענע פיס — זענען אויך גע־ווען ארץ־ישראלדיקע קאמוניסטן אדער סימפאטיקער פון קא־מוניזם.

אויך זיי זענען נישט געווען איינגאנצן קיין פריווילעגיע־פא־כאזשירן, ווייל געפארן זענען זיי קיין סאוויעט־רוסלאנד, ווי זיי האבן מיר דערקלערט, כדי אויסצומיידן דעם גורל פון דעם דער־מאנטן פארל.

ביידע זענען זיי געווען אונטער חשד, אז זיי זענען טעטיק אלס קאמוניסטן און עס האט געהאלטן דערביי, אז מ׳זאל זיי דעפארטירן.

דער עלטערער, א פוילישער בירגער, וואס איז שוין געווען א צען יאר אין ארץ־ישראל, האט דארט איבערגעלאזט א פרוי מיט א קינד. דער ייגגערער, אן איטאליענישער בירגער, א סטודענט פון אגראנאמיע, האט צוליב זיין אנטי־פאשיסטישער טעטיקייט צווישן די איטאליענישע סטודענטן, געמוזט אנטלויפן פון מוסא־לינים מדינה. ער איז מיט א יאר צוריק געקומען קיין ארץ־ישר דערוואָרטנדיק דארט צו געפינען מנוחה.

ער האָט זיך פֿאַרן יאָר אויסגעלערנט העברעאיש און האָט זיך ווי נישט איז אַקלימאַטיזירט. ארץ־ישראל געפֿעלט אים אָבער נישט. מ'דאַרף דאָרט שווער אַרבעטן. זי געפֿעלט אים אויך נישט פּאָליטיש, ווייל די „הסתדרות", וואָס קאָנטראָלירט די יידישע אַרבעטערשאַפֿטן אין לאַנד, איז פֿאַר אים צו קאָנסערוואַטיוו.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער האָט זיך געחברט נאָר מיט די ארץ־ישראלדיקע קאָמוניסטן און דאָס האָט אים געשטעלט אונטער חשד. ער איז שוין פֿיל מאָל אויסגעפֿרעגט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי. עס האָט געשמעקט מיט דעפּאָרטאַציע. אָבער איידער דעפּאָרטירט צו ווערן — וואָס אין אַזאַ פֿאַל וואָלט ער געשיקט געוואָרן צוריק קיין איטאַליע און דאָרט וואָלט ער גלייך אַריינגעשליידערט געוואָרן אין געפֿענגעניש — האָט ער בעסער פֿרייוויליק אויסגעקליבן סאָוועט־רוסלאַנד אַלס זיין מקום־מקלט, פֿאָרנדיק אַהין ממש אַ בּאַרוועסער מיט איין פּאַלעסטינער פֿונט (אַן ערך פֿינף דאָלאַר) אין קעשענע, אחוץ דאָס געלט, וואָס ער האָט באַצאָלט פֿאַר דער שיפֿס־קאַרטע און פֿאַר די פֿינף טעג, וואָס ער וועט זיין אונטערן איפּזיכט פֿון „אינטוריסט".

דער עלטערער, וועלכער איז געפֿאָרן מיט נישט פֿיל מער געלט ביי זיך, ווי דער יינגערער, דערצו נאָך מיט זאָרג אויפֿן קאָפּ, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַ פֿרוי מיט אַ קינד, פֿאַקטיש אָן מיטלען, איז אויך געווען אין געפֿאַר, אַז מען זאָל אים דעפּאָרטירן אינעם לאַנד פֿון זיין געבורט — פּוילן, וווּ מען וואָלט אים בלי ספק, אַלס פֿאַרדעכטיקטער קאָמוניסט, נישט בעסער באַהאַנדלט ווי דעם יינגערן אין איטאַליע.

— און וואָס דערוואַרט איר אין רוסלאַנד? — האָב איך געפֿרעגט, פֿילנדיק רחמנות צו זיי ביידן.

— דאָרט וועלן מיר זיך שוין איינאָרדענען, — האָט דער עלטערער געזאָגט אין אַ טאָן פֿון זיכערקייט.

— אַרבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד פֿעלט נישט, — האָט דער יינגערער אונטערגעכאַפּט.

— אָבער עסן? — האָב איך געפרעגט. — און דערצו פּאַרט איר נאָך האַלב־נאַקעט?

— אין אַ פּראָלעטאַריש לאַנד וועל איך שוין נישט גיין פאַר־לאָרן, — איז דער יידישער סטודענט פון איטאַליע געווען בטוח.

דעם עלטערן האָב איך נאָך שפּעטער באַוויזן צו זען, עט־לעכע טעג נאָך אונזער לאַנדן אין אָדעס. ער האָט שוין, פּונקט ווי איך, געהאַט אויסגעפונען, אַז אַ סך פון זיינע איינרעדענישן וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד זענען געווען נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע.

אָבער אויף דער „פראַנץ מערינג" בין איך געווען נשתומם פון דעם בלינדן גלויבן, וואָס יענער קאָמוניסט, פּונקט ווי די איבע־ריקע, האָבן אַרויסגעצייגט, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַלעמען וווּל און גוט.

די אַנדערע דריי פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט אַרויס פון זייערע קאָלירטע פּידזשאַמעס, האַלטנדיק ייך אָפּגעזונדערט, עסנדיק פון זייער אייגענע מיטגעבראַכטע שפּייז און טרינקענדיק טערקישע קאַווע, וואָס זיי פּלעגן זיך באַ־שטעלן ביים קוכער פון שיף, האָבן נאָך עטלעכע טעג פון פאַר־וועגן „התבודדות" זיך אַנטפּלעקט אַלס יידן פון — ספרדישע יידן פון סאַלאָניקי, וועלכע זענען געפאָרן פון ארץ־ישראל אַהיים. צוויי זענען געווען אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון שפּאַניאָלישע צייט־טונגען און דער דריטער איז געווען אַ געשעפטסמאַן, וואָס האָט זיך לעצמנס באַזעצט אין תל־אביב, ווו ער האָט אַ רעסטאָראַן, און איז געפאָרן קיין סאַלאָניקי חתונה האָבן מיט דער כלה, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט.

דער איינציקער אופן, ווי זיך מיט זיי צוזאַמענצורעדן, איז געווען אויף העברעאיש, וואָס בלויז איינער האָט פאַרשטאַנען.

די צוויי רעדאַקטאָרן האָבן פאַרבראַכט בלויז צען טעג אין ארץ־ישראל. ערשט אויפן שיף האָבן זיי געוואָלט קריגן אינפאָר־מאַציע וועגן לאַנד. איך האָב זיי געטראָפן פאַרנומען מיט אונזערע קאָמוניסטישע מיטרייזנדע, פּרובירנדיק ביי זיי אויסגעפינען אַלץ, וואָס זיי האָט זיך געגאַרט וויסן וועגן ארץ־ישראל...

איך בין געווען שטארק גענייגט איבערצולאָזן זיי צו די קאָ־מוניסטן, אויפן באַזיס פון וועמעס אינפאָרמאַציעס זיי האָבן גע־זאָלט שרייבן זייערע איינדרוקן פאַר זייערע צייטונגען. איך האָב אָבער רחמנות געהאַט אויף זייערע לעזער, א טייל פון וועלכע עס איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו זען אויף מיין באַזוך אין סאַ־לאָניקי, און האָב זיי אָנגעבאָטן מיין דינסט, וואָס זיי האָבן גערן אָנגענומען.

פאַרשטייט זיך, אַז מיינע קאָמוניסטישע מיטרייזנדע פלעגן זיך אָפּט אַריינמישן און באַשטיין, אַז מיינע אינטערפּרעטאַציעס און באַלויכטונגען פון און וועגן געשעענישן זענען צו „בורזשו־אַזיש", אַז איך בין צו פריינטלעך צו דעם „הסתדרות" א. אַז. וו.

דאָס פלעגט אַרויסרופן גאַנץ היציקע דעבאַטן, צו וועלכע אונזערע סאַלאָניקער זשורנאַליסטן האָבן זיך צוגעהערט מיט א באַזונדערער קוריאָזיטעט, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט גע־ווּוסט, אַז עס זענען פאַראַן אַזוינע שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן ביי יידן.

אָנקומענדיק אין פּירעאוס, גריכנלאַנד, האָבן מיר פאַרלאָזן אונזערע סאַלאָניקער פּאַסאַזשירן, און מיט דעם האָבן זיך געענ־דיקט די דעבאַטן און דיסקוסיעס וועגן ארץ־ישראל.

אויף זייער פּלאַץ האָבן מיר צוגעקריגן צוויי נייע פּאַסאַזשירן, א גריכישן דיפּלאָמאַט, וואָס איז געפאָרן אויף זיין פּאָסטן אין מאָסקווע, און א סאָוויעטישן הויכן האַנדלס־באַאַמטן, וועלכער איז געווען אויף א מיסיע אין גריכנלאַנד און האָט זיך צוריקגעקערט אהיים.

איצט זענען שוין אַלע שמועסן געווען קאָנצענטרירט אויף און אַרום סאָוויעט־רוסלאַנד, צו וועמעס ברעגעס מיר האָבן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן.

קאַפּיטל צוויי

צוויי צוויי וועלטן

1.

קאָמוניסטן רעדן מיט שטאָלץ וועגן דעם, וואָס סאָוויעט־רוס־לאַנד איז איצט קלאַסנלאָז. דער קאַמף צווישן די קלאַסן איז שוין פאַראיבער. עס איז שוין מער קיין שפּור נישטאָ פון דער אַמאָלי־קער בורזשואזיע און עס איז מער קיין זכר נישט פאַרבליבן פון דעם אַדל. סאָוויעט־רוסלאַנד איז איצט אַ לאַנד פון גאַלע פּראָ־לעטאַריער, וואָס ווערט רעגירט נאָר פון פּראָלעטאַריער אָדער אין די אינטערעסן פון די פּראָלעטאַריער, זאָל די פאָרם פון דער רע־גירונג אפילו זיין אַ דיקטאַטאָרישע. וואָרום נישט די פאָרם איז דער עיקר, נאָר דער צוועק, און דער צוועק פון דער סאָוויעטי־שער הערשאַפט, דאַרף עס הייסן, איז אַן אידעאַליסטישער.

אָבער דאָס לאַנד פון קלאַסנלאָזיקייט איז — נישט קיין לאַנד פון גלייכהייט. אוודאי וואָלט אויף דער סאָוויעטישער פאָן נישט געקאָנט אויפגעשריבן ווערן, ווי אויף דער פאָן פון די אַמאַ־ליקע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן: פרייהייט, גלייכהייט, ברידער־לעכקייט.

מיט דער סאָוויעטישער „פרייהייט" און „ברידערלעכקייט" האָב איך זיך געקאָנט גענוי באַקענען ערשט דעמאָלט, ווען איך בין שוין געווען אויפן רוסישן באָדן. די סאָוויעטישע „גלייכהייט" האָב איך שוין אָבער באַמערקט אויף דער „פראַנץ מערינג".

כאָטש אַלע פון דער מאַנשאַפט רופן זיך איינער דעם צווייטן „טאָוואַרישטש" און דער קאַפּיטאַן און די אָפיצירן רופן די מאַ־טראָזן ביי זייערע פאַמיליע־נעמען — אַ צייכן פון רעספּעקט — איז אָבער דער חילוק פונם מאַטראָז ביזן אָפיציר און פון נידע־ריקערן אָפיציר ביזן העכערן, פון דעם פּראָסטן שיף־אַרבעטער ביז דעם מעכאַניקער און פון דעם מעכאַניקער ביזן אינזשינער, אַזאַ גרויסער, אַז איר זעט בפועל ממש, אַז איר האָט דאָ פאַר

זיך מענטשן פון פארשידענע שטאנדן, פון פארשידענע קאטעגאָריעס, ממש פון פארשידענע קלאסן.

און עס איז נישט בלויז א פראגע פון סטאַזש, פּאָזיציע, אויטאָריטעט, נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, פון מאטעריעלער באַלוינונג.

דער חילוק פון דעם, ווי דער קאפּיטאַן לעבט, ביז דעם, ווי דער פּשוטער מאטראָז לעבט, איז אזא געוואַלטיקער, אז איר הויבט אָן פילן, אז איר האָט פאר זיך מענטשן פון צוויי באַזונדערע כּפערן און אז עס איז באלד קיין אונטערשיד נישטאָ, וואָס איז שייך דער צעטיילונג פון קלאסן, פון סאָוויעטישע שיפן ביז קאַפּיטאַליסטישע. צווישן קאפּיטאַן, וואָס שטייט פון סאמע אויבן אין דער הויך פון זיין געהאלט און די פּריווילעגיעס, וואָס ער קריגט, און דעם געוויינלעכן מאטראָז, וואָס געפינט זיך פון סאמע אונטן, קומען די פארשידענע קאטעגאָריעס און גראדאציעס פון אלע די, וועמעס ארבעט און פּאָזיציע זענען געוויגן און געמאָסטן און אָפּגעשאַצט אינם ווערט פון רובלס און קאָפּיקעס. די קאפּיטאַליסטישע וואָג און מאָס אין באַשטימען די פּעאיקייט און דעם ווערט פונם ארבעטער ווערן אויך באַנוצט פון די קאָמוניסטישע ארבעט־געבער...

טאקע אמת, אז די מאטראָזן, וועלכע שטייען אויף דעם ניי־דעריקסטן שטאפּל פונם עקאָנאָמישן לייטער, וואָס איז שייך געהאלט און ארבעט־באדינגונגען, זענען אליין אין א גרויסער מאָס פּריווילעגירטע אין פארגלייך מיט, לאָמיר זאָגן, ארבעטער פון פאבריק אָדער פון סאָוועטישע האנדלס־פּונקטן. מאטראָזן אויף סאָוויעטישע האנדלס־שיפן, פּונקט ווי מאטראָזן אויף קריגס־שיפן, לעבט זיך פארהעלטנישמעסיק גוט.

זיי געהערן צו יענע פּריווילעגירטע, וואָס וואָלטן, אייגנטלעך, גאָר געדאַרפט צוגערעכנט ווערן צום קליינעם פּראָצענט, וועלכע בילדן, א דאנק דעם אונטערשייד אין זייער ארט לעבן, א „העכערן קלאס", אָדער א ריי „קלאסן" פון פארשיידענע מדרגות.

אָבער אין פארגלייך מיט די, וואָס שטייען איבער זיי —

און די, וואָס שטייען איבער זיי, ווי געזאָגט, צעטיילן זיך אויך אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, — זענען זיי, די מאַטראָזן, ווייט היגטערשטעליק, אַזוי, אַז מיר האָבן אַ קלאָרן און אויגן־אויפ־רייסנדיקן ביישפּיל פון אומגלייכהייט אין אַ לאַנד, וואָס האָט, פריער פאַר אַלע, געזאָלט ברענגען גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן — גלייכהייט אין דעם רעכט צו לעבן און צו געניסן די פּרוכט פון דער פּראָדוקציע.

די דיסציפּלין אויף די סאָוויעטישע שיפן, ווי אין סאָוויעטישע פאַבריקן, איז אַן אייזערנע, פּאַקטיש אַ מיליטערישע.

דער איינדרוק שאַפט זיך אפילו, אַז אַ סאָוויעטישע האַנדלס־שיף איז, אייגנטלעך, נישט אַנדערש פון אַ קריגס־שיף.

מיר האָבן עס געזען אפילו פון די מאַנעוורעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן. דאָס זענען געווען נישט קיין מאַנעוורעס, „דרילס". וואָס מ'זעט אָפט אויף האַנדלס־שיפן פון אַנדערע לענדער.

איינמאָל אַ ביינאַכט, ווען מיר האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון די גריכישע ברעגעס, האָט מען אונז, פּאַסאַזשירן, ממש איינ־געשלאָסן אין קליינעם זייַ־זאַל און די גאַנצע שיף איז איינגעהילט געוואָרן אין פינסטערניש. וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די דעקן, האָבן מיר נישט געוווּסט. אָבער פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען פון עטלעכע פון דער מאַנשאַפט, וואָס זענען פאַרביי אונז פאַרבייגעלאָפן מיט גאַז־מאַסקעס אויף די פּנימער און מיט „ראַנצעס" (מיליטערישע פּעקלעך) אויף די פּלייצעס, האָבן מיר זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז עס ווערט דורכגעפירט אַ וויכטיקע מיליטערישע מאַנעוורע. וואַרשיינלעך האָט מען פּראַקטיצירט, ווי דורכצובינגבענען זיך דורך אַ שונאס בלאָקאַדע אין צייט פון אַ קריג, אויסבאַהאַלטן זיך פון אַ סובמאַרין־אָנפאַל און אַנטלויפן פון אַ, עראָפּלאַן־אַטאַק.

עס איז צוליב אָט דער דער־מאָנטער צעטיילונג, וואָס דער קאַפּיטאַן האַלט זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט און עסט מאכלים, וואָס ווערן צוגעגרייט ספּעציעל פאַר אים.

לויט זיין פּאָזיציע איז ער באַרעכטיקט צו שפּייז, וואָס מען

סערווירט אין ערשטן קלאַס. ער איז אויך באַרעכטיקט צו אַנדערע ערשטקלאַסיקע פּריווילעגיעס. אַזוי ווי קיין ערשטער קלאַס איז אויף דער „פּראַנץ מערינג" נישטאָ, האַלט זיך דער קאַפּיטאַן אינגאַנצן פאַר זיך, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַליין דעם ערשטן קלאַס.

דער געהילפס - קאַפּיטאַן און דער שיפס - דאָקטאָר שטייען שוין מיט אַ מדרגה נידעריקער. זיי זענען באַרעכטיקט צו צווייטער קלאַס באַדינונג. זיי עסן דערפאַר מיט מיר — אַ טייל פון וועג דער איינציקער צווייטער־קלאַסניק — ביי איין טיש.

די איבעריקע אָפיצירן זענען אויך פאַרטיילט לויט מדרגות, ביז די געוויינלעכע מאַטראָזן און אַרבעטער, וואָס האָבן זיך די איינפאַכסטע געלעגערס צו שלאָפן און עסן די פשוטסטע כאָטש גאַנץ גענוגנדיקע און נאַרהאַפטע שפּייז.

איך לאָז אַמאָל וועגן דעם פאַלן אַ וואָרט, און טאַקע פאַר מיינע קאַמפּאַניאָנען ביים טיש. נישט ווערנדיק זיי שטעלן אין אַ אַ פאַרלעגנהייט, דריק איך אויס, מיט אַ געמאַכטער נאַאיוויטעט, פאַרוווּנדערונג, וואָס אויף אַ סאָוויעטישער שיף זאָל הערשן אַזאַ אומגלייכהייט.

דער געהילפס - קאַפּיטאַן און דער שיפס - דאָקטאָר וואַרפן זיך איבער מיט בליקן. אַן איראָנישער שמייכל באַווייזט זיך אויף זייערע ליפּן.

דער געהילפס־קאַפּיטאַן, וועלכער באַגעגנט מיך יעדן פרי־מאָרגן מיט חברישן „דאָבראָיע אוטראָ", באַגלייט מיט אַ „קאַק זדאָראָוויעטשקאָ?" און ביי וועמען דער „זדאָראָוויעטשקאָ" קלינגט אַרויס מעלאָדיש און פול מיט חן, איז אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, הויך, ברייט־פּלייציק, אַ רויטלעך, רונד פּנים, פון וועלכן דער קאָליר איז באַלד דער זעלביקער ווי פון די האָר, און גרויע, שמייכלענדיקע אויגן. איך דערפילט זיין פריינט־לעכקייט אפילו אין דער נאַטירלעכער פּוילקייט זיינער, וואָס איך באַמערקט אין דעם אופן ווי ער גייט און פאַלט אַריין אין שטול. עס איז דער סאָרט מענטש, וואָס וואָלט זיין צייט פאַרבראַכט אין

אַ קאַפּע בײַ אַ גלעזל משקה, פֿירנדיק מיט חברים אַ געמיטלעכן שמועס.

ער האָט ליב צו רעדן. ער האָט פֿון רעדן גרויס הנאה. איך זע עס פֿון דעם, ווי ער רעדט תּמיד אַרײַן אין דעם דאָקטאָר, וועלכער איז פּונקט דער היפּוך פֿון אים. אַ טונקל־הויטיקער, מיט אַ לענגלעכן, אויסגעצויגענעם פּנים, אַ לאַנגער, כּמעט „ייִדישער", נאָז; אויגן טיף אַרײַנגעזעצט אין קאָפּ. ער איז שוין אין די פֿופֿציקער און איז קרענקלעך. קענטיק, אַז ער לײַדט פֿון עפּעס אַ חולאת. ער איז אַ שווײַגער. זײַן אינטערעס איז נאָר צו געפֿינען אימיצן, וואָס באַקלאָגט זיך אויפֿן געזונט. ער איז דעמאָלט דאַנקבאַר פֿאַר דער געלעגנהייט, וואָס ער האָט, יענעם מיט עפּעס צו דינען אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער קאַפּאַציטעט, כאָטש די איינציקע רפֿואה, וואָס ער האָט פֿאַר יעדן און פֿאַר אַלץ, איז נאָר אַ געוויס זאַלץ.

דער דאָקטאָר שווײַגט. דער געהילפֿס־קאַפּיטאַן אײַלט זיך זיך אויך נישט צו רעדן.

— זענט איר, פּאַסאַזשירן, דען נישט צעטיילט אין קלאַסן און קאַטעגאָריעס? — ענטפֿערט ענדלעך דער געהילפֿס־קאַפּיטאַן מיט אַ פֿראַגע אויף צוריק. — אָט זענט איר אין צווייטן קלאַס, קריגנדיק ז פּריווילעגיעס פֿון דעם דאָזיקן קלאַס. די אַנדערע זענען אין דריטן קלאַס און קריגן בלויז דאָס, צו וואָס זיי זענען באַרעכטיקט.

— דאָס איז דאָך אָבער נאָר דערפֿאַר, וואָס מיר קומען פֿון בורזשואַזע לענדער, וווּ געלט איז דער מאַסשטאַב און וווּ יעדער קויפֿט זיך פּריווילעגיעס לויט דער סומע, וואָס ער באַצאָלט פֿאַר זיי, — פּרוביר איך זיך אויסטענהן. — איך קאָן אַפֿילו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די סאָוויעט־רעגירונג פֿאַרקויפֿט די אויסלענדער ענלעכע פּריווילעגיעס אויף ענלעכע באַדינגונגען, אָנווענדנדיק דעם קאַפּיטאַליסטישן מאַסשטאַב. פֿרעמדע, בפֿרט נאָך בירגער פֿון קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דאַרף זי קיין הנחות נישט געבן. איר, אָבער, זענט דאָך בירגער פֿון אַ לאַנד, וואָס האָט געזאָלט שאַפֿן עפּעס נײַעס. צום סוף זע איך, אַז אין תּוך ווערט איר אויך נישט

באהאנדלט אנדערש ווי אין קאפּיטאַליסטישע לענדער. דער אונ־טערשיד איז נאָר, וואָס די העכערע קריגן נישט אַזויפיל ווי די, וואָס געהערן צו זייער קאַטעגאָריע, קריגן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער און די נידעריקערע האָבן אויך נישט אַזויפיל ווי אַנ־דערשווו. אַלע, די העכערע ווי די נידעריקערע, לעבן לויט אַ נידע־ריקען סטאַנדאַרט. אָבער די אומגלייכהייט צווישן אייך איז אַזאַ בולטע, דאָס עס פילט זיך כמעט נישט קיין אונטערשיד פון אייך, וואָס אַרבעטען פאַר אַן אַרבעטער־רעגירונג, און אונז, וואָס אַרבעטן פאַר פּריוואַטע, קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער.

דער דאָקטאָר צעהוסט זיך. עפּעס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלז.

— און דאָס, וואָס איר זעט אויף דער שיף, רופט איר אומ־גלייכהייט? — פרעגט ער נאָך אַלץ אונטערהוסטנדיק. — וואָס וועט איר שוין זאָגן בנוגע די מאַסן אַרבעטער אין די סאָוויעטישע פאַבריקן?

— אָט וועגן דעם האַנדלט עס זיך דאָך! — טענה איך.

— ביי אונז איז אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, — זאָגט דער געהילפס־קאַפּיטאַן מיושבדיק. — מיר מעסטן קיין זאַך נישט לויט דעם געלט־ווערט, נאָר לויט דער אַרבעט און איינעמס לייסטונגען.

— דאָס מיינט דאָך אָבער דאָס אייגענע,—וויל איך נישט אָפּ־לאָזן. — דער פאַקט איז דאָך, אַז עס זענען ביי אייך פאַראַן פּריי־ווילעגירטע און נישט־פּריווילעגירטע, אַזוינע, וועמען עס לעבט זיך גוט און אַזוינע, וועמען עס לעבט זיך שלעכט! פאַר אַ סאָציאַליס־טישער מדינה איז עס אומפאַרשטענדלעך, ממש אומגערעכט.

דער געהילפס־קאַפּיטאַן כאַפּט אַ קוק אויפן זייגער און גיט זיך אַ צאַפּל.

— שוין צייט צו גיין! — גיט ער אַ זאָג, אויפהויבנדיק זיך. — די פראַגן, וואָס איר שטעלט, פאָדערן אַ לאַנגע באַהאַנד־לונג. נישטאָ קיין צייט פאַר דעם. מיר וועלן נאָך שמועסן.

מיר האָבן אָבער וועגן דעם נישט געשמועסט.

2

די שמועסן ביים טיש, אין עס־זאַל, און וועלכן די איינציקע

דעקאָראַציע איז געווען לעניגס א בילד, האָבן איצט, א דאַנק די צוויי נייע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען צוגעקומען אין פירעאוס, אָנגענומען א נייע וועגדונג.

דער סאָוועטישער האַנדלס־קאָמיסאַר, וואָס האָט מיט זיין פיגור און פּנים דערמאָנט אָן שאַליאַפּינען, און דער גריכישער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַן עלטערער ברודער פון טשאַ׳לי טשאַפּלין, האָבן בכלל נישט געציינגט קיין נייגונג צו רעדן וועגן „פּאָליטיק״ אָדער וועגן עפּעס, וואָס קאָן ארויסרופן א מיינונגס־פאַרשידנהייט.

מ׳האָט זיך דערציילט וויצן און אַנעקדאָטן, וואָס האָבן אין תוך קיין באַדייטונג נישט געהאַט.

בלויז איינמאָל האָבן די דאָזיקע וויצן און אַנעקדאָטן אָנגענומען א ספּעציעלן אינטערעסאַנטן כאַראַקטער.

ודאָס איז געווען דעמאָלט, ווען דער קאַפּיטאַן, כדי צו ערן די נייע פּאַסאַזשירן, האָט איין מאָלצייט געהאַט ביי אונזער טיש.

לכבוד דעם קאַפּיטאַן האָט מען געשטעלט משקה און טאַקע איין פלאַש נאָך דער צווייטער. מ׳איז געוואָרן מבושמדיק.

דער האַנדלס־קאָמיסאַר מיט זיין שאַליאַפּינשן אויסזען האָט צווישן איין כוסה און דער צווייטער דערציילט וויצן.

איך האָב אויפגעכאַפּט בלויז דאָס, וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט סאָוויעט־רוסלאַנד.

— ס׳איז געווען דעמאָלט, — האָט דער קאָמיסאַר דערציילט, — ווען אין לאַנד איז אַלץ געווען אויף קאַרטן. אויב מען האָט עפּעס איינגאַנצן געקאָנט קריגן, איז עס געווען אויף א קופּאָן. צוויי באַקאַנטע האָבן זיך באַגעגנט אינם מאָסקווער לופט־פּאָרט.

— וווהין פליסטו, גריגאָרי? — פרעגט איינער.

— קיין לענינגראַד! און דו, יעפים?

— קיין ניזשני־נאָווגאָראָד!

— נאָך וואָס עפּעס קיין ניזשני־נאָווגאָראָד?—פרעגט גריגאָרי.

— איך האָב געהערט, אַז אויפן פינפטן קופּאָן קריגט מען דאָרט פּוטער! — איז געווען יעפימס ענטפער.

אלע לאכן.

מיר ווילט זיך ביי דער געלעגנהייט דערוויל ארויסקריגן אינפארמאציע.

— און איצט, — פרעג איך, — האט זיך די לאגע געבע־סערט, אז מ׳זאל שוין נישט דארפן פליען קיין מרחקים פאר א שטיקל פוטער?

דער האנדלס - קאמיסאר שטעלט אויף מיר אוים א פאר אויגן. עס איז ביי אים, קענטיק, ניי, וואס פון א וויץ זאל אימיצער ווען עפעס דרינגען וועגן דער לאגע אין לאנד און זאל עס באנוצן פאר א געלעגנהייט איבערצוגיין אין אן ערנסטן שמועס.

דער דאקטאר העלפט מיר ארוים.

— איצט, — זאגט ער און אויף זיין קרענקלעכן פנים באווייזט זיך אן איראנישער שמייכל, — איצט וועט מען קיין ניזשני־נאווגאראד נישט פליען, ווייל אויך דארט וועט מען שוין קיין פוטער נישט קריגן!

אלע לאכן ווידער און מאכן א נייעם „לחיים".

דער דאקטאר איז ערנסט און איז מוסיף, ווי ער וואלט שוין געענדערט בלויז צו מיר אליין:

— וואס, וואס, אין טייל לאנד קאן שוין היינט נישט האבן קיין שפע און דער צווייטער טייל גארנישט, — זאגט ער, — אין דעם פרט איז סאוועט־רוסלאנד יא א לאנד פון גלייכהייט. פריער האבן מיר געהאט א דארפישע באפעלקערונג, וואס האט געהאט פון כל טוב, און א שטאטישע באפעלקערונג, וואס האט זיך געקוועלט אין נויט. איצט זענען אלע גלייך. אויב נישט האבן, האט קיינער נישט, דער פויער אזוי גוט ווי דער ארבעטער.

איך וואלט איצט מיטן דאקטאר זיך געהאט אריינגעלאזט אין אן ערנסטן שמועס. דער גריכישער דיפלאמאט האלט שוין אבער אין דערציילן א וויץ.

— איר האט דערציילט וועגן פוטער, — פאנגט ער אן, — דערמאן איך זיך א מעשה אויך וועגן פוטער, מיטן צוגאב, וואס אין דער דאזיקער מעשה איז דער „העלד" א ייד, — דערביי גיט זיך דער גריך א שפאטישן קרים, וואס ווערט „אנשטעקנדיק" אויך

פאַר די אַנדערע. אויף יעדן איינעמס ליפּן באַווייזט זיך אַ מאָדנע שמייכעלע.

איך דערפיל זיך באַצייטנס אומאַנגענעם. דער גריך האָט, בלויז מיט זיין דערמאָנען דאָס וואָרט „ייד" און מיט דער גרי־מאַסע, וואָס ער האָט דערביי געמאַכט, פאַר מיר זיך שוין אַרויס־געגעבן אין זיין ריכטיקן קאָליר. מיר פאַרדריסט נאָך דערצו, וואָס די רוסישע צוהערער זיינע, וועלכע האָבן אָן יידן אודאי זיך שוין אינגאַנצן געהאַט „פאַרגעסן", האָבן פּלוצים געקריגן אַ געלעגנ־הייט אָפּצופרישן זייער „זכרון".

דער גריך דערציילט:

— ס'איז געווען דעמאָלט, ווען עס איז אין סאָוויעט־רוס־לאַנד פּריוואַט־מענטשן געווען שטרענג פאַרבאָטן אַריינצופירן שפּייז פון דאָרף אין שטאָט. האָט אַ ייד דווקא געוואָלט אַריינ־שמוגלען עטלעכע פונט פּוטער, וואָס איז געווען מיט גאָלד צוגלייך. די שמירה איז געווען אַ שטרענגע. וואָס טוט מען? פאַלט דער ייד אויף אַ המצאה. ער ברענגט צוויי גרויסע לאַבנס ברויט, הוילט אויס דאָס אינעווייניקסטע פון איינעם, איבערלאָזנדיק בלויז די האַרטע, אויבערשטע „הויט". ער פילט עס אָן מיטן פּוטער. דעם צווייטן לאַבן לאָזט ער איבער גאַנץ.

ביים אַריינקומען אין שטאָט ווערט ער אָפּגעשטעלט פון אַ באַוואָפנטן מיליציאַנט, וועמען ער פּרובירט אַפילו נישט אויס־מיידן.

— וואָס טראָגט איר דאָרט אין פּעקל, גראַזשדאַנין (בירגער)? — פרעגט דער מיליציאַנט דעם יידן.

— אַ פּאָר לעבלעך ברויט, וואָס אַ פריינט האָט מיר גע־שענקט, — זאָגט דער ייד און עפנט אַליין אויף דאָס פּעקל.

דער מיליציאַנט קוקט זשעדנע אויף די ברויטן.

— צוויי לאַבנס! — זאָגט ער, — עס שמעקט מיט שפּעקו־לאַציע!

דער ייד גיט זיך אַ קראַץ אין דער פּאַטיליניצע.

— ווייסט גאָר וואָס, טאָוואַרישטש? אויב דו ביסט מיך חושד אין שפּעקולאַציע, לאָמיר זיך מיטן ברויט צעטיילן. נעם דו אַ לאַבן און איך — אַ לאַבן, — און ער דערלאַנגט דעם מיליציאַנט דעם פּשוטן לאַבן. דאָס ברויט אָנגעפּילט מיטן פּוטער לאָזט ער איבער פאַר זיך.

דער מיליציאַנט גיט אים דאַנקבאַר אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און זאָגט חבריש:

— איצט זע איך, אַז דו ביסט אַן אמתער קאָמוניסט...

אַלע לאַכן האַרציק. מיר אָבער לאַכט זיך נישט, ווייל ווי מילד דער וויץ זאָל נישט זיין, ווייס איך, אַז דער גריך האָט דאָ געוואָלט דעם יידן שטעלן אין אַן אומגינסטיק ליכט.

איך וויל נישט לאָזן פאַרבייגיין די געלעגנהייט און פרעג אים:

— מילא, דאָס מעשהלע איז זיך אַ גאַנץ שפּאַסיקס, אָבער צו וואָס דוקא עס דערציילן אויף אַ ייד?

— ווייל אויף אַ יידן איז עס ווי אָנגעמאָסטן! — האָט דער גריך אַ פאַרטיקן ענטפער. — אַ ייד איז אַ געבוירענער שמוגלער און גנב...

ער קוועלט אַן פון זיין אייגענעם ענטפער און אַלע אַרום, אַ חוץ דעם דאָקטאָר, לאַכן. ס'טוט זיי הנאה.

— ס'טוט מיר לייד, וואָס איך קאָן אַזאַ גיפטיקע באַמערקונג וועגן יידן נישט אַרונטערשלינגען גלייכגילטיק. איך בין אַליין אַ ייד! — און איך הויב זיך אויף אוועקצוגיין.

— אַנטשולדיקט! אַ טויזנט אַנטשולדיקונגען! — ווערט דער גריך ערנסט און שטאַרק העפלעך. — איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז איר זענט אַ ייד. איך האָב אייך אָנגענומען פאַר אַן אַמעריקאַנער...

אַלע איבעריקע ווערן אויך אַפּאָלאָגעטיש: ס'איז גאָרנישט, כ'איז נישט מער ווי אַ וויץ. מאַלע וואָס מען דערציילט אין אַ וויץ!? ס'איז בלויז אויף שפּאַס!

— אין סאָוויעט - רוסלאַנד, — באַמערקט דער קאַפּיטאַן, — זענען מיר דאָך אודאי פריי פון אַנטיסעמיטיזם.

דער אינציִדענט איז געשלאָסן. דער גריכישער דיפּלאָמאַט פילט זיך זינט דאַן שטאַרק שולדיק קעגן מיר, און כאָטש איך מייד אים אויס, זוכט ער דוקא מיט מיר זיך צו פריינטלען.

ווען מיר גרייכן דעם טערקישן האַפן סמירנא און מיר גייען דאָרט אַרונטער, ווערט ער ממש מיין טאָלמעטשער און וועג־ווייזער. ער קען די שטאָט. ער קען אויך די שפּראַך און ער געפינט פאַר מיר אויס יידן, וועלכע איך וואָלט מעגלעך אליין נישט געקאָנט אונטערשיידן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

3

די רייזע אויף דער סאָוויעטישער שיף האָט זיך שוין צו לאַנג פאַרצויגן. ס'הויבט שוין אָן צו ווערן נודנע און איבערדריסיק.

אָבער מיר זענען שוין אין שוואַרצן ים. דער אָריענט מיט זיין גאַנצן צויבער איז הינטער אונז. דער בלויער הימל, די דורכזיכטיקע וואַסערן פון די ימען, וואָס מיר זענען דורכגעפאָרן, צוזאַמען מיט די דאַרדאַנעלן, דעם מאַרמאָראַ־ים און דעם באָספאָרוס, אין וועלכע אַ גאָלדענע זון האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין שפּיגלען פון אינדערפרי ביז אָוונט — געהערן שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט.

איצט זענען מיר אויף אַ שטורעמדיקן ים, מיט אַ שווער פאַרוואָלקנטן הימל איבער אונז. ס'בלאָזט אַ שניידיקער ווינט, שמייסנדיק אין פנים אַ דריבנע רעגנדל.

„די פראַנץ מערינג", וועלכע האָט די גאַנצע צייט זיך לייכט געגליטשט אויף די שטילע וואַסערן פון די אַנדערע ימען און וואַסער־דורכגאַנגען, האָט פלוצים אָנגעהויבן קרעכצן און סאָפּען. זי באַוועגט זיך לאַנגזאַם. מען זאָגט מיר, אַז זי מאַכט קוים אַכט מייל אַ שעה. זי ווערט געוואָרפן און געשליידערט אויף אַלע זייטן דורך די צאָרנדיקע כוואַליעס פון דעם ברויזנדיקן ים.

— ס'קוקט אויס, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אויפן סמבטיון,

— באַמערק איך צום עלטערן פון מיינע קאָמוניסטישע מיטפאָרער, אליין אַ ייד, וואָס האָט ליב צו מאַכן אַזעלכע פאַרגלייכן.

— פאָרן מיר דאָך עפּעס צו די „רויטע יידעלעך״—ענטפערט ער אָפּ. — און ווי גרייכט מען די „רויטע יידעלעך״, אויב נישט אריבערגייענדיק דעם סמבטיון?

— איז עס אָבער נישט מאָדנע? — רעד איך שוין צום יידיש־איטאַליענישן קאָמוניסט, וועלכער טראָגט נאָך אַלץ די סאַנ־דאַלן אויף זיינע באָרוועסע פיס. — איז עס נישט מאָדנע, וואָס די מערסטע נעמען האָט מען אין סאָוויעט־רוסלאַנד געביטן, אָבער דעם נאָמען פון שווארצן ים האָט מען איבערגעלאָזט? אפשר איז עס אַ סימבאָל? אַ סימבאָל, אַז רוסלאַנד איז נאָך נישט פריי פון די שווארצע כוחות?

— גיכער איז עס אַ סימבאָל, — לאָזט דער יונגער קאָמוניסט נישט פאַלן קיין שטויבעלע אויפן לאַנד פון קאָמוניזם, — אַז רוס־לאַנד איז נאָך אַלץ ארומגערינגלט מיט שווארצע כוחות.

— ווי וויט זענען מיר נאָך פון אָדעס? — ברעכט איבער אונזער געשפּרעך אַ פארשלאָפענע שטימע.

דאָס איז אונזער נייער פּאסאזשיר, וואָס איז ארויף אויף דער „פּראַנץ מערינג״ אין איסטאמבול.

ער איז אַ בלאָנדער פראנצויז, וואָס רעדט אַ געבראָכענעם ענגליש. קיין סך פון אים קאָן מען אָבער נישט ארויסקריגן. אַלץ, וואָס איך וויים וועגן אים, איז, אַז ער איז באַלאָדן מיט אַ פּאַק צייטונגען פון פאַר פינף, זעקס און צען יאָר צוריק. ער לייענט די דאָזיקע אַלטע צייטונגען מיט גרויס התמדה.

ווען איך פרעג אים, ווי קומט עס, וואָס ער לייענט אַלטע צייטונגען, ענטפערט ער מיר זייער ערנסט:

— וואָס דען זשע, לייענען פרישע צייטונגען? מיט וואָס פארנעמען זיי זיך דען? מיט נייע פּאָליטישע אינטריגעס! מיט נייע סקאנדאלן! זיי קאָנען נאָך פירן צו רואין, צו נייע מלחמות!

— און די אַלטע צייטונגען? — וויל איך שוין דערגיין דעם גאנצן מהות פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פארשוינדל.

— זיי זענען אין תוך אויך נישט בעסער! — ענטפערט ער מיר. — לכל הפחות געהערן זיי שוין צו דער פארגאנגענהייט. זיי זענען געשיכטע, און געשיכטע שטודירט מען אָן סענטימענטן, אָן

בעם און אַן אויפרעגונג. ס'איז געזינטער פאַר די נערוון.

דער פראַנצויז זאָגט עס אַרוים מיט אַזויפיל תמימות, אַז איך הויב זיך אָן וווּנדערן, אויב ער איז טאַקע אַזוי תמימותדיק, ווי ער קוקט אויס. איך פּרוביר אים אויסטאַפּן גרינטלעכער. ער לאָזט זיך אָבער קוים דערגרונטעווען.

— פאָרט איר קיין רוסלאַנד אויף לאַנג? — פרעג איך אים.

— בלויז אויף פינף טעג,—זאָגט ער.— כאַפּן אַ קוק און יוצא. אָן ערשטע באַגעגעניש איז תמיד אָנגענעם. באַקענט מען זיך נענטער, ווערט מען תמיד אַנטוישט.

איצט, אַז ער שטייט פאַר מיר אַ פאַרשלאָפענער און זוכט מיט די אויגן אַרום דעם רוסישן ברעג, צו וועלכן מיר האַלטן זיך אין דערנענטערן, שטעל איך אים אַן אַנדער פראַגע:

— זענט איר ווען געווען אין אָדעס?

— קיינמאָל נישט.

— מעגלעך, אַז איר דערוואַרט גאָר צו געפינען די אָדעס פון פאַר דער רעוואָלוציע? — פּרוביר איך מיט אים שפּאַסן. — אַ מענטש, וואָס לייענט אַלטע צייטונגען, קאָן דאָך נאָך זיין אונטערן איינדרוק, אַז מיר האַלטן אין דעם פאַר־מלחמה־פּעריאָד?! ווייסט איר לכל הפחות, אַז אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע? דער פראַנצויז שמייכלט.

— דאָס איז דער איינציקער פאַקט, וואָס איך ווייס און וואָס איך וויל גלויבן וועגן רוסלאַנד, — זאָגט ער. — דאָס איבעריקע וויל איך אַליין זען מיט די אויגן. וואָרום די צייטונגען — נישט איך גלויב זיי, סיידן זיי ווערן אַזוי אַלט, אַז מען האָט שוין פאַר־געסן די פּאַסירונגען, וועגן וועלכע זיי שרייבן.

אונזער שמועס ווערט פּלוצים איבערגעריסן.

אימיצער האָט שוין דערזען דעם ברעג. מיר זענען אַלע גע־שפּאַנט. נאָך אַ שעה אָדער צוויי און מיר וועלן זיין אין אָדעס.

קאפיטל דריי

די שטאט פון לעבעדיקע מתים

1

דאס דריבנע רעגנדל, וואס האט א גאנצן פרימארגן געשמיסן אין פנים, האט אויפגעהערט; דער שגיידנדיקער ווינט, וואס האט דורכגענומען ביזן ביין, איז איינגעשטילט געווארן. דורך די בלייענע וואלקנס, וואס זענען געהאנגען איבער אונזערע קעפ, האט זיך דורכגעריסן א שטראל פון גאלדענער זון־ליכט.

די וואסערן פון שווארצן ים, וואס האבן אזוי צארנדיק געברויזט, ווי זיי וואלטן זיך געהאט פארגומען צו פארשלינגען די קליינע אבער שטארק־געבויטע „פראנץ־מערינג", וואס האט געמוזט אנשטרענגען אלע כוחות צו מאכן זיך א וועג צו די ברעגעס פון אדעס, האבן לאנגזאם, ווי קאפריזנע קינדער, וואס ווילן זיך לייכט נישט לאזן איבערבעטן, זיך אנגעהויבן אויסגלעטן און בארואיקן.

עס האט אויסגעזען, ווי די נאטור אליין וואלט געוואלט, אז מיר זאלן האבן א בעסערן בליק אויף דער אמאליקער פריילעכסטער שטאט פון רוסלאנד, וועלכע האט זיך שוין אינגאנצן געהאט אנטפלעקט פאר אונז; און אז מיר זאלן קאנען פארנעמען די גראנדיעזע פאנאראמע פון דעם פרעכטיקן אדעסער האפן.

מיר זעען שוין פון דערווייטנס הויכע טורעמס. מיר קאנען שוין אונטערשיידן איין געביידע פון דער אנדערער.

— וואס זענען עס פאר א טורעמס? — ווענד איך זיך צו א מאטראז פאר אינפארמאציע. — און וואס זענען עס פאר א געביידעס?

— אט יענער טורם, דער העכסטער פון אלע, — זאגט ער, טייטלענדיק מיטן פינגער, — איז פון אמאל בארימטן אדעסער סאבאר (קירכע). דער צווייטער איז אויך פון א קירכע און דער דריטער לינקס — פון אן אנדער קירכע. די גרויסע געביידעס, דאס זענען די טעאטערס, מוזעאומס, געריכטס־הייזער פון דער

אמאָליקער צאַריסטישער מלוכה, וואָס זענען היינט דאָס אייגנטום פון דער סאָוויעטישער רעגירונג.

— קאָנט איר מיר אויך אָנצייגן די געביידעס, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן זינט די סאָוויעטן זענען אין מאַכט? — עס ווילט זיך מיר שוין באַצייטנס זען די אויפטוען פון דער קאָמוניסטישער מלוכה.

דער מאַטראָז גיט זיך אַ גלעט ביים גאָמבע.

— די נייע געביידעס, וואָס אָדעס האָט צוגעקריגן זינט דער רעוואָלוציע, וועט איר ערשט קאָנען זען, ווען איר וועט זיין אין שטאָט. פונדאַנען קאָן מען זיי נישט אַרויסזען. זיי זענען בכלל ווייניק אין צאָל.

עס איז איצט נישט די צייט צו פירן שמועסן. מיר זענען שוין אין האַפן. די „פּראַנץ מערינג" האַלט זיך אין דערנענטערן צום ברעג. עס ווילט זיך גענוי באַטראַכטן דעם אָדעסער האַפן, וועלכער איז אַמאָל געווען דער גרעסטער, אויב נישט אויך דער שענסטער, וואָס רוסלאַנד האָט ווען געהאַט. שיפן פון אַלע לענדער פלעגן אַהין קומען. שיפן פלעגן אַריין און אַרויס.

איך קוק אין אַלע ריכטונגען. איך זע פאַר זיך דעם גאַנצן האַפן, וועלכער ליגט אויסגעלייגט אין אַ האַלבן קרייז. דער האַפן מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק ווי אַ געמעל — אַן אומבאַוועגלעך בילד, אויף וועלכן אַלץ איז פאַרגליווערט...

אַפילו די „פּראַנץ מערינג", וועלכע האָט זיך אַזוי שעמעוודיק, אַזוי עניוותדיק אַריינגעליטשט אין האַפן, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט שטערן די „שבתדיקע רו", וואָס דאָרט האָט געהערשט, האָט זיך שוין אויך געהאַט אָפּגעשטעלט. זי איז שוין געווען ביים שטיין־און־צעמענט געפלאַסטערטן ברעג.

דאָ און דאָרט האָט מען אין אַ באַזונדערן ווינקעלע פון האַפן געזען אַן אויסלענדישע שיף. אָבער קיין באַוועגונג נישט אויף און נישט אַרום דער שיף. אַלץ האָט געדרימלט.

נאָך די פיל האַפנס, וואָס מיר האָבן באַזוכט, זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון יפו, איז די שטילקייט און די אומבאַוועגלעכקייט פון דעם אָדעסער האַפן פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צווישן אַדעסער האַפן און, לאָמיר זאָגן, אַפּילו אַזאַ קליינעם האַפן ווי יפו! ווער רעדט שוין פון דעם איצט מאָדערניזירטן האַפן פון חיפה!

דאָרט ברויזט עס און שלאָגט מיט לעבן, מיט טעטיקייט. שיפן ווערן אויסגעלאָדן און אָנגעלאָדן. עס ווימלט און גריבלט מיט אַראַבישע לאַסט - טרעגער, שווער - באַלאָדענע אייזלען און קעמ- לען, וועגענער, לאַסט - אויטאָמאָבילן — די טעטיקייט פון אַ מוראַשניק.

וועגן אַזעלכע האַפנס, ווי פּאָרט סאַיד, פּירעאוס, סאַלאָניקי, סמירנאַ, איסטאַמבול, איז דאָך אָפּגערעדט.

און דאָ מיט אַמאָל אַזאַ טויטקייט!

מיינע בליקן זענען געווען געריכטעט אויפן ברעג.

דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און אַ באַיאָנעט פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, מאַרשירנדיק הין און צוריק מיט געציילטע, מיליטערישע טריט.

אַ חוץ פאַר זיין היטעלע, וואָס איז פאַר מיר געווען ניי, וואָלט איך געשוואָרן, אַז ער איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך, אין קליידונג און האַלטונג, צו אַ סאָלדאַט פון דער אַמאָליקער צאַרישער אַרמיי — די זעלביקע שווערע שטיוול, דער זעלביקער לאַנגער שינעל, וואָס איז פאַר זיין דינעם גוף געווען צו ברייט און צו לאַנג.

אַ פּאָר צענדליק טרעגער, אָנגעטאָן אין זויבער-ווייסע פאַר- טוכער, זענען געשטאַנען און געוואַרט. אַזויפיל טרעגער פאַר אַזוי ווייניק פּאַסאַזשירן! איך האָב געפילט באַדויערן פאַר די טרעגער. זייערע פאַרטוכער וועלן מוזן בלייבן אומבאַפלעקט. זיי וועלן אַזוי ווייניק האָבן צו טאָן!

איך בין געווען זיכער, אַז זייערע פאַרטוכער האָבן שוין לאַנג אויף זיך קיין שפּרענקעלע נישט געהאַט. זיי וואַרטן נאָך אַלץ אויף אַ פאַרדינסטל!

קיין זייטיקע מענטשן האָט מען אויף אַ רפואה נישט געזען.

אין סאָוויעטישע האָטעלס דערלויבט מען נישט קיין זייטיקע אַריינ־צוקומען.

אָבער אַט באַווייזט זיך מיט אַמאָל אַ פּאָר פּאַרפּוצטע דאַמען מיט אַ יונגנמאַן. מיין חוש זאָגט מיר, אַז אַזוי אָנגעטאָן גייט מען נישט אין לאַנד פון די סאָוויעטן. איך דאַרף לאַנג נישט וואַרטן אויסצוגעפינען ווער זיי זענען. דאָס זענען שליחים פון „אינטוריסט". כאָטש די צאָל פון די פּאַסאַזשירן איז אַזאַ קליינע, האָט מען אָבער, צוליב די פאַרשידענע שפּראַכן, וועלכע די טו־ריסטן רעדן — און אין „אינטוריסט" האָט מען די אינפאָרמאַציע געהאַט אין פאָרויס — האָט מען געשיקט דריי, וואָס צווישן זיי זאָל יעדער איינער קאָנען געפינען אימיצן, וואָס זאָל רעדן די שפּראַך, וואָס ער רעדט צום בעסטן, אויב אים איז שווער צו רעדן רוסיש.

דאָס בריקל איז שוין געווען אַרונטערגעלאָזט פון שיף. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אוניפאָרמירטע און נישט־אוניפאָרמירטע באַאַמטע, עלטערע און יינגערע מיט פאָרטפעלן אונטער די אָרעמס און אָן פאָרטפעלן.

פאַרוואָס אַזויפיל באַאַמטע פאַר אַזאַ קליינער שיף מיט אַזוי ווייניק פּאַסאַזשירן, האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט פאַר־שטיין. קיין לאַנגע שהיות האָט מען מיט אונז נישט געמאַכט. דעם ערשטן האָט מען אַרונטערגעלאָזט דעם גריכישן דיפּלאָמאַט. ווי עס פירט זיך אין אַלע לענדער, האָט מען אפילו זיין באַגאַזש נישט איבערגעקוקט.

די איבעריקע, איינשליסנדיק דעם סאָוויעטישן האַנדלס־קאָמי־סאַר, האָט מען נאָך דער קורצער אויספאָרשונג אויפן שיף, גע־נומען אין דער „טאַמאָזשנע" (צאָל־אַמט), ווו מען האָט דעם באַגאַזש גענוי איבערגעקוקט און ווו מען האָט יעדן געשטעלט אַ ריי פראַגן, פאָדערנדיק אָנצוגעבן גענוי וויפל און וואָס פאַר אַ געלט מען האָט ביי זיך.

פאַראינטערעסירט האָבן מיר דערביי צוויי פאַקטן:

ערשטנס, וואָס דער האַנדלס - קאָמיסאַר איז גענומען געוואָרן אויף אַ פיל שטרענגערן פאַרהער, סיי בנוגע דאָס געלט, וואָס ער

האָט געהאַט בײַ זיך און די זאַכן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, ווי מיר, טוריסטן. ווען מיט אונז איז מען שוין געווען פּאַרטיק, האָט מען אים נאָך געהאַלטן אין אויספרעגן.

איז עס דערפאַר, וואָס מען וויל ווײַזן, אַז קיינער איז דאָרט נישט קיין מיוחס? אָדער דערפאַר, וואָס סאָוויעטישע באַאַמטע, ווער זיי זאָלן נישט זײַן, ווען זיי באַזוכן אויסלאַנד, זאָל עס אַפילו זײַן אין אָפיציעלע שליחות, שטייען תמיד אונטער פאַרדאַכט?

אודאי מוז פאַר יעדן סאָוועטישן בירגער, וואָס באַזוכט אויסלאַנד, זײַן אַ גרויסער נסיון צו וועלן אַרײַנפירן אַביסל „וואַ־ליוטע", וואָס איז אין רוסלאַנד דער בעסטער אַרטיקל, אָדער גע־וויסע פאַבריצירטע אַרטיקלען, ווי, למשל, אַ גראַמאַפאָן, וואָס איך האָב באַמערקט צווישן דעם האַנדלס־קאָמיסאַרס באַגאַזש.

צווייטנס, וואָס די צוויי דעפּאָרטירטע קאָמוניסטן פון אַרץ־ישׂראל זענען נישט נאָר גענומען געוואָרן אויף אַ ספּעציעל שטרענגן פאַרהער, נאָר מען האָט זיי אויך פאַרהאַלטן און נישט דערלויבט צו פאָרן אין שטאָט אַרײַן צוזאַמען מיט אונז.

מיט טוריסטן, ווי איך האָב אויסגעפונען, וועלכע „גיבן צו לייזן", איז מען תמיד מילד און העפלעך. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַרײַנקומען אויף שטענדיק, זאָלן זיי אַפילו זײַן כשרע קאָמוניסטן, דאַרף מען צוערשט דורכגיין אַ פילפאַכע אויספאָר־שונג.

2

מיר זיצן שוין אין דעם אויטאָבוס פון „אינטוריסט", אויפן וועג צום האָטעל. מיר גרייכן די פאַרשלאָסענע טויערן פון האַפן.

אַ מיידל מיט קורץ־געשווירענע האָר, מיט אַ פאַריסן נעזל און הויכע אָפּגעטראָגענע שטיוול, גיט אַן אויטאָראַטיוון צייכן צום אויטאָבוס זיך אָפּצושטעלן.

די חקירות ודרישות, וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען, זענען נאָך קענטיק נישט געווען גענוג. זי עקזאַמענירט צו ערשט דעם צעטל מיט די נעמען פון די פּאַסאַזשירן, וואָס איינע פון די יונגע באַגלייטערינס אונזערע האָט איר דערלאַנגט. זי באַטראַכט דאַן יעדן פון די פּאַסאַזשירן מיט אַ פאָרשנדיקן בליק.

ערשט ווען זי איז מיט אַלץ פאַרטיק, ווערן די טויערן פאַר אונז געעפנט און מיר זענען ענדלעך אין אַדעס.

מיר פאָרן באַרג־אַרויף. די גאַסן זענען ליידיקע. ווו נישט ווו זעט מען אַ דורכגייער. מענער, פרויען, קינדער — אַלע אין די אָרעמסטע קליידער, מיט לאַנג־אויסגעטראָגענע שיך, אָדער איינ־גאַנצן אָן שיך, נאָר טופּלעס; באַזאָרגטע פּנימער, אומזיכערע טריט. די הייזער, וועלכע ציען זיך געשלאָסן איינע אין די אַנדע־רע, זענען אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע, מיט שטיקער פון טינק אָפּגע־שפּרונגען. אַ סך פון די פענסטער אויסגעבראָכן, אָדער מיט אָפענע מיילער אָדער פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר און פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס.

עס פאַלט אָן אַן אומעט. עס הויבט אָן דריקן אויף דער נשמה.

— איז דאָס די אַמאָליקע פרייִלעכע אָדעס? — פרעג איך מיין פראַנצויזישן מיטרייזנדן, וועלכער זיצט נעבן מיר.

— איך ווייס נישט, וואָס אָדעס איז געווען אַמאָל, און איך וועל נישט אורטיילן פון דעם, וואָס איך זע דאָ, די אָדעס פון איצט — באַמערקט דער פראַנצויז. און אין דעם בין איך מיט אים מסכים. מען מוז נאָך זען אַ סך פון שטאָט איידער צו האָבן אַ פולן באַגריף. אַ פאָרגעפיל האָב איך שוין אָבער. דער טויטער האָפן, די פאַרלאָזענע גאַסן ביים אַריינפאָר אין שטאָט — זיי זע־נען אַלנפאַלס אָן אָנדייטונג.

מיר דאַרפן נישט ווייט פאָרן און מיר זענען אין סאַמע צענטער פון שטאָט. עס זעען זיך שוין מער מענטשן, אָבער אַלע שטיל־שווייגנדיקע, פאַרכמורעטע. די געביידעס זענען אימפּאָזאַנטערע, מאַסיווערע, אָבער איר זעט אין זיי בלויז דעם אַמאָליקן גלאַנץ. איצט שטייען זיי ווי יורדים, וואָס טראָגן נאָך די אַמאָליקע פיינע מלבושים, וועלכע זענען שוין אָבער אָפּגעטראָגן און דאָ און דאָרט מיט לעכער און לאַטעס.

די הייזער האָבן זיך שוין לאַנג געבעטן, מען זאָל זיי רעמאָנ־

טירן. ווארשיילעך איז נישטאָ ווער עס זאָל עס טאָן, אָדער עס זענען נישטאָ די מיטלען דערצו.

מיין איינדרוק ווערט שטאַרקער, אַז איך בין אין אַ טויטער שטאָט, באַוווינט פון לעבעדיקע מתים. איך וויל נאָך אָבער נישט אַרויסטראָגן קיין אורטייל. איך מוז זען די גאַנצע שטאָט, אַריינדרינגען אין סאַמע לעבן פון שטאָט, איידער איך וועל קאָנען האָבן אַ מיינונג.

מיר פאַרקירעווען זיך און געפינען זיך אויף דעם פעלדמאַן־בולוואַר. דער האַפן ליגט איצט פאַר אונזערע אויגן און ער קוקט פון אויבן אויס נאָך מאַיעסטעטישער ווי פון אונטן. דער איינדרוק, אַז איך האָב פאַר זיך אַן אומבאַוועגלעך בילד, ווערט איצט טיפער איינגעקריצט אין מיין געדעכעניש.

אָט שפּרייטן זיך פאַר מיר אויס די „פּאָטיאָמקין־טרעפּ", יענע טרעפּ, וועלכע זענען באַרימט געוואָרן אין דעם היסטאָרישן אויפשטאַנד אויף דער צאַריסטישער קריגס־שיף.

עס איז אָט אין דעם דאָזיקן אויפשטאַנד, וואָס דער ייִדישער רעוואָלוציאָנער פעלדמאַן האָט זיך באַרימט געמאַכט ... עס איז אָט צוליב דער דאָזיקער אויסצייכענונג זיינער, וואָס אין זיין נאָמען ווערט איצט גערופן איינע פון די שענסטע בולוואַרן אין אָדעס.

אויף אָט דעם בולוואַר געפינט זיך דער הויפּט ־ האָטעל אין אָדעס — דער לאָנדאָנסקי האָטעל — באַרימט פאַר דעם רוסישן אַדל, וואָס פלעגט דאָרט קומען הולטאַיען. אַהין האָט מען מיר געבראַכט און באַזאָרגט מיט אַ פיינעם צימער, פאַרזיכערנדיק מיר, אַז דער „אינטוריסט" וועט זיך זאָרגן פאַר אַלע מיינע באַדערפענישן.

— עסט אָפּ מיטאָג, — האָט מען מיר געזאָגט פון „אינטוריסט", — מיר וועלן זיין גרייט פאַר אַן עקסקורסיע איבערן שטאָט.

איך האָב אָבער די ספּעציעל ־ צוגעגרייטע עקסקורסיע פון „אינטוריסט" נישט געוואָלט. איך האָב באַשלאָסן אַליין אַריינצודרינגען אין לעבן, אַליין אָנצוטאַפּן דעם דופק פון שטאָט.

איך האָב שוין מײַנע פּלענער געהאַט צוגעגרייט, ווי אַזוי צו זען אַדעס: איך וויל אַרײַן אין סאַמע לעבן, גיין צווישן די מאַסן, אַרײַנקומען אין זייערע הײַזער, שטודירן זייערע לעבנס־באַדינגונגען, הערן, וואָס זיי האָבן צו זאָגן אין אינטימע שמועסן.

די ערשטע שריט צו דעם האָט, נאַטירלעך, געדאַרפט זײַן אַליין אַרויסגיין אין גאַס, אויפזוכן מענטשן, וועמעס אַדרעסן איך האָב געהאַט און מאַכן נײַע באַקאַנטשאַפטן. איך האָב געוואָלט זען דאָס אַרבעטנדיקע אַדעס, דאָס קולטורעלע אַדעס און דאָס רעגירנדיקע אַדעס; דאָס יידישע ווי דאָס נישט־יידישע, דאָס אַלט־יידישע ווי דאָס נײַ־יידישע — הכּלל, אַלץ וואָס ס׳לעבן שטעלט מיט זיך פאָר.

אָבער אַרײַנצוגיין אין לעבן פון אַ פרעמדער שטאָט האָב איך געמוזט זײַן פאַרבערייט מיט געלט. איך האָב געדאַרפט רוסיש געלט, כּדי זיך צו קאָנען פרײַ באַוועגן צווישן עולם, אַרײַנקומען אין די רעסטאָראַנען, אין די געשעפטן; דינגען אַ איזוואָשטשיק, אָדער נעמען אַ טראַמוויי, — הכּלל, זײַן איינער פון פאָלק.

דאָס האָט מיר געשטעלט פאַרן פּראָבלעם פון די רוסישע פינאַנסן, און איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז איך בין אין אַ פּלאָנטער, פון וועלכן עס איז געווען גאָר נישט לײַכט זיך אַרויסצודרייען.

3

אויפן שיף האָב איך זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן, ווי אַזוי גאָך מ׳בייט אויס דאָלאַרן אויף רוסישע רובלס. וויסנדיק, אַז אויף די געוויינלעכע, פּאַפּירענע און כמעט ווערטלאָזע רובלס, קאָן מען נישט און מען טאָר נישט אויסבייטן קיין אויסלענדישע „וואַלוטע", האָב איך זיך משער געווען, אַז פאַר אויסלענדער איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַ ספּעציעלער רובל — אַ גאָלדענער רובל — לויט וועלכן מען מעסט דעם ווערט פון יעדער זאַך און לויט וועלכן אַלע פּרײַזן ווערן באַשטימט.

איך האָב דערפאַר אויף גאָר אַ נאַאיוון אופן אָנגעהויבן בעטן, מ׳זאָל מיר אויסבייטן דאָלאַרן אויף רובלס.

וואָלט מען מיר געגעבן אַ געוויינ'ע דערקלערונג וועגן דעם פּלאַנטער פון די רוסישע פינאַנסן, וואָלט איך פאַרשפּאָרט זיך דרייען אַ קאָפּ. דאָס האָט מען נישט געטאָן. אָפיציאַל רעדן וועגן דעם מיט האַלבע ווערטער. מ'האָט מיר בלויז געזאָגט, אַז דער „אינטוריסט" וועט מיר שוין מיט אַלץ באַזאָרגן.

האָב איך דערפאַר דאָס ערשטע, ביים אָנקומען אין האָטעל, זיך געווענדעט צום „אינטוריסט", מ'זאָל מיר „צעבייטן" דאָלאַרן אין גאָלדענע רובלס.

— גאָלדענע רובלס? — האָט דער דירעקטאָר פון דעם ביוראָ מיר אָנגעקוקט. — נישטאָ אַזאַ זאַך!

— גיט מיר פּאַפּירענע רובלס, אַבי איך זאָל האָבן רוסיש געלט אין קעשענע, — האָב איך נאָך אַלץ גערעדט ווי אַ „גרינער".

— איר קאָנט עס נישט און איר דאַרפט עס נישט טאָן, — האָט יענער עס געמאַכט קורץ און שאַרף.

— אויב מען קאָן נישט, דאָס ווייס איך נישט, — האָב איך באַמערקט, — אָבער אויב איך דאַרף עס, דאָס פיל איך, אַז יאָ. ווי אַנדערש וועל איך זיך קאָנען באַוועגן אין שטאָט?

דער דירעקטאָר האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך פאַרשטיי נישט דעם צוועק פון אייער קומען! — האָט ער געזאָגט בייזלעך און מיט אַ שאַרפן פאָרוואורף. — איר זענט געקומען מיטן „אינטוריסט" און זענט אונטער אונזער אויפזיכט. איר דאַרפט קיינעם און גאָרנישט האָבן, ווען איר זענט מיט אונדז. און וואָס איז שייך דעם „אינטוריסט", נעמט מען ביי אייך דאָלאַרן. איר ווייסט נישט פון קיין אַנדערע חשבונות און דאַרפט פון זיי אויך נישט וויסן.

און כּדי מיר אַביסל מסביר צו זיין האָט ער צוגעגעבן:

— אויב איר באַנוגנט זיך נישט מיט די עקסקורסיעס, וואָס קומען אייך לויט דעם אויסגעלייגטן פּראָגראַם, און איר ווילט אַרומפאָרן מער; אויב איר ווילט גיין אין טעאַטער אָדער וווּ נישט איז, וועלן מיר אייך מיט אַלץ און אַלעמען באַזאָרגן. אונזערע אויטאָמאָבילן וועלן אייך פירן ווו איר ווילט, אונזערע וועג־ווייזער

וועלן אייך באַגלייטן ווי איך גלוסט. אַלע חשבונות וועלן מיט אייך זיין אין דאָלאַרן, היינט צו וואָס זוכט איר רובלס?

— און טאָמער וויל איך קויפן חפצים אָדער וואָס נישט איז?—האָב איך נאָך אַלץ נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— אויף דעם איז פאַראַן אַ „טאָרגסין". איר קאָנט דאָרט קויפן אַלץ אין דער וועלט פאַר דאָלאַרן און דווקא פאַר דאָלאַרן. אונזערע וועג־ווייזער וועלן אייך נעמען צום „טאָרגסין", ווען נאָר איר וועט וועלן.

איך האָב שוין געזען, אַז איך בין לויטן „אינטוריסט" פאַר־משפּט זיך צו באַוועגן אין אַ „דאָלאַר־ספערע", וועלכע איז לחלו־טין גאָר אַנדערש פון דער רובל־ספערע, אין וועלכער די רוסן באַ־וועגן זיך. ווי וועל איך אַריבערגיין פון איין ספערע אין דער צווייי־טער? איינע איז לחלוטין דער היפך פון דער אַנדערער, און איך האָב דווקא געוואָלט זיין אין דער צווייטער, כּדי עפּעס צו לערנען גרינטלעך און גענוי.

איך האָב פּרובירט מיין לעצטע קאָרט:

— איך בין אַ זשורנאַליסט — האָב איך געזאָגט — איך בין געקומען לערנען דאָס רוסישע לעבן. איך מוז זיך באַוועגן פריי און נישט זיין געבונדן דורך „וואַליוטע"־באַגרענעצונגען.

דער דירעקטאָר האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן באַציען מיט חשד צו מיר.

— פאַר אונז זענען אַלע טוריסטן גלייך, — האָט ער גע־זאָגט. — די פּראָפעסיעס און די כּוונות פון די טוריסטן אינטע־רעסירן אונז נישט. מיר האָבן אונזערע רעגולאַציעס און מיר פאָלגן זיי שטרענג אויס. איך האָב אייך שוין געזאָגט, וואָס מיר טוען פאַר אונזערע טוריסטן. איך זע נישט, פאַרוואָס איר זאָלט זיך פילן, ווי אונזער באַדינונג וואָלט פאַר אייך נישט געווען גענוג!

איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך וועל מיט אים גאָרנישט מאַכן. איך האָב אויך געפילט, אַז עס וועט זיין אַ סך גלייכער, איך זאָל מיט אים נישט אַריין אין קיין לאַנגע שמועסן. איר וועט שוין מײַן וועג אַליין געפינען; און איך בין באַלד געווען אין די גאַסן פון אָדעס.

2

די לופט איז געווען האַרבסטיק־מילד. דער הימל איז געווען פאַרדעכט מיט שטיקער שוואַרץ־בלויע וואָלקנס, וועלכע זענען געוואָרן געדיכטער און ענגער צוזאַמענגעשלאָסן. עס האָט אָנגעהויבן טריפן מיט דינע טראָפנס.

איך בין נישט געגאַנגען אין קיין באַשטימטער ריכטונג. איך האָב בכלל גאָרנישט געוואָלט צו אונטערשיידן איין גאַס פון דער צווייטער.

איך קאָן זען שפּורן פון אַמאָליקן גלאַנץ: אַלטע, פּרעכטיקע געביידעס, אָבער אָפּגעלאָזן און פאַרחושכט, ווי אַ שוואַרצע האַנט פון אָרעמקייט און עלנט וואָלט זיך אויף זיי געהאַט אַרויפגעלייגט.

מענטשן, איינציקע און פּאָרווייז, שלייכן פאַרביי, ווי די שאָטנס. בלויז דאָ און דאָרט גייט פאַרביי, מיט פעסטע טריט און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, אַ שטאָלצער אָפיציר פון דער אַרמיי אָדער פּאָליטישער פּאָליציי (געוועזענע גע־פּע־או). עס גייען אויך פאַרביי ציוויל־געקליידעטע, מיט פּאָרטפעלן אונטער די אָרעמס. עס איז קענטיק פון זייער הילוך און האַלטונג, אַז זיי זענען באַאַמטע, דירעקטאָרן פון געשעפטן אָדער „ספּעצן".

זיי זענען די בעסער־געקליידעטע. זיי זענען די מער מונטערע, די פעסט־טרעטנדיקע. זיי באַוועגן זיך אין אַ זיכערער וועלט. עס איז זייער וועלט.

איך געפין זיך אין דער לאַסאַל־גאַס. איך דערוויס זיך, אַז עס איז די הויפּט־גאַס. עס איז שוין בין־השמשות. די גאַס איז גוט באַלויכטן. געשעפטן פון אַלע מינים, מיט גאָר נישט שלעכט אויסגעפּוצטע שויפענסטער, ציען זיך פון ביידע זייטן. די באַוועגונג פון מענטשן איז אַ לעבעדיקע, אָבער אַלץ דער אונטערשייד פון אַ גאָר קליינער צאָל בעסער געקליידעטע, מונטערע און פעסטערע, און די גרויסע מאַסע פון נעבעכדיקע, פאַרזאָרגטע, וואָס קוקן אַריין אין די שויפענסטער נישט מער ווי אויס קוריאָזיטעט, אָדער שלייכן פאַרביי, ווי דאָס, וואָס זיי זעען, וואָלט נישט געווען פאַר זיי.

איך באַטראַכט די געשעפטן, קוק זיך צו צו די פּרייזן, וועלכע זענען אַרויסגעשטעלט אין די פענסטער און וועלכע זענען משונה־

דיק הויך — 700 רובל אַן אַנצוג, 15 רובל א העמד, 10 רובל א קראַוואַט, אָדער (גענומען פון א שפּייז־געשעפט) — 5 רובל א קילאָ עפּל, 20 רובל א פונט פּוטער, 3 רובל א קילאָ ברויט.

איך הויב אָן פאַרצייכענען די פּרייזן. פאַרגלייכנדיק די פּרייזן פון לעבנס־מיטלען מיט די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער, וועל איך וויסן גענוי, ווי מען לעבט און ווי מען קאָן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

איך האַלט דערווייל אויך אַן אויג אויף די פאַרבייגייער. עס ווילט זיך מיר פון יעדערנס פּנים אַרונטערלייענען די מיסטעריע, וואָס איר פילט אין דער סאַמע לופט, וואָס איר אָטעמט.

איך באַמערק אָבער, אַז אין דער צייט, וואָס איך קוק אויף די פאַרבייגייער, קוקן יענע אויף מיר און נישט מיט ווייניקער קוריאָזיטעט.

דער ענין ווערט מיר באַלד קלאָר. מיין אַמעריקאַנער קליידונג „פאַרראַט" מיך. ווי באַשיידן איך בין נישט געקליידעט, קוק איך אין זייערע אויגן אויס ווי א „פּרינץ". איך בין אַזוי אַנדערש פון אַלע אַרומיקע. קיין וואונדער, אַז איך ציִ־צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. יעדער מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. איך דערפיל מיך אומאַנגענעם.

איך בין נישט געקומען, איך זאָל ווערן אַן „אַטראַקציע". מיין באַגער איז, איך זאָל אין א געוויסן זין זיין א „רואה ואינה נראה", איך זאָל פון דער זייט אַלץ און אַלעמען באַטראַכטן, שטודירן און קריגן א גענויעם באַגריף וועגן דעם לעבן אינם לאַנד פון די סאָוויעטן.

איך הויב אַפילו אָן מורא האָבן, אַז דאָס זאָל נישט זיין קיין שטער. מענטשן וועלן באַלד וויסן, ווער איך בין. מען וועט מיר אויסוויכן.

איך געפין אָבער אויס, אַז קיין חסרון איז עס נישט. גראָד צוליב דעם, וואָס איך בין אַזאַ „קוריאָזיטעט" און וואָס מען דערקענט אויף מיר מיין „אַמעריקאַנישקייט", ווער איך חשוב. מען איז להוט מיט מיר זיך אָפּצושטעלן. מען זוכט א געלעגנהייט ביי מיר עפּעס צו פרעגן.

אַן אויסלענדער איז אַזאַ יקר המציאות. מ׳גייט ממש אוים פון נייגעריקייט מיט אים אַריינצוגיין אין אַ שמועס.

די ערשטע, וואָס רינגלען מיך אַרום, זענען פאַרסמאַרקטע און קרוע־בלועדיקע ייִנגלעך, אָנבאָטנדיק מיר פּאַפּיראָסן צו דריי רובל אַ פּעקל.

איך וואָלט אימיצן פון זיי געגעבן צו לייזן פון קוריאָזיטעט־וועגן, אויסצוגעפינען, וואָס פאַר אַ סאָרט פּאַפּיראָסן דאָס זענען. איך האָב אָבער קיין רוסיש געלט נישט און איך באַנוגן זיך מיט אָנקוקן פּאַפּיראָסן, וועלכע זעען אין מיינע אויגן אוים די בילוקסטע און די ערגסטע. מען האַלט זיי אין אָפענע פּעקלעך. קיין בעסערס קאָן דער רוסישער עולם וואַרשיינלעך נישט רויכערן.

איך דריי זיך אַוועק פון די קינדער און איך געפין זיך פּנים אל פּנים מיט בעטלער, עלטערע און ייִנגערע, מענער און פרויען, וואָס האַלטן זייערע הענט אויסגעשטרעקט.

איך האָב נאָך אַמעריקאַנער קליינגעלט. איך הויב אָן טיילן, צו פינף־סענטיקע און צען־סענטיקע, — וואָס עס קומט מיר אין דער האַנט.

איך בין זיכער, אַז מיינע נדבות וועלן קיין גרויסן איינדרוק נישט מאַכן. פון אַזאַ אַמעריקאַנער „גביר״, ווי איך, מוז אויסקומען אין זייערע אויגן, האָבן זיי מסתמא אַ סך מער דערוואַרט.

אָבער צו מיין איבערראַשונג כאַפּן זיי די מטבעות מיט אַזאַ שמחה, וואָס איך האָב בשום אופן נישט דערוואַרט.

אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט אונטערגעהינקען אויף אַ פוס און וועמען איך האָב באַלד דערקענט אַלס אַ ייִדישקע, האָב איך דערלאַנגט אַ „קוואָרטער״.

זי האָט די מטבע גענומען אין אירע ציטערדיקע הענט, עס גענוי באַטראַכט, ווי זי וואָלט אירע אויגן נישט געגלויבט.

— איר זענט אַ ייִד? — האָט זי מיך געפרעגט אין רוסיש, און אַז איך האָב איר געענטפערט „יאָ״, איז זי באַלד אַריבער אין ייִדיש און מיך אָנגעהויבן בענטשן.

איך האָב זיך פאַרשעמט. פאַר אַזעלכע ברכות האָט געפּאַסט אַ פיל גרעסערע נדבה.

— אזא קליינינקייט! — זאג איך. —איר האט מיר באמת נישט פארוואס צו דאנקען.

— געזונט זאלט איר זיין! — קאן זי זיך גארנישט בארו־איקן. — איר ווייסט דען, וואס איר האט פאר מיר און מיין קראנ־קען מאן געטאן? עס איז דאך א וואך לעבן און אפשר מער ווי א וואך! אט לויף איך שוין צום „טארגסין" עס אויסבייטן. איך וועל פאר דעם קריגן א 13—14 קערבלעך. האט איר א באגריף, וואס דאס הייסט פאר אזעלכע ארעמעלייט, ווי מיר?

— איר זאגט, איר וועט גיין צום „טארגסין" עס אויסבייטן? ווי אזוי טוט מען עס? — פרעג איך איר.

איך לאז שוין די יידענע נישט אפ און גיי מיט איר צום „טארגסין", וואס געפינט זיך נישט ווייט.

עס איז דארט, וו איך באקען זיך מיטן גאנצן האנדל, ווי מען בייט דאלארן אויף רובלס און רובלס אויף דאלארן.

די פרוי, האב איך זיך דערקונדיקט, וואלט פאר די 25 סענט געקאנט קויפן עסנווארג אין „טארגסין" גופא. זי וואלט, צום בייי־שפיל, געקאנט פאר דעם קריגן איבער צוויי און א האלב קילא גוט ווייס ברויט, — א ברויט, וואס אין די געוויינלעכע רעגי־רונגס - געשעפטן קריגט מען קיינמאל נישט. עס איז אט אזא ברויט, נאך וועלכן מען לעכצט שטארק אין סאוויעט־רוסלאנד. אבער וועלכעס נאר יחידי סגולה, די וואס האבן אויסלענדיש געלט, קאנען קריגן.

מיט צוויי און א האלבן קילא ברויט וואלט די יידענע מיט איר קראנקן מאן, ווי זי האט מיר דערקלערט, געקאנט אפלעבן טעג, — ווארום מער ווי ברויט — און נאך אזא ברויט דערצו — „ווינטשט" מען זיך גארנישט.

זי האט מיר אבער געגעבן צו פארשטיין, אז עסן אזא ברויט, כאטש זי און איר מאן לײדן פון מאגן - קראנקהייטן און אנדערע חולאתן, וואלט פאר זיי געווען א צו גרויסער לוקסוס. זיי קאנען עס זיך נישט פארגינען.

אין די געוויינלעכע ברויט - קראמען, אז זי וועט אויפשטיין מיטן זונען־אויפגאנג און זיך שטעלן אין „אטשערעד" (ריי), וועט

זי קאָנען קריגן שוואַרץ, פּראָסט ברויט פאַר א רובל און א האַלב א קילאָ. מיינט עס, אז פאַר די 13—14 רובל, וואָס זי קאָן קריגן, אויסבייטנדיק די פינף און צוואַנציק סענט אויף רוסיש געלט, קאָן זי האָבן אַרום צען קילאָ ברויט, און דאָס איז אַזאַ „שלל", אַז זי האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט עס אויף איינמאָל באַקומען. זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז עס זענען בכלל פאַראַן אַזעלכע „גוטהאַרציקע" מענטשן אויף דער וועלט.

איך האָב שוין דער פרוי נישט געלאָזט אויסבייטן דעם „קוואָרטער" אויף רובלס. צוליינגנדיק נאָך עטלעכע „קוואָרטערס", האָב איך זי באַזאָרגט מיט א פינף—זעקס קילאָ גוטן „טאָרג־סין"־ברויט, פּוטער, אייל און אַנדערע מאכלים, וואָס די פרוי האָט געהאַלטן פאַר ווירקלעכע „מעדני מלך".

— מיין קראַנקער מאַן, — האָט די פרוי מיר געהאַלטן אין דאַנקען, — וועט זיך מיט דעם מחיה זיין. און לאָמיר אייך זאָגן, אַז מיין מאַן איז גאָר נישט אַבי ווער. ס'איז דאָ מיט וועמען צו רעדן. מיינט נישט, אַז איך בין א געבאָרענע בעטלערקע. ס'רייסט דאָס האַרץ טראַכטנדיק פונם אַמאָל, אָבער עס לאָזט זיך פאַרט נישט פאַרגעסן. — און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

קאַפּיטל פיר

פאַנטאַסטישע גאָלד־רובלס און ווערטלאָזע פּאַפּיר־רובלס

1

צו פאַרשטיין דעם מיש־מאַש פון דער סאָוויעטישער עקאָנאָמיק און צו האָבן א געגויען באַגריף, ווי אַזוי מען לעבט איצט אין סאָוויעטן - לאַנד, מוז מען זיך צוערשט באַקענען מיטן פּלאָנטער פון די רוסישע פינאַנסן. מען מוז געגוי וויסן דעם ווערט פון די רוסישע געלטער, וואָס מיינט שוין אויך דעם אופן, ווי אַזוי פרייזן פאַר פּראָדוקטן ווערן באַשטימט און געשאַצט.

עס איז א תורה, וואָס קאָן על רגל אחת נישט אויסגעלערנט

ווערן. אויב פאר די רוסן איז עס שוין א צו־קלארער ענין, איז עס אבער פארן אויסלענדער אזוינס, וואס נעמט־צו צייט איידער ער באנעמט עס.

אין סאוויעט־רוסלאנד זענען פאראן צוויי הויפט־געלט־סטאנדארטן, וואס זענען לחלוטין דער היפוך איינער פון אנדערן: — דער „וואליוטע"־סטאנדארט, וואס איז אויך דער סטאנדארט פונם גאלדענעם רובל, און דער געוויינלעכער אדער פאפירענער רובל־סטאנדארט.

דאס זענען צוויי וועלטן, וואס קומען זיך קוים צונויף. זייערע גרענעצן זענען גאנץ באשטימטע און אפגעשלאסענע. איר קאנט פון איינער פון די דאזיקע וועלטן אריינקומען אין דער צווייטער נאר בגנבה.

די „וואליוטע"־וועלט איז א וועלט פון כל־טוב. איר קריגט דארט אלץ, וואס אייער הארץ גלוסט. איר האט די בעסטע האטעלן, די בעסטע עסנס, די בעסטע באדינונג, די בעסטע סחורות. פרעכטיקע אויטאמאבילן זענען תמיד צו אייער דינסט. די טירן פון די טעאטערס זענען תמיד פאר אייך אפן. די „טארגסין"־געשעפטן האבן פאר אייך גרייט, פון וואס א מויל קאן נאר רעדן.

אלץ, וואס מען וויל פון אייך—איר זאלט האבן אויסלענדישע „וואליוטע", — אמעריקאנער דאלארן, ענגלישע פונטן, פראנצויזישע פראנקן, דייטשע מארקן, פוילישע זלאטעס — הכלל, אלע אויסלענדישע געלטער, וואס האבן א באשטימטן ווערט.

פארשטייט זיך, אז דאס מיינט, אז פון אט די אלע גוטסקייטן, וואס זענען גרייט אין אט דער דאזיקער גליקלעכער „וואליוטע"־וועלט, קאנען געניסן הויפטזעכלעך אויסלענדער. איז טאקע די אויסלענדער אין סאוויעט־רוסלאנד גוט, אויב זיי האבן נאר גענוג געלט ביי זיך. מען לייגט זיך ממש אין דער לענג און אין דער ברייט זיי צו באדינען, ווייל, ווי גוטע קרעמער, איז מען תמיד זשעדנע פארן „פדיון" פון די אויסלענדער.

אפט הויבט אייך שוין אן נודיען ביים הארצן פון אט דער דאזיקער רוסישער „העפלעכקייט" און „גוטסקייט". מענטשן פארשמאכטע, וואס האבן פאר זיך כמעט גארנישט, גיבן אייך אוועק

דאָס בעסטע, אבי פון אייך ארויסצוקריגן דאָלאַרן, פונטן אָדער אַנדערע מינים אויסלענדישע געלטער.

איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען האָט אייך נישט ליב. איר זענט דאָך אַ „בורזשוי". אין האַרצן טראָגט מען גלאַט אַ שנאה צו די, וואָס קומען זיך לאָזן וווילגיין אין אַ לאַנד, וווּ די באַפעלקערונג האָט קוים גענוג די נשמה צו דערהאַלטן.

מען דאַרף אָבער האָבן אייער געלט. מען וויל אייער לייזונג און מ'חנפעט אייך און מ'גלעט אייך, ווי מען וואָלט זיך מיט אייך געצאַצקעט.

אויב איר זענט נישט בלינד צו זען די פּנימער פון די, וואָס באַדינען אייך, און אויב איר קאָנט נישט אונטערדריקן דאָס אומ־אָנגענעמע געפיל, וואָס מען האָט געוויינלעך, ווען איר קומט צו אַן אָרעמאַן אויף אַ באַזוך און יענער גרייט אייך אַ טיש פון כּל־טוב, דאַן פילט איר ביידעס: אי דערווידער צו אַזאַ קרעמערישן גייסט אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד און אי רחמנות.

עס זענען אָבער נישט נאָר אויסלענדער, וואָס קאָנען געניסן פון דער „וואַליוטע" - וועלט. יעדער איינער, וואָס האָט אויסלענדיש געלט, אָדער קאָן זיין רוסיש געלט אויסבייטן אויף „וואַליוטע", קאָן זיך פאַרגינען די אַלע גוטסקייטן.

קיין אויסלענדיש געלט האָבן די רוסן נישט קיין אייגנס. דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט מען שוין לאַנג אַרויסגעשלעפּט פון זיי אין דער „דאָלאַר"- און אַנדערע „אינקוויזיציעס". דאָס ביסל גאָלד, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביי יחידים, איז, מיט קליינע אויסנאַמען, שוין לאַנג אויפגעגעסן געוואָרן.

בלייבן נאָר אַזעלכע, וואָס קריגן „וואַליוטע" פון קרובים אין אויסלאַנד, אין דער פאָרם פון שטיצע, און עס בלייבן אויך אַזעלכע, וועלכע בייטן־אויס זייערע רובלס אויף אויסלענדיש געלט אויף דער „שוואַרצער בערזע".

איןביידע פאַלן האַנדלט עס זיך וועגן קליינע סומען. די, וואָס קריגן שטיצע פון זייערע קרובים אין אויסלאַנד, זענען ווייט פון גבירהשאַפט, און די, וואָס בייטן־אויס זייערע פּאַפּיר־רובלס אויף „וואַליוטע", קאָנען זיך זיין פון די, וואָס האָבן גראָד יאָ אַ סך

געלט. זיי ווילן אָבער נישט וואגן, א דאנק דער געפאַר, וואָס שטעקט אין אזא טראנזאקציע, אויסצובייטן גרויסע סומען.

קומט עס דערפאַר אויס, אז פון דער „וואליוטע" - וועלט גע־ניסן הויפּטזעכלעך אויסלענדער. די רוסן זעלבסט כאַפּן נאָר שטיק־לעך און ברעקלעך, וואָס די קליינע סומען אין אויסלענדישע געל־טער, וואָס זיי פאַלט אריין, קאָנען זיי פאַרשאַפן.

די רובל - וועלט, ווידער, איז די וועלט פון די בּרייטע רוסי־שע מאַסן, אין פאַקט פון גאַנצן לאַנד. דאָס איז די וועלט פון דח־קות, אָרעמקייט און נויט.

דער רובל איז כמעט ווערטלאָז אין פאַרגלייך מיט די הויכע פּרייזן אויף לעבנס־מיטל און פאַבּריצירטע סחורות. דאָס ערגסטע איז, וואָס איר קריגט דאָס רוב נישט, וואָס איר דאַרפט אָדער ווילט, אפילו פאַר קיין געלט.

איז בּיטער דעם אַרבּעטער, וועמעס פאַרדינסטן זענען אזוי קליין, אז די קליינע צאָל רובּלס, וואָס ער קריגט, קלעקט אים קוים אויף טרוקן בּרויט און עס איז אויך נישט גוט אפילו די פּריוווי־לעגירטע, וואָס האָבּן שוין יאָ געגוג פּאַפּיר־געלט, דערפאַר וואָס זיי קאָנען זעלטן קריגן, וואָס זיי ווילן אָדער דאַרפן.

דער פאַרגלייך פון די סחורות, וואָס איר קריגט אין די דאָזיקע צוויי באַזונדערע וועלטן, זענען ווי טאָג צו נאַכט. פאַר „וואליוטע" קריגט איר די בּעסטע און שענסטע זאַכן און פאַר רובּלס — די ערגסטע און די העסלעכסטע.

אַט גייט איר דורך א פאַראַדנע גאַס: אָדעס, קיעוו, מאָסקווע, אָדער ווו־נישט־איז. איר האָט פאַר זיך צוויי געשעפטן, ממש א טיר נעבּן א טיר — א „טאָרגסין" - געשעפט, ווו איר קויפט אַלץ בּלויז פאַר „וואליוטע" און ווו פאַר רובּלס, ווי טייער איר זאָלט נישט ווילן צאָלן, וועט מען אייך גאָרנישט פאַרקויפן, און א רע־גירונגס־געשעפט, ווו מען פאַרקויפט צו „עמך" בּלויז פאַר רובּלס.

די שויפענסטער פון „טאָרגסין" זענען פול מיט די בּעסטע זאַכן. אינעווייניק זענען די פּאַליצעס געפּאַקט. איר געפינט דאָרט אַלע עסנס און אַלע סאָרטן סחורות: שיך, קליידער, פוטערוואַרג א. אז. וו.

די פּרייזן, לאָמיר זאָגן אין דאָלאַרן, זענען גאַנץ מעסיקע. אַלנפאַלס נישט צו טייער, ווען איר פאַרגלייכט זיי מיט די פּרייזן פאַר ענלעכע פּראָדוקטן אין אַמעריקע. אָפט קריגט איר, וואָס עס איז נוגע אַמעריקאַנער פּרייזן, אמתע מציאות.

אין די רובל ־ געשעפטן זענען די פּרייזן, אין רובלס, געגנוג הויך. אָבער אייך איבערראַשט נישט בלויז די פאַנטאַסטישע הויך פון די פּרייזן, נאָר אויך די שלעכטע קוואַליטעט פון די סחורות און טאַקע אויך דאָס, וואָס איר זעט אַזוי ווייניק פון זיי. פאַר־פּוצטע פענסטער, אָבער ליידיקע פּאָליצעס, און דער פּוץ איז אָפט נאָר אַ דרויסנדיקער.

דאָס עסנוואַרג איז שלעכט, אָרעם. די קליידער זענען ממש נישט אָנצוקוקן. און אַזוי אויך מיט אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס איר זעט.

ווערט אייך קלאָר, אַז אין דער צייט וואָס פאַר אויסלענדיש געלט קאָנט איר קריגן אַלץ אין דער וועלט, קאָנט איר פאַר רוסיש געלט קריגן גאַנץ ווייניק און דערצו פון אַ גאָר שלעכטער קוואַלי־טעט.

2

באַטש אין דער „וואַליוטע" ־ וועלט גייט אַלץ אויף אויסלענ־דישע געלטער, — איר באַצאָלט און נעמט אויסגאָב אין אויסלענ־דישע געלטער, אינם געלט פון אייער אייגן לאַנד, — איז אָבער דער מאַסשטאַב, לויט וועלכן מען שאַצט דאָרט דעם ווערט און מען באַשטימט די פּרייזן, דער גאָלדענער רובל.

קיין גאָלדענער רובל איז אָבער אויף דער וועלט נישטאָ. אויב עס איז אַמאָל געווען אַזאַ זאַך, ווי דער „טשערוואָניעץ", באַזירט אויף גאָלד, האָט שוין די דאָזיקע צען־רובלדיקע „בומאַזשקע" לאַנג פאַרלאָרן איר גאָלד ־ ווערט און וואַלגערט זיך צווישן די אַלע אַנדערע פּאַפּירענע רובלס, וועלכע האָבן אַזאַ קליינעם ווערט, אָבער וועלכע זענען אפילו אין זייער פּראַקטישער ווערטלאָזיקייט אַ יקר־המציאות ביים רוסישן אַרבעטער.

אָבער נישט קוקנדיק וואָס קיין גאָלדענע רובלס זענען נישטאָ,

מאַכט מען אַלע חשבונות נאָר אויפֿן באַזיס פֿון דעם פֿאַנטאַסטישן גאָלדענעם רובל.

זענען די פּרייזן אין די „טאָרגסין" - געשעפֿטן אין גאָלדענע רובלס און קאָפּיקעס און זיי זענען אין פֿאַרגלייך מיט די פּרייזן אין די געוויינלעכע געשעפֿטן, וווּ אַלץ גייט אויף פּאַפּיר - רובלס, אויסערגעוויינלעך נידעריק.

אין אַ „טאָרגסין" - געשעפֿט איז דער פּרייז פֿון, לאָמיר זאָגן, גוט ווייס ברויט 10 קאָפּיקעס אַ קילאָ און אין רובל-געשעפֿט — פֿאַר אַ פּיל-ערגער ברויט — דריי רובל אַ קילאָ (אַ קילאָ איז קאָרגע צוויי און אַ האַלב פֿונט).

אין אַ „טאָרגסין" - געשעפֿט קריגט מען אַ פּאָר גוטע שיך פֿאַר 4—5 רובל און אין די געוויינלעכע געשעפֿטן, וווּ איר קאָנט אַזעלכע שיך בכלל נישט קריגן, צאָלט איר פֿאַר אַ סך ערגערע פֿון 60 ביז 150 רובל.

אין די „טאָרגסין" - געשעפֿטן צאָלט איר צו 60—70 קאָפּיקעס פֿאַר די בעסטע פּוטער - פֿעלעכלעך, און אין די געוויינלעכע געשעפֿטן, וווּ אַזעלכע פֿעלעכלעך זענען נישט אַנצווזען, צאָלט מען פֿון 10 ביז 30 רובל פֿאַר אויסגעקראָכענע פֿעלעכלעך.

מיטן פֿאַנטאַסטישן גאָלד-רובל, אַלס מאַסשטאַב, רעכנט מען שוין אויס, וויפֿל יעדער פּראָדוקט באַטרעפֿט אין אויסלענדישער „וואַליוטע". אַזוי ווי דער גאָלד - רובל איז בלויז אַ מאָס, און די סאָוויעטן - רעגירונג, נישט זי האָט און נישט זי איז מחויב צוליב דעם צו האָבן גאָלדענע רובלס, האַלט זי דעם ווערט פֿון דאָזיקן רובל, ווי ער איז געווען אין די צייטן פֿון צאַר — אַרום 52 סענט אין אַמעריקאַנער געלט, ווען דער דאָלאַר האָט נאָך געהאַט זיין פֿולן ווערט.

איצט ווען דער גאָלד-ווערט פֿון דאָלאַר איז געשניטן געוואָרן אויף וואָסערע 40 פּראָצענט, איז דער נישט-עקזיסטירנדיקער גאָלד-רובל „געשטיגן" אין דער ווערט אין פֿאַרגלייך מיטן עקזיסטירנדיקן און נאָך אַלץ ווערטפֿולן אַמעריקאַנער דאָלאַר.

דער דאָלאַר ווערט אָנגענומען פֿאַר 112 אָדער 113 גאָלדענע קאָפּיקעס.

געוויסע סאָוויעטישע ציטונגען דרוקן יעדן טאָג די פּרייזן פונעם גאָלד - רובל אין די געלטער פון די פאַרשידענע לענדער. דער אָנשטעל איז, ווי דער גאָלד - רובל וואָלט געווען אַ „מיוחס". ער איז אָבער נישט מער ווי אַ מאָס און איז אַליין גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

גיט מען אייך דערפאַר צוערשט דעם פּרייז אין רובלס און קאָפּיקעס און מען רעכנט דערנאָך אויס, וויפל דאָס באַטרעפט אין אויסלענדישער „וואַליוטע".

דעם אויסגאָב גיט מען אייך אין אייער אייגן געלט, ווייל קיין רוסיש געלט, באַזירט אויף גאָלד, איז דאָך נישטאָ. אָפט פּאַסירט, אַז מען האָט נישט קיין קליין געלט און איר זענט געצוווּנגען צו נעמען אייער אויסגאָב אין סחורה, וואָס איר דאַרפט גאָרנישט. קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ.

פאַרוואָס די „וואַליוטע" - וועלט ווערט געהאַלטן אָפּגעזונ־דערט און קיינער, אויסער די, וואָס האָבן „וואַליוטע", קאָנען אהין נישט אַריינקומען, ווערט אייך קלאָר, ווען איר דערוויסט זיך, מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט די סאָוויעטן־רעגירונג קוקט אַרויס אויף אויסלענדישע געלטער.

געצוווּנגען צו קויפן אין אויסלאַנד מאַשינען און אַנדערע פּראָדוקטן, פאַר וועלכע מען מוז צאָלן מזומנים, זוכט די סאָוויעטן־רעגירונג פון אונטער דער ערד אויסלענדיש געלט.

מען שיקט די בעסטע סחורות קיין אויסלאַנד און מען פאַר־קויפט די בעסטע סחורות צו אויסלענדער ביי זיך אין לאַנד אָדער צו אייגענע בירגער, וואָס האָבן „וואַליוטע".

מיטן אייגענעם געלט קאָן מען קיין חובות אין אויסלאַנד נישט צאָלן. אין אויסלאַנד נעמט מען נישט קיין רוסישע רובלס. ווייל די סאָוויעטן - רעגירונג אויך נישט נעמען קיין רובלס פאַר סחורות באַשטימט פאַר אויסלענדער. האָט מען דערפאַר אַנדערע חשבונות און אַנדערע סחורות פאַר דער אייגענער באַפעלקערונג, וואָס האָט בלויז פּאַפּירענע רובלס.

אַזוי ווי ס'האַנדלט זיך וועגן אַ ממש ווערטלאָזן רובל, גיט מען דעם באַזיצער פון דאָזיקן רובל „ווערטלאָזע" סחורה. אָפט

גיט מען אים אינגאנצן נישט קיין סחורה. עס איז נישטאָ, וואָס אים צו פאַרקויפן.

אויב דאָס מיינט רעדוצירן די באַפעלקערונג צו גויט, אַרט עס, ווי עס ווייזט אויס, קיינעם נישט. די סאָוויעטן־רעגירונג האָט „וויכטיקערע" עסקים און גרעסערע דאגות, ווי צו זאָרגן פאַר די באַדערפעניש פון דער אייגענער באַפעלקערונג. די גרויסע רוסישע מאַסע איז איבערגעלאָזט צו איר אייגענעם גורל...

3

מיט די דאָזיקע צוויי באַזונדערע געלט־ווערטן און געלט־סיס־טעמען אין עקזיסטענץ, איז די סאָוויעטן־רעגירונג אין איין פאַל אין דער ראָלע פון אַ קויפערין און אין דעם צווייטן — פון אַ פאַר־קויפערין.

אין דעם פאַל פון די אויסלענדער איז זי אַ קויפערין פון „וואַליוטע", וואָס איז ביי איר גאָר אַ וויכטיקער אַרטיקל. אַלס קוי־פערין וויים זי, אַז מען קאָן דעם „סוחר" (און דער אויסלענדער איז אין דער בחינה פון סוחר, וואָס פאַרקויפט „וואַליוטע") נישט אינגאַנצן אָפּנאַרן. גיט מן אים דערפאַר אַ גוטן „פּרייז" (אין דער פאָרם פון פּראָדוקטן) פאַר זיין „וואַליוטע־סחורה".

אין דעם פאַל פון די אייגענע בירגער איז די סאָוועטן־רעגי־רונג נישט מער ווי אַ פאַרקויפערין, און דאָ האַנדלט זי שוין ווי אַן אמתע קרעמערקע. מען גיט די ערגסטע סחורה און מען רעכנט די העכסטע פרייזן.

עס איז אָט צוליב דעם, וואָס רוסן, וועלכע זענען פריער מיטן רובל, זוכן אָפּט זייערע רובלס אויסצובייטן אויף „וואַליוטע", ווייל דאָס מיינט אַ געלעגנהייט צו קויפן אין די „טאָרגסין" ־ גע־שעפטן, וווּ מען קאָן קריגן פון אַלץ און פון דאָס בעסטע.

מיט רובלס קאָן מען אַהין נישט אַריינקומען. בייטן רובלס אויף אויסלענדיש געלט איז פאַרבאָטן. דער רובל איז אינגאַנצן נאָר פאַר דער אייגענער באַפעלקערונג און ער קאָן נישט אַרויסגע־פירט ווערן אָדער אַריינגעפירט ווערן פון און אין לאַנד.

קיין אויסלענדער קאָן נישט אויסבייטן זיין געלט אין רובלס,

ווייל די רעגירונג איז פאראינטערעסירט צו קריגן זיין געלט און וויל נישט דערלאזן, אז דאס דאזיקע געלט זיינס זאל אנקומען צו א פריוואט - פערזאן און ער, דער אויסלענדער, זאל פאר די אויסגעביטענע רובלס קאנען זיינע באדערפענישן באקומען אין די רובל־געשעפטן.

דארט וואלט ער מיט ערגערע פראדוקטן, אבער פאר א סך ביליקער — רעכענענדיק אויף זיינע אייגענע געלטער — געקאנט דורכקומען. אין מאנכע פאלן, ווי טראנספארטאציע, וואלט ער ממש א סך געוואונען דערביי.

גייט דערפאר אן אן אומגעזעצלעכער האנדל מיט אויסלענדישע געלטער. אויסלענדער, אדער רוסן, וואס האבן אויסלענדיש געלט, — פארקויפן עס צו די, וואס האבן רובלס.

אויסלענדער ווילן אויסבייטן זייער געלט אויף רובלס, כדי צו כאפן מציאות, און רוסן ווילן אויסבייטן זייערע רובלס אויף „וואליוטע״, כדי צו האבן א געלעגנהייט צו קויפן עפעס אין די מיט כל־טוב־אנגעפילטע „טארגסין״־געשעפטן.

פאר א דאלאר, צום ביישפיל, קאן מען קריגן פון 45 ביז 50 רובל. פאר אזא סומע אין רובלס קאן דער אויסלענדער אפט קריגן א סך מער, ווי פארן דאלאר.

ווען ער האט נאר דאלארן און איז געצוואונגען צו צאלן דאלארן, דעמאלט רעכנט מען אים, לאמיר זאגן, פאר באן־געלט, האטעלן, מאלצייטן און רעסטאראנען, אויפן באזיס פון דאלארן און דאס באטרעפט א גאר הויכע סומע.

אין רובלס זענען די פרייזן אויך הויך אבער אויף דאלארן מאכט עס אויס גאר ביליק.

אט האט איר א ביישפיל:

מ׳רעכנט פאר א צימער אין א גוטן האטעל פון דריי ביז פיר דאלאר א טאג. אויף רובלס קאנט איר דאס זעלבע צימער קריגן פאר א 30—40 רובל, וואס איז לויט דעם פרייז פון דאלאר פון 70 ביז 90 סענט.

אפצועסן א מאלצייט אין א רעסטאראן פון א האטעל דארף אייך קאסטן פון א דאלאר ביז צוויי. אויף רובלס קאנט איר

דעמזעלבן מאַלצייט עסן פאַר 20 ביז 30 רובל, וואָס מיינט פון פערציק ביז פופציק סענט.

פאַרן רוס זענען די דאָזיקע פרייזן ממש אומדערגרייכבאַר. פאַרן אויסלענדער, ספּעציעל פאַר אַמעריקאַנער, זענען זיי בזיל הזול.

עס איז אָט צוליב דעם, וואָס דעם אויסלענדער לוינט זיך צו האָבן רובלס, אין דער צייט וואָס די רעגירונג וויל דווקא, אַז ער זאָל עס נישט האָבן, כּדי ער זאָל נאָר דאַרפן צאָלן מיט „וואַליוטע" און מאַקע צאָלן די העכערע פרייזן.

דאַקעגן ווילן אַ סך רוסן דווקא יאָ האָבן דאָלאַרן, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנען זיי אַריינקומען עפּעס קויפן אין די „וואַ־ליוטע"־געשעפטן.

עס איז אָט צוליב דעם, וואָס עס גייט־אָן אַן אונטערערדישער האַנדל מיט „וואַליוטע". אין אַ סך פאַלן, דערהויפּט ווען אַ רוס בייט ־ אויס רובלס אויף דאָלאַרן, פאַרקוקט מען עס, ווייסנדיק, אַז די דאָזיקע דאָלאַרן וועלן סיי ווי אַריינפאַלן צו דער רעגירונג.

מען וויל אויסדריקלעך נישט, אַז דער אויסלענדער זאָל אויס־בייטן זיין געלט אויף רובלס, ווייל דעמאָלט, אפילו ווען די דאָלאַרן וועלן אַריינפאַלן צו דער רעגירונג, וועט אָבער דער אויסלענדער צוליב דעם אויסגעבן ווייניקער און כאַפּן מציאות, צו וועלכע ער איז נישט באַרעכטיקט. אָבער ווען דער רוס קויפט „וואַליוטע", גייט עס סיי ווי צו דער רעגירונג.

איז מען דערפאַר שטרענג, נישט צו דערלאָזן, אַז אויסלענדער זאָלן אויסבייטן זייער געלט אויף רובלס, אָבער מען גיט דעם אויס־לענדער די פולע „פרייהייט" צו שיקן קרובים און באַקאַנטע „וואַ־ליוטע", אָדער זיי קויפן „ביכלעך" אין „טאָרגסין"־געשעפטן.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער דאָזיקער האַנדל מיט „וואַליוטע' איז פאַרבאָטן, גייט אָן אַ גאַר באַדייטנדער האַנדל באַהאַלטערנערהייט, אָפט גאָר אין דער אָפן, אין און אַרום די טאָרגסין־געשעפטן.

עס זענען שוין דאָ די פאַרמיטלער, דאָס רוב פאַרמיטלערינס, וואָס קויפן און פאַרקויפן דאָלאַרן. זאָל זיך אַן אויסלענדער נאָר

באוויזן אין א טאָרגסין־געשעפט און ער ווערט ארומגערינגלט פון פרויען, וואָס בעטן זיך ביי אים „רחמים״, ער זאָל זיי פארקויפן דאָלארן.

האָט מען נישט קיין אויסלענדער, האַנדלט מען מיט די, וואָס קריגן צוגעשיקט געלט אויפן „טאָרגסין״.

א סך פון זיי קאָנען זיך נישט פארגינען דעם „לוקסוס״ צו עסן די גוטע שפייז פון „טאָרגסין״, אָדער טראָגן די קליידער, וואָס מען קריגט דאָרט. פאַרקויפנדיק די ביכלעך פאר רובלס קאָנען זיי דערנאָך מיט די רובלס קריגן א סך מער עסנווארג, כאָטש א סך ערגערע, און אנדערע ביליקערע און ערגערע פראָדוקטן. זיי קאָנען אויך מיטן געלט זיך בעסער איינקירעווען, ווי זייענדיק צוגעבונדן צום „טאָרגסין״־ביכל.

עס איז דעמאָלט, ווען איר ווערט באקאנט מיט דעם דאָזיקן האַנדל און מיטן טאָפּלטן געלט־סטאַנדאַרט, וואָס איר הויבט־אָן פילן, אז פאר אייך האָט זיך געעפנט די טיר צום רוסישן עקאָנאָמישן לעבן.

פאר מיר איז עס אויך געווען דער אופן, ווי אזוי איך האָב געקריגן די געגארטע רובלס, וואָס האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט אריינצודרינגען אין דער סאַמע טיפעניש פונם רוסישן לעבן.

קאַפּיטל פינף

דער הונגער־לוין פון די רוסישע ארבעטער

1

פרעגט נישט דעם רופא, נאָר דעם חולה, איז אַן אַלטער יידישער כלל, אַן וועלכן איך האָב זיך געהאַלטן פון ערשטן טאָג, וואָס איך בין געקומען קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. איך האָב זיך טאַקע אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די אַלע „פירושים״, „תירוצים״ און סתם דערקלערונגען פון פאַרשידענע קאָמוניסטישע פירער און „ספּעצן״. איך האָב געגנוי שטודירט ציפערן און באריכטן וועגן

דעם גאַנג פון דער סאָוויעטישער עקאָנאָמיק. מיין אויג איז אָבער געווען אויף די אַרבעטער־מאַסן, אין וועמעס נאָמען דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער עקספּערימענט ווערט געמאַכט.

איז עס דערפאַר נישט געווען, וואָס מען האָט מיר דערציילט אָדער וואָס איך האָב געלייענט אין די אָפיציעלע סאָוויעטישע דאָקומענטן וועגן לעבן פון די אַרבעטער, נאָר דאָס, וואָס איך האָב אַליין געזען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אין די אַרבעטער־היימען און וואָס איך האָב געהערט פון די אַרבעטער גופא, וואָס איז ביי מיר געווען אַנטשיידנדיק און איבערצייגנדיק.

איבערלאָזנדיק די פּויערים, וועלכע פאָרמירן דעם איבערוויגנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג, אויף שפּעטער, ווייל איך איצט זיך אָפּשטעלן אויף דער שטאָטישער באַפעלקערונג, פון וועלכער די אַרבעטער זענען דער רוב מנין ורוב בנין. וואָס איז שייך די פּויערים, זאָל דערווייל געזאָגט ווערן, אַז נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט די בלוטיקע אָפּעראַציע פון דער קאָלעקטיוויזאַציע — אַן אָפּעראַציע, פון וועלכער זיי זענען נאָך נישט אינגאַנצן צו זיך געקומען — געפינען זיי זיך אין אַ גאָר באַזונדערער לאַגע.

פאַקטיש אַלע אין סאָוויעטן־לאַנד אַרבעטן איצט, און ס'קאָן שוין מער קיין רייד נישט זיין פון אַזוינע, וואָס ליידן הונגער און נויט נאָר דערפאַר, וואָס זיי אַנטזאָגן זיך צוצופּאַסן צו דער נייער אָרדענונג און די נייע באַדינגונגען.

איך האָב בכלל זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף די, וואָס אַנטזאָגן זיך שלום צו מאַכן מיט דער קאָמוניסטישער אָרדענונג און בענקען נאָך די „אַלטע גוטע צייטן״, אָדער „חלומען״ פון אַן ענדערונג אין דער צוקונפט. איך האָב דאָ אויסדריקלעך אין זינען די „כשרע״ פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין די רעגירונגס - אינדוסטריעס און אונטערנעמונגען, ווייל קיין אַנדערע אינדוסטריעס און אַקטיוויטעטן אויסער די, וואָס זענען אונטערן קאָנטראָל פון דער רעגירונג, זענען שוין אין סאָוויעטן־לאַנד מער נישטאָ.

עס זענען אָט די דאָזיקע אַרבעטער - מאַסן, וועלכע ציילן זיך איצט נאָנט צו צוויי און צוואַנציק מיליאָן און וועמעס אַרבעט־

געבער איז די סאָוויעט־רעגירונג, וואָס לעבן נאָך אין דער גרעס־טער נויט. און די נויט נעמט זיך הויפּטזעכלעך דערפון, וואָס זייער אַרבעט־געבער, די סאָוויעט־רעגירונג, עקספּלואַטירט זיי אויף אַן אמת־„קאַפּיטאַליסטישן" שטייגער; מ'צאָלט זיי אַ לוין, מיט וועלכן עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך צו לעבן, און מ'לאָזט די סאַמע נוי־טיקסטע באַדערפענישן פונם אַרבעטער פאַרן סאַמע לעצטן.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך גענוי באַקאַנט מיטן פּלאָנטער פון די סאָוויעטישע פינאַנסן, מיט דער פּאַקטישער ווערטלאָזיקייט פון רובל, מיטן עקזיסטירנדיקן דאָפּלטן געלט־סטאַנדאַרד און דאַן מיט די אומגעהויערע הויכע פּרייזן אויף לעבנסמיטל און מיט אַלע מינים פּראָדוקטן, האָב איך דערוואָרט, אַז אַן אַרבעטער זאָל לכל הפּחות פאַרדינען אַ פינף הונדערט רובל אַ וואָך. אַפילו מיט אַזאַ סומע וואָלט געווען שווערלעך אויסצוקומען, שוין נישט רעדנ־דיק פון דעם, וואָס אָפּט פּאַסירט, וואָס אויך פאַר געלט קאָן מען נישט קריגן וואָס מען דאַרף און דאָס איז חל אַפילו אויף ברויט און אודאי און אודאי אויף אַזעלכע „לוקסוסן" ווי מילך, פּוטער, פלייש א. אַז. וו.

איך בין דערפאַר געווען געפּלעפט, ממש „שאָקירט", ווען איך האָב זיך דערוווסט, אַז די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער, נישט זייענדיק גלייך, ווי אַלץ אין סאָוויעטן ־ לאַנד איז נישט גלייך, גייט אַרונטער אַזוי נידעריק ווי אַכציק רובל אַ חודש און גייט נישט העכער פון דריי הונדערט רובל אַ חודש. אין אַנבאַטראַכט פון גרויסן יקרות איז אַפילו די העכסטע סומע אַ הונגער־לוין.

די דאָזיקע ציפערן זענען באַשטעטיקט געוואָרן פון באַוווסטע אינזשינערן און „ספּעצן", מיט וועלכע איך האָב געהאַט די גע־לעגנהייט זיך צו באַקענען. אין דורכשניט זענען די פאַרדינסטן פון אַן אַרבעטער נישט מער ווי 1519 רובל אַ יאָר, אָדער הונ־דערט און זעקס און צוואַנציק רובל מיט אַכט און פופציק קאָפּי־קעס אַ חודש.

ווי אַזוי איך קום צו אַזאַ ציפער?

אין זיין איבערבליק איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע אין סאָוויעט־רוסלאַנד פאַרן 17־טן אַל־רוסישן קאָנגרעס פון דער קאָ־

מוניסטישער פּאַרטיי גיט דער סאָוויעטישער דיקטאַטאָר און די דאַזיקע ציפערן.

אמת, די דאָזיקע ציפערן זענען פאַרן יאָר 1933, אָבער זענען פאַרן יאָר פון 1934 נישט געענדערט געוואָרן.

ערשט סוף 1934 איז געקומען די ידיעה, אז צוליב דער ענדערונג, וואָס מען מאַכט מיטן אָנפאַנג פון 1935, דורך דעם וואָס מ'האָט אָפּגעשאַפט די ברויט־קאַרטן, וועלן די שכירות פון די אַרבעטער געהעכערט ווערן אויף 10 פּראָצענט.

די דאָזיקע העכערונג דאַרף אפילו לויט דער אָפיציעלער סאָוויעטישער דערקלערונג נישט זיין מער ווי ,,קאָמפּענסאַציע" פאַר דעם, וואָס מען נעמט אוועק פון די אַרבעטער די פּריווילעגיע צו קריגן ברויט פאַר די ,,האַרטע" רעגירונגס־פּרייזן און מוזן איצט קויפן ברויט פאַר א סך העכערע פּרייזן אין די קאָמערציעלע רעגירונגס־קראָמען.

אין אַנדערע ווערטער מיינט עס, אז די צען פּראָצענט וועלן בלויז דעקן (און דאָס איז נאָך אויך א פראַגע) די העכערע פּרייזן, וואָס דער אַרבעטער וועט איצט דאַרפן צאָלן פאַר ברויט. זיין לעבנס־סטאַנדאַרט וועט זיך אָבער גאָר נישט הויבן א דאַנק דער העכערונג פון לוין.

אין אָנפאַנג 1935 איז אויך געקומען די אָפיציעלע מעלדונג, אז דער ,,דורכשניט" פון דעם אַרבעטערס לוין איז עטוואָס געשטיגן. דאָס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט, אז דער לוין איז פון 80 ביז 300 רובל א חודש און אין דער צייט, וואָס די גאָר גרויסע מערהייט קריגט פון 80 ביז 150 א חודש, קריגט א גאַנץ קליינער צאָל פון 150ביז 300 רובל א חודש.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ: דער לוין, וואָס דער אַרבעטער נעמט, צי דאָס איז אַכציק רובל אָדער דריי הונדערט רובל א חידש, איז בלויז אָפיציעל. אין אמתן קריגט ער מיט א גאַנץ באַדייטנדיקן טייל ווייניקער.

נישט ווייניקער פון צוואַנציק פּראָצענט פון דעם אַרבעטערס פאַרדינסטן, און אָפט גרייכט עס אַזוי הויך ווי פינף און צוואַנציק פּראָצענט, ווערן אַרונטערגענומען פאַר די פאַרשידענע אַזוי גערו־

פענע „פריווילִיקע'' שטערן, ווי פאר רעגירונגס־הלוואות, רעגירונגס־שטייערן, פארטיי־שטייערן און אנדערע מינים שטייערן.

איז עס א וואונדער, וואס רוסישע ארבעטער און זייערע פא־מיליעס מוזן אונטערהונגערן?

2

אוודאי האב איך נישט פארקוקט דעם פאקט, וואס דער לוין, וואס דער ארבעטער קריגט, איז נאך נישט אלץ. צום לוין קומט דעם ארבעטערס עסנווארג, וועלכע ער קריגט אין די קאאפעראַ־טיוון פון זייער פאבריק און די אנדערע פריווילעגיעס, וואס ער האט, ווי למשל, עסן אין דעם פאבריק־רעסטאראן „סטאלאָווקע'' פאר ביליקע פרייזן און קויפן פארשיידענע געברויכס־פראדוקטן אין די געשלאסענע קאאפעראטיווע קראמען.

פאראן גרויסע פאבריקן, וועלכע האבן א גאנץ גוטע פאר־טיילונג פון עסנווארג און אנדערע פראדוקטן. פאראן פאבריקן, וואס האבן גאנץ נישקשהדיקע קיכן, ווו דער ארבעטער דארף נישט בלייבן הונגעריק און קאן אפילו אפט אהיים ברענגען ווייב און קינדער אפצועסן.

עס זענען אויך דא פאבריקן, וואס האבן אייגענע הייזער, ווו זייערע ארבעטער קריגן בעסערע וווינונגען און ווו עס זענען פאראן קינדער־גארטנס פארן ארבעטערס קינדער און אנדערע איינ־ריכטונגען, וואס גיבן דעם ארבעטער א גרעסערע מאס באקוועמ־לעכקייטן און וואס רעדוצירן די קאסטן פון לעבן.

עס איז דעריבער אמת, אז ווען מען רעדט בכלל וועגן דעם לוין פון ארבעטער, מוז מען אויך רעדן וועגן דעם „פאיאק'' זיי־נעם און וועגן די אנדערע פריווילעגיעס, וואס ער האט אין זיין פאבריק.

איצט, אז מ'האט אפגעשאפט די ברויט־קארטן, האט דער ארבעטער פארלארן א גרויסע פריווילעגיע. ער האט נאך אבער א סך אנדערע פריווילעגיעס, וואס קאנען אפגעשאצט ווערן אין רובלס און קאפיקעס.

דער רובל איז, אונטער אזוינע אומשטענדן, אפילו ביים אר־בעטער, „עלאסטיש'' און האט נישט דעם זעלבן ווערט פאר יעדן

איינעם. פאַר איינעם, למשל, איז דער רובֿ פּמעט וווערטלאָז אין פאַר דעם צווייטן האָט ער אַ גאָר באַדייטנדיקן ווערט, ווערליס די פּראָדוקטן, וואָס ער קריגט פאַר די ביליקערע פּרייזן אין די געשלאָסענע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען. איינער קאָן זיין אַ גאַנץ היפשער פאַרדינער און דאָך זיין אַ גרויסער אָרעמאַן, ממש הונגערן, אויב ער מוז אַלע באַדערפעניש קויפן אין די אָפענע קראָמען, וווּ אַלץ איז בראַנד טייער. אַ צווייטער, ווידער, קאָן זיין אַ קלענערער פאַרדינער און דאָך זיין מער ווייניקער באַזאָרגט, וויבאַלד נאָר ער קאָן פאַר זיין געלט קויפן ביליק עסנוואַרג און אַנדערע פּראָדוקטן. ווענדן ווענדעט זיך עס אָבער נישט בלויז אָן דעם שטאַנד פון דעם אַרבעטער — וואָרום אפילו אַרבעטער האָבן פאַרשיידענע שטאַנדן און זענען פאַרטיילט אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס — נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, אָן דער לאַגע און וויכטיקייט פון דער אינדוסטריע אָדער פאַבריק, אין וועלכער דער באַטרעפנדיקער אַרבעטער איז באַשעפטיקט.

אינדוסטריעס, וואָס ווערן פון דער רעגירונג באַטראַכט פאַר וויכטיק און באַצאָלן זיך (וואָרום אפילו אין דעם קאָמוניסטישן רוסלאַנד רעכנט מען זיך מיט די פּראָפיטן פון דער אָדער יענער אינדוסטריע), צאָלן אַ העכערן לוין די אַרבעטער און האָבן אַ בעסערן פאַרטיילונגס־סיסטעם.

בדרך כלל ווענדעט זיך עס אָן דער „שווערקייט" אָדער „לייכטקייט" פון דער אינדוסטריע.

האָבנדיק געלייגט די הויפּט־געוויכט אויף די שווערע אינדוסטריעס, גיט די סאָוויעט־רעגירונג אַכטונג, אַז אין די דאָזיקע אינדוסטריעס זאָלן די אַרבעטער בעסער געצאָלט ווערן און זאָלן זיין באַזאָרגט מיט אַ בעסער פאַרטיילונגס־סיסטעם.

די לייכטערע אינדוסטריעס האָט מען ביז אַהער אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט אַזוי, אַז די אַרבעטער דאָרט קריגן דעם קלענסטן לוין און די קלענסטע „פּאַיאָקן". דאָס רוב גיט מען זיי אינגאַנצן נישט קיין פּריווילעגיעס אין דער פאָרם פון ביליקערע עסנוואַרגן. אין דער צייט פון די ברויט־קאַרטן האָט מען זיי מערסטנס געלאָזט אָן ברויט, צווינגענדיק זיי צו קויפן זייער ברויט אין אָפענע

קראָמען, ווו די פּרייזן זענען הויך און ווו ברויט איז אויך נישט בנמצא.

אָבער אַפילו מיט די דאָזיקע פאַקטן אין זינען טאָר מען נישט מאַכן דעם טעות אָנצונעמען, אַז די אַרבעטער פון אַפילו יענע בעסער־באַצאָלטע און בעסער־באַזאָרגטע אינדוסטריעס לעבט זיך גוט.

פון גאָר גוט קאָן בכלל קיין רייד נישט זיין פאַר רוסישע אַרבעטער אונטער די איצטיקע אומשטענדן. יענע אַרבעטער איז אָבער אַ סך בעסער, ווען מען פאַרגלייכט זייער לאַגע מיט דער לאַגע פון אַנדערע אַרבעטער, פונקט ווי די לאַגע פון די אַרבעטער אין אַלגעמיין איז איצט אַ בעסערע פאַרגלייכנדיק מיט דער לאַגע, ווי זי איז געווען מיט אַ יאָר און צוויי פריער.

די בעסטע „פּאַיאָקן" קריגן די אַזוי גערופענע „אודאַרני־קעס" אָדער „שלאָגלער", וועלכע, אויב עס איז טאַקע אמת, אַז זיי צייכענען זיך בעסער אויס אין דער אַרבעט, זענען אין דער ווירקלעכקייט, ווי אַן אינזשינער פון אַ גרויסער אויטאָמאָביל־פאַבריק האָט זיי פאַר מיר באַצייכנט, „פּאָליטיקער", „קאָך־לעפל" און „שרייער". זיי זענען אויך די־יעניקע, וואָס געניסן תמיד די ערשטע פון די אַלע „גוטיקייטן", מיט וועלכע די פאַבריק קאָן פאַר־זאָרגן אַ געוויסע צאָל פון אירע אַרבעטער.

דאָס סיסטעם אין די פאַבריקן, ווי אין גאַנצן לאַנד, איז אַזאַ, וואָס דאָרטן זענען דאָ „פּריווילעגירטע" און „פאַוואָריטן", צו וועמען עס גייען די העכסטע געהאַלטן, די בעסטע „פּאַיאָקן", די באַקוועמסטע דירות און די בעסטע פאַרזאָרגונג פון די קינדער.

אין די בעסטע און רייכסטע פאַבריקן איז קיינמאָל נישטאָ קיין צו־גרויסע שפע. מען געפינט זיך תמיד צווישן אַ „סורפּלוס" און אַ „דעפיציט", און דאָס וואָס ס'איז דאָ אָוועקצוגעבן צו די אַרבעטער אין עסנוואַרג און פּראָדוקטן צו ביליקערע פּרייזן, דאָס וואָס עס איז דאָ אָוועקצוגעבן אין די פאַבריק־רעסטאָראַנען אָדער אין דער פאָרם פון בעסערע וווינונגען, גייט עס פריער צו די „פּריווילעגירטע".

גאָר צוערשט קומען די דירעקטאָרן, וועלכע זענען תמיד פאַר־

טיינער. דאַן קומען די פּאַרטיי־טוער, וואָס זענען די אויפּפּאַסער־
און די דעה־זאָגער אין די דאָזיקע פאַבריקן. נאָכהער די אינזשי־
נערן און פאַרשיידענע „ספּעצן" און טעכניקער, און נאָכדעם קו־
מען די „אודאַרניקעס" אָדער „שלאָגלער".

צו די מאַסן פּשוטע אַרבעטער האָבן די פּריווילעגיעס פון די
פאַבריקן נאָך כמעט נישט דערגרייכט אָדער דערגרייכט בלויז אין
דער פאָרם פון „שיריים", דאָס וואָס בלייבט איבער פון די פּרי־
ווילעגירטע. זיי קריגן דערפאַר בלויז דאָס, וואָס די רעגירונג פּילט
זיך ממש געצוווּנגען.

דער דורכשניטלעכער אַרבעטער איז דערפאַר אָפּהענגיק
הויפּזעכלעך פון זיינע פאַרדינסטן אין רובלס, כּדי צו דערנערן
זיך און זיין פאַמיליע, און טאַקע דערפאַר איז זיין לעבן אַזאַ טרוי־
עריקס, אַזאַ געדריקטס.

ער איז געצוווּנגען זיך קוואַפּען אויף די פאַרדינסטן פון זיין
פרוי, אָדער אַרויסקוקן אויף דעם, וואָס די קינדער וועלן אַריינ־
ברענגען.

דאָרט ווו די פרוי קאָן נישט אַרבעטן אין פאַבריק און ווו די
קינדער זענען קליין, איז מען אויף גאָר גרויסע צרות.

3

ווען איך האָב גערעדט מיט פירנדיקע קאָמוניסטן און „ספּעצן"
יוענגן אָט דעם טרויעריקן צושטאַנד פון די ברייטע אַרבעטער־
מאַסן, וואָס זיי האָבן בשום אופן נישט געלייקנט (ניי, לייקן, ווען
אַלעס איז אַזוי בולט און קלאָר), האָבן זיי מיר אָבער געגעבן אַ
וואָרנונג:

— האָט אין זינען, אַז די לאַגע אין לאַנד ביז אָט דער
גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט איז געווען אַ סך ערגער. מענטשן
זענען פּשוט אויסגעשטאָרבן פון הונגער. דעם אַרבעטערס לוין איז
געווען נאָך קלענער. אָפּט האָט דער אַרבעטער אינגאַנצן נישט
געקריגן באַצאָלט (אַ זאַך, וואָס טרעפט נאָך איצט אויך, צום באַ־
דויערן). ברויט איז נישט געווען גענוג. וואָס איר זעט, איז שוין אַ
„גן עדן", אַלנפאַלס אַ גרויסע פאַרבעסערונג.

אַ באַקאַנטער יידישער פירער, וועלכער שטייט אין גאָר

נאָנטע פאַרבינדונגען מיט די העכסטע אינסטאַנצן פון דער סאָוויעט־רעגירונג, האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— איר מוזט נעמען אין אַנבאַטראַכט, אַז אַט בלויז מיט אַ קורצער צייט צוריק פלעגט מען אין אָדעס, קיעוו און אפילו מאָסקווע יעדן פרימאָרגן מוזן אַרויסשיקן וועגענער און לאַסט־אויטאָמאָבילן אויפצוקלייבן די קערפּערס פון די, וואָס פלעגן פאַלן טויט פון הונגער. איצט הונגערט מען אפשר נאָך אויך איינטער. אָבער מען שטאַרבט שוין נישט מער פון הונגער בפועל ממש ווי פריער. דאָס איז פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד אַ גרויסע פאַרבעסערונג.

פון אַרבעטער אַליין האָב איך אויך געהערט, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז געווען פריער, איז די לאַגע איצט בעסער.

אַ סך ווילן פון דעם דרינגען, אַז אַלץ גייט איצט צום בע־סערן. פאַראַן אַזוינע וואָס זאָגן, אַז דאָס ערגסטע איז שוין פאַר־איבער און אַז פון איצט אָן און ווייטער קאָן מען דערוואַרטן אַ שטענדיקע, אויב אפילו אַ גאַנץ לאַנגזאַמע, פאַרבעסערונג.

עס איז אַלנפאַלס אויפן גרונט פון אַט דער פאַרבעסערונג, אין פאַרגלייך מיט דעם נאָנטן עבר, וואָס מען פּרובירט באַזירן די נביאות פאַר דער צוקונפט.

פאַראַן אַ סך צווישן פאָלק, וואָס פילן זיך דערמוטיקט פון אַט דער מערקנדיקער פאַרבעסערונג.

— ווער קאָן אָבער היינט רעדן מיט זיכערקייט וועגן דער צוקונפט? — האָט צו מיר געזאָגט אַ „ספּעץ" אין אַ גרויסער פאַ־בריק, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט דער לאַגע אין לאַנד. — די צרה מיט דער קאָמוניסטישער אָרדענונג איז דאָס, וואָס עס איז היינט „כּשר" קאָן מאָרגן זיין „טריפה", און דאָס, וואָס עס איז היינט איינגעוואָרצלט, סטאַביל, קאָן מאָרגן ווערן פאַרניכטעט. אויב עס מערקט זיך אַ פאַרבעסערונג אין דעם עקאָנאָמישן מצב, איז די געפאַר נישט פאַראיבער, אַז מאָרגן זאָלן אין די קאָמוניסטישע קרייזן נישט אָנהויבן בלאָזן נייע ווינטן און עס זאָל נישט באַ־שלאָסן ווערן צו מאַכן נייע עקספּערימענטן, וואָס קאָנען מיינען

נייע מהומות, אַ נייער אויפטרייסל פונם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד.

אָן אַנדערער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ ידען אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אָנגעוויזן אויף דעם ביטערן קאַמף, וואָס גייט אָן צווישן רעכטס און לינקס און וואָס אַפילו סטאַלינען קומט נישט אָן אַזוי לייכט דורכצוזעצן זיין פּאָליטיק.

מען קאָן דעריבער נישט רעדן מיט פולער זיכערקייט, אַז אַלץ וועט שוין גיין „ווי געשמירט", ווען אַפילו דאָס, וואָס „גייט שוין" איצט, האַלט נאָך אַזוי שטאַרק אין אונטערהיינקען.

אָט, למשל, רעדט סטאַלין אין זיין אויבנדערמאָנטן ראַפּאָרט, — און ער רעדט מיט גוואַלדיקער פאַרביטערונג — וועגן די „דומקעפּ" אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס זענען קעגן דער איצטיקער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוויעט־רעגירונג. זיי זענען, למשל, קעגן דעם גאַנצן קרעמערישן גייסט, וואָס עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

זיי וואָלטן געוואָלט אָפּשאַפן דעם האַנדל, וועלכער טראָגט אַזאַ גרויסע ענלעכקייט צום האַנדל אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מיר וועלן לאָזן סטאַלינען אַליין רעדן:

„....איך האָב אין זינען די רייד פון די „לינקע", וואָס האָבן געקריגן אַן אָנהאַלט צווישן אַן אַנדער טייל פון אונזערע אַרבעטער (פּאַרטיי־אַרבעטער), אַז דער סאָוויעט־האַנדל מוז פאַרביטן ווערן אויף עפּעס אַנדערש, אַז עס איז נויטיק צו אָרגאַניזירן אַ דירעקטן אויסטויש פון פּראָדוקטן, אַז געלט דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן גאָר אין גיכן און אַז עס איז נויטיק צו אַנטוויקלען דעם האַנדל, ווייל דער דירעקטער אויסטויש פון פּראָדוקטן איז שוין אויפן שוועל".

סטאַלין באַצייכנט אָט די דאָזיקע רייד פון די „לינקע" אַלס רייד פון „קליינע בורזשויען", וועלכע „שפּילן אין די הענט פונם קאַפּיטאַליסטישן עלעמענט, וועלכער וויל שטערן די אַנטוויקלונג פונם סאָוויעטישן האַנדל".

סטאַלין רופט זיי אָן „דאָן קיכאָטן" און זאָגט, אַז „זיי זענען אַזוי ווייט פון מאַרקסיזם ווי הימל איז פון ערד". סטאַלין באַשטייט, אַז געלט מוז נאָך לאַנג בלייבן אין געברויך און אַז די איצטיקע פאָרמען פון סאָוויעטישן האַנדל מוזן נאָך אָנגעהאַלטן ווערן.

אָבער אַפילו סטאַלין מוז צוגעבן, אַז דאָס, וואָס די דאָזיקע „דאָן קיכאָטן" פאָדערן, געהער צו אַ העכערער פאָרם פון קאָמוניזם, וואָס וועט סוף־כּל־סוף מוזן קומען, אָבער נאָך נישט אַזוי גיך.

ווייזט מען דערפאַר אָן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אויף אָט די־דאָזיקע רייד פון סטאַלינען און מ'פרעגט, אויב ס'וועט טאַקע נישט קומען דערצו, אַז דאָס, וואָס ער, סטאַלין, רופט איצט „דאָן קיכאָטיש" און „אַנטי־מאַרקסיסטיש", וועט אונטערן דרוק פון די „לינקע" נישט געפּשרט ווערן פון אים אַליין, ווי דאָס גאַנצע טראָצקיסטישע פּראָגראַם, וועלכעס ער האָט פריער אַזוי פאַרדאַמט, איז דערנאָך פון אים אַליין גוט־געהייסן געוואָרן!..

וואָס דאָס קאָן מיינען, איז אַ נייע סטאַדיע אין דער קאָמוניסטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אַ נייע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, וואָס וועט אויסרייסן מיט די וואָרצלען דאָס, וואָס עס איז איצט שוין כּלומרשט איינגעפעסטיקט.

עס איז אָט צוליב דעם, וואָס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען דאָ פאַרשיידענע ריכטונגען און וואָס דער קאַמף צווישן רעכט און לינק איז אַ שטענדיקער, וואָס ווייניק רעדן מיט זיכערקייט וועגן היינט און נאָך ווייניקער וועגן מאָרגן, און וואָס מ'לייגט זיך דאָרט נישט קיין פויגעלעך אין בוזים, אַפילו ווען פאַרגלייכנדיק דעם היינט מיטן נעכטן, ועפינט מען גאַנץ באַדייטנדיקע סמנים פון פאַרבעסערונג.

סאָוויעט - רוסלאַנד איז פאַר די רוסן זעלבסט — און דאָ רעדט זיך וועגן די, וואָס פּרובירן נאָך וועגן און מעסטן דערשיינונגען אין דאָרטיקן לעבן — אַ גרויסע רעטעניש. אַ חוץ די פּאַרטיי־לייט, וועלכע זענען דאָס רוב אַליין בלאַנדזשענדיקע און זאָגן איבער נאָר דאָס, וואָס פון קרעמל ווערט דערלויבט געזאָגט

צו ווערן, וואגט דאָרט קיינער נישט צו זאָגן נביאות אָדער רעדן מיט זיכערקייט אפילו וועגן דעם, וואָס מ'זעט שוין מיט די אויגן. אַלע טאַפּן דאָרט אין דער פינסטער און גייען ווי אויף גלאָז.

וואָס איז שייך די גרויסע מאַסע, דעם דורכשניטלעכן מענטש אין גאַס זענען זיי ממש ווי אין „הין־הער־פּלעט'', נישט ווייסנדיק אַליין, צי גייט מען פאָרווערטס צי ריקוועגס, צי איז די פאַרבעסערונג א פּערמאַנענטע אָדער א צייטווייליקע, וואָס וועט פאַרשווינדן ווי א סך אַנדערע דערשיינונגען, וואָס זענען אין משך פון די 18 יאָר באָלשעוויזם אויפגעשווומען און פאַרשוואונדן, ווי דער „נעפּ'', למשל.

סאָוויעט - רוסלאַנד איז נאָך אין א צושטאַנד פון אַנטוויקלונג. דאָס פּערמאַנענטע איז נאָך אַלץ שווער אָנצוטאַפּן, מען קאָן נאָר רעגיסטרירן דאָס, וואָס מען זעט מיטן אויג, וואָס מ'קאָן פילן מיטן הארץ און משיג זיין מיטן שכל.

רעדן וועגן מאָרגן, דער עיקר שפּייזן דעם עולם מיט הבטחות, ווען די לאַווע, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער ווולקאַן האָט ארויסגעשפּיגן, האָט זיך נאָך נישט אָפּגעקילט און האַלט נאָך אין גליען, איז פּשוטע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווי האָט א קאָמוניסטישער טוער אין אַן אינטימען געשפּרעך מיר געזאָגט?

— סאָוויעט - רוסלאַנד איז א שמעלץ - טאָפּ. די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז אין דער בחינה פונם לעגענדארישן אַלכעמיקער, וועלכער האָט געוואָלט פּראָסטע מעטאַלן פאַרוואַנדלען אין גאָלד. מיר ווילן איבערבויען דעם מענטשן. מיר, קאָמוניסטן, גלויבן און זענען איבערצייגט, אַז דאָס וועט זיך אונז איינגעבן. ווער קאָן אָבער געבן א גאַראַנטיע פאַר דעם? פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר נישט קיין ביישפּילן. די צוקונפט שטייט פאַר אונז איינגעהילט אין זיבן שלייערן. מיר קאָנען נאָר מאַכן נאָך גרעסערע אָנשטרענגונגען, ברענגען נאָך גרעסערע קרבנות. קיין וועקסל פאַר דער צוקונפט קאָנען מיר נישט איינלייזן, סיידן איר ווילט, — און ער האָט דערביי מאָדנע א שמייכל געטאָן, — מיר, קאָמוניסטן, זאָלן טאָן, וואָס יענער מגיד, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז

ער האט געהאלטן אין פארזיכערן, אז משיח וועט קומען אין א באשטימטן יאר, באזירנדיק עס אויף געוויסע גמטריות.

— אין אויב איר גלייבט מיר נישט, — האט דער מגיד געזאגט, — דאן קאנט איר מיר אנשטעלן אויף שכירות און איך בלייב ביי אייך אין יענעם יאר. איר וועט איילן זען, אויב איך האב נישט געזאגט קיין אמת!.. מיר פון אונזער זייט בעטן ביי קיינעם קיין „שכירות" נישט. מיר טוען אלץ, וואס מיר קאנען, צו דערנענטערן דעם קאמוניסטישן „קץ" און מיר גלייבן, אז מיר וועלן עס באווייזן. אויב איר גלייבט ווי מיר, וועט איר אין דעם אויך זיין איבערצייגט. אויב איר זענט אבער סקעפטיש, וועלן אייך קיין פארזיכערונגען נישט העלפן. עס איז אינגאנצן א פראגע פון אמונה...

און קעגן אזא דערקלערונג האב איך לחלוטין גארנישט. קעגן וועמען איך האב יא, איז קעגן די, וואס זענען, דאכט זיך, אליין דורכגעווערימטע סקעפטיקער, אבער מאכן דעם אנשטעל, ווען עס קומט צו די געשעענישן אין סאוועט־רוסלאנד, ווי זיי וואלטן געווען געוואלדיקע מאמינים...

קאפיטל זעקס

ווער ס'הונגערט און ווער ס'עסט

1

ס'איז געווען אויף איינעם פון מיינע באזוכן אין די היימען פון ארבעטער. איך האב זיך געפונען ביי א יידישן ארבעטער אין מאלדעוואנקע, וואס איז אמאל געווען באקאנט אלס די ארעמסטע געגנט פון אדעס און איז היינט, ווען גאנץ אדעס, און טאקע אויך דאס גאנצע לאנד, איז איין גרויסע מאלדעוואנקע, בלויז א געוויינלעכער טייל פון שטאט, ווו די באפעלקערונג איז א געמישטע און ווו אלע זענען געשפאנט צום זעלביקן סאוועטישן וואגן, שלעפנדיק דיזעלביקע סאוועטישע משא.

דירדאָזיקע היים, ווי דאָס רוב אַלע אַנדערע אַרבעטער־היימען, איז באַשטאַנען פון איין צימער. צו גרייכן דאָס צימער האָט מען געדאַרפט דורכגיין א האַלב־פינסטערן קאָרידאָר, אָנגעפילט מיט גאָרנישט קיין אָנגענעמע גערוכן, א דאַנק דעם, וואָס דערדאָזיקער קאָרידאָר, אָדער א ווינקל פון אים, האָט אויך געדינט אַלס א שותּפותדיקע קיך, ווו עס זענען געשטאַנען די פּרימוסן (קעראָסין־אויוועלעך), אויף וועלכע די באַלעבאָסטעס קאָכן (ווען זיי האָבן וואָס) זייערע אָרעמע מאָלצייטן.

א גרויסער, שווערער אַלמער, וואָס האָט זיך פון אַלטקייט קוים געהאַלטן אויף די „פיס", האָט דאָס צימער צעטיילט אין צווייען. א פּאָר בעטן און א דריי גרייטע געלעגערס אויף ברייטע הילצערנע בענק, א נישט־געדעקטער טיש מיט עטלעכע בענקלעך, א פּאָר אַלטע קופערטן און אַביסל שמאַטעס און איר האָט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דערדאָזיקער היים.

די פרוי, אויפן אויסקוק שוין אין די פופציקער, מיט א קאָלירטער פּאַטשיילקע איבערן קאָפּ און מיט באָרוועסע פיס אין אַלטע טופליעס, האָט מיטן פאַרטוך אָפּגעווישט א בענקל און אין א טאָן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט איר אָרעמקייט, מיר גע־בעטן זעצן.

— מיינט נישט, אַז ביי אונז אין הויז איז אַלעמאָל געווען אַזאַ אָרעמקייט, — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט. — ביז גאָר נישט לאַנג צוריק געהאַט גאַנץ פיינע מעבל, א קאָמאָד, א וואַנט־זייגער, שטולן און אַפילו א סאָפע.

— און וואָס איז פון דעם געוואָרן? — האָב איך געפרעגט.

די פרוי האָט א טיפן זיפץ געטאָן.

— פאַרקויפט, — האָט זי געזאָגט פאַרשעמט. — מ'האָט עס געמוזט טאָן. ס'האָט געפעלט אויף ברויט.

— און קיין בעלנים אויף אייערע זאַכן האָט נישט גע־פעלט? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— בעלנים? — האָט זי איבערגעחזרט און דערביי ביטער א לאַך געטאָן. — ס'איז גאָר נישטאָ די שמאַטע, אויף וואָס מ'זאָל

קיין בעלנים נישט האָבן. ס׳איז בלויז אַ פראַגע, ווער ס׳האָט די שמאַטע און ווער דאָס געלט.

— אַז די פאַרדינסטן זענען אַזוינע קליינע, — האָט שוין גענומען דאָס וואָרט דער מאַן, וועלכער האָט אויסגעזען נאָך עלטער פון דער פרוי, מיט אַ לאַנג נישט ראַזירט פּנים, מיט אויגן מאַטע און מידע.

איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין יידישן אַרבעטער־קלוב. עס איז געווען אויף מיין אייגענעם פאָרשלאַג, וואָס ער האָט מיך, כּמעט נישט ווילנדיק, געבראַכט צו זיך אין הויז.

— זענען אייער׳ע קליינע פאַרדינסטן ספּעציפיש פאַר אָרעמס?

— האָב איך געוואָלט וויסן, שוין האָבנדיק זיך דערקונדיקט, אַז די אַמאָל רייכע, אפשר רייכסטע שטאָט פון רוסלאַנד איז היינט איינע פון די סאַמע אָרעמסטע.

— אין אַ געוויסן זין יאָ, — האָט דער אַרבעטער, וועמען מיר וועלן באַצייכענען אַלס ז.„ געענטפערט. — דאָס איז אָבער גיכער דערפאַר, וואָס מיר האָבן דאָ בלויז לייכטע אינדוסטריעס, אין וועלכע דאָס געהאַלט פון אַרבעטער איז תּמיד דאָס קלענסטע. אָדעס איז צוליב פיל טעמים פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. מ׳האָט דאָ נישט אַנטוויקלט קיין שווערע אינדוסטריעס. האָבן מיר דערפאַר אַ שטאָט פון גאָלע אָרעמעלייט. אַלע אַרבעטן, אָבער קיינער פאַרדינט נישט גענוג אויף אויסקומעניש.

— פונדעסטוועגן, — פּרוביר איך דעם יידן ציען פאַר דער צונג, — זע איך דאָך אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל זאַטע און גוט־געקליידעטע. איך וויים, למשל, אַז אין דעם האָטעל, וווּ איך האַלט זיך אויף, און דאָס איז אויך דער פאַל מיט די אַנדערע האָטעלן אין שטאָט, וווינען גאָר אַ סך רוסן מיט זייער פאַמיליעס. איך זע זיי עסנדיק פון דאָס בעסטע. איך זע אַפילו, אַז אַ סך קומען צום האָטעל און פאָרן פון דאָרט אַוועק אין אויטאָמאָבילן.

ק.׳ס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. זיין בלאַס פּנים האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען.

— אָט דאָס איז דאָך דאָס אומגליק! — האָט ער אויסגערופן, זיך ממש צעשרייענדיק, ווי ער וואָלט שוין מער זיך נישט געקאָנט

קאָנטראָלירן. — דאָס איז דאָך דער שמאָך און די שאַנד פון אונזער פּראָלעטאַרישער מדינה! יענע עסן און טרינקען און לאָזן זיך וווּל באַקומען און מיר, אַרבעטער, האָבן אַפילו נישט גענוג טרוקן ברויט!

— נישט אַזוי הויך, מיין מאַן! — האָט די פרוי אים פּלוצים איבערגעריסן מיט אַ וואָרנונג. — און ווייסטו שוין דעם פּאַר וועמען דו רעדסט? — און אַנקוקנדיק מיך מיט אַ רחמנות־פּנים, האָט זי דערביי באַמערקט:

— איר וועט מיר, נאַטירלעך, אַנטשולדיקן, פאַרוואָס איך זאָג עס. ס'איז נישט קיין שפּילכל. אַמאָל — נאָר מיט אַ וואָרט זיך אַרויסגעכאַפּט און מ'איז אויף אייביק פאַרלאָרן.

— פאַר מיר דאַרפט איר גאָרנישט מורא האָבן, — האָב איך די פרוי באַרואיקט. — אַלנפאַלס ווייס שוין אייער מאַן, ווער איך בין. מיר האָבן זיך שוין אויפן וועג נענטער באַקאַנט.

— מיר רעדן בכלל נישט וועגן אַזוינע זאַכן, — האָט די פרוי געזאָגט. — וואָס איז דען די פּעולה צו רעדן? מיר וועלן זיך דען צו עפּעס דעררעדן?

ק. האָט אויסגערייניקט דעם האַלז, ווו עפּעס האָט זיך אים גע־האַט געשטעלט. ער איז שוין געווען רואיקער און געלאַסענער. וואַרפנדיק אַ בליק צום טיר, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז קיינער קומט נישט אַריין, האָט ער געערדט אין אַן איינגעהאַל־טענעם טאָן.

— מיר רעדן דאָ נישט, ווייל מיר וואָלטן מיט דעם געוואָלט טאָן אַ „פּעולה", — האָט ער געזאָגט. — שוין אַזאַ כּוונה אַליין וואָלט געווען אַן אומזין. מיר זענען דאָ פּונקט ווי יענער לעגענדאַ־רישער גייסט, וואָס איז פאַרקאָרקעוועט אין אַ פלאַש, וועלכע איז גוט פאַרזיגלט און פון וועלכער דער זיגל קאָן אויפגעריסן ווערן און דער געפאַנגענער גייסט באַפרייט ווערן. נאָר דורך אַ געהיימען שפּרוך. מעגלעך, אַז דערדאָזיקער שפּרוך וועט אַמאָל קומען און מיר, די פאַרקאָרקעוועטע, וועלן קאָנען אַרויס אויף דער פריי, אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם און אויסגלייכן אונזערע ביינער. איצט קאָן אָבער וועגן דעם קיין רייד נישט זיין און אַלץ, וואָס מיר טוען, און וואָס

עס ווילט זיך אָפּט טאָן, נאָר מ׳קאָן עס אַזוי שווער אויספירן, אין זיך ארונטעררעדן פון הארצן.

— און אַ רוסישן ארבעטערס הארץ איז שווער באַלאָדן? — האָב איך אים געוואָלט דערמוטיקן צו רעדן ווייטער.

— אָ, שווער, זייער שווער באַלאָדן, — האָט ק. געזאָגט. — ס׳ווילט זיך אַזוי אויסלאָדן דאָס הארץ. נאָר גיי טו עס, אַז דו ווייסט קיינמאָל נישט, צו וועמען דו רעדסט! אפילו, אַז יענער הויבט שוין אָן רעדן צו דיר און רעדט, דאכט זיך, פאַר פייער און וואַסער, האָסטו מורא עפּעס צו זאָגן, טאָמער וויל ער דיך מיט דעם בלויז ארייַנציִען און בײַ דיר עפּעס אויספּאָמפּען. איר ווייסט דען מיט וועמען איר האָט צו טאָן? פאַר אייגענע קינדער מוז מען זיך אָפּט היטן!

— אָבער איר האָט פריִער גערעדט וועגן דעם, וואָס געוויסע לעבט זיך גאַנץ גוט אין דער צייַט, וואָס די גרויסע מאַסע קוועלט זיך אין נויט, — האָב איך נישט געוואָלט, אַז דער בעל דבר זאָל פאַרקריכן אין אַ זייַט. — איר האָט עס אפילו אָנגערופן שמאַך און שאַנד.

— איך וואָלט עס אויך אָנגערופן פאַרברעכן, — האָט ער מיר אונטערגעכאַפּט היציק, אָבער אייַנגעהאַלטן.

און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער זיך צעלאַזט ווי אַ מיל:

— איר קאָנט נאָך מיינען, אַז דאָס רעדט צו אייַך, חלילה, אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, אָדער אַזוי אַ קעגנער פון דער איצטיקער אָרדענונג? איר דאַרפט מיך, נאַטירלעך, נישט אָננעמען פאַר אַ פּאַרטייִאישן קאָמוניסט בלויז דערפאַר, וואָס איר האָט מיך באַגעגנט אין ארבעטער־קלוב. אַ סך, וואָס גייען אַהין, זענען ווייט פון קאָמוניזם און האָבן בכלל ווייניק סימפּאַטיע מיט דער אָרדענונג. אויב מ׳קומט אַהין איז עס דערפאַר, וואָס עס איז ערגעץ אַנדערש נישטאָ ווו צו גיין. איך בין אָבער אַלנפאַלס נישט פון די פאַרשטעלטע קעגנער. אויב איר ווילט וויסן, בין איך זינט ייִנגלווייַז געווען אין דער באַוועגונג. איך בין אין דער באַוועגונג ארייַנגעצויגן געוואָרן נאָך דעמאָלט, ווען איך בין געווען אַ לערן־ייִנגל בײַ אַ שניידער, טאַקע דאָ אין אָדעס. איך בין געוואָרן אַ פייערדיקער

רעוואָלוציאָנער און בין תּמיד נאָר געקראָכן אין געפאַר. פיל מאָל געווען אַרעסטירט. פיל מאָל געכאַפּט פּאָליציישקע קלעפּ. אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע האָב איך גענומען א פולן אָנטייל. אַפילו אין פייער געווען און שוין געהאַט א וווּנד פון א קויל.

— זינט דער רעוואָלוציע בין איך תּמיד געווען פון די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן כּסדר געאַרבעט דורכצוזעצן די פּלענער און די באַפעלן פון דער סאָוויעט־רעגירונג. איך האָב געאַרבעט אויף אַלע כּלים, אַז אַלץ זאָל קאָנצענטרירט ווערן אין די הענט פון דער מלוכה. פריער האָב איך געהאָלפן פאַרטרייבן די אַלטע שניידער־מייסטערס. די פריערדיקע באַלעבאַטים און עקספּלואַטאַטאָרס זענען געצוווּנגען געוואָרן צו ווערן „קוסטאַרן" (אַזוינע, וואָס אַרבעטן פאַר זיך) אָדער אַריינגיין אין די „אַרטעלן" (קאָאָפּעראַטיוון). גאָר שפּעטער האָט איך מיט אַנדערע זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז מען זאָל אָפּשאַפן די קוסטאַרן און די אַרטעלן און אַלע שניידער זאָלן אַריין אין דער מלוכהשער שניידער־פאַבריק,אָט דאָרט, ווו איך אַרבעט איצט.

— פאַר מיר און א סך אַנדערע איז עס געווען א גרויסע שמחה. מיר האָבן דערגרייכט דאָס, וואָס מ'האָט אונז געזאָגט, און וואָס מיר האָבן געמיינט, וועט מיינען די צענטראַליזאַציע פון דעם שניידער־פאַך און אַז, זייענדיק אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער מלוכה, וועט אונז זיין ווויל און גוט.

— וואָס איז אָבער דער סוף? ערשט איצט זענען מיר אויף צרות. מיר קריגן דעם קלענסטן לוין אין דער צייט, וואָס מען יאָגט פון אונז אַרויס די נשמה צו פּראָדוצירן אַלץ מער. מען צאָלט אונז פון שטיק און וויפל מיר זאָלן זיך די נשמה נישט אַרויסיאָגן, קאָנען מיר קיין גענוג ברויט נישט האָבן. איר ווייסט דאָך שוין די פאַרדינסטן פון א שניידער אין אָט דער מלוכהשער פאַבריק, ווו אַרום פיר טויזנט זענען באַשעפטיקט! קאָן מען מיט א הונדערט אָדער הונדערט און צוואַנציק רובל א חודש, פון וואָס מען נעמט נאָך אַרונטער א גרויסן חלק פאַר די פאַרשיידענע שטייערן, ווי איר וואָלט זאָגן אין אַמעריקע, מאַכן א לעבן?

— אָט זעט איר ווי איך לעב. אַזוי לעבן אַלע אַנדערע, סיידן

זיי האָבן עפּעס אַ זייטיקע פּרנסה, קרובים, וואָס העלפן זיי אַרויס אָדער קינדער, וואָס אַרבעטן!

— און אין דערזעלביקער צייט זענען דאָ אַרבעטער אין אַנדער אינדוסטריעס, וואָס קריגן מער. וואָלט מיך שוין נישט פאַרדראָסן אויף דער אומגלייכהייט אין די פאַרדינסטן פון אַר־בעטער. זענען אָבער פאַראַן „טשינאָווניקעס" פון כּל המינים, רווי־טע־אַרמייער, „גע־פּע־או"־לייט און אַזוי יוצר משרתים און אשר משרתים, וואָס ווערן געקאָרמעט פון דאָס בעסטע און וואָס האָבן אַלע פּריווילעגיעס. וואָלט קיינער נישט געהאַט, וואָלט דער פאַר־דראָס נישט געווען אַזוי גרויס. אין דער אמתן האָב איך די אַלע יאָרן פון הונגער און נויט געדולדיק אַריבערגעטראָגן, גלויבנדיק, אַז קיינער האָט נישט און אַז מיר אַלע טיילן דעמזעלביקן גורל. איצט איז שוין אָבער פאַר אונז אַלעמען קלאָר, אַז עס זענען דאָ אין לאַנד צוויי קלאַסן, דער רעגירנדיקער קלאַס, וואָס האָט פון אַלץ, און דער אַרבעטער - קלאַס, וואָס ווערט עקספּלואַטירט. איז דאָס קאָמוניזם? איז דאָס פאַרוואָס מיר האָבן אַזויפיל בלוט פאַרגאָסן און אַזויפיל צרות אויסגעשטאַנען?

ק. איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זיין פרוי האָט גענומען דאָס וואָרט:

— מ'זאָגט צרות,—האָט זי אָנגעפאַנגען.—שייך צרות! איר זעט אונזערע גרויע קעפּ און צעקאָרטשעטע פּנימער? איר מיינט דאָך אוודאי, אַז מיר זענען זקנים? מיר זענען אינגאַנצן אין די אָנפאַנג פופציקער. מיר האָבן דאָך נאָך אפילו קליינע קינדער!

איך האָב די קינדער טאַקע פריער געהאַט באַמערקט. זיי זע־נען פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון הויז.

— און איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענען אייערע אייניק־לעך, — האָב איך באַמערקט.

— קיין וווּנדער נישט! אַזוי זענען מיר פאַרעלטערט געוואָרן פאַר דער צייט, — האָט די פרוי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.— מיר זענען נישט די איינציקע. אין רוסלאַנד וועט איר איצט אויף שריט און טריט טרעפן יונגע זקנים. מ'איז קראַנק און צעבראָכן. אַ קלייניקייט, אַזויפיל איבערצולעבן!

2

דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון ק.׳ן וועגן דער אומגלייכקייט אין אַ מדינה, וועמעס ערשטער פּרינציפּ האָט געדאַרפט זיין גלייכקייט, הויפּטזעכלעך פאַר אַרבעטער, האָב איך אויך געהערט אויף פאַרשידענע אופנים פון אַ ריי אַנדערע אויף דער גאַנצער ליניע פון אָדעס ביז מינסק.

אין אַ געשפּרעך מיט אַן אינזשיניער, וועלכער איז אַליין פון די פּריווילעגירטע און וועלכער פילט זיך גאַנץ באַקוועם אין דער פּריווילעגירטער פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט, האָב איך דעם ענין אויפגעכאַפּט פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט.

פון דעם דאָזיקן אינזשיניער האָב איך שוין געקריגן אַלע פּרטים וועגן דעם, וואָס ק. האָט באַצייכנט אַלס דער שמאָך און שאַנד פון דעם סאָוויעטישן רוסלאַנד.

— די מלוכה, — האָט ער מיר ערקלערט, וועלנדיק זיין „וויסנשאַפטלעך״, — איז די אָפיציעלע און פּאַקטיש איינציקע אַרבעטגעבערין. זי קאָנטראָלירט אַלע אינדוסטריעס און אונטער־נעמונגען. איז עס בלויז נישט מער ווי פּראַקטישע צוועקמעסיקייט, וואָס מ׳שאַצט אָפּ יעדנס אַרבעט אָדער דינסט לויט איר ריכטיקן ווערט און וואָס מען באַשטימט דעם לוין אויפן באַזיס פון דער דאָזיקער אָפּשאַצונג.

— נישט אַלע אַרבעטער זענען גלייך אין זייער אַרבעטס־קראַפט און זייער פּראָדוקציע־פעאיקייט. נישט אַלע אַרבעטן אין אינדוסטריעס, וואָס האָבן דעם זעלביקן ווערט. איינער אַרבעט שווע־רער און אַ צווייטער — לייכטער, איינער איז פלינקער און דער צווייטער איז לאַנגזאַמער, איינער איז אַ גוטער בעל־מלאכה און דער צווייטער אַ „פּאַרטאַטש״. צאָלט מען יעדן לויט דעם, וואָס זיין אַרבעט איז ווערט און לויט דעם, וואָס ער פּראָדוצירט. עס איז דערפאַר, וואָס איר האָט אַזאַ פאַרשידנאַרטיקייט אין די פאַר־דינסטן פון די אַרבעטער — פון 60 און ווייניקער רובל אַ חודש ביז 300 רובל אַ חודש.

— דאָס שמעקט דאָך אָבער מיט קאַפּיטאַליזם, — האָב

איך דעם אינזשינער אונטערגעבראכן. — אזוי שאצט מען דאך דעם ווערט פון ארבעטער אין קאפיטאליסטישע לענדער, מיטן צוגאב, וואס דארט עקספלואטירט מען אים נישט אזויפיל ווי ביי אייך, ווארום ווי ווייניק אן ארבעטער קריגט אין די קאפיטאליס־טישע לענדער, האט ער דאך א סך מער ווי אן ארבעטער אין סאָ־וויעט־רוסלאנד.

— וועגן דעם וועל איך מיט אייך נישט דיסקוטירן, — האט דער אינזשיניער א מאך געטאן מיט דער האנט. — איך וויל אייך בלויז קלאר מאכן דאס סאוויעטישע סיסטעם, ווי עס ארבעט.

— און פאר דעם בין איך אייך טאקע דאנקבאר, — האב איך אים געוואלט צוגעבן מוט.

— דאס איז בנוגע געוויינלעכע ארבעטער,—האט ער פארט־געזעצט. — איצט קומען די „ספעצן”, די טעכניקער, די אינזשי־ניערן, וועלכע האבן פאר דער רעגירונג, די ארבעטגעבערין, ווי איך וועט אליין מוזן צוגעבן, א גרעסערן ווערט און דערפאר קריגן זיי שוין א סך מער באצאלט — פון דריי ביז זעקס הונדערט רובל א חודש, א חוץ די פריווילעגיעס אין דער פארם פון מער עסנווארג און מער פאבריצירטע פראדוקטן. זיי קריגן אויך בעסערע מאָל־צייטן אין די „סטאלאוועס” (רעסטאראנען) פון די פאבריקן און זיי קריגן אויך אנדערע סארטן באלוינונגען, וואס מאכט זייער לעבן א סך לייכטער ווי פון די ארבעטער. זיי קריגן אויך ספע־ציעלע ארבעטן, וואס העכערט זייער איינקונפט אויף צוויי און דריי הונדערט רובל א חודש, רופט עס צוויי־ערליי שטעלעס.

— און דאס רעדט זיך אלץ וועגן די, וואס ארבעטן אויף דעם אדער יענעם אופן אין די סאוויעטישע אינדוסטריעס און געשעפטס־אונטערנעמונגען? — האב איך געוואלט זיין זיכער.

— עס איז פאראן אויך אן אנדער מין אנגעשטעלטע אין די דאזיקע אינדוסטריעס און געשעפטס־אונטערנעמונגען, — האט דער אינזשיניער שוין גערעדט, ווי מ׳וואלט אים געשלעפט ביי דער צונג. — דאס זענען די פארטיי־לייט, וואס זענען פארבונדן מיט יעדער פאבריק און אונטערנעמונג.

— און וואס טוען זיי? — האב איך געוואלט וויסן.

— זיי זענען די בעלי־דעה, די דירעקטאָרן און די אויפפּאַ־סער, — האָט ער געזאָגט. — זיי קריגן די העכסטע געהאַלטן און האָבן די בעסטע פּריווילעגיעס. זיי זענען די אמתע באַלע־באַטים.

— און אַרבעט האָבן זיי מסתמא גאַנץ ווייניק, ווי באַלע־באַטים, געוויינלעך? — האָב איך פּרובירט אַריינזאָגן.

— וועגן דעם וועלן מיר נישט רעדן. איר וועט עס אַליין דאַרפן אויסגעפינען און אורטיילן, — האָט דער אינזשיניער גע־זאָגט.

— און דאָס אַלץ וועגן די אינדוסטריעס און געשעפטן. ווי קומען די אַנדערע פּריווילעגירטע?

אויף דעם האָב איך באַקומען אַ לאַנגן ענטפער, פון וועלכן דער תמצית איז ווי פאָלגט:

אין דער ערשטער ריי קומט די פּאָליטישע פּאָליציי (גע־פּע־או) און די אַרמיי. די הויפּט־פּריווילעגירטע זענען די אָפיצירן, לויט זייערע פאַרשידענע ראַנגעס, מיט די געוויינלעכע זעלנער גאָר צו לעצט, כאָטש די לאַגע פון די פּראָסטע זעלנער אין פאַרגלייך מיטן געוויינלעכן אַרבעטער איז אויך זייער אַ גוטע. דאַן קומען די אַלע אַנדערע, וואָס דינען דער רעגירונג דירעקט.

אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָן האָט מיר אָנגעגעבן די ציפער פון די, וואָס אַרבעטן דירעקט פאַר דער רעגירונג, אַלס צען מיליאָן, וואָס מיינט, אַז אַט די דאָזיקע צען מיליאָן, לויט זייערע פאַר־שידענע קאַטעגאָריעס און געהאַלטן, לעבט זיך גוט.

צוזאַמען מיט די אַנדערע פּריווילעגירטע אין די אינדוסטריעס, אין די קאָלכאָזן און סאָווכאָזן (די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטער־נעמונגען פון דער רעגירונג) און מיט די, וואָס האָבן צו טאָן מיט די לערן־אַנשטאַלטן, אונטערהאַלט־אַנשטאַלטן און אַזוי ווייטער, שטעלן זיי צוזאַמען אַ גאַנץ היפּשן טייל פון דער באַפעלקערונג, אפשר גאַנצע 20 פּראָצענט.

די אַלע איבעריקע אַכציק פּראָצ., וועלכע שטעלן צוזאַמען די שטאָטישע אַרבעטער און די אַרבעטער אויף די קאָלכאָזן און די סאָווכאָזן, לעבן אין אָרעמקייט און נויט.

רעדט מען וועגן פּריווילעגיעס און פּריווילעגירטע, מוז געזאָגט ווערן, אַז די גרעסטע „פּריווילעגיע" איז צו זיין אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

נישט אומזיסט גייט אַרום אַ ווערטל צווישן יידן, אַז „פּאַרפּאַס" (פּאַרטיי ־ פּאַספּאָרט, דאָס ביכל, וואָס ווייזט, אַז מען איז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) מיינט — „פּרנסה־פּאַספּאָרט".

עס איז אַ פּרנסה־זאַך... אויב איינער איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד, איז ער שוין פאַר דעם זכות אַליין באַזאָרגט מיט פּרנסה.

אַ פּאַרטיי ־ מיטגליד וועט נישט נאָר קריגן די בעסטע שטעלע, נישט רעכענענדיק זיך מיט די פעאיקייטן, נאָר וועט אפילו פאַר דיזעלביקע אַרבעט, פאַר וועלכע אַ נישט־פּאַטיקער קריגט קוים די נשמה צו דערהאַלטן, באַקומען אַ פיל העכערן לוין און דערצו פּריווילעגיעס, פון וועלכע דער נישט ־ פּאַרטיינער קאָן אפילו נישט חלומען.

איך האָב אין מאָסקווע, למשל, געהאַט אַזאַ ביישפּיל פון צוויי ציימונגס ־ שרייבער, איינער נישט קיין פּאַרטיי ־ מיטגליד און דער צווייטער אַ כשרער קאָמוניסט. ביידע טוען כמעט דיזעלביקע אַרבעט. דער נישט ־ פּאַרטיינער קריגט פיר הונדערט רובל אַ חודש און האָט דערביי, פּאַקטיש, קיין שום פּריווילעגיעס, וואָס מיינט, אַז ער איז געצוואונגען צו קויפן אַלע זיינע באַדערפענישן אין אָפענעם מאַרק, קאָן ער מיט זיין געהאַלט קוים אויסקומען. דער פּאַרטיי־מיטגליד אָבער קריגט אַ געהאַלט פון פינף הונדערט רובל אַ חודש, אָבער דער עיקר איז דאָ נישט דאָס געהאַלט, נאָר דער „פּאַיאָק", וואָס גייט אַלס צוגאָב צו זיין געהאַלט און וואָס איז די פּריווילעגיע, וואָס ער האָט אַלס קאָמוניסט.

ער האָט מיר גראָד געוויזן זיין ביכל, און דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזען, האָט מיך איבערצייגט, אַז ער קאָן זיך לעבן גאַנץ באַקוועם.

די איינציקע צרה איז נאָר, וואָס נישט אַלעמאָל קריגט ער

דאָס, צו וואָס ער איז באַרעכטיקט. ער קריגט נישט קיין פלייש, למשל, ווען ער וויל, נאָר ווען עס איז דאָ, און עס קאָן פּאַסירן, אַז עס זאָל אַוועק אַ גאַנצער חודש און ער זאָל קיין לויט פלייש נישט קריגן. דאָסזעלבע איז מיט מילך, פּוטער, קעז א. אַז. וו. אָבער מיטן געהאַלט, וואָס ער קריגט און מיט דעם, וואָס ער קריגט, אין דורכשניט, אין די געשלאָסענע רעגירונגס - קראָמען, איז זיין לעבן אַ „קייזערלעכעס" אין פאַרגלייך מיטן לעבן פון זיין קאָלעגע, דעם נישט־פּאַרטיינעם.

אין דער צייט, וואָס דער פּאַרטיינער קלאָגט זיך אָפט, וואָס ער האָט יענעם טאָג נישט געקאָנט קריגן דאָס פלייש, צו וואָס ער איז באַרעכטיקט, אָדער די פּוטער און פיש, חלומט נאָך דער נישט־פּאַרטיינער פון עסן אַ שטיקל הערינג.

רעדנדיק מיט אים וועגן דער אַלגעמיינער, ווי אויך זיין אייגענער, עקאָנאָמישער לאַגע, האָט ער צו מיר אין תמימות אַ זאָג־געטאָן מיט די דאָזיקע ווערטער:

— די לאַגע איז איצט גאָרנישט בערך בעסער געוואָרן. מען קאָן זיך שוין אפילו פאַרגינען צו באַשמירן דאָס ברויט מיט פּו־טער, טאַקע זייער דין, אָבער שוין געגונג, אַז מען זאָל פילן דעם טעם פון פּוטער. און נאָך מער, מיר פאַרגינען זיך שוין אָפט, ווען מען קריגט עס נאָר, אַ שטיקל הערינג, כּדי מ'זאָל האָבן אַפּעטיט צום ברויט מיטן פּוטער. פאַרשטייט איר שוין, ווי די לאַגע האָט זיך געבעסערט?

ביים נישט - פּאַרטיינעם האָט זיך צעגאָסן אַ צופרידענער שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט אפילו נישט געפילט די איראָניע פון זיינע אייגענע ווערטער.

מיר האָט עס אָבער פאַרדריקט ביים האַרצן און ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי מיר וועגן דער לאַגע און די פאַר־דינסטן פון צייטונגס - שרייבער אין אַמעריקע, האָב איך פּשוט נישט געהאַט דאָס האַרץ אים עס איבערצוגעבן. ער וואָלט געזען דעם גרויסן תהום, וואָס ליגט צווישן אים און אונז.

אַנשטאָט דעם האָב איך אים „געטרייסט" דערמיט, וואָס אין אַמעריקע איז אין דער צייטונגס־וועלט, ווי אין אַלע אַנדערע אונ־

טערנעמונגען, אויך נישט פויגלדיק און אז עס איז דאָ אַ סך אַר־בעטלאָזע שרייבער.

דאָס איז אייגנטלעך, מיט וואָס מען „קוויקט" זיך אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד, און עס איז פּשוט אַ „רחמנות" ווי שטאַרק גע־פּלעפט מען ווערט דאָרט, ווען מען גיט איבער וועגן דער שטיצע, וואָס די אַרבעטלאָזע אין אַמעריקע קריגן.

— אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מען שטאַרבט פון הונגער אין די גאַסן, — הערט איר אָפט אַ באַמערקונג.

רעדנדיק צום פּאַרטייִנעם האָב איך זיך נישט געקאָנט איינ־האַלטן און געפרעגט:

— און ווי קאָנט איר דולדן אַזאַ סיסטעם, וואָס גיט אייך פּריווילעגיעס, קענטיק פאַר נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דאָס, וואָס איר געהערט צו דער פּאַרטיי? איז דאָס אידעאַליזם?

יענער האָט אַ קרים געטאָן מיט דער נאָז און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס וואָלט איר בעסער געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַלע גלייך שטאַרבן פון הונגער?

און אַ ווײַלע נאָכטראַכטנדיק האָט ער צוגעגעבן:

— אגב האָט שוין חבר סטאַלין פאַרענטפערט אייער פראַגע.

ווי אַזוי „חבר" סטאַלין האָט די פראַגע „פאַרענטפערט", האָב איך זיך דערוווּסט איבערלייענענדיק זיין ראַפּאָרט פאַרן 17־טן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָנגרעס.

סטאַלין, ווען מען די דאָזיקע פראַגע מאַטערט, פּרובירט ווי אַ „פּוסק אחרון" אַרויסגעבן אַ „הכשר" אויף אומגלייכהייט, וועל־כע איז אפשר דער באַזיס פון זיין גאַנצער דיקטאַטאָרישער מאַכט. שאַפנדיק אַ סיסטעם פון „פּאַוואָריטיזם" קאָן מען זיין זיכער מיט דער טרייהייט פון די, וואָס קריגן די פּריווילעגיעס. אויב צווישן די דאָזיקע „פאַוואָריטן" גייען נאָך אַריין די אַרמיי און די „גע־פּע־אוּ", מעג מען זיך אודאי פילן זיכער. די געקריוודעטע מאַסן וועלן שוין קיין קאָפּ נישט קאָנען הויבן און נישט וואָגן אַ פּיפּס טאָן.

אינטערעסאַנט איז אָבער, ווי סטאַלין פּרובירט אין דאָזיקן ראַפּאָרט באַזירן זיין „הכשר" אויף אומגלייכהייט אויף ציטאַטן

פון מאַרקס, ענגעלס און לענין, וואָס, לויט ווי מיר דאַכט, באַציען זיי זיך גאָרנישט אויף עקאָנאָמישער אומגלייכהייט — אויף דעם „רעכט" צו לאָזן די מאַסן אין דחקות און געבן „פּאַוואָריטן" פון „כּל טוב" — נאָר אויף גייסטיקער אומגלייכהייט, אויף דעם. וואָס מענטשן קאָנען אפילו אונטער אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם נישט זיין גלייך.

סטאַלין וויל אָבער דוקא „באַווייזן", אַז דאָס מיינט אומגלייכהייט" אין אַן עקאָנאָמישן זין, רעכטפאַרטיקנדיק אַזוינס, וואָס קאָמוניסטן וואָלטן אייגנטלעך קיינמאָל נישט געדאַרפט רעכטפאַרטיקן.

אַנשטאָט צו דיסקוטירן וועגן דעם מיט מיין קאָמוניסטישן קאָלעגע, האָב איך בעסער געוואָלט הערן, אויף וואָס דער נישט־פּאַרטיינער באַזירט זיין אָפּטימיזם.

— זעט איר טאַקע דאָס אָנקומען פון בעסערע צייטן? — האָב איך אים געפרעגט.

— אָט קוקט זיך צו צו די גרויסע צאָל אָפענע געשעפטן און די גרעסערע מאָס פּראָדוקטן, וואָס איר זעט דאָרט, און איר וועט אַליין קאָנען אורטיילן.

געוואָלט האָב איך אָבער הערן, ווי דער דאָזיקער קאָלעגע מיינער רעאַגירט אויף דער אומגלייכהייט, וואָס עקזיסטירט אין לאַנד.

— וואָס איז דאָ וועגן דעם צו רעדן? — האָט ער באַמערקט. — איז דען דאָס די איינציקע מכּה, פון וואָס מיר ליידן דאָ? אודאי ליידן מיר פון אומגלייכהייט, פונקט ווי מיר ליידן פון גרויסן דוחק אויף טויזנט און איינע באַדערפעניש. האָבן מיר שוין דען בכלל קאָמוניזם אין לאַנד? מיר זענען נאָך ווייט פון קאָמוניזם, ווי הימל פון ערד, און דערפאַר לוינט זיך גאָרנישט צו גריבלען אין אַזעלכע פּראָבלעמען...

און קענטיק, כאַפּנדיק שוין אַליין די איראָניע פון זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי אין שפּאַס:

— זאָגט מיר בעסער, ווו איך קאָן קריגן אַ גוטן הערינג און איך וועל פאַרן מאָמענט מוחל זיין, וואָס אימיצער פון אונזערע

באַזאָרגער און דעה־זאָגער זיצט זיך בײַ אַ גוטער פלאַש װײַן און פאַרבײַסט מיט טײַערן „קאָלבאַס" (װורשט) אָדער גאָר מיט אַ געבראָטן הינדל... דער עיקר זײ זאָלן פאַר אונז עפּעס אויך אײַ־בערלאָזן...

— טוען זײ עס אָבער? — האָב איך געװאָלט הערן זײַן מײי־נונג.

— איך האָב אײַך שוין מײַנס געזאָגט. דאָס איבעריקע גע־פינט אַלײן אויס! — און ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט.

קאַפּיטל זיבן

קראַמען און קרעמערישקײט

1

— װאָס זאָגט איר װעגן אונזערע דערגרײכונגען?

— האָט איר זיך שוין באַקענט מיט אונזערע גרויסע אויפ־טועכצן?

מיט די דאָזיקע פראַגן האָבן זיך צו מיר אָפט געװענדעט קאָ־מוניסטן און סימפּאַטיקער, האָבנדיק מיט דעם אין זינען נישט בלויז די פאַבריקן, עלעקטרישע סטאַציעס און אַנדערע גרויסע אונ־טערנעמונגען, װאָס האָבן פאַרװאַנדלט אָדער האַלטן אין פאַרװאַנד־לען סאָװיעט ־ רוסלאַנד אין אַן אינדוסטריעל לאַנד, נאָר אויך די נײַע „שפע", װאָס האָט זיך כמעט פּלוצלינג באַװיזן אין די סאָ־װיעטישע קראָמען פון פאַרשידענע מינים און װאָס האָבן געגעבן אַ נײַ פּנים די גרעסערע שטעט און אַרײַנגעגעבן דאָרט אַ נײַ לעבן.

רעדן מיט אויטאָריטעט װעגן דעם, װאָס איך האָב געזען פון די סאָװיעטישע אינדוסטריעס, — און איך האָב געזען גאָר אַ סך, אײַנשליסנדיק דניעפּראָסטראָי און אַ סך פון די גרויסע „זאַװאָדן" אין מאָסקװע, לענינגראַד און אַנדערע שטעט, — װאָלט געװען אַן אומרעכט. דערצו װאָלט זיך געפאָדערט אמת־פאַכמענישע קענט־שאַפט. אַלץ, װאָס איך האָב געקאָנט טאָן, איז צו פאַרגלײַכן דאָס, װאָס איך האָב געזען אין ענלעכע פאַבריקן אין אַמעריקע. פאַר װי

ווייט איך וואָלט געקאָנט אורטיילן — און אינזשינערן, מיט וועל־כע איך האָב גערעדט האָבן עס באַשטעטיקט, — איז דער חילוק, ווי טאָג צו נאַכט, סיי אין דער מאַשינעריע, סיי אין דעם מענטשן־מאַטעריאַל, שוין נישט רעדנדיק פון דער פּראָדוקציע און דער קוואַ־ליטעט פון די פּראָדוקטן.

אפילו דער „פּליים" פון די אַרבעטער און אַרבעטערינס איז גאָר אַן אַנדערער.

אַנדערש איז שוין אָבער וועגן די סאָוועטישע קראָמען פון אַלע מינים, וועלכע רייסן אויף די אויגן מיט זייערע שילדן, אויסגע־פּוצטע שוי־פענסטער און כמעט אַמעריקאַנישע באַלייכטונג. איר האָט זיי איצט אין גאָר אַ גרויסער צאָל אין די גרויסע שטעט און איר זעט זיי אויך אין אַ באַגרענעצטער מאָס אין די קלענערע שטעט.

דאָס איז שוין אַן ענין, וואָס איר זעט נישט בלויז אויף אַ קורצן באַזוך, ווי אין אַ פאַבריק, נאָר איר האָט זיי פאַר די אויגן כמעט די גאַנצע צייט, וואָס איר האַלט זיך אויף אין לאַנד. איר זעט די סחורות, וואָס מען פאַרקויפט, די פּרייזן, וואָס מען רעכנט פאַר די דאָזיקע סחורות, ווי מען פאַרקויפט זיי, ווער עס פאַרקויפט זיי און דער עיקר, ווער עס קויפט זיי און ווי מען קויפט זיי.

אויב איר ווילט, האָט איר אין די דאָזיקע קראָמען דעם גאַנצן פּולס פונם רוסישן לעבן און אַ קלאָרע אָפּשפּיגלונג פון אַלץ, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אין איר אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, אין איר דראַנג צום נייעם לעבן, וועגן וועלכן מען הערט דאָרט נישט אויף צו רעדן, אַז עס האַלט אין קומען.

די דאָזיקע קראָמען זענען פאַקטיש אַ נייע דערשיינונג אין סאָוועט - רוסלאַנד. מען האָט זיי ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק נישט געזען אַזויפיל אין צאָל און זיי זענען אויך נישט געווען אַזוי באַלאָדן מיט סחורות, ווי איצט. אויסגעפּוצט זענען זיי אודאי נישט געווען, ווי איצט. אויסערלעכער פּוץ און גלאַנץ זענען בכלל אַ נייע דערשיינונג אין סאָוועטן־לאַנד.

דאַרף עס דערפאַר הייסן, ווי אַ קאָמוניסטישער טוער האָט מיר דערקלערט:

— אז דאָס איז דער אָנפאַנג פון דער „פּראָספּעריטי״, זיך צו באַנוצן מיט אַן אַמעריקאַנער אויסדרוק, וועגן וועלכער מיר האָבן די גאַנצע צייט געדערט און וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין צוזאָגן. דאָס זענען די ערשטע רעזולטאַטן פון דעם צווייטן פינף־יאָר־פּלאַן. וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל צו פּראָדוצירן א גרע־סערע צאָל געברויך - פּראָדוקטן און נישט ווי אין ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן, ווען די הויפּט־געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער שווער - אינדוסטריע, — און כּדי מיר מער מסביר צו זיין, וואָס ער האָט אין זינען, האָט ער מוסיף געווען:

— מיר האָבן איצט שוין א גאַנץ היפּשע שפע אויף אַלערליי געברויכס - פּראָדוקטן און מיר גיבן זיי דירעקט צום פאָלק. מיר האַלטן שוין מער נישט די מערסטע געברויכס־פּראָדוקטן אין גע־שלאָסענע קראָמען, ווו בלויז פּריווילעגירטע קאָנען זיי באַקומען פאַר ספּעציעלע פּרייזן. מיר פאַרקויפן זיי אין אָפענע געשעפטן, און באַנוצן אפילו אַלע מיטלען, כּדי דעם ברייטן עולם צוצוציען, אז ער זאָל קומען קויפן.

אז מען באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען דעם ברייטן עולם צו־צוציען, באַמערקט מען באַלד. מען באַמערקט אויך באַלד, אז די וועגן און מיטלען, וואָס ווערן דערביי באַנוצט, זענען גאָר נישט קיין קאָמוניסטישע, ווי אימיצער וואָלט געקאָנט מיינען, נאָר אמת־קאַפּיטאַליסטישע. איך וואָלט זיי אפילו גערופן קרעמערישע.

אָט, למשל, וועט איר זען אין די שוי־פענסטער סחורה, וואָס אין קראָם איז נישטאָ, אָדער וואָס מען וויל אייך גאָר נישט פאַר־קויפן.

איך בין אין קיעוו אריין אין א קראָם מיט א באַקאַנטער פרוי, וואָס האָט געוואָלט קויפן געשיר. אין שוי־פענסטער איז געווען אויסגעשטעלט א פיינער סערוויז, וואָס איז יענער פרוי שטאַרק גע־פעלן געוואָרן און אויף וועלכן פאַרביי־גייער האָבן זיך שטענדיק אָפּגעשטעלט קוקן.

איך גלויב נישט, אויב די דאָזיקע פרוי האָט געהאַט דאָס געלט צו קויפן אזא סערוויז. דער פּרייז וואָלט זיכער געווען א גע־וואַלטיק הויכער. אָבער ווי דער שטייגער פון פרויען אין אַלע לענ־

דער און אזוי אויך אין סאָוויעט - רוסלאַנד (די מענטשלעכע נאַ־טור האָט זיך דאָרט נאָך אויף א האָר נישט געביטן), האָט די דערמאָנטע פרוי אויך חשק געהאַט אויסצוגעפינען מער וועגן דאָזיקן סערוויז און מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט עס געוואָלט ויפֿן.

מען האָט איר אָבער באַלד דערקלערט, אַז דער סערוויז איז נישט צום פאַרקויפֿן. אלא צוליב וואָס שטייט ער אין פענסטער? אָט גלאַט אַזוי! צוצוציען די פאַרבייגייער און זיי אונטערצוגעבן חשק אַריינצוקומען אין קראָם אַריין.

אַזעלכע דערשיינונגען זעט איר אויף שריט און טריט. מען שטעלט אַרויס אין פענסטער קאָסטבאַרע חפצים, וואָס זענען דאָס רוב פון די נאָך פאַרבליבענע באַלעבאַטישקייטן פון די אַמאָליקע רייכע הייזער, כּדי זיך מיט זיי אויסצופּוצן סיי פאַר אייגענע און סיי פאַר פרעמדע.

אַן אַנדער כּוונה דערביי, ווי מען האָט מיר געגעבן צו פאַר־שטיין — און אָן וואָס איך האָב זיך שוין אַליין געהאַט אָנגע־שטויסן — איז צו געבן דערמיט אַן איינדרוק פון עשירות.

מען וויל מיט דעם אויך פאַרשיינען די אָרעמע און ביליקע סחורות, וואָס מען האָט צו פאַרקויפֿן צום עולם. עס שטעקט אין דעם א סוחרישקייט, וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן מיט אַלץ, וואָס ווערט אויפֿן דאָזיקן געביט געטאָן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

2

כאָטש די קראָמען דאַרפֿן זיין א צייכן פון דער נייער שפע, זענען זיי אָבער ווייט נישט גלייך צעטיילט לויט דער באַפעלקערונג פון די שטעט און די באַדערפֿעענישן פון די דאָזיקע שטעט.

מאָסקווע, למשל, האָט די גרעסטע צאָל און די שענסטע גע־שעפטן. נאָך מאָסקווע קומט לענינגראַד, דאַן קיעוו און מיט די אַנדערע שטעט און שטעטלעך זיך נאָכשלעפנדיק גאָר ווייט פון הינטן.

דאָס ווייזט נאַטירלעך, אַז די סאָוויעט־רעגירונג האָט נאָך

וווּט נישט געווען אַפּילו פון די ביליקע סחורות, וואָס ווערן פאַרקויפט אין די דאָזיקע קראָמען, און מוז ווי ביז אַהער נאָך אַלץ ווייזן „פאַוואָריטיזם“ (און אין דעם פאַל ווייזט מען „פאַוואָריטיזם“ צו גאַנצע שטעט).

פון דער צווייטער זייט ווייזט עס אויך, אַז מיט די דאָזיקע קראָמען, ווי מיט זייערע אויסגעפּוצטע שוי־פענסטער און בלענדנדיק - באַלויכטענע שילדן און אַריינגאַנגען, וויל מען מאַכן דעם אָנשטעל פון אויפגעקומענקייט און וואַקסנדיקער שפע. מיט דעם האָט מען אין זינען נישט נאָר דער אייגענער באַפעלקערונג, וועלכע איז שוין מיד פון לאַנגע יאָרן דחקות און נויט, נאָר אויך און הויפּטזעכלעך די פרעמדע, פאַר וועמען מען וויל זיך אַרויסווייזן אין דעם בעסטן ליכט. קאָנצענטרירט מען אַלע כּוחות אויף די הויפּט־שטעט, ווו פרעמדע קומען און אויף וועלכע אייגענע האַלטן אַן אויג, און מען פאַרנאַכלעסיקט די אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד, וועלכע זענען נאָך אַלץ געצווונגען צו וואַרטן אויף די „בעסערע“ צייטן, וואָס וועלן ערשט דאַרפן קומען.

אויף ווי ווייט די עקזיסטירנדיקע געשעפטן קאָנען נישט באַזאָרגן דעם עולם מיט זיינע באַדערפעניש, איז צו זען פון דעם, וואָס מען קאָן זיך קוים צו זיי דערשלאָגן.

זיי זענען שטענדיק געפּאַקט. גאָר נישט זעלטן זעט מען לאַנגע רייען מענער און פרויען, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט צו קאָנען עפּעס קויפן.

אין „אָטשערעד“ שטייט מען נאַטירלעך דאָרט, ווו מען פאַרקויפט ביליק, אויב אַזאַ זאַך איז אינגאַנצן דאָ אין דעם הייַנטיקן רוסלאַנד, און ווו מען קאָן כאַפּן מציאות.

און „כאַפּן מציאות“ איז ווידער איינע פון די טשעקאַווע דערשיינונגען אין הייַנטיקן רוסלאַנד.

אַ דאַנק דעם, וואָס דער עולם איז אַזוי פאַראָרעמט און וואָס דעם אַרבעטערס פאַרדינסטן זענען צו־קליין צו פאַרזאָרגן זיך מיט די נויטיקסטע באַדערפעניש, זוכט מען תּמיד דאָס ביליקסטע, מעג עס אַפּילו זיין דאָס ערגסטע. דאָס איז אַזוי מיט פאַבריצירטע פּראָדוקטן און אויך אַזוי מיט עסנוואַרג.

איר זעט נאָך אַלץ לאַנגע רייען ביי די ברויט־קראָמען. דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, וואָס אפילו איצט פעלט נאָך אוים ברויט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס עס איז פאַראַן ביליק ברויט און טייער ברויט. אין דער צייט, וואָס דער פּרייז פון ווייצן ־ ברויט איז דריי רובל א קילאָ, איז דער פּרייז פון דעם פּראָסטן, שווארצן קאָרן ־ ברויט א רובל און א האַלב א קילאָ. איז תּמיד א געלויף אויף דאָס ביליקערע ברויט. א שטיק פאַר טאָג וועט איר שוין זען, ווי די ברויט ־ קראָמען זענען באַלאַגערט. וואָרום עס איז נישטאָ גענוג פון דעם דאָזיקן ברויט. עס פעלט אויך פונם בעסערן און טייערן ברויט. מוז מען זיך תּמיד צואיילן, פאַרבּרענגען שעהן אין דער „אָטשערעד", כּדי צו קריגן ביליקן ברויט אָדער ברויט, פון וועלכן ס'איז מין.

די „שפע" אויף אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן איז אויך זייער א באַגרענעצטע, כאָטש דער אָנשטעל ווערט געמאַכט, און לויט די אויסגעפּוצטע פענסטער קאָן מען מיינען, אַז פון אַלץ איז דאָ לרוב.

איר דאַרפט בלויז אַריינקומען אין די דאָזיקע קראָמען און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז גראָד דאָס, וואָס איר דאַרפט, איז נישטאָ.

כאַפּט מען, וואָס עס איז דאָ, און אויב עס פּאַסירט, אַז א געוויסער אַרטיקל באַווייזט זיך פּלוצים, ווערט א גרויס געלויף אויף אים און מען קויפט אים אוים זייער שנעל.

איך האָב בייגעוווינט עטלעכע אַזעלכע געלויפן אין אָדעס, קיעוו, מאָסקווע און אַנדערע שטעט.

אין איין פאַל איז עס געווען אויף הערינג. אין א צווייטן פאַל איז עס געווען אויף קליינע פישלעך. א דריט מאָל איז עס געווען אויף קאַרטאָפל.

גאָר א סך זענען אַוועק אַנטוישטע. צו זיי האָט עס שוין נישט דערגרייכט. אַלץ איז שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן.

גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז אויף א געוויסן פּראָדוקט ווערט דער פּרייז אַרונטערגעלאָזט. פאַרוואָס, פאַר ווען, ווייס קיינער נישט.

איך האָב, למשל, געזען אין קיעוו, ווי מען האָט פאַרקויפט

עפל צו צוויי רובל א קילאָ, אין דער צייט, וואָס אין אָדעס האָט מען מיט א טאָג פריער פארקויפט עפל צו פינף רובל א קילאָ. ווען איך בין געקומען אין מאָסקווע האָט מען עפל פארקויפט צו זיבן רובל א קילאָ.

זענען די וויבער פון קיעוו, און טאקע אויך די מענער, גע־לאָכן כאַפּן די מציאותדיקע עפל און אַלע האָבן יענעם טאָג גערעדט וועגן דעם.

פאַרוואָס עפל איז מיטאמאָל אין קיעוו געוואָרן אזוי ביליק, ווי עס פאַסירט אַמאָל אויך מיט אַנדערע פּראָדוקטן, האָב איך גע־גיי נישט געקאָנט אויסגעפינען.

איינער, וואָס האַלט זיך פאַר א ידען אויף אַזעלכע זאכן, האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער סאָוועטישער האנדל איז אין תוך נישט אַנדערש פון האנדל אין די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער. עס איז נישט נאָר דאָ א חילוק צווישן די קראָמען, וואָס זענען אונטערן דירעקטן קאָנטראָל פון דער רעגירונג, און די קראָמען פון די פארשידענע קאָאָפּעראַטיוון, נאָר אויך זענען די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען אזוי פארשידן איינע פון די אַנדערע, אַז זיי פירן אָפט א קאָנקורענץ צווישן זיך, און איינס פון די מיטלען איז צו שניידן פרייזן. אָפט ווערט דער פרייז געשניטן בלויז אויף אָן איינצלנעם ארטיקל, כדי מיט דעם אריינצוציען דעם עולם צו קויפן די אַנדערע ארטיקלען, אויף וועלכע די פרייזן זענען די זעל־ביקע ווי פריער.

דאָס דאַרף אויך זיין די דערקלערונג, פאַרוואָס מען זעט בכלל פארשידענע פרייזן אפילו אין קראָמען, וואָס זענען, דאַכט זיך, א טיר נעבן א טיר.

אָט האָב איך געזען אין קיעוו, ווי אין איין קראָם האָט מען פארקויפט פלייש צו דריי רובל א פונט, אין דער צווייטער קראָם, א טיר ווייטער, צו דריי און א האַלב רובל א פונט און אין א דריט־טער קראָם, דערנעבן, צו פיר רובל א פונט.

אַז די פרייזן אויף, לאָמיר זאָגן, קליידער, שיך און אַנדערע פּראָדוקטן זענען פארשידנאַרטיק, איז זעלבסטפארשטענדלעך. אָבער דאָרט איז עס נישט אזוי אויפפאַלנדיק, ווייל דער איינדרוק קאָן זיך

שאפן, אז דאס איז צוליב דער פארשידנארטיקייט אין דער קוואַ־ליטעט, כאָטש לויט מיין מבינות האָב איך אָפּט געקאָנט ארויס־טראָגן דעם אורטייל, אַז גראָד ווו די פרייזן זענען ווילד־הויך איז די קוואַליטעט אַן ערגערע.

אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן עסנווארג — כאָטש דאָרט קאָן די קוואַליטעט אויך זיין פארשידן — ווו דאָס אויג זעט נישט קיין אונטערשיד פון איין מין סחורה ביזן אַנדערן, איז שוין דער ענין מער אויפפאַלנדיק.

איינער, וואָס איז באַשעפטיקט אין אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוו, האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס נעמט זיך הויפּטזעכלעך פון דעם באַאָס, וואָס הערשט אין דעם גאַנצן סאָוויעטישן האַנדל און פון דער שלעכטער פארטיילונג, ווי אויך פון די אומגעלומפּערטע און ביוראָקראַטישע מעטאָדן אין דער פּראָדוקציע און דאַן אין דערגיין צום קונה.

— דער קרעמערישער גייסט, וואָס הערשט אין גאַנצן סאָוויע־טישן האַנדל, — האָט ער מיר דערקלערט, — איז אַן אַנדער אור־זאַך פאַר אָט דעם מיש־מאַש אין פּרייזן און דער שלעכטער דיסטרי־בוציע.

ווען איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס ער מיינט מיטן „קרעמערישן" גייסט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס מיינט טאַ־קע פשוטו כמשמעו:

אַנשטאָט די סאָוועט־רעגירונג זאָל באמת זאָרגן, אַז די פּראָ־דוקטן, וואָס זי האָט און וואָס זי קאָן צושטעלן צום ברייטן עולם, זאָלן גרייכן דעם קונה, דערהויפּט די, וואָס נויטיקן זיך אין זיי, האָט זי צום ערשט תמיד אין זינען דעם פּדיון, די פּרייזן, וואָס זי זאָל רעכענען פאַר די סחורות, און די ריווחים, וואָס זי זאָל דערביי מאַכן.

עס איז דאָס זעלבע, ווי אַ קרעמער, וואָס זאָרגט צוערשט פאַר זיך און פאַרן קונה נאָר אויף אַזויפיל, ווי יענער זאָל זיין גרייט צו קומען מיט זיינע רובלס און קאָפּיקעס און עס איבערלאָזן ביי אים, — איז געווען יענעמס דערקלערונג.

כאָטש די „אַטשערעדן" פאַר ברויט זענען געוויינלעכע דערשיינונגען, וויל מען אָבער עס באַהאַלטן, דערהויפּט פונקט אויסלענדער. עס זעט אויס, ווי מען וואָלט זיך מיט דעם געשעמט.

עס איז געווען פינף אזייגער פאַרטאָג, ווען עס איז מיר צורפּעליק אויסגעקומען צו שפּאַצירן מיט אַ באַקאַנטן יידישן עסקן דורך די גאַסן פון אָדעס. איך האָב מיטאמאָל דערזען אַ גרויסן עולם פאַרזאַמלט אַרום אַ געוויסער געביידע.

— הויבט מען ביי איך אָן אַרבעטן אזוי פרי? — האָב איך געפרעגט מיין באַגלייטער.

יענער האָט אָנגעהויבן אונטערשטאַמלען און עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט איידער איך האָב אַרויסבעקומען אַ גענויע דערקלערונג פון אים.

עס איז געווען אַן „אַטשערעד" אויף ברויט.

ווערן טאַקע וועגן דעם אין סאָוויעטן־רוסלאַנד דערציילט שפּאַסיקע מעשהלעך. וואָרום, ווי שלעכט עס איז דאָרט אויפן הארצן, ווערן אָפט די אָנגעווייטאָקטע פּראָבלעמען פאַרקערפּערט אין אַן אַנעקדאָט אָדער וויץ.

וויל איך דאָ איבערדערציילן איינע אזאַ מעשהלע אין דעם בעסטן וואַריאַנט, וואָס איך האָב געהערט.

עס איז געווען דעמאָלט, ווען דער פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט עדואַרד הערייאָ האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט סאָוויעט־רוסלאַנד.

די סאָוויעט־רעגירונג האָט גוט געוווסט, אַז אָן הערייאָס באַזוך הענגט אָפּ זייער פיל. די גאַנצע ענדערונג אין דער פראַנצויזישער פּאָליטיק בנוגע סאָוויעט־רוסלאַנד איז שפּעטער געקומען אַ דאַנק אָט דעם באַזוך.

האָט מען אין קרעמל געוואָלט, אַז הערייאָ זאָל אַרויסטראָגן די בעסטע מעגלעכע מיינונג וועגן לאַנד. האָט סטאַלין בכבודו ובעצמו זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אויסצונעמען ביי הערייאָן.

האָט סטאַלין געלאָזט צו זיך רופן קאַגאַנאָוויטשן, וועלכער איז זיין רעכטע האַנט, און צו אים געזאָגט בזה הלשון:

— קאַגאַנאָוויטשל, סערדצע, ווייסט דאָך, ווי וויכטיק עס איז פאַר אונז, אַז העריאָ זאָל פונדאַנען אוועק מיט אַ געהויבענער מיי־נונג. מיר מוזן אים דאָך אָבער ארויסנעמען איבער מאָסקווע און אים אויך ווייזן אַנדערע שטעט. מילא, וועגן אַ סך זאַכן וועלן מיר אים שוין קאָנען ווי עס איז פאַררעדן די ציין, אָבער וואָס טוט מען מיט די ברויט - „אָטשערעדן"? זיינע פלינקע פראַנצויזישע אויגן וועלן עס אודאי באַמערקן און דעמאָלט וועט פאַר אונז קיין פאַרענטפערונג נישט זיין. נאָך אַזויפיל יאָרן קאָמוניזם און מיר האָבן נאָך דעם עולם אַלץ נישט געקאָנט באַזאָרגן כאָטש מיט גע־נוג ברויט! אַלזאָ, קאַגאַנאָוויטשל, טייערער, דו האָסט דאָך עפּעס אַ יידישן קאָפּ אויף דיינע פּלייצעס. מ'זאָגט מיר, יאַקבי, אַז דו האָסט אַמאָל געלערנט גמרא. איך ווייס נישט, וואָס גמרא איז אַזוינס, אָבער מ'זאָגט, אַז דאָס מאַכט דעם קאָפּ שאַרף. מוזטו דערפאַר געפינען אַן עצה, ווי אַזוי העריאָ זאָל נישט זען די דאָזיקע ברויט - „אָטשערעדן".

קאַגאַנאָוויטש, דערציילט זיך די מעשה ווייטער, האָט עטלעכע מינוט נאָכגעטראַכט, קנייטשנדיק דעם שטערן און רייבנדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט די מאָרדע. ענדלעך האָט ער אַ פריילעכער אויסגערופן:

— חבר סטאַלין, פאַרלאָז זיך אויף מיר. אַלץ וועט זיין ווי געוואונטשן.

איז סטאַלין יענע נאַכט געשלאָפן אַ רואיקער און אויף מאָרגן האָט ער זיך גרייט געמאַכט אַליין ארויסצופאָרן מיט העריאָן איבערן שטאָט. קאַגאַנאָוויטש האָט זיי באַגלייט.

אויסגעוויזן העריאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען צו זען, האָבן זיי אים אויך גענומען דורך די אַרבעטער־קוואַרטאַלן. סטאַלין איז שוין געווען ביי זיך בטוח, אַז וואָס־וואָס, קיין „אָטשערעד" פאַר ברויט וועט שוין דער פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט נישט זען.

אָבער מיטאַמאָל איז סטאַלין בלאַס געוואָרן. עס איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. ביי אַ ברויט־קראָם איז געשטאַנען אַן עולם פון הונדערטער מענטשן, איינגעהויקערטע, איינגעקאָר־טשעטע. אַלץ איז געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן.

— דו האָסט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער, קאַגאַנאָוויטשקע,— האָט סטאַלין אַ זיי געטאָן דורך די ציין, איבערבויגנדיק זיך צו זיין אַדיוטאַנט, און זיין גרוזיניש פּנים האָט אָנגענומען אַ דראָענדיקע מינע. — דו האָסט מיר אַ פיינע חתונה אָפּגעשפּילט!

— חבר סטאַלין, — האָט קאַגאַנאָוויטש אַ זאָג געטאָן, — איר זענט מיך חושד אומזיסט. גיט נאָר אַ קוק אויפן שילד, וואָס הענגט איבער דער טיר פונם ברויט־געשעפט.

אין דער צייט, וואָס סטאַלין האָט געריכטעט זיין בליק אויף דער שילד, האָט קאַגאַנאָוויטש זיך געווענדעט צו העריאָן, און טייטלענדיק מיטן פינגער אויפן שילד, צו אים געזאָגט:

— איר זעט, מאָנסיע העריאָ, דאָ פאַרקויפט מען די „באַנדס" פון אונזער נייעסטער מלוכה־הלוואה, און אָט זעט אַליין, ווי דער עולם רייסט זיך אַהין קויפן... מען שטייט אין דער ריי. שעהן לאַנג, אַבי נישט צו פאַרפעלן די געלעגנהייט...

העריאָ האָט געשמייכלט. סטאַלין האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. קאַגאַנאָוויטשעס יידישער קאָפּ האָט געראַטעוועט די סיטואַציע...

4

אודאי מיינען די גרעסערע צאָל קראָמען מיט דער באַדייטנדיקער גרעסערער מאָס פּראָדוקטן אַ פאַרבעסערונג אין דער אַלגעמיינער לאַגע.

אָבער די אָרעמעלייט, און דאָס רעדט זיך וועגן די גרויסע מאַסן אַרבעטער, ווערן קנאַפּ־וואָס מיט דעם געהאָלפן.

אָט ווי אַ רוסישער אַרבעטער, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט דורך אַ יידישן „ספּעץ" פון דער זעלביקער פאַבריק, וווּ ער אַרבעט, האָט זיך פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ וועגן דער נייער „שפּע" אין די גרעסערע שטעט:

— וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן די קראָמען, וואָס זענען „געשוואָלן" מיט סחורה? — האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע. — דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך בעסער געפילט, ווען עס איז נישט געווען אַזאַ שפּע. פאַרוואָס? ווייל ווען קיינער

האָט נישט געהאַט, אָדער ווען עס האָט אויסגעזען, אַז קיינער האָט נישט, איז נישט געווען אַזוי שווער אויפֿן האַרץ. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַזעלכע שווערע יאָרן, אַלץ איז געווען צוליב דער רעוואָלוציע. איצט גיי איך דורך די גאַסן. די שוי־פענסטער שטעכן מיר אויס די אויגן. איך זע פֿאַר זיך אַזויפֿיל גוטסקייטן און איך קאָן זיך אַפֿילו נישט פֿאַרגינען קויפֿן אַ בעסער שטיקל ברויט און וועררעדט פֿון אַ שטיקל „קאָלבאַס" (וווּרשט)!

און אָט איז אַ סצענקע, וואָס איך האָב צוגעזען ביי אַ שויפֿענסטער אויף דער וואָראַווסקי־גאַס, דער אַמאָליקער „קרעסטשאַטיק" אין קיעוו, ווו עס געפֿינען זיך די שענסטע געשעפֿטן פֿון שטאָט.

אַ יונגע מוטער, אָרעמלעך געקליידעט, האַלט אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר זיבן ביי דער האַנט. דאָס קינד האַלט אַ היימיש־געמאַכטע ליאַלקע אין האַנט.

זי שטרעקט אָבער אויס דער מאַמען די אָרעמע ליאַלקע און צעטענהט זיך:

— איך וויל עס נישט, מאַמעלע. עס איז אַ מיאוסע ליאַלקע. אָט איז אין פענסטער אַ שענערע. איך וויל יענע!

און זי ווייזט־אָן דער מאַמען אויף דער ליאַלקע אין פענסטער, וועלכע איז אפשר אויך ווייט פֿון שיין, אָבער אַנטקעגן דעם, וואָס זי האָט אין האַנט, איז עס פּראַכטפֿול.

דער פּרייז אויף דער ליאַלקע אין שוי־פענסטער איז פינף רובל.

די מוטער גיט אַ שלעפּ דאָס קינד פֿאַרן הענטל:

— קום. לאָמיר גיין פּונדאַנען. דו וועסט זיך מוזן באַנוגענען מיט דער ליאַלקע, וואָס דו האָסט. ווער קאָן עס אַרויסגעמען אַזויפֿיל געלט אויף אַ ליאַלקע?

דאָס קינד צעוויינט זיך: — איך וויל יענע ליאַלקע!

— זיי נישט אַזוי איינגעשפּאַרט, טאָכטערשי! — בעט זיך די מוטער. — מאַמע זאָגט, אַז זי קאָן נישט קויפֿן, דאַרפֿסט עס מער נישט וועלן! גיב אַ גוטן קוק אויף דער ליאַלקע אין פענסטער און זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דיינע קוקט אויס, ווי יענע. — און

מער נישט װאַרטנדיק האָט זי ממש מיט געװאַלט אַװעקגעריסן מיט זיך דאָס בליפּענדיקע קינד...

און דאָס אויף דער גאָרקי־גאַס אין מאָסקװע:

איך שטעל זיך אָפּ בײַם שױ־פֿענסטער פֿון אַ צירונג־געשעפֿט. איך באַטראַכט די זײגערלעך, די רינגעלעך און די אַנדערע צירונג, װאָס זענען אויסגעשטעלט אין פֿענסטער.

אַ יונג פּאָרל, קענטיק אַרבעטער, שטעלט זיך אָפּ.

דאָס װײַבל, מיט שײַנענדיקע און זשעדנע אויגן, באַטראַכט די האַנט־זײגערלעך, פֿון װעלכע דער פּרײַז גרײכט אַזױ הויך, װי צװײ טויזנט רובל.

— אָט יענע זײגערל געפֿעלט מיר! — גיט אַ זאָג דאָס װײַבל צום מאַן, אָנװײַזנדיק אויף אײנס, פֿון װעלכן דער פּרײַז איז 1,800 רובל.

— געפֿעלן געפֿעלט עס מיר אויך, — באַמערקט דער מאַן,— אָבער בײַ דעם בלײַבט עס.

— יאָ, בײַ דעם בלײַבט עס. — שטימט צו דאָס װײַבל. און זי זאָגט עס אַרויס מיט אַזאַ לײַכטן זיפֿצעלע, װי דער גאַנצער ענין װאָלט געװען פֿון איר אַזױ װײַט, אַז עס װאָלט גאָר געװען נאַריש צו חלומען װעגן אַזאַ זײגערל. עס איז אינגאַנצן איבער זײערע כּוחות.

און איבער די כּוחות פֿון דורכשניטלעכן אַרבעטער זענען אַ סך אַנדערע זאַכן, װאָס מען זעט איצט אין די סאָװעטישע קראָ־מען.

די סאָװעטישע קראָמען, אַפֿילו װען זײ זענען אָפֿיציעל אָפֿן פֿאַר אַלעמען, זענען אין פֿאַקט נאָך אַלץ „געשלאָסן" פֿאַרן ברײטן עולם. זײ האָבן נישט די מעגלעכקײט דאָרט עפּעס צו קויפֿן.

אפשר װעט די „פּראָספּעריטי", װעגן װעלכער מ'רעדט איצט אין סאָװעט־רוסלאַנד, טאַקע קומען און איז שױן מעגלעך אויפֿן װעג. דערװײַל מײנט עס נאָר, אַז עס האָט זיך אין לאַנד באַװיזן מער סחורה, אָבער דער עולם האָט עס נישט מיט װאָס צו קויפֿן, און אַז דער חילוק פֿון די ברײטע אַרבעטער־מאַסן, װאָס פֿאַרדינען נישט גענוג אַפֿילו אויף געהעריק אָפּצועסן, און די פּריװילעגירטע,

וואָס פאַרדינען געגוג אפילו זיך צו קויפן לוקסוס־זאַכן, בלייבט נאָך אַליץ אַזוי גרויס ווי פריער.

די נייע שפע איז אַלנפאַלס בלויז פאַר די, וואָס האָבן געלט, און דאָס האָבן נאָר די פּריווילעגירטע און נישט די אַרבעטער־מאַסן.

קאַפּיטל אַכט

סאָוויעט־רוסלאַנד אונטער שלאָס און ביקס

1

כ'מיין דאָ נישט דעם שלאָס, וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען דעם רוסישן פאָלק אויפן מויל, אָדער דעם ביקס, מיט וועלכן מען אונטערדריקט יעדן צייכן פון קעגנערשאַפט צו דער סאָוויעטישער דיקטאַטור.

וואָס איך האָב אין זינען, איז דער שלאָס, אונטער וועלכן מען האַלט אין רוסלאַנד אַלץ, וואָס האָט אַ מאַטעריעלן ווערט, און דער ביקס, אונטער וועמעס שאָטן אַרבעטער טוען זייער אַרבעט אין די פאַבריקן.

אין קיין אַנדער לאַנד קאָן מען נישט זען אַזאַ שטאַרקע שמירה איבער אייגנטום, ווי אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און אין קיין אַנדער־לאַנד קאָן מען נישט זען, אַז פאַבריקן זאָלן זיין באַוואַכט פון סאָלדאַטן מיט געלאָדענע ביקסן און מיט בלאַנקנדיקע באַגנעטן, ווי אינם לאַנד פון די סאָוויעטן.

קראָמען, סקלאַדעס, ווו נאָר ס'געפינען זיך פּראָדוקטן פון וועלכן ס'איז סאָרט, זענען שטענדיק באַוואַכט. אָבער אין דער צייט, וואָס קראָמען און סקלאַדעס זענען באַוואַכט פון ציווילע שומרים, דאָס רוב עלטערע מענטשן, אויף וועמען מען זעט נישט קיין צייכן פון וואָפן, ווערן די פאַבריקן באַוואַכט פון סאָלדאַטן און גראָד שווער־באַוואָפנטע.

נאַטירלעך בין איך נישט אַזוי נאַאיוו צו דערוואַרטן, אַז אַפילו אין אַ לאַנד אונטער אַ קאָמוניסטישער הערשאַפט, זאָל אייגנטום

איבערגעלאָזט ווערן אויף הפקר. דאָס איצטיקע רוסלאַנד, אפשר נאָך מער ווי דאָס פריערדיקע, אַ דאַנק דער גרויסער אָרעמקייט און נויט, וואָס הערשט דאָרט, איז פול מיט גנבים. איר טאָרט ממש קיין אויג נישט אַרונטערנעמען פון זאַכן, וואָס האָבן אַ ווערט. סיי פּריוואַט־אייגנטום און סיי רעגירונגס־אייגנטום.

קיינער וועט דאָרט נישט וואַגן איבערצולאָזן אַ טיר אָפן אָדער אַ פענסטער נישט־פאַרריגלט. אָפט איז אפילו אַ שלאָס נישט קיין שמירה. די צאָל גנבות, וואָס קומען פאָר, איז אומגעהויער גרויס. עס איז נישטאָ די שמאַטע, וואָס זאָל פאַר די גנבים נישט זיין ווערטפול גענוג אַוועקצוגנומען צו ווערן.

אין גאַס, אויף עפנטלעכע פּלעצער, אויף באַנען, טראַמווייען אָדער וווּ־נישט־איז, זענט איר קיינמאָל נישט זיכער, אַז מען וועט אייך נישט באַגנבענען. טראָגט איר אַ פּעקל אָדער האָט איר עפּעס אין די קעשענעס, מוזט איר האַלטן אַ וואַך אויג אויף אַלעמען אַרום אייך. קעשענע־גנבים און סתם גנבים, ווי אויך אָפענע רויבער, זענען דאָ אין די מאַסן.

עס איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן אַ שטיק וועג מיט אַ געוויסן יידישן טוער, וועלכער איז, ווי דאָס רוב פּאַסאַזשירן, געווען באַלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך. ער האָט אויף די וואָקזאַלן און אפילו אין די וואַגאָנען (מיר זענען געפאָרן דריטע קלאַס) קיינמאָל קיין טריט נישט געטאָן, נישט מיטצונעמען מיט זיך די פּעק און פּעקלעך.

טאָמער האָט ער באַמערקט, ווי איך האָב זיך אויף אַ ווײַלע געהאַט אָפּגעקערט פון מיין טשעמאָדאַן, האָט ער מיר געמאַכט אַ שאַרפן פאָרוואורף:

— זייט נישט אַזוי נאַכלעסיק, — האָט ער מיך געמוסרט. — סיידן איך אַרט נישט, אַז מען זאָל אייך אייער טשעמאָדאַן אַוועקכאַפּן. קיין בעלנים וועלן אויף אים נישט פעלן.

— מ'וועט דאָך אָבער נישט גנבענען פון אונטער די הענט, — האָב איך געוואָלט ווייזן, אַז איך בין גאָרנישט אַזוי נאַכלעסיק, ווי ער מיינט.

מיין מיטרייזנדער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איר קענט נישט אונזערע רוסישע גנבים, — האָט ער געזאָגט. — מ׳קאָן אייך א נאַקעטן אין גאַס אויסטאָן נאָך איידער איר וועט האָבן צייט א פּיפּס צו טאָן. דאָס רוב וועלן אייך אפילו קיין קולות נישט העלפן.

און אַז מיין מיטרייזנדער האָט גאָר נישט מגזם געווען, האָב איך געהאַט א געלעגנהייט צוצוזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

עס איז געווען אין דער פאַראַדנעסטער גאַס פון אָדעס — די לאַסאַל־גאַס — אין העלן מיטן טאָג. א מיטל־יאָריקע פרוי איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן. זי איז נישט געווען די איינציקע און איך וואָלט זיך מסתמא וויניק־וואָס אומגעקוקט אויף איר. נאָר מיט אמאָל הער איך א געשריי. איך קוק זיך אום. די פרוי שרייט, ראַנגלענדיק זיך אין דער זעלביקער צייט מיט א יונגן יינגל פון א יאָר 13—14, וועלכעס האָט געהאַלטן אין רייסן פון איר האַנט א לעדערנעם טייסטער.

ווי אַזוי דער יינגלשער רויבער איז פּלוצים אויסגעוואַקסן און מיט וואָס פאַר א שנעלקייט ער האָט זיך אויף דער פרוי א וואָרף געטאָן, האָב איך קוים געהאַט באַמערקט. עס איז געווען דער איבערפאַל פון א לויערנדיקן פאַרשוין. אודאי האָט ער שוין די פרוי געהאַט באַמערקט פריער. דער לעדערנער טייסטער, וואָס איז אַזאַ זעלטנהייט אין סאָוויעט - רוסלאַנד און וואָס האָט אָנגעדייטעט אויף א באַהאַלטענעם „אוצר", איז געווען די הויפּט־אַטראַקציע.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָבער מאָדנע, קיינער איז דער פרוי נישט געקומען צו הילף. אָדער איז עס געווען דערפאַר, וואָס אַלץ איז געקומען אַזוי שנעל.

די פרוי האָט מיט אירע געשרייען, און דער עיקר מיט איר כּח, באַלד איבערצייגט דעם יונגן רויבערל, אַז ער קאָן מיט איר גאָר נישט מאַכן. אויב ער האָט נישט געקאָנט אויף שנעל אַרויסרייסן פון איר דעם טייסטער און מאַכן פּליטה, האָט ער קיין סך צייט נישט געטאָרט פאַרלירן. א מיליציאַנט וואָלט אויף יענער גאַס זיך שנעל אָפּגעזוכט.

דאָס יינגל האָט באַלד אָפּגעלאָזט און איז אַוועק מיט ליידיקן.

די פרוי האָט אַ צוק געטאָן מיט די פּלייצעס, דערלייכטערט פון דעם, וואָס זי האָט זיך באַפרייט פון רויבערל און איז ווייטער געגאַנגען איר וועג. די אַרומיקע, וואָס האָבן די סצענע צוגעזען, האָבן צוריק אָנגענומען אַ פּאָזע פון גלייכגילטיקייט. ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט אָדער ווי דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט, וואָלט ביי זיי געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע און פאַרשטענדלעכע דערשיי־נונג.

דאָס איז פאַר מיר געווען ניי. דער עיקר האָט מיך אָבער איז יענעם מאָמענט פאַראינטערעסירט דאָס יינגל. דער פאַקט. וואָס ער איז נאָך זיין נישט־געלונגענעם איבערפאַל נישט אַנטלאָפן, נאָר איז זיך אוועק מיט אַ מינע פון: „לא פילֽתּי!“, האָט זיך מיר דאָס מאָל נישט איינגעגעבן״ — האָט צוגעצויגן מיין אויפמערק־זאַמקייט.

איך האָב דאָס יינגל נאָכגעפאָלגט עטלעכע פוס פון הינטן און אים גענויער באַטראַכט.

ער איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן ווי אַ סך יינגלעך פון זיין מין, וועלכע איך האָב געזען אין די גאַסן פון אַלע רוסישע שטעט בעטלענדיק אָדער פאַרקויפנדיק פּאַפּיראָסן און אַנדערע קלייניקייטן.

אודאי איז עס ווייט פון אמת, וואָס מען באַרימט זיך דאָרט, אַז מען האָט שוין פאַרזאָרגט אַלע היימלאָזע און ברויטלאָזע קינדער.

דאָס באַטרעפנדיקע יינגל איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט פוס און האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ טויער. איך בין באַלד גע־ווען דאָרט און זיך אָפּגעשטעלט כמעט גלייך מיט אים.

אין טויער זענען געווען פאַרזאַמלט אַ 5—6 יינגלעך, פּונקט אַזוינע אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע ווי דער ערשטער, מיט אַן עלטערן יינגל פון אַ יאָר פופצן־זעכצן, קענטיק זייער פירער, אַלע מיט פאַרדעכטיקע פּנימער און מיט גנבישע אויגעלעך.

דאָס יונגע רויבערל האָט משמעות געהאַלטן אין דערציילן פון זיין דורכפאַל. ער האָט גערעדט גיך. דער ענין איז געווען דער־ליידיקט. נישט אַלע מאָל גיט זיך עס איין. די גאַנצע גרופּע איז

געבליבן אויפן פלאץ, קענטיק ווארטנדיק אויף א נייע געלעגנהייט, אימיצן צו בארויבן.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב שוין פיל געוווסט וועגן גנבות און רויבערייען אין סאָוויעטן ־ רוסלאַנד, האָט מיך דאָך געוווּנדערט, וואָס, גייענדיק דורך די גאַסן פון פאַר־שידענע שטעט ביינאַכט, נאָכדעם ווי די קראָמען זענען שוין גע־שלאָסן, האָב איך ממש קיין איינציקע קראָם נישט געזען, ביי וועל־כער עס זאָל זיך נישט געפינען קיין שומר ביים טיר.

די שומרים בלייבן תמיד אויף דער וואך פון דער צייט, וואָס די קראָמען שליסן זיך, ביז וואנען זיי עפענען זיך. שומרים זענען אויך אויף דער וואך אין פארלויף פון די געשעפט־שטונדן, ווען די אנגעשטעלטע זענען ביי דער ארבעט. ווארשיינלעך איז די שמירה פאר די אָנגעשטעלטע פונקט אזוי שטארק, ווי פאר די קונים.

די סאָוויעטישע קראָמען, ווי געוויינלעך, געפינען זיך נאָר אין די פאראדנע גאסן, וועלכע זענען דאָס רוב גוט באלויכטן און ווו מיליציאַנטן דרייען זיך שטענדיק ארום.

זעלבסטפארשטענדלעך, אַז אחוץ די שומרים זענען די קראָ־מען אונטער זיבן שלעסער, מיט פארשלאָסענע פענסטער. קענטיק, אַז די שומרים אליין געטרויט מען אויך נישט.

פאר דעם איצטיקן רוסלאַנד איז עס כאראקטעריסטיש. זאָל מען ארונטערנעמען אַן אויג פון די קראָמען און זיי וואלטן שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן. דאָס רוב העלפן אפילו קיין שלעסער און קיין שומרים נישט.

און די געפאר איז נישט דוקא פון „פראָפעסיאָנעלע" גנבים. דער מין איז אפשר אין סאָוויעט ־ רוסלאַנד איצט א יקר־המציאות. פשוטע בירגער ווערן געשטעלט פאר א גרויסן נסיון אין א צייט, ווען זיי געפינען זיך אין גרויס נויט און ווען זיי פעלן זייערע עלעמענטארסטע באדערפענישן.

אָבער אויב פאר קראָמען און סקלאַדעס זענען נענוג געוויינ־לעכע שומרים, פארוואָס עפעס דוקא פאר פאבריקן באוואָפנטע מאַלדאַטן?

די פראגע האב איך נישט איינמאל געהאט געשטעלט. די ענטפערס, וואס איך האב באקומען, זענען געווען פארשיידענע.

— די פאבריקן וואלטן ממש צעטראגן געווארן אין שפענד־לעך, ווען עס וואלט נישט געווען קיין באוואפנטע שמירה, — האט איינער מיר געזאגט. — נישט בלויז די סחורה, נאר אויך די מאשינען וואלטן אוועקגענומען געווארן.

— עס איז מער ווי א שמירה פארן פארמעגן פון די פא־בריקן, — האט א צווייטער געגעבן א דערקלערונג. — מען וויל אויך האלטן אן אויג אויף די ארבעטער. מען וויל, זיי זאלן שטענ־דיק זיין אונטערן שאטן פון ביקס.

א דריטער, א טעכניקער אין א גרויסער פאבריק, האט מיר מסביר געווען אויף אזא אופן:

— די פאבריק איז דער וויכטיקסטער „פראנט", אויף וועלכן די קאמוניסטישע ארדענונג קעמפט אויס איר פאליטיק. עס איז אויפן דאזיקן פראנט, וו עס קומען פאר די שארפסטע צוזאמענ־שטויסן. דער דאזיקער פראנט דארף דערפאר זיין דער בעסט־בא־פעסטיקטער און דער בעסט־באוואפנטער, נישט בלויז אין א אי־דעאלאגישן זין, נאר טאקע אויך אין א ריין פיזישן.

ווער פון זיי עס האט געזאגט דעם אמת, ווייס איך נישט. מעגלעך אז אלע האבן געזאגט אמת און אז אלע אנגעגעבענע אור־זאכן צוזאמענגענומען דערקלערן די קעגנווארט פון באוואפנטע סאלדאטן ביי די פאבריקן.

א סאוויעטישע פאבריק איז בכלל א גרויסע מיסטעריע. זי איז לחלוטין אנדערש אין כאראקטער און אין איר סטאטוט ווי, לאמיר זאגן, א קראם, א רעסטאראן אדער אן אנדער געשעפטס־אונטערנעמונג, וואס איז אפן פאר די ברייטע מאסן.

אין א פאבריק קאן מען לייכט נישט אריינקומען. די טירן זענען קיינמאל נישט אפן פאר זייטיקע מענטשן. ווען א דרויסנ־דיקער וויל אהין אריינקומען, מוז ער דערצו האבן א ספעציעלע דערלויבעניש.

אויסלענדישע געסט ווערן דאס רוב גענומען אויף ספעציעלע עקסקורסיעס אין די פאבריקן. דאס זענען אבער תמיד צוגעגרייטע

באזוכן, וואָס ווערן געמאַכט אונטערן אויפזיכט פון אָפיציעלע פערזאָנען.

זאָל אימיצער קומען אַליין אין אַ פאַבריק אין אַ צייט, וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן, און מען וועט אים נישט אַריינלאָזן.

דער באַוואָפנטער סאָלדאַט ביים אַריינגאַנג וועט אים פאַרצאַמען דעם וועג.

אויב דער דירעקטאָר וועט זיך אויף אים נישט מרחם זיין און אים נישט געבן קיין ספּעציעלע דערלויבעניש, וועט ער מוזן אַוועק מיט ליידיקן.

און ווען די דערלויבעניש ווערט געגעבן, מוז עס זיין אַ שריפטלעכע, וואָס דער סאָלדאַט קוקט דורך, סיי ביים אַריינקומען אין דער פאַבריק און סיי ביים פאַרלאָזן זי.

איך האָב אין איין פאַל געפרעגט, צו וואָס אַזאַ דאָפּלטע אינספּעקציע, און דער ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען:

— איר דאַרפט זיך אויף דעם נישט באַקלאָגן. די אַרבעטער אַליין האָבן אויך אַ דאָפּלטע אינספּעקציע, סיי ביים קומען און סיי ביים אַוועקגיין.—האָב איך דערפאַר געמוזט אָננעמען פאַר אַ טייל פונם סיסטעם אָט די שטרענגע באַוואָפנטע וואַך אַרום די פאַבריקן.

און אַז איך האָב זיך גענויער באַקענט מיטן דאָזיקן סיסטעם, האָב איך שוין כמעט אַליין געכאַפּט דעם מיין פון דער באַוואָפנטער שמירה.

די דאָזיקע שמירה איז פאַר מיר געוואָרן, ווי איינער האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט, אַ סימבאָל — דער סימבאָל פון אַ געפענגעניש, וואָס איז באַוואַכט פון אַלע זייטן און וואָס איז אָפּגעשלאָסן פאַר און אָפּגעשלאָסן פון דער דרויסנדיקער וועלט. די אַרבעטער זענען נישט מער ווי אַרעסטאַנטן, האָט יענער געזאָגט, וואָס זענען געצוווּנגען, אמת פאַר אַ געווויסן לוין, צו טאָן אַרבעט אונטער באַדינגונגען, וועגן וועלכע זיי אַליין האָבן גאָר נישט צו זאָגן און וועלכע זיי טאָרן זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגן.

2

אָפיציעל הייסט עס, אַז אַחוץ דעם לוין, וועגן וועלכן אַפילו די קאָמוניסטישע פירער מוזן צוגעבן, אַז ער איז שווידערלעך קליין, זענען די באַדינגונגען פונם רוסישן אַרבעטער זייער גינסטיקע.

מ׳אַרבעט נישט מער ווי זיבן שעה אַ טאָג און די אַרבעט־,,וואָך״ באַשטייט פון פינף טעג — פינף טעג אַרבעט און דער זעקסטער טאָג רו, אָדער ווי מען רופט עס, ,,וויכאָדנאַי דיען״.

דאַן קומען די אַזוי־גערופענע פּריווילעגיעס פונם אַרבעטער: זיין ,,פּאַיאָק״, זיין רעכט צו קויפן פּראָדוקטן פאַר ביליקערע פּרייזן אין די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, זיין רעכט צו עסן פאַר ביליקע פּרייזן אין דער ,,סטאָלאָווקע״, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

וועגן זיינע ,,גייסטיקע״ פּריווילעגיעס איז דאָך אָפּגערעדט. מען האַלט דעם פאַבריק־אַרבעטער, און טאַקע אויף דער פאַבריק גופא, אין איין ,,בילדן״ און אויפקלערן. מען האַלט לעקציעס פאַר אים, מען גיט אַרויס ספּעציעלע צייטונגען פאַר אים און מען גיט אים אַפילו דאָס רעכט צו קריטיקירן און געבן עצות, ווי צו פאַרבעסערן די אַרבעט אין דער פאַבריק, וואָס דאַרף הייסן, אַז אים ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט זיך צו באַטייליקן אין דער פאַרוואַלטונג פונם פּלאַץ, וווּ ער אַרבעט.

אָבער ווי פילן די אַרבעטער אַליין וועגן אָט די אַלע פּריווילעגיעס זייערע?

אָט ווי אַן אינטעליגענטער אַרבעטער פון ,,לענינס קוזניע״, אַן אייזן־פאַבריק אין קיעוו, האָט זיך פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ:

— וועגן אונזער קלאָגלעכן לוין, וואָס קלעקט קוים די נשמה צו דערהאַלטן, ווייסט איר דאָך שוין אַליין. פאַר אַ פאַמיליע־מאַן מיינט אַזאַ לוין פּשוט הונגער. די ,,פּריווילעגיעס״ פאַר ברויט און פאַר אַנדערע באַדערפענישן זענען כמעט ווערטלאָז אָדער זענען נישט גענוג צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אַרבעטער און זיין פאַמיליע. אגב, רעדט מען דאָך שוין וועגן אָפּשאַפן די ברויט־קאַרטן (ס׳איז שפּעטער געוואָרן אַ פאַקט). וואָס ס׳וועט מיינען איז אָט וואָס:

מיר װעלן מוזן שטײן אין „אָטשערעד" שעהן־לאַנג צו קריגן ברויט און פאַר דעם צאָלן, אויב מיר װעלן אינגאַנצן עס קריגן, פילפאַך העכערע פּרײַזן!

— אָבער נישט װעגן אונזער עקאָנאָמישן מצב װיל איך איצט רעדן. איר װילט װיסן װעגן די אַרבעט־באַדינגונגען, װײַל איך אײַך זאָגן, אַז זײ זענען גאָר שלעכט. עס איז אמתע שקלאַ־פערײַ.

— שקלאַפערײַ? — האָב איך דעם אַרבעטער אונטער־בראָכן. — זײַט נישט מגזם?

נישט אויף אַ האָר, — האָט יענער װידער אָנגעפאַנגען.—אָט הײסט עס, אַז מיר דאַרפן אַרבעטן זיבן שעה אַ טאָג. אין דער אמתן אַרבעטן מיר אַ סך לענגער. תּמיד געפינט מען אַן אורזאַך, פאַרװאָס מיר זאָלן אַרײַנלײגן מער אַרבעט, שױן נישט רעדנדיק דערפון, װאָס דאָס יאָגעניש בײַ די געװײנלעכע אַרבעט־שטונדן לאָזט אײַך איבער דערשעפּט.

— װאָלטן מיר געקומען צו דער אַרבעט זאַטע, אױסגערוטע, מיט װײניק זאָרג אויפן קאָפּ, װאָלטן די אַרבעט און דאָס יאָגעניש נישט געפאַלן אַזױ שװער. אָבער, אַז מען װאַלגערט זיך אָפּ אַ גאַנצע אין אַן ענגן, שטיקנדיקן צימער זומער, אין אַ קאַלטן צימער װינטער, אָפט אַפילו אָן אַ קישן צוקאָפּנס, װײַל די קישן, װאָס מען האָט געהאַט, האָט מען שױן לאַנג פאַרקױפט פאַר ברויט, און אַז מען האָט אינדערפרי נישט צו עסן מער װי אַ שטיקל ברויט, אויב דאָס איז אַפילו גענוג, און דאַן װײַטער טרוקן ברויט אָדער די װאַסערדיקע און נישט באַטעמטע מאכלים פון דער „סטאָלאָװקע", דעמאָלט קאָנט איר זיך שױן אַלײן משער זײַן, װי שװער אַלץ פאַלט.

— מ'לאָזט אײַך נישט אָפּ אויף קײן סעקונדע. מען היט אײַך בײַם אַרײַנקומען און מען היט אײַך בײַם אַרױסגײן. מ'היט אײַך, װען איר אַרבעט, און מ'היט אײַך אויך, װען איר רוט. אָדער מ'האַלט אײַך אין אײן יאָגן צו זײַן נאָך שנעלער, אָדער מ'האַלט אײַך אין דולן אַ מח מיט דרשות װעגן פּאָליטיק און

עקאנאמישע און אינדוסטריעלע דערגרייכונגען, וואס גייען אייך אין איין אויער אריין און פון צווייטן ארויס.

אויב מ'האט פאר אייך נישט קיין ספעציעלע ארבעט, דאן פארהאלט מען אייך סתם פאר שעהן־לאנג אויף אלערליי מיטינגען, וו מען זאגט אייך כלומרשט, אז דאס איז אין אייערע אייגענע אינטערעסן, אבער וועלכע זענען אין דער אמתן נישט מער ווי אן אנדער מיטל פון אייך ארויסצופרעסן מער ארבעט.

— מיר האבן יעדן זעקסטן טאג רו. אבער רוען מיר טאקע אין די דאזיקע רו־טעג? ווי אפט ווערן מיר פון די דאזיקע רו־טעג בארויבט אויף פארשידענע אויסריידן, אז מען דארף אונזער „פריוויליקע" ארבעט אמאל אין דער פאבריק און אמאל אויסער דער פאבריק?

— האט איר אבער נישט דאס געפיל, אז איר ארבעט נישט פאר קיין באלעבאס, אז קיינער עקספלואטירט אייך נישט און אז איר זענט אליין איינער פון די אייגנטימער פון דער פאבריק ווי פון דער גאנצער רוסישער ווירטשאפט? איר זענט דאך עפעס א מיטגליד פון א קאמוניסטישער געזעלשאפט!

איך האב אים די דאזיקע פראגע געשטעלט אין פולער תמי־מות, האבנדיק זיך אנגעהערט פון קאמוניסטישע און האלב־קאמו־ניסטישע „מגידים" וועגן דעם געוואלדיקן „געגנוס", וואס דער רוסישער ארבעטער האט פון זיין ארבעט, און די פרייד, וואס ער פילט, ווייסנדיק, אז ער ארבעט נישט פאר קיין „פרעמדן", נאר „פאר זיך אליין".

דער ארבעטער האט מיך אנגעקוקט. קענטיק, אז ער האט זיך געוואלט דערקונדיקן, אויב איך מאך פון אים נישט קיין שפאס.

ער האט אבער געזען, אז איך בין ערנסט, און ער איז אויך געווארן ערנסט.

— נישטא אזא געפיל. און איך זאג עס נישט בלויז פאר זיך, נאר אויך פאר גאר א סך אנדערע. פאר ווי ווייט איך ווייס, איז אזא געפיל נישטא ביי קיינעם, כאטש מען טוט אלץ אין דער וועלט אונז ארייגצוקלאפן אין די קעפ, אז מיר זענען אליין די באלעבאטים פון די פאבריקן און ארויסרופן ביי אונז דאס געפיל

פון פרייד און „געגנום". מיר פילן אָבער די פאַלשקייט פון דעם גאַנצן סיסטעם, וועלכעס איז טאַקע טעאָרעטיש געבויט אויפן גע־דאַנק, אַז אַלץ געהער צום פאָלק און אַז אַלץ איז אין די אינ־טערעסן פון פאָלק, אָבער איז אין דער ווירקלעכקייט נישט מער, ווי אַ נייע פאָרם פון מאַכן אַ קליינע גרופע פאַר די דעה־זאָגער און די געניסער פון דער פרוכט פון דער אַרבעט מיט דער גאַנ־צער אַרבעטער־מאַסע אַלס געהאַרכזאַמע שקלאַפן.

— מען דערלויבט דאָך אייך אָבער צו קריטיקירן דאָס סיס־טעם פון אַרבעט אין די פאַבריקן און מען דערמוטיקט אייך אַפילו פּאַרצולייגן פּלענער. איר קאָנט פאַרמסרן יעדן איינעם, ווער און וואָס ער זאָל נישט זיין.

— מיט אייער לעצטער באַמערקונג, — האָט דער אַרבעטער פון „לעגינס קוזניע" מיר אונטערגעכאַפּט, — האָט איר געטראָפן אין סאַמע שפּינדל. מיר קאָנען „פאַרמסרן". יאָ, וועגן דעם האַנדלט עס זיך טאַקע. דאָס איז וואָס זיי ווילן פון אונז. מען וויל אונז אַלעמען מאַכן פאַר מוסרים און שפּיאָנען.

ער האָט זיך אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט, ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו רעדן. אַז ער האָט זיך אָפּגערוט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— די גאַנצע „פרייע קריטיק" און די אַלע רייד וועגן פּלע־נער און עצות מצד די אַרבעטער האָבן בלויז צוויי באַשטימטע צוועקן: ערשטנס, צו מאַכן יעדן איינעם פאַר אויפפּאַסער און שפּיאָן פונם צווייטן, אים מאַכן פאַר אַן אָפּטראָגער און רכילות־טרייבער, און צווייטנס, אַרויסצוקריגן וואָס מער אַרבעט פאַר איינעם און דעם זעלביקן לוין.

— וואָס מיינט עס דען, אַז מען דערלויבט אונז קריטיקירן אַלץ און אַלעמען? — האָט ער נאָך אַ פּויזע זיך אַליין גע־שטעלט די פראַגע. — עס הייסט נאָר, אַז מען וויל דערמוטיקן יעדן אַרבעטער צו ווערן אַ רכילות־טרייבער און אַ מסור.

— מען גיט אייך דאָ אָבער אויך די מעגלעכקייט זיך אויס־צוציִיכענען, פאַר וואָס איר קריגט אייער באַלוינונג אין גאַנץ באַ־שטימטע פאָרמען? — האָב איך דעם אַרבעטער געפרעגט. —

איר קאָנט דאָך אפילו שטייגן אין אייער סטאַזש און קאָנט זיך דעראַרבעטן צו אַלץ, וואָס אייערע פעאיקייטן און אייער ווילן קאָנען אייך נאָר דערפירן? האָבן דאָך אַ סך פּראָסטע אַרבעטער זיך דערלערנט צו אינזשינערן אָדער צו אַנדערע וויכטיקע שטע־לעס, צו וועלכע עס פאָדערט זיך ספּעציעלע קענטשאַפט?

— דאָס איז אַלץ אמת, — האָט דער אַרבעטער דער־קלערט. — אָבער וואָס מיינט עס פאַר דער גרויסער מאַסע אַרבע־טער, וואָס מוזן בלייבן דאָרט, וווּ זיי זענען, מיט גאָר ווייניק אויסזיכטן פאַר אַ פאַרבעסערונג? דאָס, וואָס אַ הייפעלע ווערט באַלוינט פאַר אויסצייכענונג, איז אפשר דער בעסטער באַווייז, אַז ביי אונז איז נישט אַנדערש ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וווּ די איינצלנע, די אויסדערוויילטע, האָבן אַלע געלעגנהייטן און קריגן אַלע באַלוינונגען.

דער אַרבעטער האָט אַ זיפץ געטאָן און ווייטער געזאָגט:

— עס טוט מיר אמת וויי, וואָס איך דאַרף אַזוי רעדן. אָבער פאַר וועמען זאָל איך זיך אויסרעדן, אויב נישט פאַר אייך? מיר זענען דאָך עפּעס אין אַ פּראָלעטאַרישער מדינה און מיר מוזן אַלץ וועגן און מעסטן פון אַ פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט. אויך דער פּראָלעטאַריער האָט גאָרנישט געוווּנען און דער גאַנצער גע־ווינער איז דער, וואָס וואָלט אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג אויך געקאָנט זיין שטעטל באַשטיין, טאָ צו וואָס דאַרפן מיר עס אינגאַנצן?

— הייסט עס, אַז איר זענט קעגן דער איצטיקער אָרדע־נונג? — האָב איך געפרעגט.

— נישט קעגן דער איצטיקער אָרדענונג,—האָט ער מיר קאָ־רעגירט, — נאָר קעגן די איצטיקע פירער. זיי האָבן אונז פאַר־פירט אין בלאָטע.

די לעצטע ווערטער האָט ער מיר ממש איינגערוימט אין אויער, אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, אויב קיינער הערט אים נישט.

אונטער געוויינלעכע אומשטענדן וואָלט איך נישט געווען אַזוי צודרינגלעך און נישט געשטעלט קיין ווייטערדיקע פראַגן,

וויסנדיק שוין גאַנץ גענוי, וואָס דער אַרבעטער פון לעגינס קוזניע שטעלט מיט זיך פאָר.

דער אַרבעטער האָט אָבער שוין אַליין געצייגט אַזויפיל פאַרטרויִלעכקייט צו מיר, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט צוריק־האַלטן און אים געשטעלט אַן אַנדער פראַגע, כאָטש דאָס האָט אונז שוין אַרונטערגעפירט אַן אַ זייט.

— מיינט עס צו זאָגן, אַז איר געהערט צו דער אָפּאָזיציע, וועגן וועלכער איך האָב שוין אַזויפיל געהערט, אַז זי עקזיסטירט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי?

דער אַרבעטער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט, מיר האָבן זיך געפונען אין דעם פּראָלעטאַרישן פּאַרק, אַרונטערקוקנדיק אויפן דניעפּער. קיינער האָט זיך נישט געפונען נאָענט צו אונז, אַז ער זאָל עפּעס קאָנען הערן.

— וועגן אַזוינע זאַכן רעדט מען נישט ביי אונז, — האָט ער מיר געזאָגט. — לאָמיר אָבער אייך זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן גאָר אַ סך ווי איך. מיר האָבן זיי שוין פון לאַנג אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי. מ'האָט עס געטאָן אין דער לעצטער „טשיסטקאַ" (רייניקונג), מ'האָט שוין מסתּמא אָנגעטאַפּט, אַז איך בין נישט קיין פאַרקאָכטער סטאַליניסט. זיי ווייסן אָבער נישט, וואָס איך טראָג פאַרשלאָסן אין האַרצן. איך בין אין פולער סימפּאַטיע מיט די פּרינציפּן פון טראָצקי, כאָטש זיין נאָמען איז ממש אויסגע־מעקט געוואָרן פון דער געשיכטע.

— הייסט עס, אַז איר גלויבט, אַז ווען די קאָמוניסטישע פאַרטיי וואָלט אָנגעפירט געוואָרן פון טראָצקין, אַנשטאָט סטאַלי־נען, וואָלט געוועזן אַ סך בעסער? — האָב איך געוואָלט גענוי דערגיין דעם אַרבעטערס געדאַנקען־גאַנג.

— עס וואָלט אַלנפאַלס נישט געווען אַזאַ הימלשרייענדיקער „אָפּגויג" צום קאַפּיטאַליזם, — האָט ער געזאָגט. — איצט האָט איר דאָך אַ צושטאַנד, וואָס מיינט פאַרן אַרבעטער אמתע שקלאַ־פעריי מיט אַ שוידערלעכער ביוראָקראַטיע, וואָס הערשט איבערן אַרבעטער פּונקט ווי די אַמאָליקע צאַריסטישע טשינאָווניקעס...

עס זענען נאַטירלעך אויך דאָ אַזוינע, וואָס האָבן אַ גאַנץ אַנדער בליק אויפֿן דאָזיקן ענין.

— אַן אינזשינער, למשל, האָט מיר פּרובירט אויפֿקלערן אויף אַזאַ אופֿן:

— די סאָוויעט - רעגירונג וויל מאַכן די פֿאַבריק פֿאַרן צענטער פֿון אַרבעטערס לעבן, מ׳וויל דעם אַרבעטער האַלטן וואָס שטאַרקער צוגעבונדן צו דער פֿאַבריק. די פֿאַבריק דאַרף פֿאַרן אַרבעטער נישט בלויז זיין דער אַרבעט־פּלאַץ, נאָר אויך דער פּלאַץ, וווּ ער עסט, וווּ ער האָט זיינע גייסטיקע פֿאַרגעניגנס און אויך וווּ ער אַמוזירט זיך.

— און די היים? — האָב איך געשטעלט אַ פֿראַגע.

— וועגן דער היים קימערט מען זיך גאַנץ ווייניק. וואָרום נאָך אַלעם דעם ווערן די פֿונקציעס פֿון דער היים אַלץ מער באַגרענעצט. דער אַרבעטער קומט אַהין בלויז שלאָפֿן. זיין פֿרוי ווערט אַליין אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דער אינדוסטריע. די קינדער ווערן דערצויגן אין די „יאַסלעס" (קינדער - היימען) אָדער שולן, וווּ זיי קריגן אויך זייער שפּייז. דאַרף דערפֿאַר די פֿאַבריק זיין דער צענטער, אַרום וועלכן עס זאָלן קאָנצענטרירט ווערן דעם אַרבעטערס אַלע טעטיקייטן.

— וועגן דעם עצם געדאַנק פֿון דעם, וואָס איר זאָגט, — האָב איך געהאַט איינצווענדן, — וואָס איז מיר נישט איינגאַנצן ניי, וואָלט איך מיט אייך זיך נישט וועלן מתווכּח זיין, כאָטש איך זע דאָ אַ סך גרויסע געפֿאַרן, — די געפֿאַר, צום ביישפּיל, אַז דער אַרבעטער זאָל נישט ווערן קיין „ראָבאָט" (אַן אויטאָמאַט). אָבער ווען מ׳וואָלט עס פּרובירט דערגרייכן בלויז דורך אויפֿקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט עס נאָך געווען צו דערליידן. איר טוט עס דאָך אָבער דורך מאַכט, ווי די אָנווזנהייט פֿון באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן ביי די פֿאַבריקן וואָלט געדאַרפֿט אָנדייטן!

— פֿאַרגעסט נישט, אַז מיר האָבן אַ דיקטאַטור און מיר באַהאַלטן עס פֿון קיינעם נישט, — האָט דער אינזשינער גע־

זאָגט, — אודאי פאַרלאָזן מיר זיך נישט בלויז אויף דער פּריוואַ־ליקייט פון די אַרבעטער. עס איז פאַראַן אַ פּראָגראַם, וואָס דאַרף אויסגעפאָלגט ווערן און עס איז דאָ אַ באַשטימטע פּאַרטיי־ליניע, אין וועלכער מען מוז זיך האַלטן זייער שטרענג. די, וואָס אָנער־קענען באַלד די גערעכטיקייט און די ראַטזאַמקייט פון דער דאָ־זיקער פּאַרטיי־ליניע, זענען אונזערע בעסטע מענטשן. די, וואָס ברעקלען זיך אָדער קאָנען עס נישט גענוי באַגרייפן, אויף יענע צווינגען מיר עס אַרויף. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט.

קיין דיסקוסיע וועגן דער סאָוועטישער פּאָליטיק האָב איך נאַטירלעך נישט געוואָלט פירן.

דער עיקר איז בײַ מיר געווען גענוי זיך צו דערקונדיקן די באַדינגונגען אין די סאָוויעטישע פאַבריקן און צו וועלכן צד איך האָב זיך נישט צוגעהערט, איז אַלץ געקומען די זעלביקע דערקלע־רונג: די גרויסע מאַיאָריטעט פון די אַרבעטער איז אומצופרידן. פילט זיך ווי אין שקלאַפערײַ.

אַ קלייניער הייפל, און מיט זיי אויך די אַזוי־גערופענע „משוי־נאַווניקעס". האַלטן אָבער, אַז מען טוט די אַרבעטער די גרעסטע „טובה", און ווען עס האַנדלט זיך וועגן טאָן אַ טובה, מעג מען עס טאָן קעגן זייער ווילן און אפילו מיט מאַכט.

קאַפּיטל ניין

אַלט־רוסלאַנד און ניי־רוסלאַנד

1

אַלט־רוסלאַנד האָט זיך באַגעגנט מיט ניי־רוסלאַנד. איך האָב די באַגעגעניש בייגעוווינט אין כערסאָן.

אַלט־רוסלאַנד איז געווען פאַרקערפּערט אין אַ זעכציק־יאָריקן ייִדישן שוסטער, מיט אַ גרויען, שיטערן בערדל, שפּאַקולן אויפן שפּיץ נאָז, אויסגעבויגענע פּלייצעס און פאַרפּעכטע הענט.

ער איז געזעסן בײַ זײַן וואַרשטאַט, פאַרוואָרפן מיט אַלטע שיך און שוסטערשע געצייג, אין אַ קליינעם, אָרעמען און גאַנץ

שמוציקלעכן חדרל אין א בערסאָנער הויף, לאַטנדיק אָן אַלטן שטיוול.

ניי־רוסלאַנד איז געווען פאַרקערפּערט אין א יידישן בחור פון א יאָר צוויי און צוואַנציק, הויך, בלאָנד, געזונט און מונטער. ער איז געווען א „קאָמסאָמאָל" (א יוגנטלעכער קאָמוניסט).

איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אויפן וועג קיין בערסאָן און דערנאָך פאַרבראַכט א טאָג צוזאַמען.

דער יונגער קאָמוניסט האָט זיך געהאַט איינגעהאַנדלט לע־דער פאַר א פּאָר שטיוול. ער האָט פאַרן מאַטעריאַל באַצאָלט צוויי הונדערט רובל. ער איז געווען שטאָלץ מיט דעם. ס'האָט אים אָפּ־געגליקט. וואָרום אפילו פאַר אזא הויכן פּרייז קאָן מען נישט שטענדיק קריגן דאָס לעדער.

איצט האָט ער געזוכט א גוטן בעל־מלאכה. פאַר דער אר־בעט געווען גרייט צו צאָלן פון 60 ביז 75 רובל. עס איז געווען צוליב דעם, וואָס ער איז געקומען צום שוסטער.

איך בין מיט אים מיטגעגאַנגען. איך בין געווען נישט נאָר פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן יונגן קאָמוניסט, וועלכער איז פאַר מיר, צוליב א סך טעמים, געווען א שטודיום, נאָר אויך אין דעם אופן ווי איינער, וואָס קאָן זיך שוין פאַרגינען דעם „לוקסוס" פון א פּאָר נייע שטיוול, וואָס האָבן געזאָלט אריינטרייבן אין קאַרגע דריי הונדערט רובל, דאַרף זיך די דאָזיקע שטיוול איינשאַפן.

עס איז נישט געווען, ווי אזוי ער האָט געקריגן דאָס לעדער. נאָר ווי אַזוי ער האָט געהאַט די מיטלען דערצו. אזא „גרויסע" סומע פאַר א יונגן בחור ווי ער, איז אין דעם היינטיקן רוסלאַנד נישט קיין קלייניקייט!

ער האָט מיר אויף דעם געגעבן א קלאָרע תשובה:

— דריי הונדערט רובל פאַר א פּאָר שטיוול קאָן זיך נישט אבי־וועמער פאַרגינען ביי אונז, — האָט ער גערעדט מיט שטאָלץ; און זיינע פרייערדלעכע אויגן האָבן ארויסגעקוקט מיט זעלבסט־ווירדע און פולן גלויבן אין זיך און אין דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט. — אָבער טאַקע דער פאַקט, וואָס איך קאָן עס באַווייזן, צייגט קלאָר, אַז מיר פּראָגרעסירן און דערנענטערן זיך צום טאָג,

ווען רוסלאַנד וועט זיין דער פּראָלעטאַרישער גן־עדן. אַט נעמט מיך אַלס ביישפּיל: איך בין אַ קינד פון אָרעמע עלטערן. אָבער אַ דאַנק די געלעגנהייטן, וואָס די נייע אָרדענונג האָט מיר געגעבן, און מיינע אייגענע פאַרדינסטן, פריער מיט די „פּיאָנערן" (די קאָמוניסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציע) און דערנאָך מיט די „קאָמ־סאָמאָלן" (יונגע קאָמוניסטן), האָב איך גאָר פרי געענדיקט אַלס טעכניקער און האָב איצט אַ גוטע שטעלע מיט אַ געהאַלט פון דריי הונדערט רובל אַ חודש. דאָס געהאַלט וואָלט נאָך אָבער נישט געווען אַזוי וויכטיק, ווען נישט די פּריווילעגיעס, וואָס איך האָב און וואָס מיינען, אַז מיין עסן און קוואַרטיר קאָסטן מיר זייער ווייניק. איך קאָן נאָך דאָס ברויט, וואָס איך קריג און דאַרף עס פאַר זיך נישט האָבן, און די אַנדערע עסנווארגן, וואָס איך באַקום אין מיין „פּאַיאָק", איבערשיקן צו מיינע עלטערן, וועלכע זענען קאָלווירטניקעס (ערד־אַרבעטער) אין קרים, אָבער וועלכע זענען אין גרויס נויט. איצט זעט איר שוין, ווי אַזוי איך האָב די מיטלען צו לאָזן זיך מאַכן אַ פּאָר נייע שטיוול? עס איז דער אויפגאַנג פון דער נייער צייט, פאַר וועלכער מיר האָבן געבראַכט אַזויפיל קרבנות און וואָס וועט נאָך פאָדערן אַ סך מער קרבנות.

— און אַלע פאַר אַ פּאָר שטיוול? — האָב איך אים געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— אַז איר מאַכט דערפון אַ שפּאַס, איז שוין דער גאַנצער ענין נישט ווערט, אַז מען זאָל פון אים רעדן, — האָט דער קאָמסאָ־מאָל גערעדט מיט גרויס ערנסט. — איך וויל בלויז די שטיוול באַנוצן אַלס סימבאָל — אַ סימבאָל פון די מעגלעכקייטן, וואָס מיר, פון דעם נייעם דור, האָבן אין דעם נייעם רוסלאַנד און פון דער גליקלעכער צוקונפט, וואָס האַלט זיך אין דערנענטערן.

האָב איך טאַקע אָנגענומען זיינע ווערטער און דער ענין איז ביי מיר געוואָרן אַ סימבאָל, און נישט בלויז די שטיוול, נאָר אויך ער אַליין און דער אַלטער שוסטער: אַלט־רוסלאַנד און ניי־רוסלאַנד.

אַלט־רוסלאַנד איז געווען דערשלאָגן, מיד, צעבראָכן, קענטיק נישט דערעסן און ווייט פון וועלכער עס איז באַקוועמלעכקייט אין

דעם איינפּאַכסטן זין פון וואָרט. די אָרעמקייט אין דעם שמוציקן און האַלב־פינסטערן חדרל האָט עס בולט געצייגט.

ניי־רוסלאַנד איז געווען קרעפטיק, שטאָלץ, האָפערדיק, פריי־לעך און פול מיט גלויבן אין זיך און אין דער אידעע, וועלכער ער האָט געדינט.

דער אַלטער שוסטער האָט אויף אונז ביידן געריכטעט זיין בליק, אַרויסקוקנדיק איבער די שפּאַקולן. ער איז, קענטיק, געווען איבערראַשט צו זען אַזוינע „פּריצישע" געסט ביי זיך. נישט נאָר ־ מיט מיין אַמעריקאַנער קליידונג האָט געמוזט זיין ניי פאַר אים, נאָר אויך דער יונגער „קאָמסאָמאָל" מיט זיין רוסישער קליי־דונג, וואָס איז געווען אַ סך בעסער ווי דער דורכשניט.

— איר ווילט זיך נייען שטיוול? — האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט פון יונגן קאָמוניסט געהערט, וואָס ער וויל. — איר זענט נישט געקומען אויפן ריכטיקן פּלאַץ. איך בין נישט מער ווי אַ לאַטוטניק. איך פאַרריכט נאָר אַלטע שיך. נייע ניי איך נישט. און טאַקע, ס'דען דאָ נייע שיך צו נייען? ווער גייט זיך דען נייע שיך? כ'וואָלט די ציין געדאַרפט לייגן אויף דער פּאָליצע, ווען איך זאָל דאַרפן וואַרטן אויף קונדן מיט נייע שיך. אָט זעט איר, מאַכן „פּאַטשינקעס" (פאַרריכטן) אויף אַלטע שיך, דאָס איז שוין אַן ענין. פאַראַן אַ סך, וואָס זיי קומט אָן שווער אפילו אַרויסצונעמען דאָס געלט, וואָס אַ „פּאַטשינקע" קאָסט. אָבער ווי לאַנג קאָן מען גיין מיט שיך אָן „פּאָדעשוועס", מיט לעכער, דורך וועלכע די פינגער קריכן אַרויס? עס גייט איצט, ברוך השם, צו ווינטער. אַפילו די, וואָס זענען אַ גאַנץ זומער אויסגעקומען מיט זייערע לעכער, וועלן מוזן קומען לייגן לאַטעס.

דער שוסטער האָט זיך אויסגעשנייצט די נאָז און זיך אויס־געהוסט, ווי ער וואָלט ערשט זיך געהאַט צעוואָרעמט.

— און פון דער צווייטער זייט גערעדט, — האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען, — פאַרוואָס טאַקע נישט פריער פאַרריכטן דאָס אַלטע איידער מען טראַכט וועגן נייע? אָט זע איך טאַקע ביי אייך אַליין, — ער האָט גערעדט צום יונגן קאָמוניסט, — ווי די זוילן פון די שיך, וואָס איר טראָגט, זענען אָפּגעטראָגן. גיט זיי מיר און

איך וועל זיי אייך מאכן ווי זיי וואָלטן געוועז שפּאָגל ניי. דאָס זאָג איך דאָך אַלע מאָל, באשר קיינער הערט זיך צו מיר נישט צו: צו וואָס פליען אין די וואָלקנס? צו וואָס בויען פּתום און רעמסס, ווען מען קאָן דורך איבערבויען און איבערניצעווען דאָס אַלטע אַ סך מער דערגרייכן?

דער קאָמסאָמאָל האָט זיך קוים צוגעהערט צום אַלטנס רייד. געהערט, אַז יענער נעמט נישט אָן קיין נייע אַרבעט, האָט ער געוואָלט באַלד אַרויס.

מיך האָבן אָבער דעם אַלטנס באַמערקונגען פאַראינטערעסירט. איך האָב אים דערמוטיקט צו רעדן ווייטער.

— איר וועט מיך האַלטן פאַר אַן אַלטן עובר בטל, — האָט ער זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. — טאַקע ווי קום איך, אַן אַלטער, פּראָסטער שוסטער, געבן עצות בפרט אַזוינע חכמים ווי די, וואָס פירן איצט די גרענדע. אַ קלייניקייט צו זאָגן חכמים! זיי זענען דאָך די גרעסטע חכמים אין דער וועלט. אָט זעט אַליין זייער חכמה: לאָזן דעם גאַנצן אַלטן דור און אַלץ, וואָס איז דורך אונז און ביז אונז אויפגעבויט געוואָרן, אונטערגיין. אָנשטאָט דעם פּרובירן זיי בויען אַלץ פון דאָס ניי! זאָג איך: מילא, בויען נייע זאַכן שאָדט נישט. אוודאי דאַרף מען נייעס. אָבער די אַלטע דאַרפן דאָך אויך נישט אויסשטאַרבן. זיי ווילן דאָך אויך לעבן! אָט בין איך שוין, ברוך השם, אַ זעכציקער. איך בין נאָך קרעפּטיק, איך קאָן נאָך אַרבעטן. אוודאי ווילט זיך מיר נאָך נישט שטאַרבן. ס'וואָלט זי נישט ווען אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין קאַסטן ווי אַן נייע שמחה, אַ פּסולע מזוזה. און מיינט איר אפשר, אַז איך האָב עפּעס אַ סך גוטעס געזען אין מיין לעבן? אסור צער! אָבער פאַרלאָזט זיך אויף אונזערע באָלשעוויקעס, און די גאַנצע אַלטע וועלט [illegible] אונטערגיין. בלויז דער נייער דור האָט ביי זיי אַ רעכט צו לעבן. פרעג איך: וויפל נייע פּאָר שיך קאָן מען אויפנייען, ווען לעדער איז נישט בנמצא און ווען אַלץ קאָסט אַזוי טייער? וואָלטן נישט געווען אַ סך גלייכער, אַז מ'זאָל קודם־כל פאַררעכטן אַלעמעס אַלטע שיך און ערשט דערנאָך נייען נייע? מיינט איר דאָך, אַז איך האָב דאָ בלויז אין זינען שיך, מיין אייגענע פּרנסה? איך זאָג עס בדרך משל. זאָל מען בעסער פאַרריכטן די אַלטע הייזער

איידער אוועקצוגעבן אַלע כּחות אויף בויען נייע אין דער צייט, וואָס די אַלטע האַלטן אין צעפאַלן. זאָל מען זען פאַרזאָרגן אַלעמען מיט ברויט, איידער מען זאָל נאָר טראַכטן פון דער יוגנט. וואָרום ווי שיקט עס זיך, אַז די קינדער זאָלן האָבן א רעכט צו לעבן און די טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן זיי געבראַכט אויף דער וועלט, זאָלן דאַרפן אונטערגיין?

איך וואָלט זיך ווייטער צוגעהערט צום אַלטן שוסטער, דורך וועמען אַלט - רוסלאַנד האָט אַרויסגערעדט, אָבער דער „קאָמסאָמאָל" איז געוואָרן אומגעדולדיק און האָט מיך א צי געטאָן ביים אַרבל.

— ער וועט אייך אָפּהאַלטן א גאַנצן טאָג, אויב איר וועט זיך לאָזן, — האָט ער א זאָג געטאָן. — ער האָט דאָך נאָר גע־וואַרט אויף א קרבן.

— און וואָס דענקט איר טאַקע וועגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט? — האָב איך געפרעגט דעם „קאָמסאָמאָל", ווען מיר זענען שוין ביידע געווען אין דרויסן. — זאָל עס טאַקע האָבן גע־קומען פון א פּראָסטן שוסטער, די פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַ־רירט, זענען, אין מיין מיינונג, אַקטועלע, אָנגעווייטאַקטע. קוקט עס דען טאַקע נישט אויס, ווי רוסלאַנד וואָלט צעטיילט געוואָרן אין צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן — אַן אַלטע און א נייע, און ווי די נייע וואָלט זיך איינגאַנצן געבויט אויף די רואינען פון דער אַלטער?

— און ווי האָט דען אַנדערש געקאָנט זיין? — האָט דער „קאָמסאָמאָל" געפרעגט, אָנקוקנדיק מיך אין פאַרוווּנדערונג.

— א גאַנצער דור איז פאַרמשפּט צו אונטערגאַנג, — האָב איך באַמערקט, — עס זעט נישט אויס, ווי פאַרן איצטיקן דור וואָלט געווען א ספק צו דערוואַרטן. אַגב, איז דאָך דעם שוסטערס טענה א גאַנץ גערעכטע. אָט זעט מען, ווי אַלטע שטעט ווערן פאַר־נאַכלעסיקט, ממש איבערגעלאָזט צו זייער אייגענעם גורל, אין דער צייט, וואָס מען קאָנצענטרירט אַלע כּחות אויף נייע. פאַר־שטייט זיך, אַז דער אויפבוי פון נייע שטעט, פון נייע פאַבריקן, איז וויכטיק און טאַקע אויך איינדרוקספול, אָבער עס זעט אויס,

ווי מען וואָלט דאָס אַלטע, דאָס עקזיסטירנדיקע, אינגאַנצן פֿאַר־נאַכלעסיקט, נישט קימערנדיק זיך וואָס עס וועט מיט דעם געשען? וואָלט מען דען נישט געקאָנט בויען דאָס נייע און דערבײַ נישט דאַרפֿן אונטער־ברענגען דאָס אַלטע? וואָלט דער נייער דור נישט געקאָנט באַזאָרגט ווערן אָן מקריב צו זיין דעם גאַנצן אַלטן דור?

דער קאָמסאָמאָל האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. די פֿראַגע איז פֿאַר אים קענטיק געווען אינגאַנצן נײַ.

— פֿאַרוואָס זאָרגן פֿאַר דעם, וואָס גייט אונטער, און נישט באַוווּנדערן דאָס, וואָס גייט אויף? — האָט ער אָפּגעענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע.

— די טראַגעדיע פֿון דעם אונטערגייענדיקן ווערט נישט קלענער דורך דעם גלאַנץ פֿון דעם אויפֿגייענדיקן, — האָב איך באַמערקט, און אונזער שמועס איז פֿאַרן מאָמענט געקומען צו אַן ענדע.

2

אין דער צייט, וואָס נײַ־רוסלאַנד בויט זיך מיט פּויקן און טרומפּייטן, רעקלאַמירנדיק מיט טומל און געשרייען אירע אויפֿ־טוען און דערגרייכונגען, האַלט אַלט־רוסלאַנד אין פֿאַרצערט ווערן פֿון הונגער און דחקות. מען בויט רוסלאַנדס „צוקונפֿט" און מען פֿאַרגעסט אָדער מען איז אַבזיכטלעך מקריב די קעגנוואַרט.

— פֿאַרוואָס קומט אונז אַזויפֿיל צו לײַדן פֿאַר אַ אידעאַל, פֿון וועלכן נאָר דער קינפֿטיקער דור קאָן געניסן? — פֿרעגן מענטשן אין רוסלאַנד, ווען איר צערעדט זיך מיט זיי. — אויב שוין יאָ „בויען סאָציאַליזם", האָט מען דען נישט געקאָנט בויען אַזוי, אַז מיר, פֿון דעם איצטיקן דור, זאָלן נישט דאַרפֿן זיין די קרבנות און אינגאַנצן זיין פֿאַרמשפּט צו אונטערגאַנג?

איך האָב גערעדט מיט אַ קאָמוניסטישן טוער און איך האָב אים געשטעלט אומגעפֿער די זעלביקע פֿראַגן.

— דאָס זענען טריפֿענע „מענשעוויסטישע" און אַנטי־סאָ־ציאַליסטישע געדאַנקען, — האָט ער מיר געענטפֿערט. — די רעוואָלוציע איז נאָך נישט דערפֿירט געוואָרן צו איר ענדגילטיקן ציל און ביז וואַנען דאָס וועט נישט געשען וועלן מיר נאָך מוזן

ברענגען א סך, גאָר א סך קרבנות און אפשר פאַרגיסן א סך, גאָר א סך בלוט. וואָס מיינט איר עפּעס? — און אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן א פֿייערל. — א רעוואָלוציע איז ווי אויפצושען א צוקער־לעקעך? עס איז א בלוטיקע אָפּעראַציע, מען מוז שנײַדן ביזן ביין.

— אַן אָפּעראַציע קאָן אַמאָל נישט געלינגען, — האָב איך אים אונטערבראָכן, — דער בעסטער כירורג מאַכט אַמאָל א טעות.

— ווען עס רעדט זיך וועגן א כּלל, קאָן נישט זײַן אַזאַ זאַך, ווי נישט געלונגען! — האָט דער קאָמוניסט מיר געענטפֿערט נאָך א ווײַלע טראַכטן, — אויב אַפֿילו דער כירורג — און דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן איינעם — מאַכט א טעות און די אָפּעראַציע געלינגט נישט אויף איינעם, וועט זי געלינגען אויף א צווייטן. זאָלן נאָך מיליאָנען אונטערגיין. די צוקונפֿט וועט אָבער זײַן אונזערע.

און אגב, — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, — זעט איר דען נישט, ווי פֿאַר אייערע אויגן בויט זיך דאָס נײַע רוסלאַנד? וואָס עס זאָל נישט געשען מיטן עלטערן דור, דער יונגער דור איז געזיכערט. די יוגנט ווערט אַנדערש דערצויגן און בעסער פֿאַרזאָרגט.

— די יוגנט האָט נאָך אָבער אויך נישט קיין גוטס! — האָב איך געהאַט אײַנצווווענדן. — נעמט די קינדער, צום בײַשפּיל: טאַקע אמת, אַז א סך קינדער זענען באַזאָרגט אין די „יאַסלעס" (קינדער־היימען) און קריגן א געהעריקן אונטעררירכט אין די שולן. דאָס איז אָבער א קליינע צאָל אין פֿאַרגלײַך מיט די מאַסן קינדער, וואָס עסן נישט בעסער ווי זייערע עלטערן און וואָס זענען בכלל אונטערגעוואָרפֿן די אַלע דחקות, פֿון וועלכע רוסלאַנד לײַדט איצט. דער יונגער דור, ווידער, האָט טאַקע בעסערע געלעגנהייטן זיך צו נעמען צו בעסער־באַצאָלנדיקע פּראָפֿעסיעס. די געלעגנהייטן צו שטודירן זענען גוטע און לויבנסווערטע. אָבער וויפֿל א שטייגער קאָנען אַזוי פֿאַרזאָרגט ווערען?

— מיר טוען אַלץ, וואָס מיר קאָנען, צו פֿאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פֿון רוסלאַנדס אויפֿבוי, — האָט ער געזאָגט, — עס איז צוליב דעם, וואָס מיר אײַלן זיך און וואָס מיר האַלטן זיך אין יאָגן.

האָבן מיר דאָך עפּעס גענומען פאַר אונזער מאַטאָ: דעריאָגן און איבעריאָגן!

— אָבער מיט דעם גאַנצן יאָגעניש שטייט נאָך רוסלאַנד ווייט פון הינטן און דאָס יאָגעניש האַלט בלויז אין אויסמאַטערן און אין פאַרפייניקן צום טויט דעם איצטיקן דור, — האָב איך אַרגומענטירט.

— דאָס איז שוין אַן ענין פון באַזונדערע שטאַנדפּונקטן,— האָט דער קאָמוניסט געזאָגט, — מיר נעמען עס גאַנץ אַנדערש.

אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט באַזוכט רוסלאַנד אין דער זעלביקער צייט וואָס איך, האָט מיר איבערגעגעבן אַזאַ סצענע, וואָס ער האָט אַליין בייגעוווינט:

עס איז געווען ביי אַ מסיבה פון קאָמוניסטישע פּאַרטיי־טוער, קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער און אויך אַזוינע, וואָס האָבן זיך באַצויגן קריטיש און אפילו קעגנעריש.

עס איז נישט קיין נייעס, אַז ביי אַזוינע מסיבות זאָלן קעגנער רעדן אָפן און אויסדריקן זייערע ספקות וועגן דער פּאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג.

ווי געוויינלעך, האָבן די קאָמוניסטן תמיד די אויבערהאַנט. האָבן אויך ביי יענער מסיבה די קאָמוניסטן געהאַלטן אין טענהן, אַז די „קליינבירגערלעכע" עלעמענטן זענען אַ שטער צום קאָמוניסטישן פּראָגרעס. זיי זענען נישט די גלאַררייכע צוקונפט. זיי טראַכטן נאָר פון דער שווערער און דריקנדיקער קעגנוואַרט.

— די צייט קומט, ווען מיר וועלן האָבן אין רוסלאַנד די גרעסטע שפע, — האָט איינער פון די קאָמוניסטן גערעדט מיט גלויבן און איבערצייגונג. — אָט האָט איר אַן אַמעריקאַנער „מעניו", — און ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַפּיר, וואָס האָט אויסגערעכנט די מאכלים, וואָס אַמעריקאַנער עסן. — איר זעט, וואָס מען עסט דאָרט פאַר פרישטיק, מיטאָג און „וועטשערע"? אָט דאָס וועלן מיר אויך מיט דער צייט עסן אין רוסלאַנד.

צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך געפונען אַן עלטערער מענטש, אַ פּראָפעסאָר, וועלכער איז גוט באַקאַנט פאַר זיינע לאַבּאָראַטאָרישע עקספּערימענטן.

יענער האָט זיך שוין קענטיק לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— איר רעדט אַלץ וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין! — האָט ער אונטערגעבראָכן דעם קאָמוניסט. — אָבער וואָס איז מכּוח דעם, וואָס עס איז איצט? איר האָט אונז אַלעמען פון איצטיקן דור פאַראורטיילט צו זיין דאָס מיסט, פעט צו מאַכן דעם באָדן, וועלכער וועט דאַרפן ערשט ברענגען פרוכט פאַרן נייעם דור. איך וויל אָבער נישט זיין דאָס מיסט פאַר אַ נעפּלדיקער צוקונפט. איך בין אַליין אַ פלאַנץ, וואָס נויטיקט זיך אין זונען־שיין, אין רעגן און דערנערונג! פאַרוואָס עפּעס מיך צעטרעטן מיט די פיס צוליב אַ דור, וועלכן איך קען נישט און ווייס נישט? ווו איז מיין אייגן רעכט צו לעבן?

די טענה פון אָט דעם פּראָפעסאָר איז די טענה, וואָס איר הערט איצט אויף דעם אָדער יענעם אופן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

בלויז בלינדע זעען נישט די טראַגעדיע פון דעם אַלטן רוס־לאַנד און בלויז טויבע הערן נישט דאָס וויי־געשריי פון אַ גאַנצן דור, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן — ווי דער פּראָפעסאָר האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט — צו ווערן דאָס מיסט צו באַמיסטיקן דעם גאָרטן פון דעם צוקונפטיקן רוסלאַנד!

3

אָבער נישט בלויז די, וואָס געהערן, אַזוי צו זאָגן, צום פריי־ערדיקן דור, האָבן טענות. אויך די יוגנט האָט טענות און צייגט אומצופרידנקייט. אָפט הערט איר די דאָזיקע טענות און באַמערקט די דאָזיקע אומצופרידנקייט ביי „כּשרע" קאָמוניסטן.

אפילו דער פריער־דערמאָנטער „קאָמסאָמאָל" האָט ביי אַ פלאַש וויין און גוטן צובייסן, וואָס איך האָב געקויפט אין „טאָרג־סין", גאַנץ אָפנהערציק צוגעגעבן, אַז אָפט „באַפאַלט" אים אַן אומעט און בענקעניש, אַז ער דערפילט, ווי ער וואָלט עפּעס געוועזן הינטער אַן אומדורכדרינגלעכער וואַנט.

— אָט הער איך פון אייך זאַכן וועגן דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, — האָט ער גע־

זאָגט מיט פאַרחלומטע אויגן. — דאַכט זיך, אַז דאָס איז די וועלט, וועלכע מ'האָט מיר געלערנט צו האַסן, אַ בורזשואַזנע, אַ צום אונטערגאַנג פאַראורטיילטע וועלט, אָבער עפּעס פילט זיך אַ בענקעניש נאָך יענער פרעמדער וועלט.

— מסתמא איז עס נאָר אונטערן באַרויש פון וויין, וואָס אזוינע פרעמדע געדאַנקען רייסן זיך אַריין ביי אייך, — האָב איך באַמערקט מיט אַ שמייכל. — און אפשר בין איך גאָר דער שול־דיקער. איך ווירק אויף אייך ווי דער שטן, רחמנא לצלן. איך וועל אָבער באַלד זיין אַוועק פון אייך. די באַרוישונג פונם וויין וועט אַוועק און איר וועט זיך צוריק פילן זיכער און פעסט.

דעם „קאָמסאָמאָלס" פּנים האָט זיך פאַר אַ מאָמענט אָנגע־וואָלקנט. ביי די ליפּן האָט אים אַ צוק געטאָן. איך האָב צום ערשטן מאָל, נאָך די שטונדן, וואָס איך בין געווען מיט אים צוזאַמען, באַמערקט, אַז אַ חוץ זיין אויסערלעכקייט איז אויך פאַראַן אַ צוויי־טער אין אים, אַן „אינערלעכער" מענטש, וואָס ליידט און פילט און האָט פּראָבלעמען.

— עס איז נישט דאָס, מיין פריינט, — האָט ער געזאָגט און אין זיין שטים האָט זיך געפילט צער. — עס ליגט אַ סך טיפער. מיינט איר דען נישט, אַז ביי מיר אין האַרצן רייסן זיך נישט אַריין ספקות און אַז אין מיין מח שטעלן זיך נישט שווערע פראַגן, וועל־כע איך קאָן קוים פאַרענטפערן?

— ספקות? פראַגן? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — אויב איר וועט נישט נעמען פאַר אומגוט, וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיר גענויער אויפקלערן וועגן דעם.

דער „קאָמסאָמאָל" האָט האַסטיק אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז פון דעם רויטן כערסאָנער וויין און פאַרביסן מיט אַ שטיק שווייצער־קעז.

— איך בין, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך געדענק נישט די רעוואָלוציע. איך בין שוין געקומען אויף אַלעם פאַרטיקן. איך בין אָבער דערצויגן געוואָרן נאָך אַלץ מיט אַן אויג אויף דער פאַר־גאַנגענהייט. רק מ'האָט גערעדט וועגן אַלטן, שרעקלעכן רעזשים,

רק מ'האָט געסטראַשעט מיט די בלוטזויגנדיקע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געזען. פרעגט זיך מיר אָפּט, ווי לאַנג קאָן מען אונז, דעם יונגן דור, סטראַשען מיט דער פאַרגאַנגענהייט? דאָס איז פראַגע נומער איינס. נומער צוויי איז, מ'רעדט נאָר וועגן דער צוקונפט. מ'זאָגט אונז צו גליקן פאַרן מאָרגן. איך בין יונג, איך ווער אומגעדולדיק. ס'ווילט זיך לעבן און הנאה האָבן פון לעבן. ווי לאַנג קאָן איך וואַרטן אויף דער צוקונפט?

— אָבער אייך פעלט דאָך גאָרנישט?—האָב איך געפרעגט.—אַט האָט איר זיך געלאָזט מאַכן שטיוול, וואָס וויפל אַ שטייגער קאָנען זיך אַזוינע שטיוול פאַרגינען?

— עס איז טאַקע אמת, אַז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע איז מיר אַ סך בעסער. אָבער מיט וויפל מאַטערניש זענען מיר אָנגעקומען די שטיוול? און וואָס איז מבוח אַ פיינעם אַנצוג, אַ גוטן זייגער און אַנדערע פיינע זאַכן? אַט האָב איך, — און ער איז געוואָרן פאַרטרוילעך, — אַ געליבטע, אַ שיין מיידל, אַ מחיהדיק מיידל, איך וואָלט איר געוואָלט קויפן אַ מתנה. איך וואָלט איר בכלל געוואָלט גליקלעך מאַכן, אַריינברענגענדיק פרייד אין איר לעבן, אָבער ווי קאָן איך עס, אַז מאַמער קלעקט מיר שוין פאַר זיך אַליין, האָב איך אָרעמע טאַטע־מאַמע, נויטבאַדערפטיקע ברידער און אַ גאַנצע משפחה מיט קבצנים. עס רייסט דאָס האַרץ. מ'קאָן זיי נישט לאָזן הונגערן. פאַרשטייט איר שוין, אַז עס איז דאָ גאָר אַ סך וועגן וואָס נאָכצודענקען?

איך האָב דעם יונגן קאָמוניסט שוין גאָר גוט פאַרשטאַנען. און אָט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידל אין אַ קאָמוניסטישן קלוב. דאָס מיידל, אַ יאָר צוואַנציק, איז אין יענעם קלוב איינע פון די פירערינס. זי איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד און איז שטאָלץ נישט נאָר מיט איר פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, נאָר אויך מיט דעם, וואָס זי האָט אַ ברודער, אַ גאָר וויכטיקן טוער אין דער פּאַרטיי, אַ מיטגליד פון „צעקאַ" (צענטראַל־קאָמיטעט).

איר קליידונג איז זייער אָרעם. אפשר אָרעמער ווי פון דורכשניט, וואָס איך האָב לכתחילה אָנגענומען, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס אַלס פּאַרטיי־טוערין, וויל זי ציינן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע.

איר פנים, וועלכעס ציינט צייכנס פון פריצייטיק - פארשוווּנדענעם חן, איז תמיד פארדאגהט און פאראומערט, וואָס איך האָב לכתחילה אָנגענומען אַלס צייכן פון וועלט־שמערץ און וועלט־זאָרג, וואָס זי טראָגט אין איר הארצן. ווארום איך האָב נאָר געדארפט רעדן מיט איר א האלבע שעה און איך זאָל זען, אַז איך האָב פאר זיך אַן ערנסטע, איבערגעגעבענע, גלויבנדיקע קאָמוניסטקע.

אָבער, אַז איך האָב זיך מיט איר נענטער באַקענט און אַז מיר האָבן גענומען א שפּאציר שפּעט אין אָוונט נאָכדעם, ווי דער קלוב האָט זיך געשלאָסן, האָט זי ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסלאָדן איר שווער הארץ.

— אודאי איז שווער צו לעבן, בפרט ווען מ׳פארדינט אַזוי ווייניק ווי איך.

— וואָס זענען אייערע פארדינסטן? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ארום צוויי הונדערט רובל א חודש, פון וואָס ס׳גייט אַרונטער איבער צוואַנציק פּראָצענט אויף פארשידענע שטייערן. בלייבט ארום 150—160 רובל און פאר דעם מוז מען לעבן מיט אן אַלטער מוטער. ס׳איז זייער שווער, — און זי האָט א זיפץ געטאָן.

— און איך האָב געמיינט, אַז אַלס פארטיי־מיטגליד גייט אייך א סך בעסער? — האָב איך באַמערקט. — קריגן דאָך עפּעס פארטיינער די בעסטע שטעלן?

— אַסך קריגן עס טאַקע, און עס זענען דאָ גאָר נישט ווייניק צווישן אונזערע פארטיינער, וואָס זענען נישט מער, ווי קאריעריסטן, — האָט זי געזאָגט מיט ביטערקייט. — איך בין אָבער אַנדערש. מיין ברודער איז אויך אַזוי. ביי אונז איז די פארטיי הייליק. מיר געניסן גאָרנישט און ווילן גאָרנישט געניסן צוליב דעם, וואָס מיר זענען פארטיינער. מיר ארבעטן פאר א לעבן ווי אַנדערע. איך ארבעט אין א פאַבריק. מיין פארטיי־טעטיקייט איז אָן א באַלוינונג. איז מיר טאַקע שווער.

— טוט מען, וואָס אַנדערע טוען,—האָב איך פּרובירט עצהן.

זי האָט מיך אָנגעקוקט האלב אין פארוווּנדערונג.

— איך זאָל ווערן א קאריעריסטקע? אָט דאָס האָס איך דאָך

און אַט צוליב דעם גיי איך דאָך אַרום טעג און נעכט מיט אַ פאַרוואונדעטע האַרץ. דער אַמאָליקער אידעאַליזם ווערט אויסגעוועפּט אַפילו ביי אונזערע פּאַרטיינער. עס ווערט בלויז אַ פראַגע פון שטעלעס און דאָס עסט מיר. איך קאָן עס זיך נישט דערלויבן און בלייב דערפאַר פון הינטן, ליידנדיק אָרעמ־קייט און נויט אין דער צייט, וואָס יענע לאָזן זיך וויל באַקומען און ווערן טאַקע צוליב דעם אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז מען קאָן שוין אינגאַנצן נישט זען דעם קאָמוניסטישן אידעאַל אין זיי.

איך האָב איר איינגעלאַדן אַריינגיין מיט מיר אין קאַפע. זי איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט.

— אפשר פּאַסט איך נישט זיך צו צייגן אין דער אָפן מיט אַ בורזשואַ? — האָב איך געפרעגט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, וועלנדיק טרעפן, וואָס איר דריקט אויפן האַרצן.

— וואָס פעלט איך איין? — האָט זי געזאָגט אַפּאַלאָגעטיש, און אַרויסשעפּטשנדיק שטיל, האָט זי צוגעליגט: — מיינע קליי־דער! איר זעט דאָך, אַז איך בין צו אָרעם געקליידט פאַר אַזא קאַפע. ווו די מערסטע געסט זענען אויסלענדער און גוט־באַצאָלטע באַאַמטע, אָדער גאָר שפּעקולאַנטן, וואָס האָבן מאַסן געלט, דאַרף מען זיין בעסער געקליידעט.

— און איר, אַ קאָמוניסטקע, זאָלט גאָר פילן, אַז צוליב איי־ערע אָרעמע קליידער פּאַסט איך ערגעץ נישט אַריינצוגיין? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע.

— איר מיינט אוודאי, אַז מיר קאָמוניסטן פילן גאָרנישט און פאַרלאַנגען גאָרנישט? — האָט זי אָפּגעענטפערט. — אגב, פאַר־געסט נישט, אַז איך בין אַ חוץ אַלעם אויך אַ פרוי, — און זי האָט מאָדנע אַ שמייכל געטאָן.

כאָטש איך בין באַשטאַנען, אַז זי זאָל דווקא יאָ אַריין אין קאַפע, האָט זי זיך אָבער אַנטזאָגט און איך האָב געמוזט גיין מיט איר אין אַן אָרעמער אַרבעטער־קאַפע.

— אָט דאָ פיל איך מיך באַקוועמער, — האָט זי געזאָגט.

— און איך וואָלט געמיינט, אַז דאָס איז נאָר צוליב אייער גאַטירלעכער געגנערשאַפט צו „לוקסוס״ און „גוט־לעבן״.

— אסור, — האָט זי שוין געזאָגט פריילעכער, — עס איז מיין פרויען־אינסטינקט, וואָס דערלויבט מיר נישט, אַז איך זאָל אויסקוקן אַנדערש, ווי די פרויען, וואָס מ'זעט דאָרט. עס איז בלויז מענטשלעך.

קאַפּיטל צען

אונטערן רויטן טעראָר

1

איך האָב אים באַגעגנט אין רעסטאָראַן פון אַ האָטעל אין קיעוו. פון זיין רוסיש און אויסזען האָט מען באַלד דערקענט דעם רוס, פון זיין ענגליש, קליידונג און האַלטונג, האָט מען דערקענט דעם אַמערי־קאַנער. עס איז נישט געווען שווער צו טרעפן: איך האָב פאַר זיך געהאַט אַן אַמעריקאַנער רוס. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך שוין געוווּסט כּמעט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע.

ער איז אַן עלעקטראָ־טעכניקער. איז אין אַמעריקע נאָך פון פאַר דער מלחמה. איז אַנטלאָפן פון זיין געבורט־שטאָט קיעוו אַלס סטודענט צוליב רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט געמאַכט זיין קאַריערע אין אַמעריקע, זיך אַ סך אָנגעפּלאָגט, נישט געהאַט נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל, האָט אַלץ געמוזט דערגרייכן מיט זיינע אייגענע כּוחות און מיטלען.

נאָך די אַלע מי און מאַטערניש האָט ער גאַנץ קליינע גליקן.

— און איצט זענט איר צוריק אין אייער אייגן לאַנד, אייער אייגענער געבורט־שטאָט. אודאי געקומען מיטן געדאַנק זיך דאָ צו באַזעצן? — האָב איך פּרובירט טרעפן.

דאָס פּנים פונם אַמעריקאַנער רוס, וועמען איך וועל באַצייכע־נען אַלס ס., האָט זיך פאַרוואָלקנט.

— יאָ, איר האָט געטראָפן, — האָט ער געזאָגט. — טאַקע געהאַט געקומען מיט דער דעה זיך דאָ צו באַזעצן. באמת שוין מיד געוואָרן פון אַמעריקע מיט איר ראַשיקייט און געוואַלדיקע קאָנ־טראַסטן. די לעצטע צייטן אפילו געליטן פון אַרבעטסלאָזיקייט.

ס׳האָט זיך פאַרבענקט נאָך די אַלטע היימלאַנד. געווען גרייט אַפילו ברענגען קרבנות.

— איר רעדט, ווי איר וואָלט פּלוצים געענדערט אייער באַ־שלום? — בין איך שוין געוואָרן נייגעריק.

— איך זאָל עס זאָגן! — האָט ער גערעדט, ווי ס׳וואָלט אים געגאַנגען אין נצחון. — איך האָב געדאַרפט צוזען מיט מיינע אויגן, וואָס דאָ קומט פאָר, און איך בין גרייט פונדאַנען צו אַנטלויפן. נאָך אַ דאַנק גאָט, אַז עס איז דאָ וווהין און מיט וואָס צוריק צו פאָרן!

— וואָס אַזוינס האָט איך אַנטוישט? — האָב איך פּרובירט זיך מאַכן תּמעוואַטע.

ס. האָט מיר געשענקט אַ שאַרפן בליק.

— זענט איר דען ערשט אָנגעקומען און האָט גאָרנישט געזען? — האָט ער געפרעגט, — אָדער זענט איר גאָר פון יענע פאַר־קויפטע אָדער סתם קנעכטישע נשמות, וואָס זענען גרייט צו פּאַטשן בראַוואָ פאַר אַלץ, וואָס די קאָמוניסטן טוען דאָ אָפּ? העלפן זיי אין דעם גרויסן שווינדל, דער גרעסטער אין דער מענטשלע־כער געשיכטע, צו האַלטן די אויגן פון דער וועלט פאַרבלענדט?

ער האָט גערעדט הויך אויפן קול, ממש געשריגן. ער איז געווען אין כּעס. ס׳האָט אים קענטיק וויי געטאָן דאָס האַרץ. כאָטש אונזער געשפּרעך איז געפירט געוואָרן אין ענגליש, האָב איך אָבער געפּונען פאַר נויטיק אים צו וואָרענען.

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט! — האָט ער נאָך אַלץ גערעדט אויפן קול. — אַ דאַנק גאָט, איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער. זיי קאָנען מיר גאָרנישט טאָן!

— איר קאָנט אָבער אויף אַזאַ אופן אַמאָל ברענגען אַנדערע אויפן פייער! — האָב איך ווידער געגעבן אַ פריינטלעכע וואָרנונג.

ער האָט פּלוצים אַרונטערגענידערט פון זיין הויכער אָקטאַווע אויף „פּיאַניסימאָ״.

— זעט איר, דאָס מוז איך טאַקע האָבן אין זינען, — האָט ער צוגעגעבן, אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן. — איך האָב

דאָ קרובים. ווען נישט, וואָלטן „זיי" פון מיר „געכאַפּט" די אמתע פּאַרציע.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן. צי ס. איז טאַקע געווען אַזוי נאַאיוו, צי אין היץ פון זיינע רייד האָט ער אַליין נישט געפילט דעם קאָמיזם פון זיינע ווערטער, — דאָס זשומען פון אַ פליג קעגן מעכטיקן קראַך פון אַ דונער!

איך האָב אים קודם כּל פאַרזיכערט, אַז איך געהער נישט צו יענע „פּאַרקויפטע" און נישט „קנעכטישע" נשמות, ווי ער האָט זיי אָנגערופן, וואָס אַפּלאָדירן אַליז, וואָס זיי זעען אין רוסלאַנד. איך בין גראָד אַליין געווען פון די אַנטוישטע.

— אָט דערפאַר אינטערעסירט מיך טאַקע צו הערן, וואָס אַזוינס עס האָט אייך אַנטוישט, — האָב איך אויסגעפירט. — איר האָט אודאי געזען אַזוינס, וואָס האָט אייך „אויסגעקורירט" פון דער סימפּאַטיע, מיט וועלכער איר זענט אַהער געקומען, און פון דעם באַשלוס, וואָס איר האָט אין אָנפאַנג געהאַט אפילו צו ברענגען קרבנות.

ס. האָט אַ לאַנגן זופּ געטאָן פונם טיי, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט.

— איך ווייס נישט גענוי, וואָס פאַר גוטעס דאָס וועט מיר טאָן, — האָט ער געזאָגט מיט ישוב הדעת. — עס איז אָבער גענוג, אַז איך זאָל האָבן פאַר וועמען זיך אַרונטערצורעדן פון האַרצן. איר זענט דער ערשטער, פאַר וועמען איך דעק אויף מיינע ווונדן.

— איז עס דען אַזוי ערנסט? — האָב איך אים אָנגעקוקט.

— פאַר אַנדערע קאָן זיך דער ענין רוסלאַנד זיין נישט מער ווי אַ שפּיל, אַ צייט־פאַרטרייב. מ'קומט, מ'קוקט זיך צו און צי ס'געפעלט, צי נישט, מ'פאָרט אַוועק און מ'פאַרגעסט. אין ערגסטן פאַל זאָגט דער געוויינלעכער טוריסט: זאָלן זיי זיך ברעכן זייערע אייגענע קעפּ. פאַר מיר איז עס אָבער אַנדערש. נישט בלויז דערפאַר, וואָס איך בין אַ רוס און וואָס איך האָב דאָ פאַמיליע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס איך האָב אַלע יאָרן אין אַמעריקע געלעבט און געאָטעמט מיט רוסלאַנד. קיינמאָל זיך נישט געקאָנט אויסוואָרצלען

פון מיין געבורט־לאַנד.

— איך בין טאַקע קיינמאָל נישט געווען קיין באָלשעוויק. אין מיינע סטודענטן־יאָרן געהערט צו די „עס־ער" (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן). אין אַמעריקע האָב איך די גאַנצע צייט נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין באַשטימטע פּאַרטיי. בין איך פון אָנפאַנג געווען קעגן די קאָמוניסטן און זייער דיקטאַטור, אָבער אין משך פון די יאָרן האָב איך אָנגעהויבן אין געדאַנק מיט זיי שלום מאַכן.

— געווירקט האָבן אויף מיר צוויי הויפּט־פאַקטאָרן: ערשטנס, וואָס מיינע קרובים האָבן מיר די גאַנצע צייט געהאַלטן אין שרייבן, אַז זיי גייט גוט, און וואָס אַפילו מיינער אַן אָנקל, אַ געוועזענער „קופּיעץ" (סוחר), האָט שוין געהאַלטן אין שרייבן, אַז ער האָט שלום געמאַכט מיטן עקזיסטירנדיקן רעזשים און פילט זיך וווּל, ווי עס קאָן גאָר בעסער נישט זיין. צווייטנס, וואָס איך האָב לעצטנס געלייענט גאָר פריינטלעכע באַשרייבונגען וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד. אויב איך האָב די פּאַרטיינע קאָמוניסטן קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן, האָב איך אָבער געוואָלט גלויבן די אַזוי־גערופענע „אומפּאַרטייאישע" באַאָבאַכטער. עס איז געווען אויפן גרונט פון דעם, וואָס איך האָב באַשלאָסן קומען אַהער און זיך דאָ איינאָרדענען.

— האָט איר דען געפונען אין דעם שוועריקייטן? — האָב איך געמיינט, אַז איך האָב דאָ פאַר זיך אַ פאַל פון איינעם, וואָס איז געקומען מיט געוויסע פּלענער, פון וועלכע עס האָט זיך גאָר נישט אויסגעלאָזן.

— עס האַנדלט זיך נישט וועגן מיר פערזענלעך, — האָט ער מיר דערקלערט. — וואָס מיר האָט אַנטוישט, אין דער אמתן שאָקירט, איז דאָס, וואָס איך האָב אויסגעפונען, אַז אַלץ, וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט וועגן רוסלאַנד, איז אַ ליגן. מיינע קרובים האָבן מיך אָפּגענאַרט און די יעניקע, וואָס שרייבן מיט ליב וועגן רוסלאַנד, האָבן מיר פאַרפירט.

— אָבער ווי קומט עס, אַז אייערע קרובים האָבן אייך אָפּגענאַרט? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע.

— ס'איז נישט זייער שולד. ס'איז דאָס סיסטעם, דער שווי־

דערלעכער טעראָר. ערשט איצט הויבט פאַר מיר אָן קלאָר ווערן דער גאַנצער ענין. זיי האָבן געהאַלטן אין שרייבן, אַז ס'איז זיי גוט, ווייל זיי האָבן פּשוט מורא געהאַט צו שרייבן דעם אמת. אַט בין איך געווען ביי מיינע שוועסטער־קינדער אין אַ קאָלכאָז און איך האָב זיי ממש געפונען אין ברויט. זיי האָבן מיך באַגעגנט מיט טרערן אין די אויגן. אַז איך האָב זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבן די גאַנצע צייט געשריבן אַזוינע „פרייליכע" בריוו, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ פיינלעכן געלעכטער:

— „ווייסטו דען נישט, אַז אַנדערש האָבן מיר נישט געקאָנט? — מ'וואָלט בלויז געדאַרפט פּאַקן אונזערס אַ בריוו, און וועלכן מיר דערציילן דעם ביטערן אמת, און מיר וואָלטן פאַרשיקט געוואָרן אַהין, וווהין אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אויף דעם אָדער יענעם אופן זיך פאַרזינדיקט געגן דער מאַכט, זענען פאַרשיקט געוואָרן".

— און אייער אָנקל, דער „קופּיעץ"? — האָב איך געהאַלטן רעכענונג פון זיינע קרובים.

— זיין לאַגע איז אויך גענוג טראַגיש, — איז געווען דער ענטפער. — ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטעלע אין אַ ביוראָ. ס'דאַרף הייסן, אַז ער קריגט אַ גאַנץ נישקשהדיק געהאַלט, אָבער אין הויז איז ממש קיין ברויט נישטאָ.

— אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געקומען מיטן געדאַנק דאָ צו פאַרבלייבן, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילדן משוגענעם און אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— „ביסטו אַרונטער פון זינען"? — האָט ער אויסגערופן.— „קומען אַהער אין גיהנם מיטן אייגענעם פרייען ווילן און דערצו נאָך פון אַמעריקע? דאָס איז שוין אַזוינס, וואָס אַ מענטש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד קאָן, דאַכט זיך, נישט טאָן".

— אַז איך האָב געוואָלט וויסן, פאַרוואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן אָפּטימיסטישע בריוו, איז ווידער געקומען דערזעלבער ענטפער: „מען האָט מורא צו שרייבן דעם אמת".

ס. איז אַנטשוויגן געוואָרן צו כאַפּן דעם אָטעם און דאַן ווידער גערעדט:

— און ס'איז נישט בלויז, וואָס מיין אייגענע פאַמיליע איז אַזוי שווער געטראָפן. ס'איז גאַנץ רוסלאַנד. זיי האָבן פון אונזער לאַנד געמאַכט אַ חורבן. דאָס ערגסטע איז דער טעראָר, וואָס בור־שעוועט און וואָס לאָזט קיינעם קיין קאָפּ נישט הויבן. איז דאָס די פרייהייט, צו וועלכער מיר האָבן די גאַנצע צייט געשטרעבט? זענען דאָס די רעזולטאַטן פון דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכע אַזוי־פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן? דער באַרג האָט געבאָרן אַ מויז. און די געבורט־ווייען זענען געווען אַזעלכע שוידערלעכע און צו נאָכוויינען געמט גאָרנישט קיין סוף! ניין, ברודערקע, נישט דאָס קאָן אַ מענטשן מיט אַ געפיל פאַר יושר און וואָס באַזיצט אַ וועלכע עס איז מאָס אידעאַליזם באַפרידיקן.

2

איך באַזוך אַן אינטעליגענטע יידישע פאַמיליע אין מאָסקווע. איך האָב פאַר זיי אַ גרוס פון קרובים אין אַמעריקע, וועלכע זענען מיינע גוטע באַקאַנטע.

דער מאַן האָט אַ שטעלע אין דער פאַרוואַלטונג פון אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוו. עס דאַרף הייסן, אַז אים גייט נישט שלעכט. אַזוי־צום וויניקסטנס האָבן מיר פאַרזיכערט די קרובים אין אַמעריקע, וועלכע זענען אַלע קאָמוניסטיש געשטימט.

— דאָ וועט איר האָבן אַ ביישפּיל, — האָט מיר איינער פון זיי געהאַט געזאָגט, פאַר מיין אָפּפאָרן, — פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך איבערגעבראָכן און שלום געמאַכט מיט זיין גורל און געוואָרן אַ „פּאַטריאָטישער" אָנהענגער פונם סאָוועטן־סיסטעם.

האָב איך אָנגענומען דעם בעל־דבר, ווי מ'האָט אים פאַר מיר פאַרגעשטעלט, און גערעדט פון אָנפאַנג פאַרזיכטיק.

— איר זעט דען נישט דעם גרויסן אויפשוווּנג אין לאַנד? — האָט ער געהאַלטן אין רעדן מיט קענטיקער איבערצייגונג. — מיר קלעטערן נאָך באַרג־אַרויף און דאָס איז געוויינלעך שווער. מיר וועלן אָבער באַלד דערגרייכן דעם שפּיץ. צו אַלע אונזערע שוועריקייטן וועט נעמען אַ סוף.

עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און דער קאָמוניסטישער

„פּאַטריאָט" האָט אין מיר דערזען דעם „גוטן ברודער", ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, פאַר וועמען מ'קאָן רעדן נישט וואָס מ'מוז, נאָר וואָס מ'פילט. און פּלוצים האָבן ביי אים אָנגעהויבן פליסן גאָר אַנדערע רייד.

— ברודערקע, ס'איז שלעכט, — האָט ער אויסגעפּלאַצט מיט גרוים ווייטאָק — און ווי שלעכט? מ'פילט אָפּט, ווי דער מאַרך דירט זיך. איך ליג אָפּט גאַנצע נעכט וואַך און וווּנדער מיך, צו וואָס דאָס אַלץ קאָן פירן. ביי וועמען, וועמען, ביי מיר גייען שוין אוים די כּוחות. זאָל אַוועק נאָך אַ קורצע צייט און איך וועל צו־זאַמענברעכן פיזיש אָדער גייסטיק און אפשר ביידע צוזאַמען. איר האָט דען אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ משא ס'ליגט אויף די פּליי־צעס פון יעדן איינעם פון אונז? אַ שווערער באַרג דריקט און דריקט ביז מ'הויבט אָן פילן, אַז אין טויט וואָלט מען געפונען מנוחה.

— אָבער וואָס דריקט אייך דען אַזוי? — האָב איך אים געוואָלט באַנעמען. — איז עס דער עקאָנאָמישער דרוק?

— דער עקאָנאָמישער נישט אַזוי ווי דער פּאָליטישער און גייסטיקער, — האָט ער מיר אויפגעקלערט. — איר האָט דען אַ באַגריף, וואָס עס מיינט טאָג און נאַכט אָטעמען מיט טעראָר פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור?

מ'מוז זיך היטן מיט יעדן וואָרט, וואָס ס'קומט אַרויס פון מויל. ווי לאַנג קאָן מען אַזוי אָנגיין?

— אָבער פאַרוואָס האָבן אייערע קרובים דערציילט, אַז איר שרייבט אַזוינע דערמוטיקנדיקע בריוו? — האָב איך געפרעגט.

אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַן איראָניש שמייכעלע.

— נעמען זיי עס דאָרט דען ערנסט? — האָט ער אָפּגעענט־פערט מיט אַ פראַגע. — האַלטן זיי דען, אַז איך מיין, וואָס איך שרייב? קאָנען זיי נישט פאַרשטיין, אַז איך וואָג נישט שרייבן דעם אמת? אָט האַלט מיר איינער פון מיינע קוזינען בסדר אין שרייבן קאָמוניסטישע בריוו. ווען איך וואָלט אים געזען, וואָלט איך אים אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין. אָבער גיי, טענה זיך אוים מיט אים אין בריוו!

— מיינט איר דען צו זאָגן, — האָב איך געשטעלט אַ קלאָץ־קשיא, — אַז אַלע, וואָס שרייבן דערמוטיקנדיקע בריוו פון רוס־לאַנד, טוען דאָס בלויז אויס מורא?

— איך וועל נישט זאָגן, אַז דאָס איז דער פאַל מיט יעדן איינעם. אפשר זענען פאַראַן פאַנאַטיקער און סתם אידיאָטן, וואָס פילן טאַקע אַזוי. בדרך כּלל וואָלט איך אָבער ממש מיין קאָפּ אַוועקגע־לייגט, אַז די בריוו זענען געשריבן צוליב מורא פאַרן צענזאָר.

דער קאָמוניסטישער „פּאַטריאָט” איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט צוזאַמענגעקליבן זיינע געדאַנקען. ער האָט דאַן פאָרגעזעצט:

— איך וויל איצט נישט רעדן וועגן פשוטן מענטשן פון גאַס, — האָט ער געזאָגט. — יענעם דריקט מסתמא הויפּטזעכלעך זיין שווערע עקאָנאָמישע לאַגע. ס'פעלט ברויט, ס'פעלן אַנדערע עלעמענטאַרע באַדערפעניש. טראַכט ער אפשר אינגאַנצן נישט וועגן אַזאַ זאַך, ווי פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון געוויסן אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פרייהייטן. פאַרן אינטעליגענטן בירגער קאָן איך אָבער יאָ רעדן, כאָטש איך האַלט זיך נישט פאַר קיין אינטעליגענט. פאַר זיי מיינט עס אַרומגיין מיט אַ שלאָס אויפן מויל און האַלטן דעם מאַרך און דאָס האַרץ ערגעץ באַגראָבן אונ־טער אַ שטיין.

— אָבער צו וואָס מאַכן אַזאַ וועזן פון אַזוינע זאַכן? — האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט. — זענט איר דען אין רוסלאַנד וועגן געווען געוווינט צו פרייהייט? איז דען אונטערן צאַר געווען מער פרייהייט?

דער בעל דבר האָט מיר געשענקט אַן אומפריינטלעכן בליק.

— אויב איר ווילט וויסן, וואָס איך דענק טאַקע וועגן דעם, וועל איך אייך זאָגן, אויב מיינע ווערטער וועלן נישט מיספאַר־שטאַנען ווערן, אַז אונטערן צאַר האָבן מיר שוין געהאַט אַ סך מער פרייהייטן ווי איצט, — האָט ער געענטפערט. — אָבער עס וואָלט געווען אַן אומזין, ווען איך זאָל זאָגן, אַז אימיצער פון די, וועמען איך האָב אין זינען, בענקט צוריק נאָכן צאַר. איך זאָג

אָבער, אַז די קאָמוניסטישע הערשאַפט איז שווידערלעך. אודאי זענען מיר נישט געווינט צו פרייהייט, אָבער פרייהייט איז דאָך געווען, נאָך וואָס מיר האָבן אַלע די גאַנצע צייט געבענקט. ווען מיר זענען געווען אונטער אַ רעזשים פון אַבסאָלוטיזם, האָבן מיר עס לייכטער געקאָנט אַריבערטראָגן דערפאַר, וואָס מיר האָבן אַלץ געהאָפט אויף בעסערס. איצט האָבן מיר אָבער דעם בײַשפּיל, וואָס אַ קאָמוניסטישע הערשאַפט האָט אונז געגעבן, און דערפאַר איז די אַנטוישונג אַזוי גרויס און דער ווייטאָג אַזוי טיף.

— די דיקטאַטאָרישע פאָרם פון איצטיקן רעזשים דאַרף דאָך אָבער נאָר זיין אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך, — האָב איך אים געוואָלט טרייסטן. — ס'וועט לאַנג נישט נעמען און רוסלאַנד וועט האָבן אַלע פרייהייטן.

— נאַרישקייטן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט. — אַזוי זאָגן אפשר טעאָרעטיקער, די, וואָס לעבן נישט מיט דער ווירקלעכקייט. מיר האָבן אָבער שוין זיבעצן יאָר ביטערע דערפאַרונג. מיר קוקן אויף אַלץ מיט אָפענע אויגן. מ'קאָן אונז שוין מער נישט פאַרבלענדן די אויגן. טעראָר שאַפט טעראָר. איין פאָרם פון טעראָר גייט איבער אין אַ נייער, דאָס, וואָס עס איז דער פונדאַמענט פון אַ לאַנד, קאָן שוין נישט געענדערט ווערן, סיידן דורך אַ נייער איבערקערעניש.

— דאָס איז דאָך אָבער נישט אויסגעשלאָסן אפילו אונטער אַ קאָמוניסטישער אָרדענונג, — האָב איך באַמערקט.

— אויסגעשלאָסן! — האָט יענער געזאָגט אין אַ טאָן פון זיכערקייט. — מצד די מאַסן וועט קיין איבערקערעניש קיינמאָל נישט קומען, פשוט דערפאַר, וואָס עס איז שוין מער ביי קיינעם קיין כוחות נישט געבליבן. אגב איז די מאַסע אָן מיטלען, אָן וואָפן, אָן דער מעגלעכקייט איינער מיטן צווייטן זיך צוזאַמענרעדן. אָט דאָס איז דער טיווּלשער כוח פונם רויטן טעראָר, וואָס הערשט אין לאַנד. אַלץ, וואָס קאָן פּאַסירן, איז, אַז זיי, אונזערע באַהערשער, זאָלן זיך אָנהויבן רייסן איינע מיט די אַנדערע און האַקן קעפּ איינער ביים צווייטן.

3

כאָטש מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן האָבן דאָס רוב מיט מיר גערעדט פריי און אָפנהערציק און, נאָכדעם ווי איך האָב געווונען זייער צוטרוי, מיר ממש פאַרטרויט „סודות'', האָב איך זיך אָבער אויך אָנגעשטויסן אָן גאָר א סך, וואָס האָבן אָנגענומען א מויל מיט וואַסער און געשוויגן.

קאָמוניסטן, למשל, וועלכע האָבן קרובים אין אַמעריקע און ווערען דאָס חיות איז ממש אויסגעגאַנגען, אַז איך זאָל זיי פאַרבינדן מיט די דאָזיקע קרובים, געבנדיק אָנצוהערעניש, אַז עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, ווען מען שיקט זיי צו עטלעכע דאָלאַר, האָבן אָבער אין לעצטן מאָמענט חרטה געקריגן אויף זייער קאַפּולע אָנצוהערענישן און האָבן מיט א מאַך פון האַנט פאַרענדיקט:

— ווער דאַרף זיי דאָרט האָבן, די בורזשויען? זאָלן זיי זיך האַלטן מיט זייערע דאָלאַרן!

זיי האָבן זיך אויך אָנטזאָגט צו געבן זייערע אַדרעסן.

עס זענען אויך געווען פאַלן, וואָס מענטשן האָבן מיר אַליין נישט געוואָלט געבן זייערע אַדרעסן, מורא האָבנדיק, אַז איך זאָל זיי נישט קומען באַזוכן.

איינמאָל אויפן באַן, פאַרנדיק צווייטע קלאַס, האָב איך אין מיין קאָמפּאַרטמענט זיך באַקענט מיט אַן אינזשינער און מיט א דירעקטאָר פון א פאַבריק. צוערשט, ווען זיי האָבן מיך געהאַט אָנגענומען בלויז פאַר סתם אַן אַמעריקאַנער, האָבן זיי גערן גערעדט און אפילו זיך אַריינגעלאָזט אין א לאַנגן שמועס וועגן דער לאַגע אין לאַנד.

רעדנדיק פריי און אָן רעזערוואַציעס, האָב איך אָנגעוויזן אויף א סך זאַכן, וואָס געפעלן מיר נישט, און זיי האָבן ביידע צוגעשטימט, צולייגנדיק א היפּש ביסל פון זייער זייט. זיי זענען געווען קריטיש געשטימט, כאָטש גאַנץ פאַרזיכטיק.

— און וואָס איז אייער באַשעפטיקונג? — האָט מיך דער

אינזשינער געפרעגט, נאָכדעם, ווי איך האָב שוין וועגן איס און זיין קאָמפּאַניאָן געהאַט געוווּסט כּמעט אַלץ.

— אַ זשורנאַליסט.

די קאַלירן פון ביידע מיטרייזנדע האָבן זיך געביטן. זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי זענען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט.

און קיין דערקלערונג אויף דעם האָב איך נישט געדאַרפט.

מילא, ווען זיי וואָלטן גערעדט פאַר סתם אַן אַמעריקאַנער, וואָלט נאָך קיין בייז נישט געווען. מאַלע, וואָס מען הערט זיך אָן אונטערוועגס? אין איין אויער אַריין און דורכן צווייטן אַרויס. מיט אַ זשורנאַליסט איז אָבער אַנדערש. ער קאָן נאָך אַלץ אַריינ־שרייבן אין צייטונג, און זאָל עס זיין אַ צייטונג, וואָס גייט אַרויס אין מרחקים, קאָן עס זיך נאָך אָפּרופן אויף די, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אַרויסגעזאָגט.

— און איר פאַרצייכנט נאַטירלעך אַלץ, וואָס איר הערט און וואָס איר זעט? — האָט מיך דער דירעקטאָר געפרעגט, זוכנדיק צו באַהאַלטן זיין שרעק.

— אוודאי טו איך עס! — איז געווען מיין ענטפער. — ווי דען־זשע וועל איך געדענקען אַלץ, וואָס מען הערט זיך אָן און וואָס מען זעט זיך אָן אויף אַזאַ לאַנגע רייזע? פונדעסטוועגן — און איך האָב שוין געוואָלט מיינע מיטרייזנדע באַרואיקן — מעגט איר וויסן, אַז קיין נעמען פאַרצייכן איך קיינמאָל נישט אין מיין נאָטיץ־ביכל און קיין אַדרעסן אוודאי נישט. אין צייטונג וועל איך אוודאי און אוודאי נישט אָנגעבן קיין נעמען אָדער קיין סימנים, לויט וועלכע מען זאָל אימיצן קאָנען דערקענען.

איך האָב געקאָנט זען, אַז בײַ מיינע פאַרשווינען איז אַרונטער אַ שטיין פון האַרצן.

פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך נאָך מיט דעם נישט באַנוגנט. זיי האָבן באַלד „פאַרקירעוועט" דעם דישעל און ביידע צוזאַמען, איבערוואַרפנדיק זיך אַלע ווײַלע מיט בליקן, האָבן מיר אָנגעהויבן דערציילן גרויסע שבחים פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

— פון דער צווייטער זייט גערעדט, — האָט דער אינזשינער

געזאָגט, — האָבן מיר דאָ גאָר אַ סך אויפגעטאָן: די לאַגע ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג. דער בוי פון סאָציאַליזם גייט־אָן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ.

— אוודאי זענען מיר אַלע שטאָלץ מיט אונזערע גרויסע דער־גרייכונגען, — האָט דער דירעקטאָר צוגעגעבן. — מיר קאָנען איצט באמת דערוואַרטן, אַז גאָר אינגיכן זאָלן מיר דעריאָגן אַמע־ריקע און אפילו איר איבעריאָגן.

איך האָב מער מיט זיי נישט דיסקוטירט. איך האָב זיי מער נישט געשטעלט קיין קעגן־פראַגן.

עס איז געווען אַ פאַל, וואָס די צוויי האָבן געפילט, אַז זיי דאַרפן מיך „אַפּיאַלירעווען" און איך האָב פאַר זייער אייגענער צופרידנקייט זיי געלאָזט בלייבן אונטערן איינדרוק, אַז זיי איז עס טאַקע געלונגען.

דער טעראָר איז נישט בלויז חל אויף דעם ברייטן עולם, נאָר אפילו אויף פּאַרטיי־קאָמוניסטן. וואָרום אפילו קאָמוניסטן ווייזן אַרויס דיזעלביקע מורא, דיזעלביקע צוריקגעהאַלטנקייט אין זייערע רייד און אין זייער האַלטונג, ווי די פּשוטע מענטשן פון גאַס.

איר דאַרפט גאָר ווערן אינטים מיט אַ קאָמוניסט און איר וועט באַלד דערפילן, אַז ער איז אונטער אַ דרוק, אַז ער וואָגט קיינמאָל נישט אַרויסצוזאָגן, וואָס ער פילט. ער מוז שטענדיק האַלטן דאָס אויער צו דער ערד אויפצוכאַפּן די ווייטע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אַזש פון קרעמל, כדי ער זאָל חלילה נישט מאַכן קיין „טעות" און זאָל זיך נישט אַרויסרעדן מיט אַ „נאַרישקייט".

די מורא און די אומזיכערקייט פון אַ קאָמוניסט איז נאָך אפשר אַ סך גרעסער, ווי פון אַ פּשוטן בשר ודמניק.

וואָרום דער רויטער טעראָר מאַניפעסטירט זיך אין מער ווי איין פאָרם. עס שטייט אין קאָן נישט בלויז אַרונטערגעזעצט צו ווערן פון אַ העכערן פּאָסטן אויף אַ נידעריקערן אָדער צו פאַרלירן אינגאַנצן דאָס ברויט, נאָר אויך צו פאַרלירן דאָס לעצטע ביסל פרייהייט, וואָס מען האָט, דורך פאַרשיקט צו ווערן ערגעץ אין מרחקים אָדער גאָר אין געפענגעניש.

פאַרלירן דאָס לעבן איז אויך אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. עס

איז כמעט א טעגלעכע דערשיינונג, אז דער אָדער יענער זאָל פּלוצים נעלם ווערן און מען זאָל נישט וויסן אפילו, ווו זיין געביין איז אהינגעקומען.

קאַפּיטל עלף

מאשין — דער „אפגאט" פון סאוויעט - רוסלאנד

1

דער „אָפּגאָט" פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז — „מאַמאָן"; פון סאָוויעט־רוסלאַנד — „מאַשין". בוקט זיך און קניט זיך דאָס לאַנד פון די סאָוויעטן פאַר דעם דאָזיקן אָפּגאָט, געגאָסן פון שטאָל און אייזן, און זיינע מאַרקסיסטישע פּריסטער פּראַווען געצנדינערישע צערעמאָניעס פאַר אים — איינשליסנדיק אפילו דאָס מקריב זיין פון מענטשלעכע קרבנות...

דאָס לאַנד פון באָלשעוויזם אָטעמט מיטן גייסט פון „מאַשין־קולט". מענטשן ווערן מיטן פולן באַוווסטזיין געבראַכט אלס קרבנות, כדי צו געפינען „ליטזעליקייט" אין די אויגן פונם „מאַשין־גאָט".

איז דער „מאַשין־גאָט" אַלמעכטיק, דרינגט אריין אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן און מעכאַניזירט דאָס לאַנד פולשטענדיק, האָבנדיק געמאַכט פאַר זיין שלאַג־וואָרט „דעריאָגן און אריבעריאָגן די מעכאַניזירטע אַמעריקע".

גייט אָן אַן אומדערמידלעך געיעג פאַר שנעלע אינדוסטריאַליזאַציע און עס ווערן אָנגעשטרענגט אַלע כוחות צו געבן דער מאַשין אומבאַגרענעצטע מאַכט.

די פּריסטער פונם נייעם „קולט" קאָנען כמעט אויף קיין אַנדערע דערגרייכונגען נישט אָנווייזן א חוץ די אינדוסטריעלע.

איין ריזיקע פאַבריק נאָך דער אַנדערער, איין אינדוסטריעלער צענטער נאָכן צווייטן, — רוסלאַנדס אינדוסטריאַליזאַציע גייט פאָרווערטס מיט די טריט פון א גיגאַנט.

אודאי מאַכט די דאָזיקע אינדוסטריאַליזאַציע אַן איינדרוק,

דערהויפּט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ לאַנד, וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען שטאַרק הינטערשטעליק אין מאָדערנער טעכנישער אַנטוויקלונג. פון דער נאַטור איינס פון די רייכסטע לענדער אין דער וועלט, איז רוסלאַנד געווען איינס פון די אָפּגעשטאַנענסטע און אומאַנטוויקלטסטע.

איצט קאָן שוין רוסלאַנד אַליין פאַבריצירן כמעט אַלץ אין דער וועלט און קאָן שוין אפילו באַזאָרגן אַנדערע לענדער מיט אירע פאַבריצירטע סחורות. אין דער צייט, וואָס די אייגענע באַפעלקערונג האָט נישט אפילו גענוג ברויט, האַלט מען אין שיקן קיין אויסלאַנד די בעסטע סחורות.

שטייט די מאַשין איבער אַלץ און ווערט אידעאַליזירט, ווי זי וואָלט געווען נישט בלויז אַ מיטל צום צוועק, נאָר דער צוועק אַליין.

עס איז צוליב דעם, וואָס מען האַלט אין טרייבן די אַרבעטער צו פּראָדוצירן אַלץ מער און וואָס מען פאַרגעסט וועגן די באַדערפענישן פון מענטשן, ווען מען די מאַשין האָט אייגנטלעך געדאַרפט דינען.

אויפצובויען אַ גרויסע פאַבריק, שאַפן אַ נייעם אינדוסטריעלן צענטער, איז פיל וויכטיקער פאַר די, וואָס האָבן דעם גורל פון לאַנד אין זייערע הענט, ווי צו באַזאָרגן די ברייטע מאַסן מיט זייערע עלעמענטאַרע באַדערפענישן.

אויב די אַרבעטער־מאַסן זענען פאַר יאָרן לאַנג ממש פאַרהונגערט געוואָרן, איז עס אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט די מאַשין געשטעלט איבער דעם מענטשן און וואָס אין דעם געיעג צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף די שווערע אינדוסטריעס, האָט מען פאַרנאַכלעסיקט די לייכטע אינדוסטריעס און איבערגעלאָזט דאָס לאַנד אָן גענוג געברויך־פּראָדוקטן, סיי אין עסנוואַרג און סיי אין פאַבריצירטע סחורות.

די קאָסטן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע זענען אַזעלכע קאָלאָסאַלע, אַז די גרויסע אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן די דאָזיקע קאָסטן געמוזט דעקן, זענען רעדוצירט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון דחקות און נויט.

נאַטירלעך, זאָגט מען איך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן נאָר אין די אינטערעסן פון פאָלק. מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד וועט דאָס פאָלק קאָנען באַזאָרגט ווערן מיט אַלע זיינע באַדערפעגישן. סאָוויעט־רוסלאַנד וועט זיין זעלבשטענדיק. זי וועט באַקומען אַלץ, וואָס זי דאַרף, פון אירע אייגענע אינדוסטריעס.

קאָן מעגלעך זיין, אַז צו דעם האַלט מען איצט זיך אין דער־נענטערן, כאָטש דער וועג איז אַ ווייטער און אַ שווערער, און עס וועלן נאָך מוזן נעמען יאָרן, אפילו ווען אַלץ זאָל גיין בשורה, איי־דער די אינדוסטריעס וועלן קאָנען באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט אירע באַדערפעגישן.

— ס׳וועט נאָך מוזן נעמען יאָרן, איידער מען וועט האָבן גענוג שיך פאַר אַלעמען, — האָט מיר געזאָגט אַן אַמעריקאַנער אינזשינער, וועלכער אַרבעט אַלס „ספּעץ" אין איינער פון די גרעסטע סאָוויעטישע פאַבריקן. — דאָסזעלבע איז אויך וועגן קליידער און וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס זענען עלעמענטאַר.

— און וואָס איז מכּוח דעם צווייטן פינף־יאָר־פּלאַן, וועל־כער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל צו אַנטוויקלען די לייכטערע אינדוסטריעס, וועלכע דאַרפן פּראָדוצירן אָט די זאַכן, וועגן וועל־כע איר רעדט? — האָב איך געוואָלט וויסן. — האַלטן דאָך עפּעס די סאָוויעטישע פירער, פון סטאַלינען ביז אַרונטער, אין איין פאַרזיכערן, אַז ביים סוף פון צווייטן פינף־יאָר־פּלאַן וועלן די מאַסן מער נישט דאַרפן ליידן קיין נויט.

דער אַמעריקאַנער אינזשינער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— עס וועט דאַרפן נעמען מער ווי אַ צווייטער און אפילו אַ דריטער פינף־יאָר־פּלאַן צו האָבן גענוג פּראָדוקטן פאַר אַלעמען. אפילו מיט גענוג ברויט קאָן נאָך די סאָוויעט־רעגירונג נישט באַ־זאָרגן די באַפעלקערונג, היינט ווער רעדט שוין וועגן פאַבריצירטע סחורות! אויב עס וועלן זיין די מאַשינען, וועלן פעלן די רויע מאַטעריאַלן. עס איז בכלל אַ פּראָצעס, וואָס דאַרף נעמען גאָר אַ לאַנגע צייט. ערשט דער קומענדיקער דור וועט מעגלעך קאָנען גע־ניסן די פולע פרוכט פון דעם, וואָס ווערט געשאַפן איצט.

— מיינט איר דען, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פעלער,

וואָס די סאָוויעט־רעגירונג האָט זיך פאַרנומען צו אינדוסטריאַלי־זירן דאָס לאַנד מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ? — האָב איך געפרעגט.

— ווי דער פעלער איז געמאַכט געוואָרן איז נישט אַזוי לייכט צו זאָגן, — איז געווען זיין ענטפער. — מעגלעך, אַז דער פעלער ליגט גאָר אין דעם, וואָס די אינדוסטריאַליזאַציע איז גע־ווען און איז פאַר איין באַשטימטן צוועק — צו מאַכן סאָוועט־רוסלאַנד פאַר אַ גרויסע מיליטערישע מאַכט. קאָן זיין, ווען די אינדוסטריאַליזאַציע וואָלט געהאַט פאַר זיך בלויז איין צוועק — צו באַזאָרגן די מאַסן מיט זייערע באַדערפעענישן — וואָלט מען געהאַט אַ סך מער דערגרייכט. דער פאַקט איז אָבער, אַז מען האָט קאָנצענטרירט אַלע כּוחות אויפצובויען אַ ריזיקע מיליטערישע מאַשין, און דער רעזולטאַט איז דערפאַר טאָפּלט שלעכט: ערשטנס, וואָס די אַלע רייכטימער זענען אַוועק פאַר אַ מיליטערישער, נישט־פּראָדוקטיווער אָרגאַניזאַציע; צווייטנס, וואָס עס איז דערווייל אויסגעוואַקסן אַ מיליטערישער קלאַס, וואָס איז געוואָרן אַן איי־ביק קעסט־קינד ביים רוסישן פאָלק און וועט ביי אים ממש אָפּעסן דעם קאָפּ. דאָס אויסהאַלטן פון דער דאָזיקער מיליטערישער מאַ־שין קאָסט אַזוי טייער, אַז מיט אַלע אָנשטרענגונגען וועט די סאָ־וויעט־רעגירונג נישט קאָנען גוט־מאַכן פאַר דער הינטערשטעלי־קייט אין דער פּראָדוקציע פון סחורות פאַר די באַדערפעענישן פון פאָלק.

— די סאָוויעט־רעגירונג האָט דאָך אָבער זיך געפילט גע־צוווּנגען צו פאַרשטאַרקן איר מיליטערישע מאַכט?—האָב איך זיך פּרובירט אויסטענהן מיטן אינזשיניער, ווי ער וואָלט פאַר דעם געווען פאַראַנטוואָרטלעך. — די געפאַר פון קריג, וואָס דראָט אין וויטן מזרח און אויף די אייראָפּעאישע גרענעצן, איז גענוג, אַז מען זאָל פילן די נויטווענדיקייט צו ווערן מיליטעריש שטאַרק. וואָס, וואָס, באַשולדיקן די סאָוויעט ־ רעגירונג אין מיליטאַריזם קאָן מען נישט.

דער אינזשיניער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, ווי איך וואָלט פאַרקראַכן אָן אַ זייט.

— איך וויל נישט דיסקוטירן די פראַגע, אויב די סאָוויעט־

רעגירונג האט געדארפט אדער נישט געדארפט ווערן מיליטאריסטיש. איך וויל אויך נישט ארויסזאגן קיין מיינונג, אויב די סאוויעט־רעגירונג איז איצט באמת נישט געווארן מיליטאריסטיש. ווארום אייגנטלעך, ווי קאן מען זיין נישט־מיליטאריסטיש, ווען מען האט די גרעסטע ארמיי אין דער וועלט, ווען מען איז באוואפנט פון קאפ ביז די פיס און ווען מען האלט אלץ מער און מער באפעסטיקן די מיליטערישע פאזיציעס פון לאנד? אלץ, וואס איך האב געוואלט אונטערשטרייכן, איז דער פאקט, וואס נאכדעם ווי די סאוויעט ־ רעגירונג האט, צוליב דער אדער יענער אורזאך, געפונען פאר נויטיק אויפצובויען א ריזיקע מיליטערישע ארגאניזאציע, האט זי אויף זיך גענומען דאס גאנצע פעקל, וואס דער מיליטאריזם שטעלט מיט זיך פאר. ביז אהער זענען אלע כוחות געווען קאנצענטרירט אויפן אויפבוי פון דער מיליטערישער ארגאניזאציע און איצט וועט מען מוזן קאנצענטרירן אלע כחות די דאזיקע ארגאניזאציע אויפצוהאלטן. אנשטאט דאס פאלק זאל קאנען באזארגט ווערן מיט זיינע באדערפענישן, וועט דאס פאלק מוזן ווייטער ליידן נויט, ווייל פריער פאר אלעמען וועט מען מוזן באזארגן די ארמיי, דעם פלאץ און די אנדערע באוואפנטע כחות פון לאנד.

דער אינזשינער, וועלכער קען סאוויעט־רוסלאנד זייער גוט, האט דאן פארענדיקט מיט די דאזיקע ווערטער:

— די סאוויעט־רעגירונג האט זיך געשאפן א „פראנקענשטיין" — א גולם, וואס האט געבראכט די גרעסטע געפאר פאר דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון לאנד. עס האט מיט דעם קאמוניסטישן רוסלאנד פאסירט דאס, וואס עס פאסירט מיט אלע אנדערע לענדער, ווען זיי לאזן זיך ארויס אויפן גליטשיקן וועג פון מיליטאריזם. זאל אפילו אנגענומען ווערן, אז דא איז עס געדארפט געווארן מיט אנדערע כוונות און צוליב אנדערע אורזאכן. דער עיקר איז, וואס דער פרייז, וואס מען האט פאר דעם שוין באצאלט און וואס מען וועט נאך ווייטער דארפן צאלן, אן אן אויפהער. איז אן אומגעהויער גרויסער. פאר אן ארעם לאנד ווי סאוויעט־רוסלאנד, וועלכעס איז אויסגעמאגערט געווארן אין משך

פון הונדערטער יאָרן צאַריזם און איז דערנאָך פאַרבלוטיקט גע־וואָרן פון קריג און נאָכדעם פאַראָרעמט געוואָרן פון רע־וואָלוציע — איז עס פשוט אומדערטרעגלעך. און איך קאָן באמת נישט זען, ווי אַזוי די ברייטע מאַסן וועלן ווען קאָנען קומען צו זיך. דער איצטיקער דור אודאי נישט.

2

די מיינונג, וואָס איך האָב געהערט פון דעם אַמעריקאַנער אינזשינער, האָב איך שפּעטער אויך געהערט פון אַנדערע.

— דאָס זענען פרעהם זיבן מאָגערע קי, — האָט מיר איי־נער געזאָגט, — וואָס וואָלטן געקאָנט פאַרשלינגען אַ לאַנד, וואָס האָט פריער געהאַט גוטע צייטן. אין אונזער פאַל מיינט עס פשוט פאַרניכטונג, אין בעסטן פאַל אייביקע אָרעמקייט פאַר די אַר־בעטער־מאַסן.

רעדנדיק מיט אַן אַנדער אינזשינער, דאָס מאָל שוין אַ רוס, וועלכער האָט לכתחילה קוים געוואָלט זיך לאָזן אַריינציען אין אַזאַ געשפּרעך, אָבער איז נאָכהער געוואָרן רעדעוודיק און אָפן־האַרציק און אפילו פאַרטרוילעך, האָט יענער אָנגערירט אַ גאַר אַנדער פּונקט.

— די הויפּט - צרה ליגט גאָר, —האָט ער געזאָגט, — אין דעם, וואָס נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט ריזיקע פאַבריקן פאַר אַזאַ ריזיקן פּרייז, האָבן מיר נישט דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס זאָל קאָנען די פאַבריקן באַטרייבן ווי געהעריק. אין די בעסטע פאַבריקן איז דער בראַק נישט ווייניקער פון 40—50 פּראָצענט. צוליב דער אומפעאיקייט פון די אַרבעטער ווערן מאַסן מאַשינען מכולה און די סחורות, וואָס ווערן פּראָדוצירט, זענען שלעכטע. אין קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד וואָלט אַזוינס געקאָנט פאָרקומען. אַזוינע אינדוסטריעס וואָלטן באַלד געגאַנגען באַנקראָט. אין אונ־זער פאַל מיינט עס, אַז דאָס פאָלק אַליין באַצאָלט פאַר דעם און ווי אַזוי דאָס פאָלק צאָלט, האָט איר דאָך שוין אַליין געזען. מען לעבט אין דער גרעסטער אָרעמקייט און נויט!

— און ווי אַזוי וועט די לאַגע פאַרבעסערט ווערן? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס וועט געשען, ווען מיר וועלן האָבן גענוג אינזשי־
נערן, טעכניקער און ארבעטער, וואָס וועלן וויסן, ווי אומצוגיין
ארום מאַשינען.

— דאָס אַלץ? — האָב איך באַמערקט. — דאָס דאַרף דאָך
נישט נעמען אַזוי לאַנג! עטלעכע יאָר און אין די פאַבריקן וועט
אַלץ גיין ווי געשמירט.

— דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ, — האָט דער אינזשינער
מיר אויפמערקזאַם געמאַכט. — עס איז דאָ אַן אַנדער איבל,
אפשר דער גרעסטער, פון וועלכן די סאָוויעטישע אינדוסטריעס,
ווי די גאַנצע רוסישע ווירטשאַפט, ליידן, און דאָס איז — די
ביוראָקראַטיע, די כאַפּטע „דאַרמאָיעדניקעס", וואָס ליגן אויף
דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט, ווי פּיאַווקעס.

דער אינזשינער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך
געהאַט געיישובט, אויב ער זאָל ווייטער רעדן.

— עס איז אַ דעליקאַטער ענין, וועגן וועלכן עס איז שווער
צו רעדן, — האָט ער זיך געמאַכט מוט און גערעדט ווייטער. —
עס איז אַ מכּה, צו וועלכער מ'וועט אפשר קיינמאָל נישט געפינען
קיין רפואה. דאָס זענען די פּלעריי טשינאָווניקעס און אַנדערע
קאָמוניסטישע שלעק, וואָס האָבן צו זאָגן איבער דער פאַרוואַלטונג
פון די פאַבריקן און וועלכע שאַלטן און וואַלטן אויף אַן אופן,
וואָס איז ווייט נישט בעסער, ווי עס פלעגן שאַלטן און וואַלטן די
טשינאָווניקעס און ביוראָקראַטן אין די צייטן פון צאַר. די סאָ־
וויעט־רעגירונג פּרובירט אַפילו זיך ווערן קעגן אַט דעם איבל.
מיטלען ווערן גענומען אויסצוקורירן דאָס לאַנד פון דער ביוראָ־
קראַטישער חולאת, אָבער אויפן פּלאַץ פון איין מין ביוראָקראַטן
קומט אַן אַנדער מין.

— די דאָזיקע ביוראָקראַטיע איז נישט בלויז אומפּראָדוקטיוו
און דערפאַר פּאַראַזיטיש און געפערלעך, נאָר זי ווירקט אויך אַלס
אַבן־נגף אינם וועג פון אונזער עקאָנאָמישער ווי אויך פּאָליטישער
אַנטוויקלונג. עס איז צוליב די ביוראָקראַטן, וואָס מיר זענען הינ־
טערשטעליק אַפילו נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך שוין צו אַזאַ גרוי־
סער מאָס אינדוסטריאַליזירט.

דער דאָזיקער ענין האָט מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט און איך האָב געוואָלט וויסן מער וועגן דעם.

— איר ווילט וויסן גענוי וועגן דער אומפעאיקייט אין דער רוסישער ווירטשאַפט און וועגן די איבלען פון דער ביוראָקראַטיע? — האָט דער אינזשינער איבערגעפרעגט. — איך וועל אייך פאַר דעם געבן דעם בעסטן אויטאָריטעט — לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש — סטאַלינס רעכטע האַנט.

— איר ווייזט מיר אָן, ווו אַ גוטער ייד וווינט, — האָב איך זיך פרובירט וויצלען, מיינענדיק, אַז ער ראַט מיר צו אינטערוויואירן אָט דעם דאָזיקן, נאָך סטאַלינען, העכסטן אויטאָריטעט אין דער סאָוויעט־רעגירונג.

— איך מיין נישט דאָס, — האָט דער אינזשינער געזאָגט. — איר קאָנט עס אַלץ באַקומען אין קאַגאַנאָוויטשעס ראַפּאָרט צום 17־טן אַל־רוסישן קאָמוניסטישן קאָנגרעס.

איך האָב דעם דאָזיקן ראַפּאָרט דורכשטודירט, און באמת, איך בין געווען איבערראַשט נישט בלויז פון דער שאַרפקייט, מיט וועלכער קאַגאַנאָוויטש טרעט אַרויס קעגן דער ביוראָקראַטיע, נאָר אויך פון דער אָפנקייט, מיט וועלכער ער דעקט אויף די ווונדן פון דער גאַנצער סאָוויעטישער ווירטשאַפט.

וואָלט עס געקומען פון אַן אַנדערן, נישט קאַגאַנאָוויטשן, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס רעדט אַ קעגנער פון דער סאָוויעט־רעגירונג.

פאַרשטייט זיך, אַז קאַגאַנאָוויטש פירט אויס, ווי אַלע סאָוויעטישע „מגידים", מיט אַ „ובאל ציון גואל".

קאַגאַנאָוויטש נעמט אַרום אַלע צווייגן פון דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט און איז שאַרף, ווי אַ בריטווע, מיט זיין קריטיק, וועלכע איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר די „פּאַראַנדקעס" אין די סאָוויעטישע אינדוסטריעס.

אָט זענען אייניקע שטעלן פון קאַגאַנאָוויטשעס ראַפּאָרט, וועלכע רעדן פאַר זיך:

— מיט אַ צייט צוריק האָב איך שאַרף קריטיקירט די מאָסקווער קאָאָפּעראַטיוון, — דערציילט קאַגאַנאָוויטש. — מיר האָבן

א גרויסע צאָל קראָמען, אָבער דער עולם שטייט נאָך אַלץ אין „אָטשערעד". פאַרוואָס זיצט איר, קאָאָפּעראַטאָרס, אין אייערע ביוראָען? פאַרוואָס באַזוכט איר נישט די דאָזיקע קראָמען? פאַר־וואָס באַקענט איר זיך נישט מיט דעם, וואָס גייט דאָרט אָן, כדי צו פאַרריכטן די פעלערן?

און קאַגאַנאָוויטש דערציילט, ווי ער אַליין איז געקומען אין א קראָם. מען האָט דעמאָלט פאַרקויפט אוגערקעס און אַ גרויסער עולם האָט געוואָרט אין „אָטשערעד". די אוגערקעס זענען פאַר־קויפט געוואָרן פון קליינע עמערס. יעדעס מאָל, ווען אַן עמער איז אויסגעליידיקט געוואָרן, האָט מען געמוזט גיין אים אָנפילן מיט נייע אוגערקעס. דער עולם האָט דערווייל געדאַרפט שטיין און וואַרטן.

קאַגאַנאָוויטש האָט געפרעגט דעם „פּריקאַסטשיק", אויב ער האָט נאָך אוגערקעס. צו־ערשט האָט יענער געזאָגט „ניין". שפּע־טער, אַז ער איז אַרונטער אין קעלער, האָט ער געזען, אַז דאָרט שטייען גאַנצע זעק מיט אוגערקעס. אָנשטאָט מען זאָל אַרויפנעמען עטלעכע זעק אויבן אין קראָם און האָבן די סחורה נעבן זיך, האָט מען יעדעס מאָל אַרויפגענומען בלויז עמער־ווייז. דער עולם האָט זיך דערווייל געריסן קויפן, אָבער די פאַרקויפער האָבן זיך גאַנץ ווייניק געקימערט, נישט פאַר די קויפער און נישט פאַר די סחורה.

— עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, — דערציילט קאַגאַנאָ־וויטש אויף אַן אַנדער שטעל, — די ערנסטע פעלערן אין די שפּייז - אינדוסטריעס, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן פּראָדוצירט ווערן שלעכטע שפּייז - אַרטיקלען. עס קאָן געזאָגט ווערן אָן מורא פאַר ווידערשפּרעכונג, אַז עס איז געווען צוליב דעם, וואָס ס'איז נישט געשענקט געוואָרן קיין אויפמערקזאַמקייט און צוליב דער נאַכלעסיקייט מצד דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט, וואָס עס איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד.

און צו ציינן, וואָס פאַר אַ כאַאָס עס הערשט אין די סאָוועט־טישע אינדוסטריעס, ברענגט קאַגאַנאָוויטש אַלס איינעם פון זיינע ביישפּילן די טריקאָטאַזש - פאַבריקן פון „רויטן זונען - אויפ־

גאנג׳׳. דאָס גאַנצע יאָר 1933 האָבן די פאַבריקן געאַרבעט, דער־ציילט קאַגאַנאָוויטש, אָן אַ פּלאַן. פינף באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן שטודירט פּלענער פאַר די דאָזיקע פאַבריקן, אָבער האָבן צו קיין שלום נישט געקאָנט קומען.

די פאַבריקן האָבן באַקומען ניינצן באַזונדערע אינסטרוק־ציעס און יעדע פון די ניינצן האָט ווידערשפּראָכן די איבעריקע. די באַפעלן און אינסטרוקציעס פאַר די דאָזיקע פאַבריקן זענען געענדערט געוואָרן צו עטלעכע מאָל. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער פּלאַן פאַר 1933 איז פאַרטיק געוואָרן דעם 4־טן יאַנואַר — 1934... אַ יאָר און פיר טעג שפּעטער, ווי ער האָט געדאַרפט פאַרטיק ווערן.

קאַגאַנאָוויטש ברענגט אויך אַ ביישפּיל פון אַ סטאָלעריי, וווּ עס אַרבעטן 57 אַרבעטער. די דאָזיקע סטאָלעריי האָט אין משך פון איין חודש געקריגן נישט ווייניקער פון 7,000 געשריבענע באַ־פעלן, וואָס דאַרף צייגן, וואָס פאַר אַ מוראדיקער כאַאָס עס הערשט אין די סאָוועטישע אינדוסטריעס.

אַפילו אינזשינערן, וואָס האָבן אייגנטלעך געדאַרפט באַ־שעפטיקט ווערן ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווערן אָפט געהאַלטן אין די ביוראָען, ווו זיי זיצן און שרייבן אָדער טוען אַנדערע נישט־טיקע און אומפּראָדוקטיווע אַרבעטן.

3

קאַגאַנאָוויטש געפינט נישט קיין בעסערן אופן, ווי צו כאַ־ראַקטעריזירן דעם כאַאָטישן צושטאַנד, ווי דורך ציטירן דעם באַ־רימטן רוסישן סאַטיריקער סאַלטיקאָוו שטשעדרין.

איך וועל דאָ ציטירן קאַגאַנאָוויטשן, ווי ער אַליין גיט איבער שטשעדרינען:

— איר געדענקט אודאי „בריוו נומער צוויי׳׳ (פון שטשעד־רינס שריפטן), — זאָגט סטאַלינס הויפּט־אַדיוטאַנט. — דאָרט ווערן באַשריבן דריי רעגירונגס־באַאַמטע (פון די צייטן פון צאַרס רעזשים): כיטמיאַן מיכאַילאָוויטש נעאַסלאַבני, פּיאָטר סאַמאָילאָ־וויטש פּרעלעסטניצאָוו און ניקאַדימוס לוקיטש פּערעדריאַגין (וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע נעמען!). צוויי פון זיי זענען געווען

פאַרוואַלטער פון דעפּאַרטאַמענטן. סעמיאָן מיכאַילאָוויטש נעאָס־לאַבני איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם דעפּאַרטאַמענט צו פאַרבינדן קניפּלעך און פּיאָטר סאַמואילאָוויטש פּרעלעסטניצאָוו איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם דעפּאַרטאַמענט אויפצו־בינדן קניפּלעך. שטשעדרין דערציילט, אַז עס איז געווען זייער באַקוועם צו האָבן די דאָזיקע צוויי דעפּאַרטאַמענטן איינע נעבן די אַנדערע, וואָרום אַזוי שנעל ווי סעמיאָן מיכאַילאָוויטש האָט פאַרבונדן אַ קניפּל, אַזוי שנעל האָט פּיאָטר סאַמואילאָוויטש דאָס קניפּל אויפגעבונדן. סעמיאָן מיכאַילאָוויטש האָט דאָס קניפּל באַלד ווידער פאַרבונדן און פּיאָטר סאַמואילאָוויטש האָט אים ווידער אויפגעבונדן.

— און אין דער צייט, וואָס אונזערע צוויי העלדן זענען גע־וועזן פאַרנומען מיט זייער אַרבעט, האָט דער דריטער, ניקאַדימוס לוקיטש, געהאַלטן אין שפּאַצירן פון איינעם צום צווייטן און גע־ציילט: קניפּל נומער איינס, קניפּל נומער צוויי, און אַזוי ווייטער און ווייטער...

— און ווען אַ גרויסע צאָל קניפּלעך זענען פאַרבונדן און אויפגעבונדן געוואָרן, האָבן אונזערע העלדן צוזאַמענגעשטעלט אַ סטאַטיסטישע טאַבעלע, וויפל קניפּלעך עס זענען פאַרבונדן גע־וואָרן און וויפל עס זענען אויפגעבונדן געוואָרן, און פאַר וועלכן צוועק דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן האָט קיינער נישט געוווּסט.

— ענדלעך, — דערציילט שטשעדרין, — זענען די טאַבע־לעס געווען פאַרטיק. די חשבונות האָבן געשטימט. די הוצאה איז געווען פונקט ווי די הכנסה. אין קאַסע איז גאָר נישט געבליבן. אַלע דריי העלדן האָבן געלעבט צווישן זיך גאַנץ פריינטלעך. אַלע דריי זענען געווען גליקלעך און צופרידן און ווערטפול גענוג, אַז מען זאָל זיי דערהויבן אין יענער פאַנטאַסטישער וועלט...

קאַגאַנאָוויטש פאַרענדיקט מיט דער דערקלערונג, אַז קיין פּירושים אויף דער אויבן־איבערגעגעבענער שילדערונג פון שטשעדרינען איז נישט נויטיק. אַלץ פּאַסט אַזוי גוט פאַר דער עקזיסטירנדיקער לאַגע אין דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט.

אויב די סאָוויעטישע ווירטשאַפט ליידט פון עפּעס, איז עס

פון אזוינע ביוראָקראַטן, וועלכע, ווי שטשעדרינס העלדן, האַלטן אין בינדן קניפּלעך און אין אויפבינדן זיי און אין צוזאַמענשטעלן סטאַטיסטישע טאַבעלעס...

קאָגאַנאָוויטש פאָדערט די ליקווידאַציע פון אזוינע ביוראָקראַטן.

וועט אָבער די ביוראָקראַטיע אָפּגעשאַפט ווערן? וועט די אומפעאיקייט אין די סאָוויעטישע אינדוסטריעס פאַרשווינדן? וועלן די פעלערן אויסגעבעסערט ווערן?

די סאָוויעט ־ פירער האַלטן אין צוזאָגן, אז דאָס וועט געשען. א סך זייטיקע באַאָבאַכטער זעען שטענדיקע פאַרבעסערונגען, סיי אין דער פּראָדוקציע און סיי אין דער פאַרוואַלטונג פון די סאָוויעטישע אינדוסטריעס. עס זענען אָבער פאַראַן פיל ערנסטע און דענקנדיקע מענטשן, וואָס שאָקלען מיט די קעפּ און דריקן־אויס זייער צווייפל.

— מען האָט דאָ צופיל געוויכט געלייגט אויפן מאַשין און צו ווייניק אויפן מענטשן, — האָט מיר איינער געוואָלט באַגרינדן זיין צווייפל. — אָנשטאָט צו בויען פאַבריקן האָט מען בעסער געדאַרפט דערציען די מענטשן, זיי צוגעוווינען צו א ניי לעבן.

— דאָס איז דאָך אָבער, וואָס די סאָוויעט־רעגירונג טוט. — האָב איך געהאַט איינצווווענדן.

— די מיטלען, וואָס ווערן דערביי באַנוצט, — האָט יענער געענטפערט, — זענען לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פונם רוסישן מענטשן. דער רוס איז נישט געוווינט צו אזא ראַשיק לעבן, ווי דאָס, אין וועלכעס מען האַלט אים איצט אין אריינשטויסן.

— און ווי אַנדערש וואָלט איר זיך פאָרגעשטעלט דעם איבערבוי פון לאַנד?

— א מער לאַנגזאַמער פּראָצעס. זאָל דער רוס קאָנען עס בעסער פאַרדייען, בעסער זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. — איז געווען דער ענטפער.

קאפיטל צוועלף

ווייסע קראגנס און ארבעטער-הענטלעך

1

— מיר הויבן אָן ווערן „קולטורנע״, — האָט צו מיר געזאָגט אַ דאָקטאָר פון פּאָלטאַווע, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט אויפן וועג קיין קיעוו.

און אַז איך האָב געוואָלט וויסן דעם גענויעם טייטש פון „קולטורנע״, האָב איך באַקומען אַזאַ ענטפער:

— דער רוסישער בירגער האָט אָנגעהויבן שענקען אויפמערקזאַמקייט צו זיין קליידונג און אויסזען; מענער ווילן זיך שוין מער נישט צייגן אין געזעלשאַפט, סיידן זיי זענען פריש־ראַזירט, און פרויען, — סיידן זייערע פּנימער זענען באַפּודערט און צוגעפאַרבט. וואָס ס'איז שייך פרויען, איז שוין פאַר זיי מער נישטאָ קיין „פאַרבאָט״, נישט צו נוצן קאָסמעטיק פאַר זייער פּוץ. אַפילו געפּוצטע און געפאַרבטע נעגל, לויט דער לעצטער מאָדע, וועט איר שוין איצט זען ביי אונז.

— דער בעסטער סימן, אַז רוסלאַנד הויבט זיך אָן „ציוויליזירן״, — האָב איך באַמערקט.

— גיכער אַ סימן, אַז די צייטן ווערן בעסער, — האָט דער דאָקטאָר מיר קאָריגירט. — כּל־זמן מיר זענען געווען אַזוי אָרעם, אַז מען איז געגאַנגען ממש נאַקעט און באָרוועס, האָט מען פּשוט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו פּוצן. דאָס איז אויך קיינעם נישט געלעגן אין קאָפּ. איצט קאָן מען זיך שוין אָנהויבן פאַרגינען אַ געוויסע מאָס „לוקסוס״.

— און אַמאָל איז פּוץ און פאַרב נישט מער ווי אַ מיטל צו פאַרדעקן די אָרעמקייט, — האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט דער כּוונה צו שלעפּן דעם דאָקטאָר, וועלכער, איך האָב באַמערקט, איז בטבע נישט קיין רעדער, ביי דער צונג.

כאָטש דער דאָקטאָר אַליין איז געווען אַ גוטער ביישפּיל פון אָרעמקייט, וואָס זוכט זיך צו פאַרבאַהאַלטן אונטער אַן אויבערפלעכלעכן פּוץ, האָב איך אָבער נישט אים געהאַט אין זינען.

ווען איך האָב דעם דאָקטאָר צום ערשטן מאָל געזען, האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען „אייראָפּעאיש" געקליידט: אַ טונקל־בלויער אַנצוג, אַ ווייסער קאָלנער און אַ ווייס־געפּרעסט העמד, מאַנזשעטן, אַ קאַפּעלוש און האַלבע שיך, וואָס זענען נאָך געווען אין אַ גוט־פּרעזערווירטן צושטאַנד. מיט אַ גלאַט־ראַזירטן פּנים און אַ פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם האָב איך אים אָנגענומען פאַר אַ הויכן „טשינאָווניק" אָדער אַן אויס־לענדער.

אַז איך האָב אָנגעהויבן זיך צו אים נעענטער צוצוקוקן, האָב איך איינגעזען, אַז דער טונקל־בלויער אַנצוג האָט שוין יאָרן און איז בלי־ספק, ווי אַלע סימנים האָבן געצייגט, שוין אַפילו איבער־געניצעוועט געוואָרן. דער קאַפּעלוש און העמד מיטן ווייסן קראַגן זענען אויך געווען אַלט, כאָטש גאַנץ נישקשהדיק פּרעזערווירט.

דער דאָקטאָר האָט אָבער מסתמא געפילט, אַז דאָס האָב איך אים געמיינט. ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט.

— אָרעמקייט איז נאַטירלעך נישט קיין שאַנד, — האָב איך פּרובירט פאַררירכטן מיין פעלער, נישט וועלנדיק אים ווי טאָן. — דאָס, וואָס איר דערציילט, אַז מ'הויבט אָן ווערן „קולטורנע", איז גיכער אַ באַווייז, אַז דער רוס, ווי יעדער אַנדער מענטש אין דער וועלט, האָט זיך אַפילו אונטער דעם קאָמוניזם נישט אָפּגע־זאָגט פון עולם הזה און אַז די נאַטירלעכע אינסטינקטן פון מאַן און פרוי זענען נישט אויסגעוואָרצלט געוואָרן. מיר אינטערעסירן דאָ הויפּטזעכלעך די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע דערשיינונגען.

דער דאָקטאָר האָט זיך שוין דערפילט פרייער און איז גע־וואָרן רעדעוודיקער.

— איר האָט טאַקע געטראָפן, — האָט ער געזאָגט. — דער עולם איז שוין מיד פון דער גרויסער אָרעמקייט, אין וועלכער דאָס לאַנד האָט זיך אַזוי פיל יאָרן געמאַטערט און מאַטערט זיך נאָך איצט אויך. ערגער פון אַלץ איז, וואָס מען איז געווען געצוווּנגען אָרונטערצונידערן פון אַן אַזוי־גערופענעם צושטאַנד פון ציוויליזאַציע, — איך רעד דאָ הויפּטזעכלעך וועגן שטאָטישן מענטשן, — צו אַ צושטאַנד פון פרימיטיוו. מ'איז געבליבן נאַקעט און הויל.

די, וואָס האָבן געהאַט גוטע מלבושים און שיך, האָבן זיך אין זיי נישט געוואַגט צו צייגן, אָדער זיי האָבן זיי פאַרקויפט פאַר ברויט. קיין נייע האָט מען נישט געקאָנט קריגן. אָבער ביים ערשטן צייכן פון פאַרבעסערונג האָט מען צוריק אָנגעהויבן ווערן „קולטורנע".

אַז דאָס איז אַ פאַקט, האָב איך שוין באַמערקט, ווי נאָר איך בין געקומען. נאַטירלעך איז די פאַרבעסערונג מערקבאַר נאָר דעמאָלט, ווען איר האָט אין זינען דאָס, וואָס עס איז געווען פריער.

אויב פריער איז מען געגאַנגען אין טראַנטעס און איצט גייט מען אין אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם אַנצוג אָדער אין אַ נייעם אַנ־צוג פון דעם בילִיקסטן מאַטעריאַל, פילט מען זיך, ווי מ'וואָלט געווען פיין געקליידעט. אויב פריער זענען שיך אינגאַנצן נישט געווען בנמצא און איצט קאָן מען שוין זיך ווי נישט איז באַזאָרגן מיט אַ פּאָר שיך, האַלט מען עס פאַר אַ צייכן פון „גוטע צייטן". אַז מיר זענען געוואָרן אינטימער און דער דאָקטאָר איז געוואָרן אָפנהערציקער, האָט ער מיר „פאַרטרויט", אַז אייגנטלעך וואָלט ער נאָך איצט אויך זיך נישט געקאָנט פאַרגינען קיין נייעם אַנצוג אָדער אַ פּאָר שיך, ווען אַלץ איז מיט גאָלד צוגלייך.

— מיר, דאָקטוירים, זענען בכלל אין אַ צרהדיקער לאַגע, — האָט ער געזאָגט. — אויב אינזשינערן צאָלט מען אַ גאַנץ פיין געהאַלט און מען גיט זיי אַלערליי פּריווילעגיעס, האַלט מען דאָק־טוירים, פאַר דער אָדער יענער אורזאַך, אויף אַ פיל נידעריקערן „ניוואָ". דאָס העכסטע, וואָס אַ דאָקטאָר קריגט אין אַ שפּיטאָל אָדער לאַבאָראַטאָריע, איז דריי הונדערט רובל אַ חודש. קיין פּרי־ווילעגיעס קריגט מען נישט. קאָנט איר שוין זיך משער זיין, ווי מען קאָן לעבן אויף אַזאַ געהאַלט. מוז דערפאַר אַ דאָקטאָר אַר־בעטן אויף מער ווי איין שטעלע און ארויסקוקן אויף פּריוואַטע פּאַציענטן, וואָס זענען אַ זעלטנהייט פּשוט דערפאַר, וואָס דער עולם האָט נישט קיין געלט.

— פונדעסטוועגן זענט איר גאַנץ פיין געקליידעט, — האָב איך געזאָגט, כדי אים צו דערמוטיקן.

— יאָ, אַז איך האָב געקאָנט אויסהאַלטן אַן אַנצוג פון פּאַר דער רעוואָלוציע און דערצו אים „איבערצוניצעווען”, און אָפּגע־שפּאָרט אויף אַ פּאָר שיך, אַדאַנק דעם, וואָס עס זענען מיר אַריינ־געפאַלן עטלעכע גוטע פּאַציענטן, קאָן איך זיך נאָך ווי עס איז ציִיגן צווישן מענטשן. מיין ווייס־געפּרעסט העמד און קאַפּעלוש זענען נאָך אויך פון מיינע פריערדיקע יאָרן, ווען מיר איז געגאַנ־גען גוט.

2

דער ווייסער קראַגן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אָבער איצט מער ווי אַ סימן פון דעם, וואָס מאַנכע ווילן באַצייכענען, אַלס דאָס אָנקומען פון בעסערע צייטן. עס איז אויך אַן אָנדייטונג אויף אַ באַשטימטע ענדערונג אין די מוחות פון די הויכע סאָוויע־טישע פירער, וועלכע זוכן איצט צו דערמוטיקן, און גיבן אפילו שטרענגע באַפעלן, אַז מען זאָל שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צום פּערזענלעכן אויסזען.

— איר קאָנט שוין היינט נישט קומען פאַר אַ הויכן סאָוויע־טישן באַאַמטן, אויב איר זענט נישט נעט געקליידעט און טראָגט נישט קיין אויסגעפּרעסט העמד און אייער פּנים איז נישט גלאַט ראַזירט, סיידן איר טראָגט אַ באָרד. אין אַזאַ פאַל מוז אייער באָרד זיין אויסגעקעמט, אונטערגעשוירן און גלאַט צוגעפּוצט. מיט איין קודלעוואַטער און סתם פאַרנאַכלעסיקטער באָרד וועט מען אייך אין ערגעץ נישט צולאָזן.

די דאָזיקע ווערטער האָט צו מיר געזאָגט אַ באַוווסטער קיע־ווער אינזשינער, וועלכער איז געווען מיט מיר אין איין קאָמפּאַרט־מענט אויפן וועג קיין מאָסקווע.

דער דאָזיקער אינזשינער, וועלכע האָט אויפזיכט איבער דריי־סיק האַלץ־„זאַוואָדן” און איז דערצו אַ פּראָפעסאָר אין איינעם פון די קיעווער טעכניקומס, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גאַנץ פיי־נעם אַנצוג, מיט אַ געפּרעסט העמד און ראַזירט פּנים.

ער איז געווען באַלאָדן מיט דאָקומענטן, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איבערקוקן און קאָרעגירן.

— אַט בין איך איצט אויפן וועג קיין מאָסקווע, ווו איך דאַרף צושטעלן אַ וויכטיקן פּלאַן צו אַ גאָר הויכן באַאַמטן, — האָט ער גענומען זיך אַלס ביישפּיל. — איך וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט צוקומען צום דאָזיקן באַאַמטן און וואָלט עס פּשוט נישט געוואַגט, ווען איך זאָל נישט זיין אָנשטענדיק אָנגעטאָן און געהעריק צוגעקליבן.

— איז עס אַ צייכן אויף אַ נייער ווענדונג אין דער סאָוויעט־פּאָליטיק? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— רופט עס פּאָליטיק, אויב איר ווילט, — האָט דער אינ־זשינער געענטפערט מיט אַ שמייכל. — איך באַטראַכט עס נאָר אַלס צייכן, אַז מען טרייסלט זיך אָפּ פון דער אומגעהובלטקייט און נישט־ראַפינירטקייט, וואָס די רעוואָלוציע האָט מיט זיך גע־האַט געבראַכט.

— און אפשר גייט עס נאָך טיפער, — האָב איך פּרובירט אַרויסזאָגן אַ מיינונג, — אַז מען וויל זיך ענדלעך דערווייטערן פון דעם אַרבעטער־העמדל און מען הויבט אָן געבן פאַרצוג דעם ווייסן קראַגן.

— סברות קאָן מען זאָגן אַ סך, — האָט מיין מיטרייזנדער געזאָגט. — עס איז אָבער נישט קיין ענין פון סברות. איך רעכן זיך בלויז מיט פאַקטן. ביי אייך איז עס דאָך אַ קוריאָז. וויל איך אייך דערציילן, וואָס וועט אייך געוויס אינטערעסירן. מיינער אַ גוטער פריינט, אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, וועלכער איז דערצו אַ פּאַרטיינער (איך אַליין בין עס נישט), איז די טעג געפאָרן קיין מאָסקווע צו דערשיינען פאַר אַ קאָמיסאַר, צו וועמען ער האָט גע־דאַרפט צושטעלן אַ ראַפּאָרט. צי ער האָט נאָך נישט געוווסט וועגן דער נייער ווענדונג, וואָס איר רופט „נייע סאָוויעטישע פּאָליטיק", צי ער האָט געוואָלט וויזן, אַז ער האַלט נישט פון דעם, ווייל מיין פריינט האָט תמיד שטאָלצירט מיט זיין „פּראָלעטאַרישקייט", וואָס איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין טראָגן קליידער ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער און אין אומגיין מיט אַ פאַרוואַקסענעם פּנים,

וועלפעס ער האט ראזירט איינמאל אין א שמיטה, — ער איז צום קאמיסאר געקומען אין זיינע פראלעטארישע קליידער און מיט א נישט־ראזירט פנים.

— און וואס איז געשען? — בין איך געווען נייגעריק צו הערן דעם סוף.

— דער קאמיסאר האט אים גאנץ העפלעך, אבער שטרענג, געהייסן גיין צוריק און קומען אנגעטאן אין א וויסן קראגן און מיט א ראזירט פנים, — האט דער אינזשינער דערציילט.

— און וואס האט אייער פריינט אויף דעם געזאגט? — האב איך געפרעגט.

— אויב ער האט עפעס געזאגט, איז עס געווען צו מיר, — איז געווען דער ענטפער. — דעם קאמיסאר האט ער גארנישט גע־זאגט. אים האט ער געפאלגט, פיידן ער וואלט געוואלט ריזיקירן מיט זיין שטעלע.

— און וואס האט ער, א שטייגער, אייך געזאגט, אויב איך וויל נישט וויסן צופיל? — האב איך נישט אפגעלאזט.

— ער האט זיך געבייזערט און אפילו עס געהאלטן פאר „פאראט" קעגן דעם קאמוניסטישן „אידעאל", ווי אפגעלאזנקייט און סתם ארעמקייט וואלט געווען א טייל פון קאמוניזם.

— און מיר געפעלט עס גראד זייער שטארק, — האט גע־זאגט א פאסאזשירקע פון זעלביקן קאמפארטמענט, וועלכע האט אויך אנטיילגענומען אין דעם געשפרעך.

די דאזיקע פאסאזשירקע, א יונגע שיינע פרוי מיט א כאראק־טעריסטיש־יידיש פנים, האט באלד ביי איר אריינקומען צוגעצויגן מיין אויפמערקזאמקייט, און דאס איז נישט געווען צוליב איר פערזענלעכן יוגנטלעכן רייץ, נאר אויך פאר דער שיינקייט פון אירע קליידער.

זי האט געטראגן א פיינעם פעלצענעם מאנטל, וואס איז אויף איר שלאנקער פיגור געלעגן ווי „אויסגעגאסן". אז זי האט דעם מאנטל ארונטערגענומען און אים פארזיכטיק און מיט גרויס צערט־לעכקייט אויפגעהאנגען, איז זי געבליבן אין א רויט־געשטריקט קאפטעלע און טונקל קליידל. אויף איר פיין־פארקעמטן קאפ איז

געוועזן אַ קליין היטעלע. עס איז געוועזן ליכט צו זען, אַז זי זשאַלעוועט נישט אויף זיך קיין פּודער און רוזש.

— פרויען וועלן זיין די ערשטע, — האָב איך געזאָגט, — וואָס וועלן מיט דעם איינשטימען, ווייל, ווי מיר דוכט, זענען די רוסישע פרויען, יונג און אַלט, קיינמאָל נישט געוועזן צופרידן, וואָס מ'האָט אַזוי מבטל געמאַכט דאָס פּוצן זיך און דאָס געברויך פון קאָסמעטיקס.

— דאָס פלעג איך דאָך די גאַנצע צייט טענהן צו מיין מאַן, — האָט די יונגע פרוי גערעדט מיט יידישן ענטוזיאַזם. — ווער, ווער, פרויען וועלן זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון פּוצן זיך, — האָב איך געזאָגט.

— און אייער מאַן האָט אודאי מיט אייך איינגעשטימט, — האָב איך געצויגן דעם שמועס ווייטער. — וועלכער מאַן וועט דען וואָגן מיט אייך נישט איינצושטימען?

— אָבער, ווי דער שטייגער, וועט גראָד דער אייגענער מאַן נישט איינשטימען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל. — אגב, איז מיין מאַן אַזוינער, וואָס בויגט זיך נישט פאַר קיינעם.

עס איז געוועזן דורך מיינע אייגענע פראַגן און דורך פראַגן, וואָס דער אינזשיניער, וועלכער האָט פון דער פרוי נישט אַרונטער־גענומען די אויגן, וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער מאַן אירער איז אַ באַקאַנטער עקאָנאָמיסט און פאַרנעמט גאָר אַ וויכטיקן אַמט ביי דער סאָוועט־רעגירונג. זי אַליין איז גוט באַקאַנט אויף דער רוסישער בינע אַלס זינגערין און אַקטריסע.

— איר קאָנט זיך משער זיין, אַז מיין מאַן איז אַנדערש, — האָט זי געזאָגט, — שוין פון דעם אַליין, וואָס ער האָט מיר געצוואונגען אויפצוגעבן מיין קאַריערע אויף דער בינע.

— דאָס קלינגט אָבער גראָד אַלט־מאָדיש, — האָב איך געזאָגט. — עס זעט אפילו אויס מאָדנע, וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד, וווּ די פרוי דאַרף, דאַכט זיך, זיין אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק און זוכן אַן אייגענע קאַריערע, זאָל אַ פרוי צו דעם מסכּים זיין. נאָר אפשר ווער איך צו פערזענלעך. איר וועט מיר פאַר דעם אַנטשולדיקן.

אַ ברייט שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן אויף דער אַקטריסעס שיינעם פּנים.

— אייערע פראַגן זענען מיר גראָד אָנגענעם, — האָט זי געזאָגט, — ווייל דאָס איז אַן ענין, וואָס קאָן אייך, אַן אויסלענדע־ און אַ זשורנאַליסט דערצו, גראָד אינטערעסירן. אייער איינדרוק אין אויסלאַנד איז, אַז מיר זענען שוין דאָ אַנדערש אין אַלץ, אַפילו אין אונזער פאַמיליע־לעבן, אַז מיר דאַרפן געשטעלט ווערן אין אַ גאָר אַנדער קאַטעגאָריע, איז אַ טעות. אַוודאי זענען פאַראַן אַלערליי סיטואַציעס, וואָס וואַקסן אַרויס פון אַ לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך קאַמף און רעוואָלוציע. אָבער אין תּוך זענען מיר נאָך אַלץ די זעלביקע מענטשן. זיכער איז עס דער פאַל מיט מיר און מיין מאַן. מיין מאַן איז אַ העכסט־מאָדערנער מענטש, אַ קאָמוניסט, פאַרנעמט אַ הויכן אמט. ער האַלט אָבער נישט, אַז אַ פרוי, זוען ער אַליין פאַרדינט גענוג אויף אַלץ, זאָל דאַרפן זוכן פּרנסה.

— אָבער אַ קאַריערע, ווי אין אייער פאַל, איז דאָך נישט בלויז פּרנסה, — האָב איך איר נישט אָפּגעלאָזט.

— טאַקע אמת, — האָט זי מודה געווען. — איך ליב די בינע. איך האָב אַ שוועסטער, וואָס איז אויך אויף דער בינע. זי האָט אַ גרויסן נאָמען. אָבער איך האָב מיך געפונען צעריסן צווישן עטלעכע ליבעס. פון איין זייט די בינע, פון דער צווייטער זייט מיין מאַן און פון דער דריטער זייט מיין קינד. צוויי ליבעס זענען שטאַרקער ווי איינע און איך האָב זיך אונטערגעגעבן.

— אַט אַ שטייגער, ווי עס וואָלט פּאַסירט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה, — האָב איך אונטערגעכאַפּט.

— אַט ווי עס וואָלט תּמיד פּאַסירט אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען, — האָט דער אינזשינער קאָרעגירט.

— און איר מיינט צו זאָגן, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד הויבט זיך אָן צו נאָרמאַליזירן? — האָב איך שוין געוואָלט צוקומען צו אַ פּונקט.

— אין דעם איז גאָר נישט קיין צווייפל, — איז געווען דער ענטפער. — ווי לאַנג קאָן אַ לאַנד זיך היצן און טומלען? ווי לאַנג

קאָנען מענטשן שפּרינגען פֿון הויט און איגנאָרירן זייערע נאַטיר־לעכע נייגונגען? וואָס, די נייע נייגונג צו פּוץ און אויסער־לעכן גלאַנץ זענען די בעסטע באַווייזן פֿאַר דעם.

3

איך האָב באַזוכט אַ פֿאַמיליע אין מאָסקווע. איך בין אַהין געקומען אָפּגעבן אַ גרוס דער פֿרוי און אירע קינדער, וועמעס מאַן און פֿאָטער עס געפֿינט זיך איצט אין ארץ־ישׂראל און וועלכער האָט מיר געבעטן רחמים, אַז איך זאָל באַזוכן זיין משפּחה.

די פֿרוי אַרום זעכציק האָט מיר פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די זין און טעכטער און אייניקלעך.

— און דאָס איז מיין מוזינקע, — האָט די פֿרוי מיר פֿאָר־געשטעלט פֿאַר אַ יונגער בלאָנדינקע, וואָס פֿון איר קליידונג און דעם אופֿן, ווי זי האָט געטראָגן אירע האָר, האָב איך שיער זי נישט אָנגענומען פֿאַר אַן אַמעריקאַנער „פֿלאַפּערקע". בלויז אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ מאָדנעם ערנסט, בענקשאַפֿט און באַ־האַלטענעם צער.

— זי איז אַקאָרשט געקומען פֿון סיביר, — האָט די מוטער פֿאַר איר גערעדט.

— סיביר? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — איז זי דען דאָרט געווען פֿאַרשיקט?

אַ קשיא אויף אַ מעשׂה, האָב איך זיך געטראַכט. מ'הערט זיך אָן אין רוסלאַנד אַזויפֿיל וועגן „קולאַקעס" און אַזוי „פּאָליטישע", וואָס ווערן פֿאַרשיקט קיין סיביר. האָט דאָס אויך געקאָנט פּאַסירן מיט אַ יונג מיידל.

דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט. זי האָט שווער אַליין גערעדט פֿאַר זיך:

— געשיקט, יאָ, אָבער נישט פֿאַרשיקט, — האָט זי געזאָגט.— איך האָב דאָרט אַ שטעלע. די פּאַרטיי האָט מיר געשיקט.

— הייסט עס, איר זענט אַ פּאַרטיינע? — האָב איך געפֿרעגט.

— יאָ, די איינציקע פּאַרטיינע פֿון אונזער פֿאַמיליע, — האָט זי געזאָגט.

— און אַ דאַנק דעם אויבערשטן, — האָט די מוטער אונטער־

געכאַפּט, — ווען נישט פאַר איר, וואָלטן מיר נאָך מסתּמא אַלע געווען אויף צרות. איצט געניסן מיר אַלע אין איר זכות.

מיר האָט אָבער בעת מעשׂה אינטערעסירט נישט אַזוי דאָס, וואָס דער זכות פון דער קאָמוניסטקע איז בייגעשטאַנען אַ גאַנצע פאַמיליע, נאָר דער פאַקט, וואָס איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ יונגע קאָמוניסטקע, וואָס איז געווען אַזוי שיין פאַרפּוצט.

טאַקע אמת, אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צו אירע קליידער, האָב איך אַפילו מיט מיין גאָר קליינער מבינות געקאָנט זען, אַז זיי זענען פון אַ גאַנץ ביליקער קוואַליטעט. איר גאַנצע טואַלעט, האָט מיר אויסגעזען, וואָלט מען אין ניו־יאָרק געקאָנט קויפן פאַר אַ פינפערל אין די „מציאה־געשעפטן".

אין סאָוויעט־רוסלאַנד נאַטירלעך האָט עס געדאַרפט אָפּקאָסטן אַ „פאַרמעגן", אַוודאי אַ פיר־הונדערט קערבלעך און אפשר מער.

דער עיקר איז אָבער געווען נישט אַזוי די קוואַליטעט פון איר קליידער, נאָר דער אופן, ווי אַזוי זי האָט זיי געטראָגן.

עס איז אויך געווען דער אופן, ווי זי האָט געקעמט די האָר, און דער אופן, ווי זי האָט זיך צוגעגעבן חן דורך קינסטלעכע מיטלען. עס איז געווען גוט קענטיק, אַז זי איז אונטערגעפּודערט און צוגעפאַרבט. אַפילו אירע נעגל זענען געווען געפאַרבט.

אויף אַ קאָמוניסטקע איז עס מיר געווען אַ שטיקל חידוש.

איך האָב באַלד געוווסט אַ סך אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן איר.

עס איז געווען נישט דורך איר אייגענעם פרייען ווילן, וואָס זי איז געפאָרן קיין סיביר. די פּאַרטיי האָט זי געשיקט, און אַז די פּאַרטיי שיקט, מוז מען פאָרן.

אין קאַלטן סיביר ליגט נישט דער קאָפּ זיך צו פּוצן. אַגב, איז זי דאָרט צופיל אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, און איר אַרבעט באַשטייט אין פאַרשפּרייטן קולטור צווישן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. זי אָרדנט איין ביבליאָטעקן און לעקציעס און טוט אַנדערע קולטור־אַרבעט.

דאָס לעבן איז שווער. אָבער אַלס פּאַרטייִע מוז זי אַלץ אַנ־נעמען פאַר גוט.

דערפאר, אז זי האט איצט אורלויב אויף א חודש אדער מער און קומט קיין מאסקווע צו איר פאמיליע, ווייל זי האבן, וואס מיר וואלטן אין אמעריקע אנגערופן, א „גוד־טיים".

זי וויל זיין אזוי שיין געקליידעט, ווי אירע פינאנציעלע מעגלעכקייטן דערלויבן איר. דאס, וואס זי קאן נישט באווייזן מיטן געלט, דערגרייכט זי דורך קיסטלעכע מיטלען.

— און וואס וונדערט אייך דען? — האט זי מיר געשטעלט א קעגן־פראגע, ווען איך האב געוואלט וויסן, אויב דאס איז אין איינקלאנג מיטן קאמוניסטישן שולחן ערוך, — מיר האלטן שוין מער נישט, אז כדי צו זיין א גוטער קאמוניסט אדער קאמוניסטקע מוז מען גיין מיט א שמוציקן קאלנער אדער מיט א פארשמאלצענע בלוזקע. פארשטייט זיך, אז קיינער דערמוטיקט נישט קיין קאקעט־סטווא אדער גלאט פוסט־און־פאסטניקעריי. אבער דאס, וואס אונזערע נאטירלעכע אינסטינקטן דיקטירן אונז, דאס יא.

און אז דאס דאזיקע מיידל וויל זיך נאכגעבן אלע אירע מעגלעכע פארלאנגען, האב איך געדרונגען פון דעם, וואס זי האט מיר דערציילט, ווי אזוי זי פארברענגט איר צייט אין מאסקווע.

אזוי וואלט, מסתמא, פארבראכט יעדעס אנדער מיידל אין יעדן אנדער לאנד, וואס איז א יאר צייט געווען ווייט פון ציוויליזאציע און האט עגדלעך א געלעגנהייט צו לאזן זיך ווייל באקומען אין א גרויסער שטאט.

א מיידל, וואס וואלט, למשל, געקומען פון אלאסקא קיין ניו־יארק, וואלט אויך אזוי געוועזן, כאטש די מעגלעכקייטן, וואס זענען פאראן אין מאסקווע, זענען ווייט נישט דיזעלביקע, וואס עס זענען פאראן אין ניו־יארק, אדער אפילו, לאמיר זאגן, ווארשע.

א חוץ טעאטער און קינא (מוווים), אפערע און מוזיקאלישע קאנצערטן, האט זי דארט טאנץ־אוונטן און אלערליי הולאנקעס, אויף וועלכע מען לאזט זיך ווייל באקומען.

— און לעקציעס און קונסט - אויסשטעלונגען אינטערעסירן אייך נישט? — האב איך איר געפרעגט.

— זיי אינטערעסירן מיר גראד יא, — האט זי געזאגט, — אבער דעם אמת זאגנדיק, ווילט זיך מיר איצט אפרוען פון די אלע

ואכן. א סוך וועל איך פארטרויען, אז זיי האָבן מיר שוין מער־וויניקער דערעסן דערפאַר, וואָס זיי זענען צו שטארק פּראָפּאגאנדיסטיש, און דאס וויל איך נישט האָבן, ווען איך קום אהער זיך אָפּרוען און איינזאַפּן געננוג פון דער ציוויליזירטער וועלט, אז עס זאָל מיר קלעקן פאַר נאָך א יאר אדער מער אין ווייטן סיביר.

דאָס מיידל האָט דאָ אָנגערירט א פּונקט, וועגן וועלכן איך האָב פון איר געוואָלט אָפּילו מער הערן.

— איר זאָגט צופיל פּראָפּאַגאנדע, — האָב איך אָנגעפּאַנגען. — איז עס דען בלויז אין לעקציעס און מאַלעריי, איז עס דען נישט דאָס אייגענע מיט טעאַטער, קינאָ און אַפּילו מיט מוזיק און ליטעראַטור?

— דאָס איז אמת, אָבער ווען ס'קומט צו טעאַטער און קינאָ, ווי אויך אָפּערע און אַפּילו ליטעראַטור, ווערט עס געטאָן אויף אַן אופן, וואָס איר באַמערקט עס קוים. און דער אמת איז, אז דעם טיפסטן איינדרוק מאַכן יענע פּיעסעס, פילמען און ביכער, וועלכע קאָנען זייער פּראָפּאַגאַנדע אדער טענדענציעזקייט וואָס מער פאַרבאַהאַלטן. אין לעקציעס און מאַלעריי האָט מען עס נאָך נישט דערגרייכט. און כאָטש איך אַליין גיב זיך א סך אָפּ מיט אַזאַ סאָרט פּראָפּאַגאַנדע, דער עיקר אין דער פאָרם פון לעקציעס, וויל איך אָבער פון דעם זיך אָפּרוען, ווען איך בין נישט ביי דער אַרבעט.

— דאָס, וואָס איר זאָגט, וואָלט געווען אינטערעסאַנט, אז עס זאָל גרייכן די גאָר העכע אינסטאַנצן, — האָב איך באַמערקט.

— זיי ווייסן שוין אַליין, — האָט זי געזאָגט, — און אפשר טאַקע דורך די ראַפּאָרטן, וואָס אַזוינע ווי איך האַלטן אין צושיקן און וואָס גרייכן די סאַמע העכסטע פירער אין מאָסקווע. דער אמת איז, אז אַן ענדערונג האַלט אין קומען און דידאַקטיקע ענדערונג האַלט בסדר אין ווערן אַלץ מערקבאַרער. די אויסערלעכקייט ווערט אַלץ מער און מער פאַרענדערט, אויב אַפּילו דאָס אינערלעכע בלייבט דאָס אייגענע.

— און איך האָב מורא, אַז דאָס אינערלעכע ווערט אויך פאַרענדערט, — האָב איך געזאָגט. — די פאָרשטעלונג, וואָס מ'האָט דאָ געהאַט פון קאָמוניזם, נעמט אָן אַן אַנדער פאָרם. מען גייט

אויף צוריק, אויב אפילו דאס זאל פון אייך גאר באטראכט ווערן אלס שריט פאראויס.

דאס מיידל האט מיט מיר נישט געוואלט מסכים זיין.

אנדערע קאמוניסטן האבן אויך נישט געוואלט מסכים זיין.

דער אומפארטייאישער באאבאכטער מוז אבער ארויסטראגן אן אורטייל, אז דאס, וואס מען האט אין סאוויעט־רוסלאנד זיך אנגעהויבן ענדערן אויסערלעך, איז א געוויסער אפנויג פון דעם פריערדיקן געדאנקען־גאנג, אויב אפילו דאס זאל אויך זיין א רע־זולטאט פון א פארבעסערונג אין דער עקאנאמישער לאגע.

פריער האט מען „שטאלצירט" מיט דער אייגענער ארעמקייט און אפגעלאזנקייט. עס איז געווען „פראלעטאריש". אויב איינער האט געהאט א פיינעם אנצוג, א פאר גוטע שיך, האט ער עס נישט געוואגט צו טראגן אין דער אפן. מ'וואלט אים נאך פארדעכטיקט אין בורזשואזנע נייגונגען, אדער גאר אין לינקע געשעפטן.

איצט איז פונקט דער היפוך. מ'וויל גראד. וואס מער פאר־דעקן די ארעמקייט.

— און דעם ערשטן שטוים צו דעם, — האט מיר איינער א ידען געזאגט,—האט געגעבן די ארמיי. זינט סאוויעט־רוסלאנד איז געווארן מיליטעריש געשטימט און די ארמיי האט פארנומען דעם אויבנאן, האט מען נישט נאר דער ארמיי אליין געגעבן א געהעריקן אויסערגעוויינלעכן גלאנץ, ווי איר קאנט עס זען פון די סאלדאטן און נאך מער פון די אפיצירן, נאר אויך דאס גאנצע לאנד האט אנגעהויבן פילן, אז מען דארף אויסערלעך אויך אויסזען מענטש־לעך.

די פריוען האבן עס אויפגעכאפט די ערשטע און דאס לאנד איז איצט אויפן וועג צוווירקלעכער „ציוויליזאציע".

— און וואס איז מכוח דעם, וואס מיטן פוץ און גלאנץ ווערט די לאגע פאר די ארבעטער־מאסן נאך שווערער דערפאר, וואס זיי האבן נישט די מעגלעכקייטן, א דאנק זייערע קליינע פארדינסטן, נאכצוהאלטן דעם נייעם גאנג פון לעבן? — האב איך געשטעלט א קלאץ־קשיא.

— וועגן דעם וועלן מיר נישט רעדן, — האט יענער געזאגט.

— פאַר אָרעמעלייט איז תּמיד שלעכט, וואָס ס'זאָל נישט זיין און וואָס מ'זאָל נישט טאָן.

קאַפּיטל דרייצן

ד פּראָלעטאַריזירונג פון די רוסישע יידן

1

אויב ס'איז באַקאַנטע ווערטל ,,ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך'' אַנטהאַלט אַ גרויסן אמת בנוגע די יידן אין אַנדערע לענדער, אַנטהאַלט עס נאָך אַ גרעסערן אמת בנוגע די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

וואָס ס'איז שייך סאָוויעט־רוסלאַנד, קאָן מען איצט אפשר אין גאַנצן נישט רעדן וועגן ,,קריסטן'' און ,,יידן'' אין דעם אַלטן אָנגענומענעם זין. רעליגיע איז לויט דעם קאָמוניסטישן ,,שולחן ערוך'' ,,אָפּיום'', נאַציאָנאַליזם — קאָנטער־רעוואָלוציע. מיר האָבן דאָרט בלויז נאַציאָנאַליטעטן פון פאַרשידענע מינים און דאָס דאַרף מער האָבן צו טאָן מיט שפּראַך און געוויסע זיטלעכקייטן, אויך אַ געוויסער מאָס ,,קולטור'', וואָס די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע איז ,,מתּיר'', איידער מיט די געוויינלעכע באַגריפן פון ,,נאַציאָנאַליזם'' און ,,נאַציאָנאַלער קולטור''.

אויב אין סאָוויעט־רוסלאַנד ,,יידלט'' זיך, ווי עס ,,קריסטלט'' זיך, איז עס נאָר אין דעם זין, וואָס יידן האָבן דאָרט דערגרייכט פולשטענדיקע גלייכהייט: עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל. מען וואָלט דערפאַר אפשר שוין נישט געדאַרפט זיך באַזונדער אָפּשטעלן אויף יידן, ווייל עס וואָלט גאַנץ גענוג געווען צו זאָגן, אַז די לאַגע פון די יידן איז פּאַקטיש נישט אַנדערש ווי פון די נישט־יידן און דאָס, וואָס ס'איז פריער דערציילט געוואָרן וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד אין אַלגעמיין, שליסט אויך איין די יידן.

אויב גאַנץ רוסלאַנד איז אויף אַ הונגער־דיעטע, דאַן מיינט עס, אַז אויך די יידן עסן נישט קיין ,,מאַרצעפּאַנעס''; אויב גאַנץ

רוסלאנד איז אונטער דער מורא פון „רויטן טעראר", דאן מיינט עס, אז יידן געפינען זיך אויך נישט אין קיין בעסערער לאגע. און אויב אין גאנץ רוסלאנד איז דאס אלטע לעבן אויסגעריסן געווארן מיט די ווארצלען, איז עס אויך נישט אנדערש, ווען עס האנדלט זיך וועגן די דארטיקע יידן. די רעוואלוציע אין יידישן לעבן איז אזוי גרינטלעך, ווי אינם לעבן פון די נישט־יידן.

יידן האבן ענדלעך דערגרייכט יענעם „אידעאלן" צושטאנד, ווען זיי קאנען הונגערן צוגלייך מיט אלע אנדערע. און מיט וואס זיי שטעלן מיט זיך שוין מער נישט פאר קיין אויסנאם. זיי זענען אריינגעשליידערט געווארן אין דעם זעלביקן רעוואלוציאנערן שמעלץ־טאפ מיט אלע אנדערע, און אויב פון דאזיקן „שמעלץ־טאפ" דארף איצט ארויסקומען דער „נייער" מענטש פון דער צוקונפט, דאן וועט דער יידישער טייל פון אים מסתמא זיין אזוי אומדערנסבאר, ווי די נישט־יידישע.

כדי דאס צו דערגרייכן, האט גענומען צייט אפילו אונטער א רעזשים פון פראלעטארישער דיקטאטור.

עס האט גענומען יארן, איידער די יידן, וועלכע האבן, אונטער דער הערשאפט פון די צארן, מיט זיך פארגעשטעלט א גאנץ באזונדערן „קלאס" — עקאנאמיש, פאליטיש, קולטורעל — זענען געווארן גלייך מיט אלע אנדערע פון א פראלעטארישן שטאנדפונקט.

יארן לאנג, אז מאסן יידן זענען אונטער דעם קאמוניסטישן רעזשים געווען פאררעכנט אלס „דעקלאסירטע", וואס מיינט, אז זיי זענען געשטאנען מחוץ למחנה און זענען אפילו נישט געווען בארעכטיקט צו דער „פריווילעגיע" צו הונגערן אויף דעם זעלביקן אופן, ווי „כשרע" פראלעטאריער. „כשרע" פראלעטאריער האבן גע־הונגערט, האט עס געדארפט הייסן, לשם מצוה, לטובת דער רעוואלוציע, און די „דעקלאסירטע" האבן געהונגערט אלס „פינסטערלינגען", רחמנא לצלן, אלס קאנטער־רעוואלוציאנערער עלעמענט, וואס דארף קיין תקומה נישט האבן אין א פראלעטארישער געזעלשאפט.

קעגן די „דעקלאסירטע" — און די גרעסטע מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג זענען געווען פאררעכנט אלס אזעלכע.

א דאנק די „קליין־בירגערלעכע" און „בורזשואזנע" פרנסות, מיט וועלכע זיי זענען פאר יארן לאנג געווען געצוווּנגען זיך אפצוגעבן — האט מען געמעגט אנווענדן אלע מיטלען, וואס די גרויזאמקייט פון דער רעוואלוציע האט דערלויבט קעגן „נאטירלעכע" שונאים פון א קאמוניסטישער ארדענונג.

אפילו זייערע קינדער זענען ביטער פארפאלגט געווארן. עס איז נישט געווען בלויז א פראגע פון אויסווארצלונג, נאר אויך פון נקמה, און די רעוואלוציע האט גענומען בלוטיקע נקמה נישט בלויז פון די, וואס זענען איר געשטאנען אין וועג און געקעמפט קעגן איר מיט וואפן, נאר אויך פון די, וואס האבן נישט דורך זייער אייגענער שולד זיך פאר א צייט נישט געקאנט אדער נישט געוואלט זיך ארייַנפאסן אין א נייער ארדענונג.

האבן יידן, לכל הפחות דער איבערוועגנדיקער טייל פון די יידן, מיט זיך לאנג פארגעשטעלט א ספּעציפיש פּראבלעם, וואס איז פאר דעם רעוואלוציאנערן רוסלאנד געווען נישט ווייניקער הארב, ווי פאר דעם אמאליקן צאריסטישן רוסלאנד.

בארויבט פון אלע זייערע פּאליטישע און עקאנאמישע רעכט, האבן זיי זיך געפונען אין א נייעם סארט תּחום המושב (טשערטא), אין א גייסטיקן, אויב טאקע אויך נישט אין א פיזישן, וואס האט זיי געדריקט און געשטיקט נישט ווייניקער, אויב נישט מער, ווי אין די פאר־רעוואלוציאנערע טעג.

דידאזיקע טרויעריקע טעג אין דער געשיכטע פון די רוסישע יידן, וועגן וועלכע דער קינפטיקער היסטאריקער וועט נאך ערשט דארפן שרייבן, געהערן שוין אבער, אין גרעסטן טייל, צו דער פארגאנגענהייט. איך געפינט איצט בלויז די שפורן פון יענער צייט און קאנט בלויז זען דעם חורבן, וואס איז פון דעמאלט איבערגעבליבן.

עס איז נישט מיין אויפגאבע, און אויך נישט אין מיין קאמפּעטענץ, צו שרייבן די טרויעריקע בלעטער געשיכטע פון יענער צייט. אויב איך שטעל זיך אויף דעם אינגאנצן אפּ, איז בלויז צו געבן דעם הינטערגרונט פאר דעם קעגנווארטיקן לעבן פון די יידן אין סאוועט־רוסלאנד.

אויב עס זענען נאך איצט אויך פאראן געגוג „דעקלאסירטע"

יידן, וואָס דרייען זיך אום ווי שאָטנס און ווי בלאָנדזשענדיקע נשמות אין עולם התהו, קאָן מען וועגן זיי רעדן נאָר ווי וועגן „רעשטלעך" פון אַן אָרדענונג, וואָס איז שוין אין סאָוויעט־רוסלאַנד פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן.

איך דאַרפט שוין די דעקלאַסירטע היינט ממש זוכן מיט ליכט. אַלנפאַלס וואַרפן זיי זיך שוין מער נישט אין די אויגן, ווי אין דער גאָנטער פאַרגאַנגענהייט.

אויב מען מעג איצט רעדן וועגן רוסישן יידנטום בדרך כלל, איז עס וועגן אַ פּראָלעטאַריזירטן יידנטום — יידן, וואָס אַרבעטן אויף אַלע געביטן, אויף וועלכע דאָס פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד איז טעטיק.

אין דעם זין איז די „יידישע" רעוואָלוציע איצט פולשטענדיק. די געוועזענע קרעמער, ווינט־מענטשן, הענדלער, סוחרים, און אפילו כלי־קודש, זענען איצט אַרבעטער, זיי אַרבעטן אַלס קוסטאַרן, אַלס מיטגלידער פון אַרטעלן, אַלס „הענט" אין פאַבריקן, אַלס אָנגעשטעלטע אין קראָמען, בוכהאַלטער, אינזשינערן, מעכאַניקער און וואָס איר ווילט אַליין.

איך געפינט שוין ממש מער נישט קיין יידישע לייזיקגייער, סיידן דאָס זענען אַלטע, אָדער קראַנקע.

אַפילו דאָס ביסל אידישע פויערים, וואָס זענען געווען פון פריער און וואָס זענען נאָכהער צוגעקומען אין דער צייט, ווען קאָלאָניזאַציע איז געוואָרן אַ לאָזונג אויף דער יידישער גאַס, זענען דורכגעגאַנגען אַ טראַנספאָרמאַציע. זיי האָבן זיך אפשר גיכער ווי די נישט־יידישע פויערים צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען זינט דער קאָלעקטיוויזאַציע, אָבער זיי פאָרמירן איצט אַן ענלעכן קלאַס, ווי די נישט־יידן פון זייער מין.

מעגן דערפאַר זיך טאַקע פרייען די, וואָס האָבן לאַנג געחלומט פון דעם איבערבוי פון דער יידישער עקאָנאָמיק. מיר האָבן איצט אין סאָוויעט־רוסלאַנד צו טאָן מיט אינגאַנצן אַ נייער יידישער עקאָנאָמיק.

יידן זענען ענדלעך פּראָלעטאַריזירט. מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען זענען יידן איצט אַרבעטער, אויף וועלכע מען קאָן זאָגן, אַז

עס איז מקוים געוואָרן דער פּסוק פון „בזיעת אפּיך תאכל לחם״ (מיטן שווייס פון דיין פּנים וועסטו עסן דיין ברויט), כאָטש קיין ברויט עסן נאָך נישט די יידן צו זאַט.

2

עס איז אָבער ווייט נישט גענוג צו זאָגן, אַז יידן טיילן דעם זעלביקן גורל פון נישט־יידן און מיט דעם וועלן געבן אַ באַגריף פון איצטיקן לעבן פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

מיט אַלע ענדערונגען, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע, וואָס זענען פאָרגעקומען און האַלטן נאָך אין פאָרקומען אין יידישן לעבן, איז נאָך געבליבן, און ווי מיר שיינט וועט נאָך בלייבן, „ספּעציפיש־יידישעס״, וואָס אפילו די קאָמוניסטן מיט זייער גאַנצער אויסראָטונגס־פּאָליטיק בנוגע דער יידישער פיזיאָנאָמיע פון יידישן לעבן, וועלן נישט קאָנען איינגאַנצן אויסוואָרצלען. טויזנטער יאָרן יידישע געשיכטע לאָזן זיך נישט אָפּמעקן פון עטלעכע צענדליק יאָר רעוואָלוציע, ווי ווייט און טיף די רעוואָלוציע זאָל נישט גרייכן.

דאָס וועט אפשר קלינגען אַלס ווידערשפּרוך צו דעם, וואָס איך האָב, פון דער צווייטער זייט, אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז די קאָמוניסטישע פּאָליטיק, באַזונדער די יידיש־קאָמוניסטישע פּאָליטיק, צוזאַמען מיט די אַנדערע עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען, איבער וועלכע קיינער, אַפילו נישט די יידישע קאָמוניסטן, האָבן קאָנטראָל, טרייבן די יידן צו נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, צו פולשטענדיקער פאַרמישונג מיט דער אַלגעמיינער, נישט־יידישער באַפעלקערונג.

עס שיינט מיר אָבער, אַז אויב עפּעס „ספּעציפיש - יידישעס״ בלייבט דאָרט און לאָזט זיך נישט אינגאַנצן אויסוואָרצלען, איז עס טראָץ די יידישע קאָמוניסטן און טראָץ די אַלע באַמיאונגען זייערע, אַז דאָס זאָל יאָ אויסגעוואָרצלט ווערן.

אפילו אין דעם קאָמוניסטישן רוסלאַנד גייט דאָס לעבן אין פּמעט ענלעכע ליניען, ווי אין אַנדערע לענדער, דורכמאַכנדיק ענדערונגען און דורכגייענדיק טראַנספאָרמאַציעס, וואָס גיבן דעם

יידישן לעבן אן אנדער פנים, אבער וואס לאזן דאך איבער שפורן פון דעם „אמאל" און לאזן אויך איבער קערנדלעך, וואס וועלן אפשר נישט ציינן קיין שפראצונגען איבער דער פלאך פון דער ערד, אבער וואס וועלן זיך ווארצלען טיף אונטער דער ערד, ווארטנדיק פאר א „געלעגנהייט" זיך צו ציינן איבער דער ערד.

אבער אפילו אין עקאנאמישן זין מערקט זיך עפעס „ספעציפיש־יידישעס" אין יידישן לעבן. ווארום קיין אמתע עקאנאמישע גלייכהייט איז בכלל נישטא אין סאוויעט־רוסלאנד. אין א לאנד, ווו יעדער ארבעטער קריגט באלוינט לויט זיין ארבעט און ווו עס זענען דא פריווילעגירטע פון אלע מינים און מדרגות, דארף מען צוערשט, ווען מען וויל רעדן וועגן א באשטימטער באפעלקערונג, און אודאי פון א גאנץ פאלק, אויסגעפינען, וואס אזוינס דער אדער יענער טוט, צו וועלכער קאטעגאריע דער אדער יענער געהער און אין וואס פאר אן אינדוסטריע דער אדער יענער איז באשעפטיקט, איידער מען קאן זאגן גענוי, וואס עס איז אומיצנס עקאנאמישער סטאטוס.

אויב איר ווילט וויסן, ווי יידן לעבן אין סאוויעט־רוסלאנד, מוזט איר צוערשט וויסן, וואס פאר אן ארבעט יידן טוען, וואס פאר א פריווילעגיעס די ארבעטן, מיט וועלכע זיי גיבן זיך אפ, גייען מיט מיטן לוין און אין וועלכער ריכטונג עס גייט בכלל די עקאנאמישע אנטוויקלונג צווישן די יידן.

האבנדיק דא צו טאן נישט מיט קיין יחיד און אפילו נישט מיט קיין איינצלנעם קלאס, נאר מיט א גאנצן פאלק, קאן נישט גערעדט ווערן וועגן אלעמען בדרך כלל. דאס, וואס קאן זיין אמת פאר איין גרופע, איז אפט נישט אמת פאר דער צווייטער.

קיין גענויע סטאטיסטיק איז דערווייל נישטא. איר דארפט אורטיילן אליין פון דעם, וואס איר זעט מיטן אויג, פון דעם, וואס איר הערט זיך אן פון די פאלקס־מענטשן, מיט וועמען איר קומט אין בארירונג, און דאן מיט די פארשידענע פירער, וואס קירעווען דאס יידישע ווי אויך דאס נישט־יידישע לעבן.

נאכדעם ווי די יידן זענען דורכגעגאנגען א צווייפאכע רעוואלוציע, פריער די אלגעמיינע, וואס האט געמאכט א סוף צו דער אלטער ארדענונג, און דאן די צווייטע, וואס האט זיי אריינגע־

שטויסן אין פּראָדוקטיוון לעבן פון לאַנד און פון זיי געמאַכט אַר־בעטער און טעלעווירטעניקעס, קאָן מען נאָך אַלץ נישט זאָגן, אַז יידן געפינען זיך שוין אויף אַ פעסטן עקאָנאָמישן באָדן אַפילו אין דעם זין פון זיין פאַרזיכערט מיט געוויסע באַשעפטיקונגען.

די יידן ווי די נישט־יידן דאָרט זענען איצט אין מיטן פון רעקאָנסטרוקציע. זיי האַלטן זיך ערשט אין צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. זיי האַלטן ערשט אין געפינען אַן אָנהאַלט אין דער נייער עקאָנאָמיק. אין אַ געוויסן זין וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז די יידן אין רוסלאַנד מאַכן איצט דורך דאָס, וואָס די יידן האָבן דורכגעמאַכט אין אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן פון אימיגראַציע־שטראָם.

מ׳האָט זיך געכאַפּט צו יעדער סאָרט אַרבעט, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטערן האַנט. ערשט שפּעטער, אַז מ׳האָט זיך „אויסגע־גרינט" און מען האָט זיך בעסער געקאָנט צופּאַסן צו די נייע באַ־דינגונגען פון לאַנד און זיך באַקענט מיט די נייע געלעגנהייטן, האָט מען זיך גענומען צו אַרבעטן, צו וועלכע מען האָט געהאַט מער נייגונג און צו וועלכע מען איז געווען בעסער צוגעפּאַסט.

פון דעם דאַרף מען אָבער נישט קריגן דעם איינדרוק, אַז די רוסישע יידן האָבן איצט די זעלביקע געלעגנהייטן, וואָס די יידן אין אַמעריקע. זיי האָבן עס נישט, נישט אַלס „גרינע", כּל־זמן זיי כאַפּן זיך צו יעדער מעגלעכער אַרבעט, וואָס מאַכט זיך צום האַנט. און זיי האָבן עס נישט נאָכדעם ווי זיי „גרינען" זיך אויס און נעמען זיך צו אַנדערע אַרבעטן.

אין ערשטן פאַל באַקומען זיי אַ הונגער־לוין, ווייל זיי כאַפּן זיך צו אַרבעטן, וואָס באַצאָלן זיך צום ווינציקסטן, און אין לעצטן פאַל האָבן זיי אויך נישט קיין גרויסע גליקן, אַפילו ווען זיי געפי־נען פאַר זיך אַרבעט, וואָס באַצאָלן זיך בעסער, סיידן זיי גע־לינגט — און אַ געוויסע צאָל יידן האָט עס טאַקע געלונגען — איבערצוגיין אין דעם „קלאַס" פון די פּריווילעגירטע.

האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ קליין הייפעלע פּריווילעגירטע יידן, זעלבסט־געקרוינטע „פירער", „פּראָפעסיאָנעלע יידן" (אויפן קאָמוניסטישן שטייגער, וואָס זענען אין דעם סאָוויעטישן רוסלאַנד

אויך בנמצא), און גלאַט „פּאַראַזיטן'' (נאַטירלעך, אונטער אַ קאָמוניסטישער מאַסקע), וואָס דער פּראָלעטאַרישער רעזשים האָט אָנגעפּלאָדעט און פון וועלכע מען קאָן נישט פּטור ווערן, בעסער באַקאַנט אונטערן מער מאָדערנעם נאָמען אַלס „ביוראָקראַטן''.

די ברייטע יידישע מאַסע, די איבערוועגנדיקע מערהייט, לעבט אין אָרעמקייט און נויט, געטריבן צו פאַרצווייפלונג דורך דעם שווערן דרוק, וואָס די נייע אָרדענונג האָט ארויפגעלייגט אויפן גאַנצן לאַנד.

ווידער האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פּאַראָמעטער און אין אַ גרויסער מאָס פּאַקטיש פאַרהונגערטער מאַסע, וואָס קוקט זשעדנע ארויס פאַר הילף צו אויסלאַנד, לעבנדיק אויף דעם, וואָס קרובים שיקן פון אַמעריקע און פון אַנדערע לענדער, איינשליסנדיק אַפילו ארץ־ישראל.

די הילפלאָזיקייט פון די רוסישע יידן קאָן מען שוין זען פון דעם אַליין, וואָס אַפילו די אָרגאַניזירטע הילף פון אויסלאַנד איז נאָך נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן און קאָן נאָך נישט אָפּגעשטעלט ווערן, טראָץ דעם, וואָס די יידישע און נישט־יידישע קאָמוניסטישע פירער אין יענעם לאַנד וועלן אייך מיט שטאָלץ אָנצייגן אויף די גרויסע דערגרייכונגען, בלומרשט דורך זייערע אייגענע כחות, און אַפילו מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן די הילף פון אויסלאַנד אינגאַנצן נישט געדאַרפט אָדער נישט געוואָלט.

אמת טאַקע, אַז די דאָזיקע הילף — און איך האָב דאָ הויפּט־זעכלעך אין זינען אַזוינע צוויי אָרגאַניזאַציעס ווי דער „אָרט'' און דער „אַגראָ־דזשאָינט'' — איז אין גאַנצן אַ גרויסער מאָס גע־גאַנגען לאיבוד, אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז אַפילו איצט מוזן נאָך געזוכט ווערן מיטלען, ווי צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע יידן סיי אין די שטעט און סיי אין די **קאָלווירטן**.

די יידישע קאָלווירטניקעס, פאַר וועמען מ'האָט פאַרשווענדט פאַרמעגנס, זיי צו באַפעסטיקן אויף דער ערד, דאַרפן נאָך איצט געלערנט ווערן מלאכות, וואָס זאָלן זיין אַ צוגאָב צו דער אַרבעט, וואָס זיי טוען אויפן לאַנד. אַנדערש קאָנען זיי נישט עקזיסטירן עס איז אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע, וואָס איז ווייניק באַקאַנט

צו דער דרויסנדיקער וועלט. ווי וועגן א סך אנדערע זאכן האָט מען פאַרבאַהאַלטן דעם אמת און פּרובירט שיטן זאַמד אין די אייגן. איצט פּרובירט מען אויף אַ נייעם אופן עס ווידערהאָלן, און אפשר אויף נאָך אַ גרעסערן מאַסשטאַב, בנוגע ביראָבידזשאַן...

3

דער עקאָנאָמישער מצב פון די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז טראַגיש. איך זאָג „טראַגיש", ווייל מיט „שלעכט" און אפילו מיט „שווערלעך" קאָן מען זיך נישט באַנוגענען.

עס איז טראַגיש, ווייל יידן טראָגן זייערע ליידן ווי „סטאָאיקער", שווייגנדיקע. א סך, קענטיק, האָבן שוין פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז זיי דערוואַרטן א בעסערע צוקונפט.

— מיר זענען פאַרמשפּט צו אונטערגאַנג, — וועט איר אָפט הערן פון יידן, ווען איר געווינט זייער צוטרוי. — אָט האָט מען אונז געהאַלטן אין זאָגן, אַז מיר אַרבעטן, כּדי זיך אַריינצופּאַסן אין דער נייער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. זענען מיר געוואָרן אַרבעטער. מיר אַרבעטן מיט גאַל. וואָס האָבן מיר פון אונזער פּראַצע? מיר הונגערן! און מיר הונגערן איצט אַלס אַרבעטער, פּונקט ווי מיר האָבן פריער געהונגערט אַלס „דעקלאַסירטע".

— איר האָט דאָך אָבער איצט איבערזיכטן צו געניסן פון די פרוכט פון דעם קאָמוניסטישן אויפבוי! — האָב איך אייניגע יידישע בעל־בתּים פּרובירט טרייסטן.

יענע האָבן אָבער א מאַך געטאָן מיט די הענט און געזאָגט:

— שפּייזן זיך מיט די קאָמוניסטישע צוזאָגן? א סך קאָן מען זיך אויף זיי פאַרלאָזן? היינט איז אַזוי און מאָרגן אַנדערש. היינט פאַרפאָלגט מען אונז, ווייל מיר זענען נישט קיין אַרבעטער, און מאָרגן וועט מען אונז פאַרפאָלגן, אָדער בעסער געזאָגט, עקספּלואַטירן, פאַרוואָס מיר זענען אַרבעטער.

איך האָב אין אָדעס געטראָפן אַ יידן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע גלגולים פון דער רעוואָלוציע.

א ייד פון אַ יאָר פופציק, איז ער פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ סוחר, וועמען עס איז געגאַנגען נישט שלעכט.

— אָבער, אסור, אויב איך באַדויער דאָס, וואָס יענע צייטן זענען אַוועק, — האָט ער מיר פאַרכאַפּט דעם וועג, איך זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער איז אומצופרידן דערפאַר, וואָס ער האָט נאָך וואָס צו „בענקען". — איך וואָלט זיי אַלץ מוחל געווען, ווען זיי וואָלטן דעם פּשוטן אַרבעטער אויך געגעבן אַ געלעגנהייט צו האַלטן גוף און נשמה צוזאַמען.

און ער האָט דערציילט, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט:

צו־ערשט באַרויבט געוואָרן פון אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און אפילו שוין שיער נישט געשטעלט געוואָרן צום „ווענטל" (דערשאָסן צו ווערן). דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פאַרפאָלגונגען פון אַלערליי מינים. עס איז געקומען דער „נעפּ" און עפּעס האָט אַ בּליאַסק געטאָן. אָבער דער „נעפּ" איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און ער איז ווידער געבליבן בעירום ובחוסר כּל. ער איז געוואָרן אַ „דעקלאַסירטער" — און כּמעט גיי־אויס פון הונגער.

האָט ער זיך גענומען צו מלאכה. געהאַט אַ ידיעה אין זייגער־מאַכעריי. האָט ער געעפנט אַ געוועלבל פאַר זיך. ער האָט געהייסן אַ „קוסטאַר". דאָס איז געווען כּשר, ווי באַלד נאָר מען אַרבעט אַליין און מען עקספּלואַטירט נישט קיינעם. די שטייערן זענען געווען אומגעהויער הויך. די פאַרדינסטן קליין. אָבער מען האָט זיך דורכגעשטופּט ווי נישט איז.

האָט מען אָבער די „קוסטאַרן" אָנגעהויבן דריקן. דער ייד איז אַריין אין אַן „אַרטעל", אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז מער אָנגעלייגט ביי דער מאַכט.

אין אַרטעל האָט מען זיך אויך געמאַטערט. איז ער אַריבער אין אַ מלוכה־פאַבריק.

דער ייד האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט ענדלעך דערגרייכט די מדרגה פון „פּראָלעטאַריער" אין אַ פּראָלעטאַרישער מלוכה.

— וועמען וועט נאָך זיין אַזוי גוט ווי מיר? — האָט ער זיך פאַר מיר אויסגע־יעדט דאָס האַרץ. — אַזוי אַלנפאַלס האָב איך

דעמאָלט געמיינט. איך האָב אָבער אויסגעפונען, אַז אַ פּראָלעטאַריער איז דער קלענסטער באַצאָלטער אין רוסלאַנד.

— זענט איר געבליבן ביי דעם? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— אַ ייד גיט זיך אַן עצה, — האָט ער געזאָגט. — דער אַמאָליקער סוחר אין מיר האָט נישט גערוט. דורך אַרבעט און פלייס האָב איך זיך דערדראַפּעט צו אַן אויפזעער אין איינער פון די אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק. מיין לוין איז געהעכערט געוואָרן און מיינע פּריווילעגיעס זענען פאַרגרעסערט געוואָרן.

— איז דאָך גוט, — האָב איך געזאָגט.

— טויג עס ערשט נישט, — האָט דער ייד מיר דערקלערט. — נאָך מיין גאַנצער מי האָב איך קוים אויף אויסקומעניש. אויב פריער האָב איך געהונגערט, קום איך איצט אָפּ מיט נישט־דערעסן. דאָס לעבן איז שווער און די כּחות האַלטן אין אויסגיין. די לאַגע איז נאָך ערגער דערמיט, וואָס פריער האָב איך נאָך געהאָפט ערגעץ זיך צו דערשלאָגן. איצט זע איך שוין, אַז העכער וועל איך נישט שטייגן. וואָלט איך געווען אַ קאָמוניסטישער טוער, וואָלט איך געקאָנט שטייגן העכער. איצט מיינט עס אָבער דאָס העכסטע. און וואָס אַזוינס האָב איך דאָ דערגרייכט? גאָרנישט מיט גאָרנישט!

ווייל איך דאָ פאַרצייכענען די גלגולים, וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט און האַלטן נאָך אין דורכמאַכן אין דער סאָוויעטישער רוסלאַנד, און די פּערספּעקטיוון, וואָס זיי האָבן פאַר זיך, אָדער וואָס זיי מיינען, אַז זיי האָבן פאַר זיך, און ווי זיי נעמען עס אויף און זאָגן זיך וועגן דעם אַרויס.

געוועזענע קרעמער זענען איצט פירער פון רעגירונגס־געשעפטן. געוועזענע לופט־מענטשן אַרבעטן איצט אין פאַבריקן. יעדער האָט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער, אויף דעם אָדער יענעם אופן, צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען.

איז איינעם גאָר שלעכט, אויב די אַרבעט, וואָס ער טוט, באַצאָלט זיך גאָר שלעכט, און אַ צווייטן איז אַביסל בעסער, אויב די אַרבעט, וואָס ער טוט, באַצאָלט זיך אַביסל בעסער. איינער איז

נאך אויפן נידעריקסטן שטאפל פון דעם קאמוניסטישן עקאנאמישן לייטער און א צווייטער איז שוין מיט א שטאפל אדער צוויי העכער. איר האט, ווי געזאגט, אפילו אזוינע יידן, וואס זענען שוין אויפן סאמע שפיץ פון לייטער.

דאס איז בנוגע דעם אלטן דור, וועלכער ראנגלט זיך פאר זיין עקזיסטענץ און וועלכער פרובירט מיט די לעצטע כחות געפינען ערגעץ אן אנהאלט.

דער נייער דור איז שוין אן ענין פאר זיך אליין. אבער אויך דא האבן מיר די גאנצע פארשידנארטיקייט, וואס עקזיסטירט אין סאוויעט־רוסלאנד אין אלגעמיין.

די יידישע יוגנט שטודירט. מען זוכט בעסער־באצאלנדיקע פראפעסיעס, אדער מען ווערט „פראפעסיאנעלע" קאמוניסטן, נישט אויסשליסנדיק נאטירלעך אזוינע, וואס ווארפן זיך אריין אין פארטיי־טעטיקייט צוליב ריינעם אידעאליזם.

אבער אפילו די יידישע יוגנט — כאטש עס איז אזוי שווער צו רעדן וועגן דער יוגנט איז אלגעמיינע טערמינען — איז אנטוישט.

די יידישע יוגנט, ווי דער עלטערער דור, אנטוישט אין קאמוניזם זיך דארט, ווו עס לאזט זיך, און מיט דעם אליין איז שוין אפשר די לאגע אן אומזיכערע און אן אומגעזונטע.

אויב די נייע אויסזיכטן און מעגלעכקייטן האבן דער יידישער יוגנט נישט געמאכט אינגאנצן פאר קיין קאריעריסטן און געלעגנהייט־זוכער, איז אבער די יידישע יוגנט, ווי די נישט־יידישע יוגנט, ווייט פון יענעם אידעאליזם, וועגן וועלכן די קאמוניסטן האלטן אונז אין פארזיכערן, איינפאך דערפאר, וואס אין תוך איז
די יידישע יוגנט איז א זוכנדיקע, א באוועגלעכע. מען ווארפט און אין דעם, וואס דער קאמוניזם האט מיט זיך געבראכט.

יידן, זאל דא געזאגט ווערן, זענען מענטשן, וואס זוכן אין אלץ א נשמה, אן אינהאלט. זיי זענען די ערשטע זיך צו לאזן הינרייסן פון וועלכער עס איז באוועגונג, וואס איז באפליגלט פון א הויכן אידעאל. זיי זענען אבער אויך די ערשטע, וואס ניכטערן

זיך שנעל אויס, ווען זיי זעען איין, אז דאָס איז געווען נישט מער ווי אן אילוזיע.

דער אידעאַליזם, וואָס האָט פון אָנפאַנג באַשיינט די פּראָלע־טאַרישע דיקטאַטור, איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן. וואָס עס איז געבליבן איז נאָר א מוראדיקער טעראָר, א שווידערלעכע אָרעמקייט און נויט, א נייע געזעלשאַפט צעטיילט אין „קלאַסן", אין פּריווי־לעגירטע. זעענען יידן אנטוישט, און עס זענען אויך אנטוישט, זאָג איך דאָ מיט פולער זיכערקייט, אפילו כשרע און הונדערט־פּראָ־צענטיקע קאָמוניסטן, וואָס טוען פאַרטיי־אַרבעט.

זאָל די דאָזיקע באַהויפּטונג פאַרשליידערט ווערן פון די אָפי־ציעלע און אומאָפיציעלע קאָמוניסטישן ציין־פּאַררעדער און אויגן־פאַרבלענדער. אויך זאָג עס אויפן סמך פון די פיל יונגע און על־טערע קאָמוניסטן, מיט וועמען איך האָב גערעדט.

דאָס קאָמוניסטישע פייער פון אידעאַליזם האָט אויסגעברענט. געבליבן איז דער אַש אָדער די רויכערנדיקע האָלאָוועשקעס. אויב עפּעס צינדט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז עס א נײַ פייער, וואָס זוכט צו פאַרשליינגען אָט דעם איצטיקן רעזשים פון סטאַליניס־טישער ברוטאַליטעט און הארצלאָזיקייט, וועלכער, אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג, האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערטרינקען יעדע מאַני־פעסטאַציע פון קעגנערשאַפט און יעדע שפּראָצונג פון אַלטן און נייעם אידעאַליזם אין א טייך פון בלוט.

קאַפּיטל פערצן

אלטע און נייע יידישע ישובים

1

דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז איבער־געטאַשט געוואָרן. דאָס איז אַזוי נישט בלויז בנוגע מענטשן, נאָר אויך ישובים. דער גאַנצער כאַראַקטער פון די יידישע ישובים

האָט זיך געביטן און האַלט זיך אין בייטן. אַלטע ישובים ווערן אָפּגעווישט, נייע שווימען אויף.

דאָס קליינע יידישע שטעטל ווערט אינגאַנצן אָפּגעמעקט פון דער יידישער מאַפּע. יידן קאָנצענטרירן זיך אין די גרויסע שטעט.

און עס איז נאַטירלעך: נאָכדעם ווי דער פּריוואַט־האַנדל אין אַלע זיינע פאָרמען איז ליקווידירט געוואָרן; נאָכדעם ווי אַלע אַלטע פּרנסות, פון וועלכע יידן האָבן זיך דערנערט, זענען אין דעם נייעם רוסלאַנד געוואָרן אוממעגלעך, האָבן די פּראָלעטאַריזירטע אָדער פּראָלעטאַריזירנדיקע יידישע מאַסן זיך געמוזט אָנהויבן ציען אַהין, ווו זיי קאָנען לייכטער זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען.

ווערט דאָס קליינע שטעטל אויסגעליידיקט. צוערשט איז אַוועק די יוגנט. עס זענען איבערגעבליבן די אַלטע און די „דעקלאַ־סירטע''. — געוועזענע הענדלער, כּלי־קודש און אַלע אַנדערע, וואָס זענען אין דער נייער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה.

די „דעקלאַסירטע'' האָבן אָבער, אונטערן דרוק פון דער עקאָנאָמישער נויט, זיך אָנגעהויבן פּראָלעטאַריזירן. יעדער האָט זיך אָנגעהויבן זוכן אַן אַרבעט. אַזוי ווי עס איז לייכטער צו גע־פינען אין די גרעסערע שטעט, האָט מען איינציקווייז און גרופּנווייז פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

די עלטערע, וואָס זענען לכתחילה געווען אינגאַנצן הילפלאָז, האָבן שפּעטער אָנגעהויבן נאָכפאָלגן זייערע קינדער אין די גרע־סערע שטעט. אין אַ סך פאַלן האָבן די קינדער זיי אַליין ארויסגע־נומען צו זיך. אין אַנדערע פאַלן זענען די עלטערן געקומען „אומ־געבעטענע''. ס'האָט אפילו געזאָלט הייסן, אַז זיי האָבן זיך איינ־פאַך „ארויפגעצוואונגען'' אויף די קינדער, באַנוצנדיק זיך אפילו מיטן געזעץ, צו „צווינגען'' די קינדער, זיי זאָלן זיי האַלטן ביי זיך.

דער דאָזיקער ענין פאָדערט, מ'זאָל אים אַביסל מער אויפ־קלערן.

דער איינדרוק האָט זיך געשאַפן, — און מ'האָט וועגן דעם פיל געשריבן און גערעדט, — אַז די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ

מוראַדיקער געוואַלטרים אין דער יידישער פאַמיליע. קינדער, האָט עס געהייסן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע עלטערן און עלטערן האָבן אָפּגעבראָכן באַציאונגען, זאָל עס אפילו האָבן געווען געצוווּנגענערהייט, מיט זייערע קינדער.

קינדער, וואָס האָבן געהאַט דאָס „אומגליק" צו שטאַמען פון סוחרישע עלטערן אָדער פון רבנים, שוחטים און מלמדים, האָבן זיך פון זייערע טאַטע־מאַמע פולשטענדיק דערווייטערט.

האָט עס דעריבער געדאַרפט הייסן, אַז די רעוואָלוציע האָט אינגאַנצן צעבראָכן דאָס יידישע פאַמיליע־לעבן און אַז דער טראַדיציאָנעלער צוזאַמענבונד צווישן יידישע טאַטע־מאַמע און זייערע קינדער, ווי אויך די פליכט, וואָס יידישע קינדער האָבן תמיד געפילט צו זייערע עלטערן, זענען פאַרגעסן געוואָרן.

דאָס איז אָבער ווייט נישט אמת. אויב עס איז אמת, אַז דער רעוואָלוציאָנערער טעראָר האָט געצוווּנגען קינדער זיך אָפּצוזאָגן פון זייערע עלטערן און צו באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם, איז עס געווען נאָר לפנים. אויב מען איז ביטער פאַרפאָלגט געוואָרן, — און מען ווערט נאָך איצט אויך פאַרפאָלגט, — דערפאַר, וואָס דער טאַטע איז אַמאָל געווען אַ סוחר, אַ רב, אַ חזן, אַ שוחט, אַ מלמד אָדער אַן אַנדער מין „בורזשוי" אָדער רעליגיעזער טוער, האָט מען קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו טאָן דאָס, וואָס די רעוואָלוציאָנערע „אינקוויזיטאָרן" האָבן געפאָדערט. דאָרט, וווּ מען האָט נישט געקאָנט פאַרלייקענען דעם פאַקט וועגן דעם טאַטנס „פאַרגאַנגענהייט", האָט מען פון טאַטן זיך „אָפּגעזאָגט" און פון אים מער „נישט געוואָלט וויסן".

אוודאי זענען געווען פאַלן, וואָס קינדער, רעוואָלוציאָנערע פאַנאַטיקער, האָבן באמת פּרובירט איבעררייסן מיט זייערע עלטערן. אין די מערסטע פאַלן איז עס אָבער געווען לפנים, צופרידנצושטעלן די „רויטע אינקוויזיטאָרן". אין דער שטיל האָט מען געהאַלטן טאַטע־מאַמע, ווי יידישע קינדער האָבן עס תמיד געטאָן. פאַרקערט, איך האָב אַלע אורזאַכן צו גלויבן, — עלטערן ווי קינדער האָבן עס באַשטעטיקט, — אַז גראָד די גרויסע נויט, אין וועלכער דער עלטערער דור האָט זיך געפונען, האָט אַרויסגערופן

מער מיטלייד מצד זייערע קינדער, ווי דאָס וואָלט מעגלעך געווען אונטער געוויינלעכע אומשטענדן.

האָט מען די עלטערן בײַ דער ערשטער געלעגנהייט גענומען צו זיך אין די גרעסערע שטעט און פּרובירט אַפילו זיי אײַנאָרדענען בײַ אַרבעטן, כּדי צו געבן זיי דעם סטאַטוס פון פּראָלעטאַריער און אויף אַזאַ אופן געווינען פאַר זיי די רעכט, פון וועלכע זיי זײַנען געווען באַרויבט אַלס „דעקלאַסירטע".

דערציילט מיר אַ געוועזענער רב, וואָס זיצט איצט בײַ זײַנע קינדער אין מאָסקווע:

— איר האָט דען אַ באַגריף, וואָס איך און מײַן פרוי האָבן געהאַט אויסצושטיין? מיר האָבן געהונגערט אין אונזער אוקראַיִניש שטעטל — געהונגערט בציבור. אַ הונגער־טויט האָט געלויערט פון אַלע ווינקעלעך. האָבן מיר, די עלטערע, זיך שוין כּמעט מיאש געווען פון אַלץ. אונזערע קינדער אָבער האָבן געמוזט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. איז מײַן רבנות זיי געשטאַנען אין וועג. וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? זיי האָבן זיך פון מיר עפנטלעך געמוזט אָפּזאָגן. פאַרשטייט זיך, אונטער אַזוינע אומשטענדן האָב איך זיך מער פאַר זיי נישט געטאָרט ווײַזן און זיי פאַר מיר אויך נישט. זיי זײַנען אָבער גוטע קינדער, געפּילפּול און איבערגעגעבן. האָבן זיי אונדז געשטיצט באַהאַלטענערהייט.

— און ווי זענט איר דאָך געקומען צו זיי קיין מאָסקווע? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— וועגן דעם איז דאָ אַ לאַנגע געשיכטע צו דערציילן, — איז געווען דער ענטפער. — צוערשט איז אַריבערגענומען געוואָרן מײַן פלוניתטע. כּמעט אַ געוועזענע רביצין, האָט זי אָבער פון זיך לייכט געקאָנט „אָפּטרייסלען" די פאַרגאַנגענהייט. אַ פרוי פאַרגיט מען שנעלער און מען פאַרקוקט גיכער אירע אַלטע „חטאים". עס דאָט אויך געדאַרפט הייסן, אַז זי דאַרף די קינדער אַרויסהעלפן אין פירן זייער הויז־ווירטשאַפט. מיט מיר איז שוין אָבער געווען אַ צרה. מײַן רבנות האָב איך שוין לאַנג געהאַט אויפגעגעבן. דאָס שטעטל האָט אויפגעהערט צו צאָלן. עס איז נישט געבליבן קיינער. וואָס זאָל זײַן ביכולת צו צאָלן. איך האָב אַרומגעבלאָנקעט עלנט

און אליין, דערציטערנדיק זיך פון דעם, וואָס די קינדער פלעגן צו־שיקן פון מאָסקווע. איך פון מיין זייט און זיי פון זייער זייט, האָבן אלץ געזוכט עצות, ווי אזוי אונז צוזאמענצופרעגנגען. די קינדער האָבן געהאָפט, אז די מושלים אונזערע וועלן ווערן ווייכער, אז זיי וועלן פארגעסן דעם עבר. דאָס איז אָבער נישט געשען. בין איך אליין געפאלן אויף א פּלאַן. איך האָב פארקלאָגט מיינע קינדער. אז זיי „אנטזאָגן" זיך מיר צו שטיצן און אז איך, אן עלטערער און קראַנקער מענטש, האָב זיך נישט ווי אויפצוהאלטן. כאָטש מען פארפאָלגט קינדער פאר דעם, וואָס זיי האָבן טריף־פּסולדיקע על־טערן, איז אָבער דאָס געזעץ שטרענג צו די, וואָס אנטזאָגן זיך צו העלפן זייערע טאַטע־מאַמע אפילו ווען יענע האָבן א „פארגאַנ־גענהייט". מיין קלאָגע איז אריין אין געריכט. די קינדער זענען געקומען „טענהן", אז זיי ווילן פון אזא טאַטן, ווי איך, נישט וויסן. עס איז געווען א קאָמעדיע, אָבער ביי וועלכער מ'האָט גע־דארפט וויינען. געהערט אביסל, מיינע קינדער, האָבן גאָר געדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן זיך פון מיר געוואָלט אָפּ־ווארפן. איך, ווידער, האָב געטענהט, אז ווער דען זאָל מיך אויס־האַלטן, אויב נישט די קינדער? די מלוכה, וועלכע האָט גענוג אנדערע זאָרג? וואָס זאָל איך אייך א סך בריען, די באָלשעוויס־טישע ריכטער האָבן געפסקנט, אז ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט האָבן קיין „מיטלייד" מיט מיינע קינדער, קאָנען זיי אָבער קיין אנדער אורטייל נישט ארויסטראָגן, ווי דעם, אז די קינדער מוזן מיר נע־מען צו זיך. די שמחה, וואָס איז דעמאָלט ביי אונז געווען, ביי מיר און די קינדער, קאָן איך אייך גאָרנישט איבערגעבן...

2

האָבן מיר איצט צו טאָן מיט א גרויסשטאָטישער יידישער באַ־פעלקערונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד. נייע יידישע ישובים גייען־אויף. אלטע ישובים גייען־אונטער. די אלטע ישובים זענען „רעשט־לעך" פון דער אלטער אָרדענונג, וואָס ווערן לאַנגזאַם ליקווידירט, און די נייע ישובים — דער צייכן פון דעם נייעם רוסלאַנד.

דער גרעסטער יידישער קבוץ איז איצט אין מאָסקווע. גענוי וויפל יידן עס געפינען זיך אין מאָסקווע, איז שווער צו זאָגן. די ציפערן, וואָס מען האָט מיר אָנגעגעבן, זענען פון דריי הונדערט טויזנט ביז א האלבן מיליאָן.

— און דאָס איז בלויז דערמאר, וואָס אין מאָסקווע איז אזא ענגשאפט, — האָט מיר א יידישער טוער געזאָגט. — ווען דאָרט וואָלטן געווען דירות, זאָלן עס אפילו זיין די ערגסטע, וואָס מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, און ווען מען וואָלט נישט געדארפט האָבן פאס־פאָרטן, וואָלטן מיר אין מאָסקווע געהאט א סך מער יידן.

אין לענינגראד רעכנט מען די יידישע באפעלקערונג אלס א פערטל מיליאָן, אויב נישט מער. קיעוו, כארקאָוו און אָדעס זענען די אַנדערע גרויסע צענטערן מיט א ריזיקער יידישער באפעלקע־רונג.

אין די דאָזיקע דריי שטעט געפינען זיך אפשר זעקס־זיבן הונ־דערט טויזנט יידן.

— ווי איר זעט, — האָט דער דערמאָנטער טוער פרובירט מאכן פאר מיר א שטיקל חשבון, — האָבן מיר בלויז אין די פינף דערמאָנטע שטעט מער ווי א העלפט פון די צוויי און א האלב מיליאָן יידן, וואָס געפינען זיך אין סאָוויעט־רוסלאנד. מען קאָן דערוואַרטן, אַז די יידישע באפעלקערונג זאָל דאָרט וואַקסן. אזוי ווי מיר האָבן א סך אנדערע גרויסע צענטערן און דאָרט קאָנצענטרירן זיך די יידן אויך אין דער זעלביקער פּראָפּאָרציע, דאַן קאָן מען דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן אין דער נאָנטער צוקונפט האָבן די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין די גרויסע שטעט.

— איז דאָס א מעלה אָדער א חסרון? — האָב איך געוואָלט הערן יענעמס מיינונג.

— מיר האָבן נאָך אין סאָוויעט־רוסלאנד נישט געניג פאָזיטי־ווער, אַז מיר זאָלן שוין קאָנען זאָגן באשטימט, וואָס די אָדער יענע דערשיינונג מיינט, — האָט ער דערקלערט. — אַלץ, וואָס מען קאָן דערוויל זאָגן, איז, אַז די אַלגעמיינע ענדערונגען אין יידישן לעבן האָבן אויך געמאכט ענדערונגען אין דעם כאראַק־טער פון די יידישע ישובים. דאָס איינציק־פּאָזיטיווע דערביי

איז אפשר, וואָס אפילו אונטער אַ קאָמוניסטישער הערשאַפט נייט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער עקאָנאָמיק אין כּמעט דער־זעלביקער ליניע, ווי אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. יידן זענען אונטער קאַפּיטאַליזם גרויסשטאָטישע און זיי זענען עס אויך אונטער קאָמוניזם.

— דאָס איז אפשר אמת בנוגע די ישובים, — האָב איך געהאַט איינצוווענדן. — וואָס איז אָבער מכּוח די פּרנסות? איר וועט דאָך נישט לייקענען, אַז דער חילוק איז אַ גאָר גרויסער?

— אָן צווייפל, — האָט יענער געזאָגט מיט אַ שמייכל. — אויב יידן קאָנען מער זיך נישט אָפּגעבן מיט קליינהאַנדל און מוזן זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, איז עס אליין אַ גוואַלטיקע ענדערונג. אָבער מאָדנע, — און דאָס איז עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן, די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד זוכן זיך לייכטערע אַרבעטן און אָפּט אַזעלכע, וואָס זענען גאָר נישט אַזוי זיכער און האָבן נישט אַזאַ צוקונפט, ווי מען וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן.

— דהיינו? — האָב איך געפרעגט.

— איך וועל נישט רעדן וועגן די יידישע בעל־מלאכות, — האָט דער יידישער טוער מיר מסביר געווען דעם ענין. — מיר האָבן זיי, אייגנטלעך, אַלעמאָל געהאַט און מיר האָבן זיי איצט. קוסטאַרן, אַרטעלן, פאַבריקן, יידן טוען אַלע מלאכות, וואָס זיי האָבן געטאָן אין אַלע צייטן און אונטער אַלע רעזשימען. יידן האָבן אויך אין אַ באַגרענעצטער מאָס אַריינגעדרונגען אין נייע אינדוסטריעס, אפילו אין די שווערע. דאָס איז אָבער נישט מאַס־געבנד און דאָס קאָן נישט אָנגענומען ווערן אַלס באַווייז, אַז די טענדענץ פון די יידן איז זיך צו פּראָלעטאַריזירן אין די שווערע אינדוסטריעס, וועלכע, אגב, זענען די אַמבעסטן באַצאָלנדיקע. יידן האָבן זיך אָבער יאָ אַ וואָרף געטאָן צו די קאָאָפּעראַטיווע און רעגירונגס־קראָמען פון פאַרשידענע מינים, צו די מלוכהשע האַנדלס־אונטערנעמונגען פון אַלע קאַטעגאָריעס און האָבן מאַסנווייז אויך אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די מלוכה־אינסטי־

טוציעס אַלס בוכהאַלטערן, שרייבער און בלערליי ביוראָ־אָנגע־שטעלטע.

— האָבן יידן זיך אויך נישט גענומען צו די שטודירנדיקע פּראָפעסיעס, ווי אינזשינערן, טעכניקער? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— יאָ, און אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס, — האָט יענער געזאָגט. — יידן האָבן זיך בכלל אַ וואָרף געטאָן צו אַלע קוואַלן פון פּרנסה, איינשליסנדיק אפילו מיליטער־דינסט. מיר האָבן איצט אַ מאַסע יידישע אָפיצירן אין דער אַרמיי און אין פלאָט. יידן לאָזן נישט דורך קיין זאַך, וואָס גיט חיונה.

— אַ גאַנץ דערפרייענדיקע דערשיינונג, — האָב איך באַ־מערקט.

— דאָס וואָלט געדאַרפט זיין, — האָט יענער געזאָגט. — אָבער עפּעס דוכט זיך, ווי מיר וואָלטן דאָ פּאַרקוקט צוויי זאַכן: ערשטנס, וואָס אַ דאַנק דעם אַלעם ווערן יידן אויסגעמישט מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אָרגאַניש מער נישט פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע און אַריינשטראָמענדיק אין אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד, ווערן יידן שנעל פאַרמישט מיט אַנדערע. כאָטש זיי קאָנצענטרירן זיך אין די גרויסע שטעט, זענען זיי אָבער מער נישט קיין קאָמפּאַקטע מאַסע, נאָר צעשפּרייט און אויסגעמישט מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דאָס מיינט אייגנטלעך אַסי־מילאַציע, וואָס איז אַן ענין פאַר זיך און וועגן וועלכן איך וואָלט נישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן, אויסער ווי וועגן דער עקאָנאָמישער זייט דערפון. צווייטנס, פאָרמירן יידן אַ מין „גייסטיקן געטאָ" אַ דאַנק די באַשעפטיקונגען, מיט וועלכע זיי גיבן זיך אָפּ. איך מיין, אַז מען וועט די יידן מוזן באַלד דערקענען און אויסצייכענען צוליב דעם, וואָס זיי זענען נישט ווי אַלע, נאָר שטעלן מיט זיך פאָר אַ ספּעציעלן קלאַס, ליפערן פּראָפּאָרציאָנעל אַ פיל גרעסערע צאָל ביוראָ־ און געשעפטס־אָנגעשטעלטע, ווי אויך שטודירטע פּראָפעסיאָנאַלן, ווי אַנדערע.

די פּראָבלעמען, וואָס דער דערמאָנטער יידישער טוער האָט דאָ באַרירט, ווערן איצט אָפט דיסקוטירט אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

זיי זענען אָבער פּראָבלעמען, וואָס וועלן זיך ערשט לאָזן פילן אין דער צוקונפט. דערוויילע זענען די פּראָבלעמען נישט פון אַרבעט און פון וועלכער אַרבעט יידן זאָלן טאָן, נאָר גיכער פון פּרנסה.

דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון גאַנץ רוסלאַנד.

וואָרום אַריבערקלייבנדיק זיך אין די גרויסע שטעט און אַריינוואַרפנדיק זיך אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, האָבן נאָך יידן נישט געלעזט דאָס פּראָבלעם פון פּרנסה. זייער לאַגע איז איצט נישט קיין בעסערע, ווי פריער.

פאַראַן שטעט, ווו דער מצב פון די יידן איז בעסער, און שטעט, ווו זייער מצב איז ערגער. אָבער די צעטיילונג איז נישט לויט שטעט, נאָר לויט קאַטעגאָריעס.

אויב שטעט אין סאָוויעטן־לאַנד שטעלן יאָ מיט זיך פאָר די פאַרשידנאַרטיקייט אינם מצב פון דער באַפעלקערונג, רירט עס אָבער אָן גאַנץ קליינע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

עס איז אָנגענומען, און דאָס איז טאַקע דער פאַקט, אַז אין מאָסקווע איז דאָס לעבן אַ סך בעסער, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. נאָך מאָסקווע קומט לענינגראַד. נאָך די דאָזיקע צוויי הויפּט־שטעט איז שוין שווער צו באַשטימען, וועלכע פון די אַנדערע גרויסע שטעט עס קומט דאָס דריטע אָרט.

אין מיין מיינונג דאַרף דאָס איצט קומען קיעוו. כאָטש קיעוו איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אָפּגעשטאַנען און פאַרנאַכלע־סיקט, האָט זי אָבער לעצטנס אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון אויפלעבונג, דערפאַר, וואָס זי איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע.

מיט דעם האָט קיעוו אפשר צוגענומען די „בכורה“ פון כאַרקאָוו, וועלכע איז פריער געווען די אוקראַינישע הויפּט־שטאָט. אודאי וועט כאַרקאָוו ליידן אין דער פּראָפּאָרציע, וואָס קיעוו וועט אויפגעריכט ווערן. קיעוו וועט אַלנפאַלס געווינען. ווען איך בין דאָרט געווען און צוגעזען די לעבהאַפטע טעטיקייט, וואָס גייט דאָרט אָן, כדי איר צו געבן אַ פּנים פון אַ הויפּט־שטאָט, האָט זיך געפילט, אַז קיעוו איז די קומענדיקע שטאָט אויפגעריכט צו ווערן.

וועלכע שטאָט עס קומט די פּערטע און פינפטע אין דער ריי, מאַכט שוין גישט קיין חילוק. איין זאַך איז אָבער זיכער: צווישן די שטעט, וואָס שטייען גאָר צולעצט אין דער ריי פון אַנטוויקלונג, וואָס מיינט, אַז די באַפעלקערונג דאָרט איז אויפן נידעריקסטן מצב, איז אָדעס.

עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז ווען מען רעדט פון דער גדולה פון מאָסקווע און פון דער ירידה פון אָדעס, מאַכט עס אַ גאַנץ קליינעם אונטערשיד פאַר די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פון ביידע שטעט. עס מיינט נאָר, אַז אין מאָסקווע, ווו עס זענען קאָנ־צענטרירט די וויכטיקסטע מלוכה־אינסטיטוציעס, זענען פאַראַן אַ סך מער פון דעם קלאַס פּריווילעגירטע, וועמען עס גייט בע־סער, גאָר נישט דער ערך בעסער, ווי דעם אַרבעטער, וועלכער איז היינט, אין דעם אַרבעטנדיקן רוסלאַנד, אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון עקאָנאָמישן לייטער.

אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז נישט דער מצב פון אַר־בעטער איז אין מאָסקווע אַ בעסערער, נאָר די צאָל פון די פּרי־ווילעגירטע איז דאָרט אַ גרעסערע אַ דאַנק דער גרעסערער צאָל רע־גירונגס־קאַנצעלאַריעס און גרויסע פאַבריקן.

אויב מען קאָן רעדן וועגן בעסערן מצב פון די אַרבעטער אין מאָסקווע, איז עס נאָר אויף אַזוי ווייט, וויפל עס זענען אין מאָסקווע פאַראַן גרויסע פאַבריקן, ווו אַ געוויסע צאָל אַרבעטער־קריגן דעם העכסטן לוין.

דאַקעגן, אויב מיר רעדן וועגן דער אָרעמקייט פון אַזאַ שטאָט ווי אָדעס, איז עס דערפאַר, וואָס דאָרט איז די צאָל רעגירונגס־אָנגעשטעלטע אַ קלענערע און וואָס די אינדוסטריעס זענען דאָרט לייכטע. די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער זענען דערפאַר די קלענ־סטע.

די יידישע לאַגע אין מאָסקווע איז בעסער נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי יידן זענען דאָרט אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע באַשעפ־טיקט ביי דער מלוכה און האָבן אַ צוטריט צו די גרויסע און שווערע אינדוסטריעס. פאַר ווי ווייט די יידן זענען דאָרט פּשוטע אַרבעטער און בוכהאַלטער און אָנגעשטעלטע אין קראָמען און

קאָפּעראַטיוון, אויף אַזוי ווייט זענען זיי אין מאָסקווע אין דער־זעלביקער אָרעמקייט און נויט, פּונקט ווי ענלעכע יידן מיט ענ־לעכע פּרנסות זענען אין לענינגראַד, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס און אַנדערע שטעט.

3

איך האָב שפּאַצירט דורכן רויטן סקווער אין מאָסקווע און זיך אָפּגעשטעלט ביי לענינס קבר צוצוקוקן, ווי מען האָט גע־האַלטן די גרויסע געביידעס קעגנאיבערן קרעמל אין דעקאָרירן פאַר דער פייערונג פון זיבעטן נאָוועמבער.

אויף מיר קוקנדיק האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אַ צווייטער, אַן עלטערער מענטש מיט אַ גרוי אונטערגעשוירן בערדל. איך האָב אין אים דערקענט דעם ייד. איך האָב געלאָזט פאַלן אַ באַ־מערקונג און יענער האָט גערן אָפּגעענטפערט. מיר זענען באַלד געווען באַקאַנט.

— אַזוי, אַן אַמעריקאַנער? — האָט יענער גערעדט מיט באַוווּנדערונג, נאָכדעם, ווי איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט — איך האָב דאָך דאָרט ברידער און שוועסטער און אַנדערע קרובים!

איך האָב באַלד געוווּסט אַלץ וועגן דעם יידן.

— איך דערנער זיך נאָך מיט דער פּראַצע פון מיינע הענט,— האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ. — איך בין אַן איינבינדער. פריער געאַרבעט אין פאַבריק, איצט אַרבעט איך פאַר זיך. איך גיי אי־בער די ביוראָס און בינד־איין דאָקומענטן און אַנדערע אַזעלכע זאַכן. איך פאַרדין נישט ערגער ווי אין פאַבריק און בין מיין איי־גענער באַלעבאָס.

— זענט איר אַלעמאָל געווען אַן איינבינדער? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— פאַר דעם דאַרף איך דאַנקען ניקאָלייקען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— וואָס הייסט?

— איך בין געווען א סוחר אין קורסק. קיין „פּראוואזשי־טעלסטווא" (ווינרעכט) האָב איך נישט געהאַט. האָב איך גע־מוזט קענען א מלאכה. איז מיין מלאכה געווען איינבינדעריי. לפנים געהאַט א ווארשטאַטל און על פּי נויט פון צייט צו צייט עפּעס געמוזט איינבינדן. איצט קומט עס מיר צונוץ אויסגע־צייכנט.

— און א דאַנק אַט דער מלאכה אייערער קאָנט איר איצט זיין אין מאָסקווע?

— איך זאָל עס זאָגן, — איז געווען דער ענטפער. — ווי דען־זשע, אָן א מלאכה וועט מען אייך לאָזן וווינען אין מאָסקווע? די צייטן האָבן זיך אייגנטלעך מיט גאָרנישט געענדערט: פאַר ניקאָלייען האָבן יידן געדאַרפט קענען א מלאכה, כדי צו וווינען אין די רוסישע שטעט, און מען דאַרף עס איצט אויך פאַר די באָלשעוויקעס.

— איר וואָלט דאָך אָבער נישט מאַכן אזא פאַרגלייך אין ערנסט? — האָב איך געוואָלט הערן ווי דער אַלטער איינבינדער פאַסט־אויף די לאַגע.

— אפשר איז דער פאַרגלייך טאַקע קיין פאַרגלייך נישט, — האָט ער צוגעגעבן. — מען קאָן שוין היינט בכלל נישט מאַכן קיין פאַרגלייכן. אַלץ איז אזוי אַנדערש. אָבער קיין בעסערס האָבן מיר איצט אויך נישט מיט אַלע גליקן און „פּראוועס" (רעכט).

— איצט האַנדלט זיך עס דאָך וועגן אַן אַרבעטער - מלוכה און אין אַן אַרבעטער־מלוכה איז נישט מער ווי רעכט, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן, — האָב איך באַמערקט.

— קיינער רעדט נישט קעגן דעם, — האָט דער ייד שוין געוואָלט זיך מיט מיר אויסטענהן. — איך אודאי נישט. כאָטש איך בין געווען א סוחר און מיר איז געגאַנגען גוט, בין איך אָבער געווען פון די סאַמע ערשטע אַלץ אָפּצוגעבן און אפילו קיין סרים זיך נישט געטאָן דערביי. איר ווילט, איך זאָל אַרבעטן? — האָב איך געזאָגט, — גוט! גיט נאָר, וואָס צו טאָן. אין דעם פּרט קאָן מען צו די באָלשעוויקעס גאָרנישט האָבן. אַרבעט גיבן זיי לרוב. אָבער וואָס איז מכּח באַצאָלעכץ? וועגן דעם איז שוין אביסל

שווערלעך. מען גיט אייך רובלס, און אַ סך רובלס, אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן זיי? זיי צעקריכן צווישן די פינגער. אַרבעט מען מיטן גאַל און מען שטעקט די צונג אין דרויסן.

— נישט אַלעמען קאָן דאָך זיין גוט אפילו אין אַ לאַנד, וווּ אַרבעטער רעגירן! — האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע.

— אודאי נישט אַלעמען. אָבער ווען די, וואָס גייט נישט גוט, זענען גראָד די, וואָס אַרבעטן, דאַן איז שוין דער ענין גאַנץ האַרבלעך, — האָט דער ייד געזאָגט בייזלעך. — וואָלט איך נישט געווען אין מאָסקווע, נאָר ערגעץ אין העק, ווו אַלע ליגן אין דער ערד, וואָלט איך אפשר געמיינט, אַז אַלעמען איז שלעכט און אַן עק! ווי שטייט דאָרט? צרת רבים חצי נחמה! איך בין דאָך אָבער אין מאָסקווע! איך זע פאַר זיך אַ „ראַסקאָש״. איך זע פאַר זיך געשעפטן מיט אַלדאָס גוטס. איך זע מענטשן שיין אָנגעטאָן. פרעגט זיך די שאלה, וואָס האָבן מיר דאָ אויסגעביטן? איין פגירה אויף דער צווייטער? אויב דער אַרבעטער ליגט אין דער ערד, ווי אַלעמאָל, אם כן, למה זה אנכי?

— ווי איך זע, זענט איר אַ פאַרביטערטער, — האָב איך געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי איך וואָלט מיט אים נישט מסכים געווען. — איר זענט אַ געוועזענער סוחר, קיינמאָל נישט געווען געוווינט צו אַרבעטן.

דער ייד האָט געמאַכט אַ ברוגזע מינע.

— איר מאַכט אין מיר אַ טעות, — האָט ער געזאָגט. — גראָד אין מיין הויז פלעגט מען אָפּהאַלטן רעוואָלוציאָנערע מיטינגען. און וויפל פון זייערקע האָב איך עס מיט מיין אייגן געלט געהאָלפן זיך איבערפעקלען קיין אויסלאַנד? איך האָב אַלעמאָל געחלומט פון דער צייט, ווען אַרבעטער וועלן זיין בײַ דער מאַכט! אויב איך האָב טענות, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס איך זע, אַז בײַ זיי, בײַ די באָלשעוויקעס, פירט עס זיך מיט אַזוי ווייניק אָרדענונג, ווי בײַ אַנדערע, און אַז זיי האָבן אַזוי ווייניק איינזעעניש מיטן אַרבעטער, ווי אַנדערע. אָט זעט איר, ווי זיי גרייטן זיך פאַרן יום־טוב פון דער רעוואָלוציע? אודאי וואָלט עס געווען אַ גרויסער יום־טוב. **אָבער ווער זאָל זיך פרייען?**

וואָס האָב אַלץ אָוועקגעגעבן מיט אַ פֿרייען ווילן און אַרבעט מיט דער גאַל און האָב נישט גענוג צו עסן, אָדער די זאַטע און אָנגעגעסענע טשינאָווניקעס? עס איז זייער יום־טוב, נישט מיינער!

— אָבער פֿאַרגעסט נישט, וואָס פֿאַר אַ „פּראָוועס" יידן האָבן איצט, — האָב איך אים דערמאָנט. — אַט זענט איר אין מאָסקווע, ווו יידן האָבן קוים געהאַט אַ צוטריט!

— אַמאָל זיין אין מאָסקווע איז טאַקע געווען אַן עניִן, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט. — דעמאָלט האָט מאָסקווע פֿאַר יידן געמיינט גוט לעבן, פּרנסה. היינט מיינט עס דיזעלביקע אָרעמקייט, סיידן דאָס זענען טשינאָווניקעס. זענען טאַקע פֿאַראַן אַ היפּש ביסל יידישע טשינאָווניקעס. אָבער די אַנדערע זענען דאָך פּשוטע אַרבעטער! אַט האָב איך קינדער. אַלע אַרבעטער. זיי זענען נישט קיין שלעכטע קינדער. זיי וואָלטן אסור געוואָלט, אַז זייער טאַטע זאָל אַרבעטן אויף דער עלטער, כאָטש איך אַליין לאָך פֿון זיי און זאָג, אַז איך האָב גראָד הנאה פֿון אַרבעטן. אַבי דער אויבערשטער גיט דאָס ביסעלע געזונט. אָבער זאָלן זיי אפילו מיר וועלן העלפֿן, קאָנען זיי דען? אַט דאָס איז פֿאַר אייך מאָסקווע פֿון די באָלשעוויקעס!

ער איז אַ מאָמענט אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אויפֿכאַפּן אַ געדאַנק, וואָס האָט מסתמא אַ בליץ געטאָן אין מח.

— אַט זעט אַליין, וואָס פֿאַר אַן אָרדענונג מיר האָבן, — האָט ער ווידער אָנגעפֿאַנגען. — אַזאַ שטאָט ווי מאָסקווע, ווו עס זענען פֿאַראַן אַזויפֿיל טשינאָווניקעס, אָפֿיצירן און ווער ווייס וואָס נאָך פֿאַר אַנדערע רעגירונגס־באַאַמטע מיט הויכע שטעלעס און גוטע פֿאַרדינסטן, ווען נישט די איצטיקע אָרדענונג וואָלטן דאָך ביי דער זייט פֿון אַזעלכע מענטשן הונדערטער און טויזנטער אָפּגעלעקט אַ ביינדל. איך בין אַ געוועזענער סוחר און ווייס, וואָס עס הייסט, ווען איין טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג לעבט זיך גוט. דער צווייטער טייל וועט שוין לעבן אין זכות פֿון די אַנדערע. דאָ אָבער הויבט עס זיך גאָרנישט אָן. היינט, וואָס איז מיר דער יחוס מיט מאָסקווע? איך וואָלט געקאָנט זיין דערזעלביקער

אָרעמאַן אין אַ קיעוו, אָן אָדעס, אַ מינסק אָדער וווּ איר ווילט אַליין! האָט זיך אַ גוטן!

קאַפּיטל פֿופֿצן

יידישע שמחות און רבנישע ספּרוזשעס

1

ס׳איז נישט קיין לייכטע אויפֿגאַבע אימיצן צו געפֿינען אין די גרויסע רוסישע שטעט. צי איר זענט מיט דער שטאָט געווען באַקאַנט פֿון פֿריער אָדער נישט, איר וועט האָבן שוועריקייטן איידער איר וועט אויפֿזוכן אָן אָנגעגעבענעם אדרעס.

די נעמען פֿון די גאַסן זענען געביטן. דער עולם געדענקט אָבער די אַלטע נעמען און ווייס נישט אָדער וויל נישט וויסן פֿון די נייע. מוזט איר זיין זיכער, וואָס פֿאַר אַ נאָמען פֿון גאַס איר האָט אין אייער נאָטיץ־ביכל. אויב איר האָט דעם אַלטן נאָמען, וועט מען אייך באַלד אָנווייזן, ווי אַזוי איר זאָלט גיין. איר וועט נאָך די געוויינלעכע וואַנדערונגען און פֿרעגענישן אָהין דערגיין. איר וועט ממש זיין אין דער גאַס, וואָס איר דאַרפֿט, אָבער איר וועט ערשט נישט וויסן, וווּ איר געפֿינט זיך. די שילדן וועלן אייך אָנגעבן גאָר אַנדערע נעמען.

איר וועט אָפּשטעלן איינעם פֿון די פֿאַרבייגייער און ווידער פֿרעגן. יענער וועט אייך אָנקוקן מיט אַ שמייכל און זאָגן, אַז איר געפֿינט זיך אויף דער גאַס, וואָס איר זוכט. ערשט דעמאָלט וועט אייך אויפֿגעקלערט ווערן דער ענין.

און טאָמער האָט איר דעם נייעם נאָמען, וועט איר ווידער האָבן צרות. אַ סך וועלן קוועטשן מיט די פּלייצעס. זיי האָבן פֿון אַזאַ גאַס קיינמאָל נישט געהערט.

אפילו מיליציאַנטן קאָנען אייך אָפֿט געגוי נישט זאָגן, וווּ

די דאָזיקע גאַס געפינט זיך, סיידן זיי קוקן אַריין אין די אַדרעסן־ביכער, וואָס זיי האָבן מיט זיך.

אין מאָסקווע, למשל, איז דאָס גאַסן־אַדרעס־בוך דיק און שווער און ס'נעמט אָפּט פון דריי ביז פינף מינוט איידער דער מיליציאָנער אָדער מיליציאַנטקע קאָן זיך דאָרט פונאַנדערקלייבן.

אַז איר געפינט שוין די גאַס און דאָס הויז, זענט איר נאָך נישט פאַרטיק. מיט די נומערן פון די הייזער אַליין האָט איר אָפּט שוועריקייטן, באַזונדער אין אָוונט. האָט איר ענדלעך דעם ריכטיקן נומער פון הויז, דאַרפט איר ערשט זוכן דעם נומער פון דער קוואַרטיר און אַז איר האָט שוין דעם נומער פון דער קוואַרטיר, וואָס איז דאָס רוב אַ קאָלעקטיווער נומער, מוזט איר ערשט אויסגעפינען דעם נומער פון דער אינדיווידועלער וווינונג, וואָס איז אין די מערסטע פאַלן נישט מער ווי אַן איינציק צימער.

און אַז איר טרעפט אַ הויז, וווּ די וווינונגען באַשטייען פון דריי־פיר צימערן, איז אייער ערשטער איינדרוק, אַז יעדע וווינונג איז פאַרנומען פון אַן איינצלנער פאַמיליע. געפינט איר אָבער באַלד אויס, אַז די דאָזיקע וווינונגען זענען אויך בשותּפותדיק און אַז אין די דריי־פיר צימערן זענען אַריינגעפּאַקט צו צוויי, צו דריי און אָפּט צו פיר פאַמיליעס.

לעבנדיק אין אַזאַ ענגשאַפט און טרעטנדיק ממש איינער דעם אַנדערן אויף די היגער־אויגן, האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס עס זענען די באַציאונגען צווישן די שכנים, ספּעציעל פון די, וואָס וווינען פּאַקטיש צוזאַמען. באַזונדער האָט זיך מיר געוואָלט וויסן בנוגע די יידישע פאַמיליעס, וועמעס וווינונגען איך האָב באַזוכט אין די צענטליקער אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.

אויסגעפונען האָב איך, אַז טראָץ דעם, וואָס מען איז אַזוי ענג צוזאַמענגעפּרעסט, הערשט אָבער אַ גוואַלטיקע פּרעמדקייט און דערווייטערונג איינער פון אַנדערן, פּונקט ווי מען וואָלט געווען אָפּגעצוימט נישט מיט דינע ווענטלעך, נאָר מיט שווערע שטיינערנע מחיצות. עס זעט אויס, ווי מען וואָלט איינער מיטן צווייטן גאָרנישט געהאַט קיין געמיינשאַפטלעכעס. איינער קוקט נישט אין צווייטנס ווינקל, אָבער קוקן קוקט מען שוין גראָד יאָ,

נאָר מען באַהאַלט זיך איינער פון אַנדערן, כּדי איינער זאָל נישט זען, וואָס ביים צווייטן טוט זיך.

אַפילו קאָכן וויל מען נישט צוזאַמען. מען מיידט אויס ווי ווייט מעגלעך. קאָכט מען דאָס רוב אין באַזונדערע ווינקעלעך, אָדער גאָר ביי זיך אין חדר אויף די קעראָסין־אויוועלעך אָדער „פּרימוסן", ווייל מען וויל נישט, אַז איין באַלעבאָסטע זאָל אַריינקוקן אין דער צווייטערס טעפּל.

אַ יידישע פרוי האָט מיר דעם ענין דערקלערט אויף אַזאַ אופן:

— ווען עס איז נישטאָ וואָס צו קאָכן, ווילט זיך נישט ווייזן פאַר יענעם די אָרעמקייט, — האָט זי געזאָגט. — קיין מיטגעפיל וועט איר סיי־ווי נישט האָבן, און אויב יאָ, וועט עס אייך ווייניק העלפן. האָט איר אַמאָל יאָ אַ גוטן ביסן, צי דאָס איז געקומען דורך דעם, וואָס דער מאַן האָט עפּעס געכאַפּט ערגעץ אַ זייטיק פאַרדינסטל, צי אַ קרוב האָט עפּעס צוגעשיקט פון אַמעריקע, מען וויל יענעם נישט אויפרייסן די אויגן.

אין מאָסקווע האָב איך באַזוכט אַ פאַרפאַלק, וואָס האָט גראָד פאַרווינט צוויי פיינע צימערן. דער מאַן איז אַ ספּעציאַליסט און איז באַשעפטיקט אין אַ גרויסער פאַבריק. ווי אַ סך אַנדער, וואָלט ער אַפילו פון זיין פאַרהעלטנישמעסיק - העכערן געהאַלט נישט געקאָנט האָבן געגנוג אויף אַלע באַדערפעגישן אין ער אַרבעט דעריבער אויף צוויי שטעלעס, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז ער אַרבעט ממש טאָג און נאַכט. פון די צוויי שטעלעס פאַרדינט ער אַרום אַכט הונדערט קערבלעך אַ חודש, און דאָס איז פאַר אַ פאַרפאַלק, אָן קינדער, מער־ווייניקער געגנוג. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע איז עס כּמעט עשירות.

די פרוי איז אַ קראַנקע און זי מוז האָבן די הילף פון אַ דינסט. קאָנען זיי עס אויך באַווייזן, אָבער דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס אַ הילפלאָזע און היימלאָזע גויע, וועלכע איז קיין מאָסקווע געקומען אַ נאַקעטע און הוילע און האָט זיך נישט געהאַט ווו צוצוטוליען, איז צופרידן צו אַרבעטן ביי זיי בלויז פאַרן עסן און אַ פּלאַץ צו שלאָפן.

די דאָזיקע גויע איז אַ טראַגישע פיגור. ווי זי האָט מיר דער־
ציילט, זענען אין דעם גרויסן הונגער אין אוקראַינע איר מאַן און
זעקס קינדער אויסגעשטאָרבן פון הונגער. זי אַליין האָט זיך אַ גע־
שוואָלענע פון הונגער קוים דערשלעפּט קיין מאָסקווע. זי געפינט
זיך זינט דאַן ווי אין עולם התוהו און איז דאַנקבאַר די געלעגנ־
הייט, וואָס זי האָט זיך וווּ אויפצוהאַלטן.

די גאַנצע וווינונג באַשטייט פון פיר צימערן. די אַנדערע
צוויי זענען פאַרנומען פון אַ דאָקטאָר.

— פריינדלט איר זיך מיט אייערע שכנים? — האָב איך
געוואָלט וויסן.

דעם מאַנס ענטפער איז געווען, אַז וואָס שייך אים אַליין,
האָט ער קוים צייט זיך צו זען אפילו מיט אַזאַ נאָענטן שכן, ווי
דער דאָקטאָר.

— איך גיי פון דער היים אַוועק פרי און קום צוריק שפּעט,—
האָט ער מיר דערקלערט. — יענער איז מסתמא פאַרנומען נישט
ווייניקער ווי איך. אַז איך קום אַהיים בין איך מיד און ס׳ליגט מיר
פּשוט נישט אין קאָפּ זיך צו טרעפן מיט מיין שכן, וועלכער פילט
וואַרשיינלעך נישט אַנדערש ווי איך. זענען מיר זיך פרעמדע איי־
נער דעם אַנדערן, כאָטש מיר וווינען שוין אַזויפיל יאָרן צוזאַ־
מען. מיר האָבן נאָך קוים אַ וואָרט אַרויסגערעדט צווישן זיך.

די פרוי האָט מיר דעם ענין דערקלערט אויף אַן אַנדער
אופן:

— געווען צייטן, ווען אונז איז געגאַנגען שלעכט, — האָט זי
געזאָגט. — דעמאָלט האָט זיך אסור געוואָלט, אַז אימיצער זאָל
וויסן אונזער ביטערע לאַגע. איצט, אַז עס גייט אַביסל בעסער,
ווילט זיך אויך נישט, אַז יענער זאָל זען, וואָס ביי אונז טוט זיך.
איינער מיטן אַנדערן געהער מען זיך איצט אין רוסלאַנד בכלל
זייער ווייניק אָן. קיינער קאָן זיך נישט אויסקלייבן די שכנים,
מיט וועלכע צו וווינען. מען איז תמיד פרעמדע. מען האָט שטענ־
דיק אייגענע דאגות. נישט מען וויל אַריינקוקן ביי יענעם און
נישט מען וויל, אַז יענער זאָל אַריינקוקן ביי זיך.

— אויב אזוי, פירט איר דאָך אָן איינזאַם, אָפּגעשלאָסן לעבן! — האָב איך באַמערקט.

דער מאַן האָט אַ שמייכל געטאָן. די פרוי האָט אַרונטערגע־לאָזט דעם קאָפּ.

— איך זאָל עס זאָגן, — האָט דער מאַן געזאָגט. — מען זעט זיך זעלטן אַפילו מיט אייגענע קרובים. בסדר, אַז דאָס האַרץ איז פול, בסדר, אַז מען האָט צרות און דאגות. אַז מען קומט זיך שוין צוזאַמען, זיצט מען מערסטנס שווייגנדיקע. און טאַקע, וואָס איז דאָ צו רעדן? יעדנס צרות זענען אַלעמען צו־גוט באַקאַנט. קיין פריילעכס איז נישטאָ וואָס איבערצוגעבן.

— איר ווילט וויסן דעם אמת? — האָט שוין די פרוי גע־זאָגט מיט מער דרייסטקייט. — אָט האָט איר אַ ביישפּיל פון פאַ־מיליע־באַציאונגען אין אונזער נייעם רוסלאַנד: נישט לאַנג צוריק האָט מיין יינגסטער ברודער חתונה געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען, אָדער האָט געזאָלט זיין, אַ גרויסע שמחה פאַר אונז אַלעמען. גראָד איז מיין ברודער אַ ווילער מענטש. מיר ליבן אים אַלע, ער איז אַ פּאַרטיינער, אָבער וועט טאַטע־מאַמע קיינמאָל נישט פאַרשאַפן קיין צער. וואָס דאַרפט איר מער? כּדי צופרידנשטעלן טאַטע־מאַמע, האָט ער זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט „איינשרייבן זיך", וואָס ס'איז היינט ביי אונז געניג, אַז אַ בחור מיט אַ מיידל זאָלן געזעצלעך ווערן מאַן און ווייב, נאָר האָט אויך איינגעוויליקט, אַז עס זאָל געשטעלט ווערן אַ חופּה כּדת משה וישראל. דאָס האָט געשמעקט מיט נישט ווייניק געפאַר. ער, דער ברודער מיינער, האָט געקאָנט צוליב דעם אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער פּאַרטיי און מעגלעך אויך פאַרלירן זיין שטיקל ברויט. מיר אַלע, וואָס זענען געווען ביי דער חופּה, וואָלטן אויך געקאָנט כאַפּן אַ מיאוסן פּסק. האָט די חופּה געמוזט געשטעלט ווערן אין געהיים. מען איז זיך צוזאַמענגעקומען ווי גנבים, אין מיטן נאַכט, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטיבל, ווו די לאָדן זענען גע־ווען צוגעשלאָסן און ווו אַ פּאָר פון די אייגענע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך. דעם רב, וואָס איז געווען דער מסדר־קדושין, האָט ממש געוואָרפן אַ ציטער פון שרעק. אָבער נישט

דאָס בין איך אייך אויסן צו דערציילן. אז מען איז זיך שפּעטער, טאַקע דאָ ביי אונז אין הויז, צוזאַמענגעקומען, כדי זיך אַביסל משמח צו זיין, איז מען געזעסן מיט די קעפּ אַרונטערגעלאָזט, ווי אבלים, רחמנא ליצלן. מען האָט גענומען אין מויל אַריין משקה און פאַרבייסנס. דאָס, ברוך השם, איז גראָד געווען. אָבער קיין פרייד איז אַלץ נישט געווען. אָט דאָס זענען איצט אונזערע שמחות אין נייעם רוסלאַנד...

2

— פונדעסטוועגן זע איך, אַז איר באַוווינט צוויי צימערן,— האָב איך זיך געווענדעט צום פּאָרפאָלק, וועלנדיק געניייער דער־גיין דאָס אינטימע לעבן פון די רוסישע יידן. — דאָס איז דאָך פאַר דעם איצטיקן רוסלאַנד ממש אַ לוקסוס.

די דערקלערונג איז געווען, אַז דערביי איז דאָ אַ שטיקל „סוד". מ'וואָלט זיי קיינמאָל נישט דערלויבט צו האָבן צוויי צימערן, אַפילו נישט ווען די פרוי איז אַ קראַנקע און דאַרף מער לופט און רחבות און ווען דעם מאַנס פאַרדינסטן זענען גאַנץ גוטע, וואָס מיינט, אַז ער קאָן זיך דערלויבן צו צאָלן מער דירה־געלט. זיי זענען אָבער געפאַלן אויף אַן עצה. זיי האָבן צו־געשריבן צו זיך דער פרויס מוטער.

— אָבער אייער מוטער איז דאָך נישט מיט אייך? — האָב איך פּרובירט טרעפן, שוין האָבנדיק מער־ווייניקער זיך פאַנאַנ־דערגעקליבן אין דער פאַמיליע, וועגן וועלכער מ'האָט מיר גע־האַלטן אין דערציילן.

— זי איז מיטן פאָטער אין זיין אייגענער דירה, — האָט מיר די פרוי געזאָגט, און דערביי האָב איך זיך דערוווּסט, ווי אַזוי יידן, געוועזענע „דעקלאַסירטע", אָרדענען זיך בכלל איין אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דער פאָטער, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג צוריק געוואָרן אויס „דעקלאַסירטער" אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך אויף דער עלטער גענומען צו אַן אַרבעט, האָט קוים געפונען אַ קליין צימערל פאַר זיך. אָפּיציעל וואָלט ער דאָרט די

מוטער, עס הייסט זיין פרוי, נישט געטאָרט האָבן. דאָס צימערל איז צו־קליין. די פרוי איז אָבער צוגעשריבן צו דער טאָכטער און זיי גיבן זיך שוין אַן עצה.

— און מיינט איר, אַז דאָס איז אַלץ? — האָט די פרוי נישט געוואָרט אויף קיין פראַגן און פריוויליק געגעבן אינפאָר־מאַציע. — אַ דאַנק דעם, וואָס מיין פאָטער אַרבעט ביינאַכט, האַלט זיך אין זעלביקן הדר אויך אויף מיין עלטערער ברודער. דער ברודער האָט נישט קיין וווינונג. צוליב דער גרויסער ענג־שאַפט, קאָן ער קיין צימער נישט געפינען. ער האָט גראָד יאָ גע־פונען אַ שטעלע און די שטעלע איז אַ גוטע. ווו טוט מען זיך אַהין? אין גאַס קאָן מען דאָך נישט ליגן! שלאָפט ער ביים טאַטן אין דער צייט, וואָס דער טאַטע איז ביי דער אַרבעט.

דערביי האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער ברודער איז אייגנט־לעך אין מאָסקווע אַ „נעלם". דערפאַר, וואָס ער איז דער זון פון איינעם, וואָס איז אַמאָל געווען רייך און געפירט גרויסע געשעפטן, האָט מען אים לאַנג געהאַלטן אין פאַרפאַלגן און קיינמאָל נישט געוואָלט צולאָזן צו פאַרנעמען אַ שטעלע, צו וועלכער ער איז פעאיק.

אָבער גראָד אין מאָסקווע, ווו דער אַמאָליקער „לישענעץ" (דעקלאַסירטער), זיין פאָטער, איז שוין אַליין אויך אַ „פּראָלע־טאַריער", האָט מען נישט שטאַרק נאָכגעזוכט זיין פאַרגאַנגענ־הייט און אים איז געלונגען קריגן אַ שטעלע אַלס דירעקטאָר פון אַ רעסטאָראַן אין איינעם פון די דאָרטיקע האָטעלן.

איז אָבער די צרה מיט דער וווינונג. זיין פרוי און קינדער מוזן זיך אויפהאַלטן ערגעץ אין אַ קלענערער שטאָט. ער אַליין איז אין שרעק, טאָמער וועט מען אויסגעפינען, ווו ער האַלט זיך אויף, און מען וועט אים צוליב דעם אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דער שטעלע זינט זיין „סטאַטוס" בנוגע אַ וווינונג איז נישט קיין גע־זעצלעכער.

איך האָב דאָ פאַר זיך געזען דעם פּלאָנטער, וואָס דאָס נייע לעבן האָט געבראַכט פאַר יידן און אודאי אויך נישט־יידן.

איך האָב געוואָלט וויסן מער פרטים.

— און וואָס פאַר אַן אַרבעט טוט אייער פּאָטער? — האָב איך געפרעגט דער פרוי.

די קאָלירן אויף איר פּנים האָבן זיך פּלוצים געביטן. זי האָט אָנגעהויבן אונטערשטאַמלען. עס איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך האָב איר מיט מיין פראַגע געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, — האָב איך זיך געוואָלט צוריקציען.

דער מאַן האָט אָבער קענטיק זיך געפילט אַמוזירט. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— מיין פרוי, — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק, — שעמט זיך נאָך אַלץ מיט איר פאָטערס באַשעפטיקונג. לאָמיר אייך אָבער זאָגן באַלד אויפן אָרט: ער איז אַ „סטרוזש" — אַ וועכטער, הייסט עס!

— דאָס אַלץ? — האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. — איך האָט זיך, פריינטין, גאָרנישט וואָס צו שעמען, זיכער נישט פאַר מיר, וואָרום איך וויים שוין, לײדער, דעם „סוד", אַז אַמאָליקע שיינע באַלעבאַטים און גבירים און אפילו רבנים און כּלי קודש זענען איצט סטרוזשעס און וועכטער.

די פרוי האָט אויפגעלעבט. ס'איז איר געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן.

— אַזוי, איר ווייסט שוין וועגן דעם אויך? — האָט זי זיך געוווּנדערט, ווי איך וואָלט געווען אַ צווייטער „קאָלומבוס". — איר פאַרשטייט דאָך, אַז האָבנדיק אין זינען, וואָס מיין פאָטער איז געווען, — און אַלע, וואָס קענען אים, וועלן עדות זאָגן, וואָס פאַר אַ געלערנטער און פיינער ייד ער איז: געהאַט הייזער און גע־פירט גרויסע מסחרים, דער בּכבודיקסטער באַלעבאָס אין איינער פון די גרעסערע שטעט אין אוקראַינע, — אַז דאָס האָבנדיק אין זינען, פילט מען עפּעס אַ מאָדנע בושה צו דערציילן פאַר פרעמ־דע, באַזונדער אַן אויסלענדער, אַז ער איז איצט נישט מער ווי אַ סטרוזש, וואָס דאַרף זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט.

איך האָב דער פרוי געטרייסט, אַז נאָך אַלעם דעם איז ביי

יידן קיינמאָל נישט געווען קיין שאַנדע צו אַרבעטן אפילו ביי די נידעריקסטע אַרבעטן. אַט אַ שטייגער די למד־וואָווניקעס...

— און די הײַנטיקע זענען אויך למד־וואָווניקעס, — האָט דער מאַן אונטערגעכאַפּט. — וואָרום נאָך אַלעם דעם, צוליב וואָס פאַרנעמען זיי זיך, אַט די יידן, מיט אַזעלכע אַרבעטן? נאָר דערפאַר, וואָס זיי ווילן נישט מחלל שבת זיין! גראָד איז עס נישט דער פאַל בלויז מיט אַלטע און שוואַכע, איר וועט אויך געפינען ייִנגערע און געזונטערע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט וועכטעריי און מיט ענלעכע אַרבעטן, ביי וועלכע מען דאַרף נישט מחלל־שבת זיין.

איך האָב שוין וועגן דעם געהערט פריער און שוין געהאַט זיך געזען מיט אַ היפּש ביסל רבנים, כּלי קודש און אַזוי פרומע יידן, וואָס זענען סטרוזשעס, וועכטער און אפילו איזוואָזטשיקעס, כּדי זיי זאָלן נישט דאַרפן מחלל שבת זיין.

אין אָדעס האָב איך געטראָפן אַ רב, וואָס פירט נאָך איצט אויך רבנות. ער קריגט אָבער נישט קיין געהאַלט און אַנטזאָגט זיך אפילו צו נעמען, ווען מען טראָגט אים עפּעס אונטער.

— זיי זענען אַליין אָרעמעלייט, ווי זאָל איך פון זיי עפּעס נעמען? — האָט ער געזאָגט.

טוט ער אַלץ, וואָס ער קאָן, „לשמה": זאָגט אַ שיעור, האַלט דרשות, פּסקנט שאלות, אָבער דערנערן דערנערט ער זיך פון אַרבעט, וועכטעריי.

אין כערסאָן איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן מיט אַן איזוואָזטשיק, ווען איך האָב לכתחילה אָנגענומען פאַר אַ „קאַצאַפּ". זיין וווקס, זיין פּנים און שיטער בלאָנד בערדל, וואָס האָט באַדעקט אַ יונג פּנים, האָבן געגעבן דעם איינדרוק פון אַ נישט־יידן.

עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און איך האָב אויסגעפונען, אַז איך האָב פאַר זיך אַ יידן. אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן ביי אים פאַנאַנדערפרעגן, בין איך דערגאַנגען, אַז ער איז אַ מוסמך, וואָס האָט שוין עטלעכע יאָר געהאַלטן אַ רבנות־שטעלע אין אַ קליין שטעטל אין אוקראַינע. דאָס שטעטל איז ממש אונטערגע־

גאַנגען, די רדיפות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין מצד די „יעווסעקעס״, זענען געווען אומדערטרעגלעכע. האָט ער אויפגעגעבן דאָס רבנות און האָט זיך גענומען צו אַרבעט.

— און קיין בעסערע אַרבעט האָט איר נישט געקאָנט געפינען? — האָב איך געוואָלט וויסן.

דער ייד האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אויב איר האָט אין זינען פּרנסה, דענק איך, אַז וואָס פאַר אַן אַרבעט מען זאָל נישט טאָן, קאָן מען דערביי מער פאַרדינען, — האָט ער געזאָגט. — איר האָט דען אַ באַגריף, ווי שווער עס קומט אָן צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט? אַלץ, וואָס מען פאַרדינט, גייט אַוועק פאַרן פערד. פּאַשע איז אַזוי טייער. אַ בהמה, ווייס זי דאָך נישט פון קיין טענה. גיט איר נישט עסן און זי וועט איינגאַנצן אויסציען די קאַפּיטעס, און דאָס איז דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס איך האָב. הונגערט מען אַליין און מען זעט צו דערהאַלטן דאָס פערדל ביים לעבן.

— אָבער צו וואָס דאָס דאַזיקע מאַטערניש? — האָב איך געשטעלט אַן אַנדער פראַגע.

— דערפאַר, וואָס איך קאָן אויף אַזאַ אופן היטן שבת, דאַווענען אין דער צייט און בכלל זיין אַ באַלעבאָס איבער זיך אַליין, — איז געווען דער ענטפער.

אין אַ סך פאַלן גייען די דאָזיקע „מלאכות״ אויך צוזאַמען מיט אַלטקייט און שוואַכקייט.

עלטערע יידן, וואָס האָבן שוין קיין כח נישט צו טאָן עפּעס אַנדערש, אָבער מוזן נאָך אַלץ זוכן חיונה, נעמען זיך צו וועבטעריי.

און וועבטעריי איז אַזוינס, ביי וואָס הונדערטער און טויזנטער געפינען באַשעפטיקונג. יעדעס געוועלב דאַרף האָבן אַ וועבמער און אָפט מער ווי איינעם. אַ סך ווערן באַשעפטיקט בייטאָג. מען דאַרף היטן די אַריינגאַנגען. מען דאַרף האַלטן אויג אויף די קונים און אפילו אויף די אָנגעשטעלטע. די מערסטע אָבער ווערן באַשעפטיקט ביינאַכט.

די קראָמען שליסן זיך שפּעט אין אָוונט און עפענען זיך

שפּעט אין דער פרי, צען, עלף און מאַנכע אפילו אַזוי שפּעט ווי צוועלף אַזייגער ביטאָג. איז מען אויף אַ גאַנצע נאַכט. אַ סך גייען גלייך פון דער „אַרבעט" אין בית מדרש אַריין, וואָס רעד־קלערט, פאַר־וואָס איר טרעפט אין די בתּי מדרשים שפּעטערע מנינים... דער איינדרוק שאַפט זיך אָפּט, ווי מען וואָלט דאָרט גע־האַלטן אין דאַווענען אַ גאַנצן טאָג, וואָס איז טאַקע אין אַ גע־וויסן זין אויך אמת, אָבער איז הויפּטזעכלעכ צוליב דעם, וואָס די פרומע יידישע וועכטער פּטרן זיך אָפּ ערשט גאַנץ שפּעטלעך.

8

עס איז געווען אַ פּריוויטיק שפּעט ביינאַכט אין לענינגראַד. איך בין געווען אויפן וועג צום „אַסטאָריאַ" - האָטעל, וווּ איך בין איינגעשטאַנען. איך בין געגאַנגען דורך דער אַמאָליקער באַ־רימטער נעווסקי - פּראָספּעקט, וועלכע איז היינט פול מיט גע־שעפטן. אפשר נישט וויניקער, ווי אַמאָל, נאָר מיטן אונטערשיד, וואָס אַמאָל זענען די געשעפטן געווען רייך און פול מיט די בעס־טע סחורות און היינט זענען זיי אָרעם און האַלב־ליידיקלעך, מיט די ביליקסטע און ערגסטע זאַכן, סיידן דאָס זענען די „טאָרגסין"־געשעפטן, וווּ מען פאַרקויפט נאָר פאַר „וואַליוטע".

די מערסטע געשעפטן זענען שוין געווען געשלאָסן, אָבער די פענסטער זענען נאָך געווען באַלויכטן, כּדי מען זאָל זען, וואָס אין זיי איז אַרויסגעשטעלט, און אַרויסגעשטעלט זענען תּמיד די בעסערע סחורות.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שוי־פענסטער. מיט אַמאָל דערטראָגט זיך צו מיינע אויערן אַ שטיל געמורמל און געזאַנג, וואָס האָט עפּעס געקלונגען אַזוי פרעמד און דאָך אַזוי באַקאַנט.

— איז עס נישט געווען דאָס געמורמל און געזאַנג פון אייג־נעם, ׳וואָס זיצט איבער אַ ספר און לערנט? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט, וועלנדיק זיין זיכער, אויב איך מאַך נישט קיין טעות.

עס איז אָבער בשום אופן נישט געווען קיין טעות. מיין אוי־

ער האָט קלאָר פאַרנומען דעם „אונטער־נאָזעדיקן" ניגון, וואָס איך האָב שוין, דאַכט זיך, לאַנג נישט געהערט, אָבער וואָס איז מיר נאָך געווען אַזוי פריש אין זכּרון.

קיין ספק, אַז אימיצער איז ערגעץ גאָר נאָענט געזעסן און געלערנט. איך בין געווען געשפּאַנט. אַ ייִד זיצט און לערנט אויף דעם אַמאָליקן נעווסקי ־ פּראָספּעקט, דווקא אין דעם רויטן לע־נינגראַד!

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך, מיינענדיק, אַז דאָס קומט פון אַ פענסטער פון איינער פון די וווינונגען, וואָס האָט אייגנטלעך געקאָנט זיין גאַנץ מעגלעך אין דעם איצטיקן לע־נינגראַד, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

עס איז אָבער נישט געווען פון אויבן. דער ניגון האָט זיך געטראָגן פון דער זייט, פון אונטן. דער טראָטואַר איז געווען ליי־דיק. איך האָב נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס געזען אימיצן נאָענט צו מיר. איך האָב געמאַכט עטלעכע שריט פאָרויס און בין געבליבן שטיין.

איך בין געווען פאַרן אַריינגאַנג פון דעם געשעפט, וואָס איז געווען פאַרצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן, שאַפנדיק דעם איינ־דרוק, ווי איך וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ „שטייג". אינעווייניק, אין דעם „אייזערנעם שטייג", איז געזעסן, איינגעגנורעט אין אַן אַלטן פעלץ מיט אַ הויכן קאַלנער, אַן עלטערער מאַן, פון וועמעס פּנים איך האָב נאָר געקאָנט אַרויסזען דעם שפּיץ נאָז און באַ־מערקן דאָס פייער פון אַ פּאָר לויטערע אויגן.

ער איז געזעסן אויף אַ בענקל אָדער קעסטל אין דעם ווייטסטן ווינקל פון „שטייג" מיט זיינע הענט פאַררוקט אין די אַרבל אַרום זיך, שיצנדיק זיין דינעם גוף פון דער לענינגראַדער נאַוועמ־בערדיקער קאַלטער לופט.

דער מאַן אין פעלץ האָט באַלד איבערגעריסן דעם ניגון. ער איז געזעסן שטיל, קוקנדיק אויף מיר, ווי איך האָב געקוקט אויף אים.

איז דער ניגון, וואָס איך האָב געהערט, געקומען פון אים?

איך בין געווען זיכער אין דעם. מיין זיכערקייט איז געוואָרן שטאַרקער, נאָכדעם ווי איך האָב אים אריינגעקוקט אין פּנים אריין, וואָס יענער האָט גראָד געזוכט צו באַהאַלטן פון מיר, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס געשראָקן, וואַרשיינלעך שוין פילנדיק, אַז איך האָב עפּעס געהערט.

דער פאַקט, וואָס ער האָט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אין מיר דערקענט דעם ייד, האָט אים זיכער נישט לייכטער געמאַכט אויפן האַרצן. אפשר צוליב דעם אַליין האָט ער זיך דערשראָקן. א גוי וואָלט קוים פאַרשטאַנען, וואָס זיין ניגון באַטייט. א ייד קאָן נאָך אָבער אים א סך קאַליע מאַכן...

איך בין געווען אַנטשלאָסן דעם יידן נישט אָפּצולאָזן. איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און דוקא אין יידיש. יאָ, ער האָט זיך פאַר גאָרנישט געדאַרפט שרעקן. גראָד זיין ניגון האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט.

— עס שלאָגט נאָך א יידיש אבר אין אייך! — האָט ער געזאָגט מיט א זיפץ.

— דערציילט מיר אָבער עפּעס וועגן אייך, — האָב איך אים געבעטן.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, — האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מיט בטול צו זיך אַליין און צו דער וועלט. — וואָס איך טו, זעט איר דאָך, און וואָס מיינע פאַרדינסטן, משטייגס־געזאָגט, זענען, ווייסט איר מסתמא אויך. ווי מען קאָן לעבן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, ווייסט איר אודאי און אודאי.

— אָבער נישט דאָס בין איך אויסן, — האָב איך באַמערקט.

— איך וויל הערן, ווער איר זענט.

— ווער איך בין? — האָט דער ייד אויפגעשטעלט אויף מיר זיינע אויגן, וועלכע זענען זיך אַזש פאַרלאָפן מיט טרערן. — וואָס איך בין איצט, זעט איר, און וואָס איך בין געווען, מאַכט א קליינעם חילוק. און אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז איך בין געווען א רב, וועט עס עפּעס מיינען?

— פונדעסטוועגן זע איך, אַז איר לערנט גאַנץ געשמאַק אפילו דאָ, אויף נעווסקי - פּראָספּעקט? — האָב איך געזאָגט.

— אין דעם געפין איך דאָך מיין גאַנץ ביסל חיות, — האָט ער געזאָגט. — ס'רעדן אַזוי געשמאַק דאָ צו זיצן אין דער קעלט אַ גאַנצע נאַכט? נאָר אַ דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס מען קען נאָך אַ סך אויף אויסוווייניק, און אַז מען זיצט אַליין און קיינער דרייט זיך נישט פאַר די אויגן, איז אַזוי געשמאַק, אַז מען קאָן זיך צעזינגען, אפילו ווען דאָס איז בלויז אונטערן נאָז.

איך האָב אויף מאָרגן דעם זעלביקן יידן, אויף זיין פאָר־שלאָג, געזען אין בית־מדרש ביים דאַווענען. ער האָט אויסגע־קוקט גאָר אַן אַנדערער. אַ גרויסער הדרת פנים. מיט דעם טלית אויף די פּלייצעס און מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי פיינע לומדישע יידן האָבן תמיד אויסגעזען — אימפּאָזאַנט און איינדרוקספול.

ער האָט מיך אפילו געהאַט געבעטן, איך זאָל קומען צו אים אויף „טשאָלנט" און מיר „פאַרזיכערט", ווי איך וואָלט אין דעם גאָר געקאָנט צווייפלען, אַז ביי אים איז אַלץ כּשר און שבתדיק, ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

איצט האָט ער שוין געהאַט ביי מיר, וואָס צו פרעגן און אויסגעפינען. צי רעדן מיט איינעם, ווי איך, האָט ער מיר גע־זאָגט, וואָס קומט פון אַמעריקע און איז פריש פון ארץ־ישראל, איז פאַר אַ רוסישן יידן, וואָס איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט און ווייס קוים, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע לענדער, אַ גרויסע „דעראייגעניש".

איך האָב זיין איינלאַדונג נישט געקאָנט אָננעמען. איך האָב געהאַט צו טרעפן אַנדערע יענעם טאָג.

דער ייד איז מיר אָבער געבליבן אין זכרון, און גראָד נישט, ווי איך האָב אים געזען אין בית־מדרש, נאָר ווי איך האָב אים געזען דאָרט אויף נעווסקי־פּראָספּעקט אין דעם „אייזערנעם שטייג" און געהערט לערנענדיק אויף אויסנווייניק, אונטערזינ־גענדיק אַן אַלט גמרא־ניגונדל!...

קאפיטל זעכצן

זייטיקע יידישע פרנסות

1

ווען מען זאָגט אייך, אַז סיי די פּראָדוקציע און סיי דער האַנדל איז איצט הונדערט פּראָצענט אונטערן קאָנטראָל פון דער מאָוויעט־רעגירונג, איז עס נישט קיין גוזמא. אויב איר געפינט יחידים, וואָס זענען נאָך זייערע אייגענע באַלעבאַטים, האַלט אַבער זייער צאָל אין ווערן קלענער און אפילו זיי שטייען אונטערן קאָנטראָל פון דער מלוכה.

וואָס איז בנוגע לאַנדווירטשאַפט, איז די קאָלעקטיוויזאַציע ביז איצט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן ערך פינף־און־ זיבעציק פּראָצענט. די אינדיווידועלע ערד־אַרבעטער פאַרשווינדן אָבער מיט גרויס שנעלקייט. עס איז בלויז אַ פראַגע פון חדשים, העכס־טענס אַ פּאָר יאָר, און אין לאַנד וועט נישט זיין קיין איינציקער פּויער, וואָס זאָל זיין באַלעבאָס פאַר זיך.

אין די שטעט און שטעטלעך זענען נאָך פאַראַן אַ היפּש ביסל קוסטאַרן, בעלי־מלאכות, וואָס אַרבעטן פאַר זיך. די דאָזיקע קוסטאַרן זענען הויפּטזעכלעך אַ יידישער עלעמענט. זיי זענען די פריערדיקע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן די נייע געזעצן. זיי האַלטן זייערע וואַרשטאַטן כמעט ווי אַמאָל, אָבער מוזן זיך דערנערן בלויז פון אייגענער אַרבעט.

דאָ און דאָרט קאָן מען טרעפן אַ קוסטאַר, וואָס איז געוואָרן אַ בעל־מלאכה ערשט נאָך דער רעוואָלוציע. דאָס זענען יידן, וואָס פאַרלירנדיק זייער פאַרמעגן און די פריערדיקע קוואַלן פון פּרנסה, האָבן זיי זיך גענומען צו דער אָדער יענער מלאכה, איינאָרדענענ־דיק וואַרשטאַטלעך פאַר זיך.

יידן, וואָס האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געקענט אַ מלאכה בלויז צו געווינען מיט דעם ווינקעלכט אויסער דער „טשערטאַ",

האָבן מיטאַמאָל אויסגעפונען, אַז די דאָזיקע מלאכות קאָנען זיי גאַנץ גוט צונויץ קומען אין אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט.

אַנדערע אומאָפּהענגיקע באַשעפטיקונגען, מיט וועלכער אַ געוויסע צאָל יידן גיבן זיך אָפּ, איז אָנטרייבן אַ דראָזשקע, טרעגעריי און אין אַ געוויסער מאָס וועכטעריי.

אפילו אויפן געביט פון האנדל האָב איך נאָך געפונען דאָ און דאָרט אָפּיציעל־דערלויבטע פּריוואַט־„געשעפטלעך". למשל, אין כערסאָן אויף דעם „טאָלטשאָק" (מאַרק) האָב איך געזען יידישע מענער און פרויען, וואָס האלטן זייערע פּריוואַטע ביידלעך מיט פאַרשידענע געט־אַנקען און צוקערקעס.

די מענער זענען געוועזענע סאָלדאַטן, וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אין וועלט־קריג אָדער אין בירגער־קריג (קעמפנדיק אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס) און די פרויען זענען אַלמנות פון אַזעלכע מענער, אָדער וועמעס מענער ליגן קראַנק.

די פּרנסה סיי פון די קוסטאַרן און סיי פון די אַזוי־גערופענע פּריוואַטע קרעמער איז אַ שווערע.

זיי מוזן צאָלן גוואַלטיק־הויכע „נאַלאָגן" (שטייערן) און ווי מאַנכע האָבן מיר פאַרזיכערט, בלייבט זיי נישט מער ווי „וואַסער אויף קאַשע".

עס איז די טענדענץ פון דער סאָוויעט־רעגירונג די קוסטאַרן אינגאַנצן אַרויסצוטרייבן פון זייערע פּריוואַטע אַרבעטס־פּלעצער. אויב די רעגירונג דולדעט זיי נאָך, איז זי אָבער אַנטשלאָסן זיי צו מאַכן אַזוי ענג, אַז זיי זאָלן נישט קאָנען עקזיסטירן און זאָלן מוזן גיין אַרבעטן אין די קאָאָפּעראַטיוון — אַרטעלן — אָדער רעגירונגס־פאַבריקן און געשעפטס־אונטערנעמונגען.

האָבן מיר שוסטער, שניידער, זייגערמאַכער, איינבינדער, קירזשנער און וואָס פאַר אַ בעלי־מלאכות איר ווילט נאָר אַליין. די מערסטע פון זיי מאַטערן זיך אָבער און אויב זיי האַלטן זיך נאָך ביי זייערע וואַרשטאַטן, איז עס נאָר דערפאַר, ווי נישט איינער פון זיי האָט מיר דערקלערט, וואָס צו גיין אין אַרטעל אָדער רעגירונגס־פאַבריק איז פונקט אַזוי שלעכט און אפשר נאָך ערגער.

— אודאי איז שלעכט, — האָט מיר געזאָגט אַ יידישער

שניידער אין קיעוו, — וואָס מען פאַרדינט, מוז מען אוועקגעבן דער מלוכה. אָבער גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק איז דען בעסער? די פאַרדינסטן זענען דאָרט אַזוי קליין, אַז מען האָט נישט גענוג אויפן טרוקן שטיקל ברויט. דערצו יאָגט מען אייך אַרויס די נשמה. איר זענט אַ פּאַר־קויפּטער מיט לייב און לעבן.

אַ זייגערמאַכער אין מאָסקווע, אַן עלטערער און קרענקלעכער מענטש, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין פריער געהאַט געאַרבעט אין אַ רעגירונגס־פאַבריק.

— צו מיין שלים־מזל, — האָט דער ייד געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל, — בין איך גראָד אַ ספּעציאַליסט, פון די גאָר וויניקע ספּעציאַליסטן, וואָס זענען פאַראַן אין לאַנד. אַמאָל האָב איך פאַרדינט גרויסע געלטער. אפילו אונטער די באָלשעוויקעס האָט מען מיר געצאָלט אַ העכערן לוין ווי אַנדערע. אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דען זייער לוין? וויפל מען צאָלט נישט, איז נישטאָ אויף אויסקומעניש. האָב איך זיך די גאַנצע צייט געבעטן מען זאָל מיך לאָזן אַרבעטן פאַר זיך, אַלס קוסטאַר. האָט מען אָבער צוליב מיינע פעאיקייטן מיך נישט אוועקגעלאָזט. ביז דער אויבערשטער האָט „געהאָלפן" און איך בין קראַנק געוואָרן. איך האָב שוין אין פאַבריק מער נישט געקאָנט אַרבעטן. ערשט דעמאָלט האָט מען מיר געגעבן די דערלויבעניש צו עפענען דאָס געוועלבל, וואָס איר זעט.

— און ווי גייט אייך? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ערגער ווי אַלס אַרבעטער ביי די באָלשעוויקעס קאָן שוין נישט גיין, — האָט ער געזאָגט. — וואָלטן זיי מיך נישט באַלאָדן מיט אַזעלכע גרויסע נאַלאָגן, וואָלט איך נאָך ווי עס איז געהאַט ברויט און אפשר אויך צום ברויט. מיט מיר, הייסט עס, האָט מען שוין בלומרשט איינזעעניש, דערפאַר, וואָס איך בין אַ געוועזענער פּראָלעטאַריער און בין אַוועק פון פאַבריק דערפאַר, וואָס איך האָב שוין מער נישט געקאָנט אַרבעטן. אָבער אפילו מיט דעם דאָזיקן „איינזעעניש" מוז איך צאָלן דריי און אַ האַלב טויזנט רובל אַ יאָר שטייער. דאָס איז מיט טויזנט רובל וויניקער, ווי איך וואָלט געדאַרפט צאָלן, אויב איך וואָלט נישט געווען

אזא „מיוחס". דערצו רעכנט מען מיר אַט פאַר דאָס „לאָך", וואָס איר זעט דאָ, הונדערט רובל אַ חודש דירה־געלט. ווי איר זעט, מוז איך אויסאַרבעטן אַרום פיר הונדערט רובל אַ חודש בלויז צו באַצאָלן דער מלוכה.

— אַרבעט איר אַזויפיל אוים? — האָב איך געפרעגט.

— וואָלט איך נישט געווען אַזאַ גוטער בעל־מלאכה, וואָלט איך ממש נישט געקאָנט עקזיסטירן, — האָט ער געזאָגט. — איצט שלאָגט מען ווי עס איז אוים הוצאות און מען האָט חיונה, ווי חיונה קאָן הייסן אין דעם היינטיקן רוסלאַנד.

נאָך דער ״אָזיקער דערקלערונג איז שוין ביי מיר קיין חידוש נישט געווען, וואָס פאַר אַן אַריינשטעלן אַ ווייזערל אין מיין זייגער (צוליב וואָס איך בין צו אים געקומען) האָט ער מיר גערעכנט פופצן רובל.

איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי אַזאַ פרייז וואָלט ער אויך גערעכנט אַ „רוס".

— אומבאַדינגט! — האָט דער זייגערמאַכער מיר פאַרזיכערט. — וואָס דען־זשע, איך וועל ביי אייך רייסן אַ פּאָס נאָר דערפאַר, וואָס איר זענט אַן אויסלענדער און וואָס ביי אייך איז פופצן רובל אַ קלייניקייט?

די שטייערן, וואָס די אויבנדערמאָנטע „קרעמער" צאָלן, זענען אויך געוואַלטיק־הויכע. דערצו ווערן די פרייזן פאַר געטראַנקען — פערציק קאָפּיקעס אַ גלאָז קוואַס, וואָס מען קאָן אין מויל נישט נעמען — שטרענג קאָנטראָלירט.

— ווי איר זעט. — האָט מיר געזאָגט דער אייגנטימער פון אַזאַ קוואַס־ביידל, קוקנדיק אויף מיר מיט זיינע קראַנקע אויגן,— רייסט די מלוכה פון טויטע און פון לעבעדיקע.

— צום ווייניקסטנס, — האָב איך אַרגומענטירט, — האָט די מלוכה דאָס פאָלק אין זינען. מ'לאָזט נישט רייסן קיין צו הויכע פרייזן.

— נישט דאָס פאָלק האָט מען מיט דעם אין זינען, — האָט דער ייד מיר אָפּגעענטפערט, — נאָר זיך אַליין. די מלוכה וויל זיין זיכער מיט איר איינקונפט. אויב רעכענען העכערע פרייזן,

וויל זי עס אַליין, אָבער נישט, אַז די קעשענעס פון פּריוואַט־יענטשן, אַפילו פון די, וואָס זי אַליין אָנערקענט, אַז זיי דאַרפן געהאָלפן ווערן.

— פונדעסטוועגן איז קאָנטראָל גאָרנישט אַזאַ שלעכטע זאַך, — האָב איך זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן.

— דאָס וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען מ׳וואָלט דעם „נאַראָד״ (פֿאָלק) אויך געלאָזט לעבן, — האָט דער ייד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסדריקן: וואָס איז די פּעולה רעדן, אַז קיין נוצן וועלן מיר פון דעם סיי ווי נישט האָבן.

2

אָבער וואָס איינעמס באַשעפטיקונג זאָל נישט זיין, אויב ער געהער נישט צו די „פּריווילעגירטע״, צו די בעסער־באַצאָלטע ספּעציאַליסטן, אָדער צו די קאָמוניסטישע דעה־זאָגער, — מוז ער צו זיינע רעגולערע פאַרדינסטן אויך האָבן אַ זייטיקן איינ־קונפט.

אַזאַ איינקונפט האָט מען דאָס רוב דורך צווייענדיקער אַר־בעט און אַמאָל אויך דורך דרייענדיקער. אין אַזוינע פאַלן מיינט עס, אַז מ׳אַרבעט ממש טאָג און נאַכט.

אָבער מאָדנע, ווען עס קומט צו צווייענדיקע אַרבעט איז עס ווידער אַן ענין, וואָס האָט מערסטנס צו טאָן מיט די העכער־באַ־צאָלטע אָנגעשטעלטע, די אַזוי־גערופענע ספּעציאַליסטן אָדער אַזוינע אָנגעשטעלטע ווי בוכהאַלטערס. פאַר פּשוטע אַרבעטער זענען זעלטן, דאָ „עקסטראַ״־פאַרדינסטן.

אַרבעטן מער ווי די באַשטימטע שטונדן טאָר מען אָפיציעל נישט. אויב מען אַרבעט יאָ — און די פאַרוואַלטונג פון די פאַ־בריקן האָט שמעכדיק וועגן און מיטלען, ווי אַזוי אײַנצוקריגן מער אַרבעט און מער שטונדן — קריגט מען פאַר דעם זעלטן געצאָלט.

איז דער אַרבעטער נישט נאָר דער נידעריקסט - באַצאָלטער, נאָר אויך דער, פאַר וועמען אַלע זייטיקע קוואַלן פון פּרנסה זענען

פארמאכט דער איינציקער אינפן. ווי אזוי ער קאן זיין איינקיינבט פארגרעסערן, איז דורך שיקן זיין פרוי ארבעטן.

אבער וויפל ארבעטער־פרויען האבן כחות צו ארבעטן? ארבעט פאר זיי מיינט פשוטע, שווארצע ארבעט, נישט לייכטער ווי די, וואס זייערע מענער טוען. פאר פרויען, וואס דארפן אכ־טונג געבן אויפן הויז, ווי ארעם אזא הויז זאל נישט זיין, און האבן דאס רוב אויך קינדער צו ניאנטשען, איז עס ממש אן אוממעגלעכקייט.

קומט עס אויס אזוי:

די פרויען, וואס קאנען זיך צופאסן צו לייכטערע אר־עטן — און דאס זענען מערסטנס די, וועמעס מענער געהערן צו די מער־פריווילעגירטע און האבן אליין צו מער ווי איין שטעלע — זוכן זיך אפ נישט קיין שלעכטע שטעלעס. די פרויען פון ארבעטער, וואס קאנען זיך נאר פארדינגען אלס פראסטע ־בעטערינס, די ליגן צען איילן אין דער אדמה.

זוכט מען זייטיקע פרנסות אין נאר אן אנדער ריכטונג. מען מוט אזוינס, וואס איז אין דעם היינטיקן רוסלאנד פארבאטן.

מ׳פרובירט אונטערהאנדלען. מ׳האנדלט מיט וואס ס׳מאכט זיך ביים האנט.

דארף דא געזאגט ווערן, אז ווען מ׳רעדט וועגן א האנדל פון דעם סארט, איז אייגנטלעך א גרויסער ספק, אויב דאס קאן אינ־גאנצן באצייכנט ווערן אלס האנדל. דער דאזיקער האנדל איז אלנפאלס נישט קיין צייכן פון די איבערגעבליבענע „רעשטלעך״ פון דער אלטער ארדענונג, נאר ניכער א רעזולטאט פון דער עקזיסטירנדיקער טרויעריקער עקאנאמישער לאגע.

פאראן א האנדל, וואס האט די פולע סאנקציע פון דער סאָ־וויעט־רעגירונג. דאס איז דער האנדל, וואס די פויערים אדער קאלווירטניקעס פירן־אן מיט דער שטאטישער באפעלקערונג.

אין יעדער שטאט איז פאראן א מארק, ווו פויערים ברענגען זייערע פראדוקטן צום פארקויפן. זעט איר אויף די דאזיקע מערק אלערליי סארטן סחורות און אלערליי מינים קויפער און פארקוי־

פער. אויב איך ווילט, קאָנט איר אויף די דאָזיקע מערק זען די גאַנצע רוסישע ווירקלעכקייט.

פאַראַן פויערים, וואָס קומען מיט פערד און וואָגן, ברענגענדיק גאַנצע זעק מיט קאַרטאָפל, עופות און גרויסע פלעשער (מערסטנס האָב איך געזען פלעשער) מילך און שטיקער אייגן־אויפגעשלאָגן פוטער.

פאַראַן אָבער פויערים און פויערטעס, וואָס ברענגען זייער גאַנצע סחורה אויף די אייגענע פלייצעס. זיי קומען באָרוועסע. איך האָב אין ניקאָלאַיעוו און אין כערסאָן געזען באָרוועסע פויערים און פויערטעס, וואָס זענען געקומען פיל וויאָרסטן פון יענע שטעט, כאָטש עס איז שוין געווען גוט קאַלט. דאָס רוב באַשטייט זייער סחורה פון קליינע בינטלעך ציבעלעס, אַביסל אַרבעס אָדער בעבלעך און אַמאָל אַ האַלבן טוץ און אַפילו ווייניקער אייער. אַנדערע ברענגען אויך פלעשלעך מילך, וואָס אַנטהאַלטן העכסטנס אַ קוואָרט, אויב נישט ווייניקער.

אויסגעשטעלט אויפן מאַרק וואַרט מען אויף קונים, וואָס פעלן גראָד נישט. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך נישט געזען, אַז די סחורה זאָל צעכאַפּט ווערן. דאָס איז דערפאַר, וואָס די פרייזן זענען הויכע. פאַר די שטאָטישע איז עס אָפּט אַ ישוב הדעת, אייד דער מען באַשליסט עפּעס צו קויפן.

יונגע מוטערס קומען מיט זייערע קליינע קינדער אויף די מערק, קויפן צו קליינע קענדלעך מילך און גיבן עס די קינדער, וועלכע כאַפּן זיך צו צו דעם מיט גרויס זשעדנעקייט. דערוואַקסענע האַנדלען זיך איין מערעלעך, ציבעלעס און אַנדערע גרינסן און מיטן ברויט, וואָס זיי ברענגען מיט, פאַרשלינגען זיי עס אויפן אָרט.

עס פּאַסירט אויך, אַז אַ באַלעבאָסטע האַנדלט זיך איין אַ גאַנצן זאַק קאַרטאָפל און ווי שווער עס איז איר נישט אָנגעקומען צו שאַפן דאָס געלט פאַר אַזאַ קניה, קומט איר דערנאָך אָן נאָך שווערער דעם שווערן זאַק אַוועקצוטראָגן אַהיים.

דאָס איז מכּה דעם „בשרן" האַנדל, וואָס ווערט אָנגעפירט מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט.

פֿאַראַן אָבער אויך אַ נישט־כּשרער האַנדל. דאָס איז, ווען מ׳קויפֿט קאַרטאָפֿל, ציבעלעס אָדער אַנדערע עסנוואַרגן בײַ די פּויערים אויפֿן מאַרק, אונטערן אויסרייד, אַז דאָס איז פֿאַר אײגענעם געבּרויך, און מען פֿאַרקויפֿט עס דערנאָך ממש קאַרטאָפֿל־ווײַז אָדער ציבעלע־ווײַז צו אַזוינע, וואָס קאָנען זיך נישט דערלויבן קויפֿן גאַנצע זעק מיטאַמאָל

פֿאַראַן אויך אַזוינע, דאָס רובֿ פֿרויען, וואָס לאָזן זיך אַרונטער אין דאָרף צו אַ באַקאַנטן פּויער אָדער אַ ייִדישן קאָלווירטניק און האַנדלען בײַ אים אײַן וואָס נישט איז און ברענגען עס אין שטאָט אַרײַן. די גאַנצע סחורה קאָן באַשטיין פֿון אַ קרענצל ציבעלעס, אַ פּאָר בינטלעך מייערן און אַביסל קאַרטאָפֿל. אַמאָל איז עס אַביסל קאָרן, אַ טוץ אָדער מער אייער, אַביסל פּוטער אָדער מילך. מיט אַזאַ סחורה קאָן מען שוין טאָן אַ „גוואַלטיקן" מסחר.

פֿאַראַן אויך אַזוינע, וואָס „ספּעציאַליזירן" זיך אויף אײַנקויפֿן „מציאות" אין די קאָאָפּעראַטיווע און מלוכה־קראָמען.

אַזוינע „מציאות", צי דאָס איז בלויז דערפֿאַר, וואָס אַ קראָם וויל, דורך אַרונטערלאָזן דעם פּרײַז אויף אַ געוויסן אַרטיקל, צוציען קונים פֿאַר אַנדערע סחורות, צי דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס מען האָט צופֿיל סחורה פֿון אַ געוויסן מין און מ׳וויל דערפֿון שנעל פּטור ווערן און אַרײַנקריגן מזומנים — מאַכן זיך גאָר אָפֿט.

אָבער אפֿילו ווען עס זענען פֿאַראַן מציאות, קאָנען זיי נישט אַלע קריגן. צו אַלעמערשטן איז עס שוין אַ וויכטיקער ענין בלויז צו וויסן, ווו אַזוינע „מציאות" ווערן פֿאַרקויפֿט. קיין אַנאָנסן אין די צײַטונגען וועגן אַזוינע אויספֿאַרקויפֿן גיט מען איז רוסלאַנד נישט אַרײַן. גאַנץ אָפֿט קומען־פֿאָר אַזוינע „אויספֿאַרקויפֿן" אויף אייער גאַס און איר ווייסט פֿון זיי נישט.

און אויב יאָ, מיינט עס שטיין אין „אָטשערעד" שעהןלאַנג. אַז איר שטייט שוין אָפּ אין „אָטשערעד" לאַנג נענוג איז נאָך אויך אַ ספֿק, אויב איר וועט די סחורה קריגן. עס קאָן זיך גרינגלעך מאַכן, אַז ווען עס קומט צו אײַך אָדער נאָך איידער עס

גרייכט אייער ריי, איז שווין פון די „מציאות" גאָר נישט געבליבן.

זענען די, וואָס קריגן יאָ פון די „מציאות", די גליקלעכע. דאָס רוב אַנטזאָגט מען זיך צו פאַרקויפן צו מער ווי איין פּאָרציע אָדער אַ באַשרענקטער מאָס אָדער וואָג פון אַ געוויסער סחורה צו איין פּערזאָן. די „מציאה"־ספּעציאַליסטן מוזן דעריבער אַרבעטן פּאָר־ווייז און האָבן אַ בשותּפותן פּלאַן, ווי צו פאַרכאַפּן און האַלטן פּלעצער אין דער „אָטשערעד".

דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך מי און פאָדערט אַ סך צייט און געדולד. דערפאַר, אַז זיי קויפן זיך אָן גענוג פון די „מציאות" זענען זיי געזיכערט מיט אַ פיינעם ריוח.

אויף אַזאַ אופן ווערט אפילו געהאַנדלט מיט שוואַרצן פּראָסטן ברויט.

דאָס דאָזיקע ברויט איז דאָס ביליקסטע. עס פאַרקויפט זיך אין די מלוכה־קראָמען צו אַ רובל און אַ האַלב אַ קילאָ. אין דער צייט, וואָס דאָס ווייצענע, גוטע ברויט פאַרקויפט זיך צו דריי רובל אַ קילאָ. איז פאַרן שוואַרצן, ביליקן ברויט תּמיד אַ געלויף. עס איז קיינמאָל נישטאָ גענוג פאַר אַלע, וואָס ווילן עס האָבן.

זענען פאַראַן פרויען און מענער, וואָס מאַכן עס פאַר זייער „ספּעציאַליטעט", אויפצוקויפן אַזויפיל שוואַרצן ברויט ווי מעגלעך און זיי פאַרקויפן עס דערנאָך מיט אַ ריוח צו אַנדערע.

8

רעדט מען וועגן זייטיקע פאַרדינסטלעך, וועלן אפילו בשרע, הונדערט־פּראָצענטיקע קאָמוניסטן, פון זיי זיך נישט אָפּזאָגן.

אויב זיי וועלן נישט האַנדלען דירעקט, — כאָטש אַ סך פאַלן זענען אויך נישט קיין זעלטנהייט — וועלן זיי אָבער גאַנץ פיין אַרונטערלאָזן אין קעשענע דעם „פדיון", וואָס זיי נעמען אַריין פון אויספאַרקויפן דאָס, וואָס בלייבט זיי איבער פון זייער „פּאַיאָק" — די עסנווארגן און די סחורות, וואָס זיי קאָנען קויפן פאַר ביליקע פּרייזן אין די געשלאָסענע מלוכהשע אָדער קאָאָפּעראַטיווע קראָמען.

עס האַנדלט זיך גראָד וועגן די פּריווילעגירטע, וואָס זענען באַרעכטיקט צו גאַנץ־באַדייטנדיקע פּאָרציעס פּוטער, פלייש, פיש און אַנדערע מינים עסנוואַרג.

פאַראַן אַזוינע, וואָס קאָנען עס אַליין נישט אויפעסן. אויב זיי האָבן נישט קיין קרובים און גוטע פריינט וועמען דאָס אָפּצוגעבן — און גיבן גיט מען איצט אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַזוינע זאַכן נאָר צו עלטערן, ברידער און שוועסטער — פאַרקויפט מען עס צו שכנים, וועלכע מוזן זייער שפּייז קויפן פאַר וועלכן עס איז פּרייז.

עס זענען פאַראַן פאַלן, און דאָס איז גאָר אָפט — וואָס מ'קריגט די פּאָרציעס אויף איינמאָל. אין פאַל פון פלייש, פיש און אַנדערע עסנוואַרגן, וואָס קאָנען שנעל קאַליע ווערן, מוז מען עס פאַרקויפן, כּדי פאַרן געלט צו קויפן עפּעס אַנדערש.

די „ביכלעך'', וואָס מ'קריגט פאַר די „פּאַיאָקן'', באַרעכטיקן אַזויפיל און אַזויפיל ברויט, פלייש, פּוטער און אַזוי ווייטער יעדן חודש. דאָס מיינט, אַז יעדער חודש איז אַן אַנדער חשבון. אין פאַרלויף פון חודש באַקומט מען אָבער נישט דאָס, צו וואָס מען איז באַרעכטיקט. אויב די קראָם האָט גענוג פון די אַלע מינים צו פאַרטיילן יעדן לויט זיין באַרעכטיקטע פּאָרציע איז גוט, ווען נישט, קריגט מען בלויז, וויפל די פאַרוואַלטונג פון קראָם געפינט פאַר מעגלעך אַרויסצוגעבן.

מיטן סוף פון חודש ווערן די אַלע חשבונות פאַרענדיקט. אויב מען האָט נישט אַרויסבאַקומען דאָס, צו וואָס מען איז באַרעכטיקט, קאָן מען דעם קומענדיקן חודש נישט קריגן מער.

פּאַסירט דערפאַר, אַז מען זאָל אַמאָל אינגאַנצן נישט קריגן, לאָמיר זאָגן, קיין פלייש, פיש אָדער פּוטער, אָדער קריגן גאַנץ ווייניק פון דעם מין, אָדער מ'קריגט די גאַנצע פּאָרציע אויף אַמאָל סוף חודש.

אויפעסן מיט אַמאָל, קאָן מען נישט. לאַנג האַלטן, וועט עס קאַליע ווערן. אָוועקשענקען, וויל מען נישט. פאַרקויפט מען עס צו אַנדערע.

עס איז מיר אויסגעקומען בייצוּוווינען אין אָדעס אַ קאָמור־

ניסטישן מיטינג אין דער צייט, וואָס עס איז אָנגעפירט געוואָרן א קאַמפּאַניע פאַר די וואַלן פאַר נייע סאָוויעטן.

איינער פון די הויפּט־רעדנער, א געוויסער פּעטראָוו, האָט זייער גאַנצן אָראַטאָרישן טאַלאַנט אויסגענוצט אויף א ביטער־ע אַטאַקע אויף די, וואָס אַנטזאָגן זיך נאָך אריינצופאַלן אין דער קאָמוניסטישער „קאַליי'' פון דער קאָמוניסטישער אָרדענונג און פירן נאָך אומגעזעצלעכע מסחרים.

— דער טעם פון דער טויטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג, — האָט ער געזאָגט צווישן אַנדערעס, — ליגט נאָך יענע פאַרשוינען אין מויל. זיי זוכן נאָך צו טרייבן אונטערערדישע מסחרים. מיר מוזן יענע סוחרישע נשמות איינמאַל פאַר אַלעמאָל אויס־אָטן...

איך האָב דעמאָלט, ערשט עטלעכע טעג אין לאַנד, נישט גע־ווּסט דעם אמת וועגן דעם „האַנדל'', וואָס גייט אָן און איך האָב טאַקע געמיינט, אַז דאָ רעדט זיך וועגן ווער ווייס וואָס פאַר א „ועפּאַר''.

איך האָב שפּעטער באַגריפן, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי א קאָמוניסטיש־אָראַטאָריש שפּיצל, — כאָטש ווי איך גע־דענק גוט, האָט עס אויף די צוהערער קיין איינדרוק נישט גע־מאַכט.

אויב מען קאָן דונערן קעגן אַזא סאָרט האַנדל, דאַרף, דוכט זיך, זיין קלאָר, אַז די שולד איז דאָ נישט פון די אָרעמע און פאַרהונגערטע פרויען און מענער, וואָס ווילן פאַרדינען אויף געניג ברויט, נאָר פון דער אָרדענונג, וואָס האָט מעגלעך גע־מאַכט, אַז מענטשן זאָלן זיין געצוווּנגען אָנצופירן אַזא האַנדל.

איך וואָלט אַפילו די קאָמוניסטן און די אַנדערע פּריווילע־גירטע נישט „פאַרדענקט'' פאַר דעם, וואָס זיי פאַרקויפן דאָס, וואָס זיי בלייבט איבער פון זייער שפּייז.

געפרעגט האָב איך אָבער ביי עטלעכע געלעגנהייטן, ווען דער ענין איז דיסקוטירט געוואָרן, מיט וואָס די קאָמוניסטן זענען „כשרער'' אין דעם פּרט פון די פּשוטע יידן און יידענעס, אויף

וועמען מען קוקט מיט האס און מיט צאָרן און וועלכע ווערן אָפט געשליידערט אין די תּפיסות פאַר זייערע „פאַרברעכנס".

קיין ענטפער אויף דעם האָט מען מיר נישט געגעבן.

איך האָב דעם ענטפער אַליין זיך געדאַרפט געבן.

איינע פון די זייטיקע הכנסות, און וואָס שפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון די רוסישע יידן, איז די הילף, וואָס זיי באַקומען פון קרובים אין אויסלאַנד.

— איך קאָן זיך באמת נישט פאָרשטעלן, — האָט מיר אַ יידישער טוער געזאָגט, — וואָס עס וואָלט געוואָרן פון די רוסישע יידן, ווען זיי וואָלטן נישט באַקומען קיין הילף פון זייערע קרובים אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

דער קריזיס אין אַמעריקע, צוליב וועלכן די שטיצע פאַר אויסלענדישע קרובים איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף די רוסישע יידן.

— אָבער דער דאָלאַר, — ווי איינער האָט מיר געזאָגט, — איז נאָך אַלץ ביי אונז אַ רעטנדיקער מלאך. דער דאָלאַר איז נאָך אַלץ פופציק רובל, און פופציק רובל, ווי איר ווייסט, איז באַלד דער העכסטער וועכנטלעכער פאַרדינסט פון אַרבעטער.

האָב איך טאַקע אָפט געהערט מענטשן זיך באַקלאָגנדיק, וואָס זייערע קרובים אין אַמעריקע האָבן אָן זיי פאַרגעסן.

— **זאָגט זיי דאָרט אין אַמעריקע,** — האָבן זיי מיך אָנגעבעטן, — און ווי שלעכט זיי זאָל אַליין נישט זיין, אַ דאָלאַר פון צייט צו צייט קאָנען זיי אָפּשפּאָרן און וואָס פאַר אַ גרויסע הילף אָפילו אָן איינציקער דאָלאַר קאָן פאַר אונז דאָ זיין!

קאַפּיטל זיבעצן

געהיימע און אָפענע מערקלעך

1

איך האָב נאָך פריער געהערט, אַז אין קיעוו איז פאַראַן אַ שלום עליכם-גאַס. איך האָב שוין אויך געוווסט, אַז שלום עליכם,

פונקט ווי מענדעלע מוכר ספרים, וועמעס אַנדענק עס ווערט גע־ערט דורך אַ ספּעציעלן מוזיי אויף זיין נאָמען (דער מענדעלע־מוזיי, וועלכער איז פריער געווען אין אָדעס, איז איצט איבער־געטראָגן געוואָרן קיין קיעוו), איז שטאַרק פּאָפּולער און ווערט אַ סך געלייענט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, כאָטש אַ סך מער אין דער רוסישער איבערזעצונג ווי אין יידישן אָריגינאַל. איך האָב אָבער געדאַרפט ערשט קומען קיין קיעוו אויסצוגעפינען, אַז דאָרט איז אויך פאַראַן אַ באָראָכאָוו־גאַס, אויפן נאָמען פון דעם פּועלי־ציוניסטישן טעאָרעטיקער און טוער ב. באָראָכאָוו.

דאָס האָט מיך שטאַרק געחידושט. באָראָכאָוו דער פּועל־ציון, באָראָכאָוו דער פיינער און עכטער יידישער נאַציאָנאַליסט און דערצו נאָך איינער, וועמעס אָנדענק ווערט אַזוי פאַרערט אין ארץ־ישראל, — אָט דער באָראָכאָוו זאָל אויך זיין „כשר" ביי די יידישע קאָמוניסטן און זאָל האָבן אַ גאַס אויף זיין נאָמען?

איך האָב וועגן דעם אַ שמועס געטאָן מיט אַ באַקאַנטן יידיש־קאָמוניסטישן שריפטשטעלער און טוער, מיט וועמען איך האָב טאַקע גענומען אַ שפּאַציר אָנצוקוקן די דאָזיקע באָראָכאָוו־גאַס, וועלכע, פונקט ווי די שלום עליכם־גאַס, האָט זיך מיר שטאַרק געגאַרט זען מיט די אייגענע אויגן.

די שלום עליכם־גאַס איז אין דעם טייל שטאָט, וואָס איז באַקאַנט אַלס פּאָדאָל, אַ געגנט, וואָס איז אַמאָל געווען אייגנע פון די אָרעמסטע און וואָס האָט זיך היינט, ווען גאַנץ קיעוו איז אָרעם, זיך „אויסגעגליכט" מיט אַלע אַנדערע שטאָט־טיילן.

די באָראָכאָוו־גאַס איז אָבער כמעט אין סאַמע צענטער פון שטאָט.

פון מיין באַגלייטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז באָראָכאָווס זכות איז גאָר אַ גרויסער ביי די קאָמוניסטן. ער זאָל זיך פאַר־טויט האָבן אויסגעדריקט, אַז ער אָנערקענט און באַרעכטיקט די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע.

באָראָכאָוו איז געשטאָרבן נישט לאַנג נאָך דער קאָמוניסטי־שער רעוואָלוציע. ער האָט בלויז געזען די ערשטע טעג פון דער איבערקערעניש און וואַרשיינלעך געגלויבט, אַז די קאָמוניסטישע

רעוואָלוציע וועט זיין לטובת די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. וואָס וואָלט באַראַכאָוו געזאָגט זיבעצן־אַכצן יאָר נאָך דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע, ווען ער וואָלט אַלץ געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, און וואָס ער וואָלט געזאָגט, ווען ער וואָלט צוגעזעקט די פּצענעס, וואָס קומען טאָג־טעגלעך פאַר טאָקע אויף דער גאַס, וואָס טראָגט זיין נאָמען, איז אַזוינס, וואָס נישט איר און נישט קיין אַנדער־ער קאָן זיך אונטערנעמען צו זאָגן.

קומענדיק אויף דער באַראַכאָוו־גאַס, וועלכע איז אויפן ערשטן אויגנבליק אַ גאַס ווי אַלע גאַסן: אָרעם, פאַרלאָזן, מיט הייזער, וועלכע קוקן אויס, ווי זיי וואָלטן זינט ששת ימי בראשית נישט רעמאָנטירט געוואָרן, כאָטש זיי זענען אין אַ מוראדיקן צושטאַנד, האָט מיר מיין קאָמוניסטישער באַגלייטער קודם־כל צוגעפירט צו דער אַמאָליקער בראָדסקים כאָר־שול, וועלכע איז איצט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ יידיש־קאָמוניסטישן קלוב.

— מיר נעמען נישט צו קיין שולן פאַר אַבי־וועלכן צוועק, — האָט דער קאָמוניסטישער באַגלייטער מיר פּרובירט אויפקלער־ן, קענטיק פילנדיק, אַז ער דאַרף מיר עפּעס זאָגן ביי דער געלעגנ־הייט, — מיר פאַרוואַנדלען זיי אין קולטור־צענטערן. אין דאָזיקן קלוב וועט זיך אויך געפינען אַ גרויסע ביבליאָטעק, וואָס וועט זיך רופן אויפן נאָמען פון מאָרים ווינטשעווסקי. עס איז אַמאָל אַ שול, וואָס האָט געהערט צו דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס מיר פילן זיך באַרעכטיקט צוצונעמען. קיין פשוטע שולן, ווי פשוטע יידן קומען דאַווענען, טשעפּען מיר נישט.

— מאָדנע, — האָב איך באַמערקט, — גראָד איז עס גע־פאַלן אויפן גורל פון באַראַכאָוון, וועמען איך האָב אַזוי גוט גע־קענט פאַרן לעבן, אַז ער זאָל פאַרערט ווערן סיי אין רוסלאַנד און סיי אין ארץ־ישראל. אָט קום איך איצט פון ארץ־ישראל און נישט נאָר האָב איך דאָרט געזען באַראַכאָווס בילד אין פאַרשי־דענע קבוצות און געהערט, ווי מען ציטירט אים און ווי מ׳רעדט וועגן איבּ אַלס דער, וואָס האָט פאָראויסגעזען און פאָראויסגעז־זאָגט אַ סך זאַכן, וואָס זענען איצט מקוים געוואָרן אין ארץ־

ישׂראל — איך האָב דאָרט, בײַ תּל־אָביב, אויך באַזוכט אַ שטעטל אָדער אַ שטאָט־טייל אויף זײַן נאָמען, שכונת באָראָכאָוו, און — האָב איך שוין געוואָלט זיך אויסרעדן פאַר מײַן באַגלייטער — זעט דעם אונטערשיד: דאָ בײַ אײַך, אויף דער באָראָכאָוו־גאַס, האָט מען פאַרוואַנדלט אַ שול אין אַ קלוב. אין דער שכונת־באָראָכאָוו ווידער האָט מען אין אָנפאַנג, ווען יענע שכונה איז גע־בויט געוואָרן, נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז אַ שול זאָל געבויט ווערן. איצט זענען דאָרט אָבער שוין פאַראַן צוויי שולן, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

— אָט דאָס צייגט דאָך, אַז ארץ־ישׂראל איז אַ לאַנד פון רעאַקציע, — האָט דער קאָמוניסט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

אָבער מײַן אויפמערקזאַמקייט איז שוין געווען אויף עפּעס אַנדערש. איך האָב באַמערקט, אַז נישט ווייט פון שול שטייען געזעמלעך מענער און פרויען.

איך האָב געוואָלט זען, וואָס דאָרט קומט פאָר. נישט ווילנ־דיק איז מײַן קאָמוניסטישער באַגלייטער מיט מיר מיטגעגאַנגען צו די דאָזיקע געזעמלעך.

עס איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ מערקל, אַ זיי־טיק, אַ הינטער־קוליסנדיק מערקל.

אָבער וואָס פאַר אַ מערקל! סײַ די פאַרקויפער און סײַ די קויפער זענען געווען די אָרעמסטע פון די אָרעמע: ווײַבער אין צעריסענע יובקעס, מיט צעריסענע שיך אָדער שמאַטעס אַרום די פיס. די עלנט און די אָרעמקייט אַליין.

נאָך אָרעמער און נאָך עלנדער האָט אויסגעקוקט די סחורה, מיט וועלכער מען האָט דאָרט געהאַנדלט.

אַ האַלב ברויטל, אַן איינציקער הערינג און אַמאָל גאָר אַ האַלבער הערינג, אַ פּאָלקע פון אַן עוף, אַ שטיקל פלייש, עטלעכע קאַרטאָפל, עטלעכע ציבעלעס, אַ קעפּל קרויט — דאָס איז געווען די „סחורה", מיט וואָס מ׳איז געשטאַנען אין „מאַרק".

די הענדלערינס האָבן אפילו נישט געדאַרפט קיין קאָשיקעס אָדער זעקלעך פאַר זייער סחורה. יעדע האָט דאָס האַלבע אָדער

שטיקל שווארץ ברויט, גאנצן אָדער האַלבן הערינג און די אַנ־דערע עסנוואַרגן געהאַלטן אין האַנט, גרייט פאַר די קונים.

איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן און געווייער פאַנאַנדער־פרעגן, וואָס דאָרט גייט אָן. מיין קאָמוניסטישער באַגלייטער האָט אָבער קענטיק זיך געפילט אומאַנגענעם פון דער דאָזיקער סצענע און ער האָט מיך פון דאָרט אַוועקגענומען.

איך בין שפּעטער דאָרט אַליין געקומען און בין דאָרט גע־ווען מער ווי איינמאָל. עס איז געווען אַ מערק, וואָס האָט אפשר מער ווי אַלץ כאַראַקטעריזירט די איצטיקע לאַגע פון די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דאָס האַנדלט מען דאָרט מיטן אייגענעם ביסן ברויט, גע־טריבן פון דער גרויסער נויט, קויפט מען אַ הערינג און מען צעטיילט עס אין שטיקלעך. פאַר זיך לאָזט מען איבער אַ שטיקל אָדער גאָרנישט און מ׳טראָגט עס פאַרקויפן אינם מאַרק.

פאַראַן פרויען, וועמען עס געלינגט ערגעץ איינצוקויפן אַביסל סחורה. אין די מערסטע פאַלן אָבער איז עס נישט מער ווי אַן אויסטויש. אַ באַלעבאָסטע קאָן אָפּרייסן אַ האַלב ברויטל פון אייגענעם געזינדל און זי טוט עס, כדי פאַר דעם דערנאָך צו קריגן אַביסל זאַלץ, אָדער צוקער, אָדער אַן אַנדער אַרטיקל, אין וועלכן זי נויטיקט זיך.

2

אין ניקאָלאַיעוו איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַן אַנדער מין מערק. דאָרט האַנדלט מען נישט מיט עסנוואַרג נאָר מיט הויז־זאַכן: מעבל, קישנס, טעפּ, געשיר, אַלטע קליידער און שיך און וואָס איר ווילט אַליין.

אַזוינע מערקלעך זענען אויך פאַראַן אין אַנדערע שטעט. עס איז פאַקטיש נישטאָ די שטאָט, וווּ אַזאַ מערק פון אַלטוואַרג זאָל נישט זיין. איך שטעל זיך אָפּ אויפן ניקאָליייעווער מערק דער־פאַר, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט און איז איינס פון די מער כאַראַקטעריסטישע.

אויפן ערשטן קוק וואָלט איר מיינען, אַז דאָס איז אַ פּשוט־
מערקל פון אַלטע זאַכן, וואָס דאַרף נישט זיין קיין חידוש. דער־
האַנדל מיט אַלטע זאַכן גייט אָן איבער דער גאַנצער וועלט אַפילו
אין זייער רייכער אַמעריקע.

דאָרט איז אָבער עפּעס אַנדערש. עס איז אַ מערקל ווו
מענטשן טראָגן אַרויס פאַרקויפן זייערע לעצטע בעבעבעס פּדי־
פּאָר דעם קויפן ברויט.

די פאַרקויפער זענען נישט קיין פּשוטע הענדלער, כאָטש
איר וועט אָפט הערן קאָמוניסטן רעדנדיק וועגן זיי ווי וועגן
„שפּעקולאַנטן”. דאָס, וואָס זיי פאַרקויפן, האָבן זיי נישט אויפ־
געקויפט ביי אימיצן אַנדערש און שטייען נישט אין מאַרק צו
מאַכן ריווחים, דאָס פאַרקויפן זיי זייער אייגענע ווירטשאַפט.

שטייט אַ מיטליאָריקע יידישע פרוי פּיי אַן אַלמער, וואָס
האָט שיין, דאַכט זיך, געזען מער ווי איין דור. און ווישט זיך די
נאָז מיט די ברעגעס פון דער פאַטשיילקע, מיט וועלכער איז קאָפּ
איז פאַרבונדן.

איך רעד זיך מיט איר פאַנאַנדער. זי איז אָפנהאַרציק, זי
האָט גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן.

— איר פאַרשטייט דאָך אַליין, — זאָגט זי, — איך וואָלט
אַזאַ שמאַטע נישט אַרויסגעטראָגן אין גאַס פאַרקויפן. וויפל קאָן
עס מיר איינברענגען? חוזק! דער אַלמער איז מיר דערצו טייער.
עס איז אַ ירושה פון מיין באָבען. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז
איך האָב נישט קיין בעסערס צו פאַרקויפן? אַלץ, וואָס מיר האָבן
געהאַט, איז שוין לאַנג אויספאַרקויפט געוואָרן.

די פרוי שנייצט זיך אויס די נאָז און ווישט אויס די טרערן
פון אירע אויגן.

— גראָד איז ביי אונז אַמאָל געווען, וואָס צו פאַרקויפן, —
רעדט זי ווייטער. — געהאַט אַ גאַנץ פיין־איינגעפונדעוועטע באַ־
לעבאַטישקייט. געהאַט אַפילו גאָלד און זילבער. אָבער איין חפּץ
נאָכן אַנדערן, און אַלץ איז פאַרשוווּנדן פון הויז. אָבער כּל־זמן
ס׳איז געווען וואָס צו פאַרקויפן, האָט מיך ווייניק געאַרט. די
חפצים האָבן טאָקע אויך אַריינגעבראַכט אַ שיינע אַפּותיקי. איצט

אין אַ ליידיק הויז. אַפילו די קישנס פון צוקאָפּנס שוין פאַרקויפט. ס'האַלט אַט ביים אַלטן אַלמער!

— און מיט וויטיקע זאַכן האַנדלט איר גאָרנישט אינ־מער? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— איך וואָלט זיך גראָד צו דעם אויסגעטויגט, — האָט זי מיר געענטפערט, — אָבער עס איז דען דאָ מיט וואָס צו האַנדלען, סיידן איר האָט אייערע אייגענע זאַכן, און דאָס שעפּט זיך דאָך אויס!

פונדעסטוועגן האָב איך טאַקע אויפן מערקל געהערט, אַז עס זענען פאַראַן אַזוינע, וואָס ווילן נישט אָדער וואַגן נישט אַליין אַרויסברענגען זייערע זאַכן אין מאַרק אַריין. אַנדערע שעמען זיך, אַנדערע, וואָס האָבן נאָך ווערטפולע חפצים, ווילן נישט ציינן, אַז זיי זענען די אייגנטימער פון זיי. מ'קאָן נאָך אויף אַזאַ אויפן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אימיצן און מען וועט אָנהויבן פאַרדעכטיקן, אַז ס'ליגט אויף באַהאַלטענע „אוצרות".

גיט מען עס איבער צו אַנדערע. דאָס רוב ווערט עס פאַרקויפט צו „סוחרים", וואָס ברענגען עס נאָכהער אויפן מאַרק, כדי צו פאַרקויפן פאַר רווח. אַנדערע נעמען עס אויפן מאַרק פאַר אַ רונדע סומע.

אַפילו די אויפקויפער אויף די דאָזיקע מערק זענען נישט תמיד די, וואָס דאַרפן די סחורה פאַר זיך. אַ סך ווילן נישט אָדער וואַגן נישט אַרויסקומען אין מאַרק קויפן „מציאות". טוען זיי עס דורך אַנדערע.

פאַראַן מערקלעך, ווו עס ווערט געהאַנדלט מיט בלוירשט־נייע אָדער איבערגעניצעוועטע קליידער און שיך. דאָס זענען די בעל־מלאכהס אַליין, וואָס טראָגן אַרויס פאַרקויפן זייער אויסגעאַרבעטע סחורה.

עס איז אָבער אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג, אַז מענטשן זאָלן ברענגען זייערע אייגענע בגדים און שיך צו פאַרקויפן אין מאַרק.

איך האָב אַליין געזען, ווי אַן עלטערער ייִד האָט פון זיך אויסגעטאָן אַ פּעלצל און עס פאַרקויפט.

עס איז געווען ענדע אָקטאָבער. עס איז שוין געווען גאַנץ קאַלט.

איך האָב דעם יידן אָפּגעשטעלט. ער האָט פון אָנפאַנג מיך אָנגעקוקט מיט חשד. וואָס וויל איך דען פון אים? עס איז געווען זיין איינן בגד. ער איז נישט קיין „שפּעקולאַנט". ער האָט אַ רעכט צו פאַרקויפן זיין איינן בגד, האָט ער זיך פאַרענטפערט...

ער האָט מיך קענטיק אָנגענומען פאַר אַ קאָמיסאַר, רחמנא לצלן.

— איר קוקט אויס, ווי איינער פון זיי, — האָט ער צו מיר געזאָגט, אָפּאָטעמענדיק פרייער, ווען איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך בין נישט מער ווי אַן אַמעריקאַנער.

— אויסגעהאַלטן דאָס פעלצל נאָך פון פאַר דער מלחמה, — האָט מיר דער ייד דערקלערט. — ס'איז געווען מיין איינציקע נחמה. איך האָב אַזוי מורא פאַר קעלט. מ'דאַרף אָבער אויך האָבן וואָס צו עסן. האָב איך באַשלאָסן „טשאַרט פאָבערי", איך וועל פאַרקויפן דאָס פעלצל.

— און וואָס וועט איר איצט טאָן? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן, — האָט מיר דער ייד געזאָגט. גראָד נישט שטאַרק אַרונטערגעפאַלן ביי זיך. — פאַרן פעלצל האָב איך גענומען 250 קערבלעך. אין הויז האָב איך עפּעס אַן אַלטע שמאַטע. צוזאַמען מיט אַ פעלכל, וואָס מיין זון האָט מיר געשיקט אַ מתנה, וועל איך עפּעס צוזאַמענשטשאָבען פאַר זיך. די אַרבעט ביים שניידער וועט מיר מסתמא קאָסטן אַ פופציקער. אודאי וועט מען נאָך דאַרפן עפּעס אַ שטיקל אונטערשלאַק. ס'וועט מסתמא אַריינטרייבן אין אַ הונדערטער. עס וועט נישט זיין אַזאַ „מהודר", ווי דאָס פעלצל, אָבער טראַכטן אין אַזאַ צייט פון „פוץ" טאָר מען נישט. וועט מיר בלייבן אַ הונדערט און פופציק קערבלעך און דאָס וועט מיר און מיין פלוניתטע אַ סך אַרויסהעלפן.

3

אויב עס איז יאָ פֿאַראַן ערגעץ אַ האַנדל, וואָס האָט אין טייל פאַרדינגט דעם דאָזיקן נאָמען און איז דורכאויס אומגעזעצלעך, גייט ער אַן ארום די „טאָרגסין"־געשעפטן.

דאָס איז דער האַנדל מיט „וואַליוטע".

ער ווערט אָנגעפירט צום מערסטנס פון פרויען.

איר דאַרפט זיך נאָר באַווייזן ביי אַ „טאָרגסין"־געשעפט און מ'זאָל אויף אייך דערקענען, אַז איר זענט אַן אויסלענדער. איר וועט באַלד ארומגערינגלט ווערן פון ווייבער, וואָס וועלן זיך ביי אייך אָנהויבן בעטן „רחמים", אַז איר זאָלט זיי פאַרקויפן „וואַליוטע".

— האָט רחמנות, — האָט אַ יידענע מיט אַ פאַטשיילע איבערן קאָפ זיך אָנגעהויבן ביי מיר בעטן, — גיט מיר צו פאַרדינען עטלעכע קערבלעך.

— פאַרדינען? — האָב איך זיך געוווּנדערט, — איר מיינט אודאי אַ נדבה! אָט נאָט אייך אַ נדבה. — און איך האָב ארויסגענומען אַ דאָלאַר און איר געוואָלט געבן.

— איך וויל נישט קיין נדבה, — האָט זי זיך אָנטזאָגט נעמען דאָס געלט. — איך בין נישט קיין שנאָרערקע, איך וויל פאַרדינען. בעסער פאַרקויפט מיר דעם דאָלאַר. איר קאָנט מיר פאַרקויפן מער דאָלאַרן, אויב איר ווילט. אָבער אפילו אַן איינציקער דאָלאַר וועט מיר אריינברענגען עטלעכע קערבלעך. כאָטש אויף אַ טאָג ברויט פאַר מיר און די קינדער.

איך האָב געוואָלט ווייסן גענויער וועגן דעם דאָזיקן האַנדל און די ריווחים, וואָס שטעקן דערביי. איך האָב דער פרוי צוגעזאָגט צו פאַרקויפן עטלעכע דאָלאַר, אַבי זי זאָל מיר דערקלערן, ווי אַזוי דער האַנדל ווערט אָנגעפירט.

זי האָט זיך נישט געלאָזט בעטן.

דער פרייז, וואָס זי צאָלט פאַרן דאָלאַר, איז 45 רובל. דאָס איז דער פרייז, וואָס אַלע צאָלן. מאַנכעסמאָל צאָלט מען אַזוי הויך ווי 50. עס פּאַסירט אויך, אַז מ'צאָלט ווייניקער פון 45.

אזוינע „מציאות" מאַכן זיך אָבער נישט אָפּט. זיכער נישט בּיים טאָרגסין, ווו עס דרייען זיך אַרום אַ סך הענדלערקעס און מען שטייגט דעם דאָלאַר אַריין אין העכסטן פּרייז.

זי קאָן אָבער פאַרן דאָלאַר קריגן אַ סך מער. די, וואָס דאַרפן דאָלאַרן, זענען גרייט צו צאָלן 50 רובל און מער. דאָס מיינט פאַר דער הענדלערקע אַ ריווח פון פינף און אַמאָל מער רובל פון יעדן דאָלאַר.

— די ריזיקע דערביי איז גרויס, — האָט די פרוי דער־קלערט. — אַז מ'כאַפּט דאָס ערשטע מאָל נעמט מען צו גאָר דאָס געלט, וואָס מ'האָט, רובּלס און דאָלאַרן. דאָס צווייטע מאָל שיקט מען אין טורמע.

— און פונדעסטוועגן ריזיקירט איר, — האָב איך באַמערקט.

— איך האָב דען אַן אַנדער בּרירה? — איז געווען איר ענטפער. — דעם מאַנס פאַרדינסטן זענען נישט גענוג אַפילו אויף טרוקן ברויט. ווען נישט איך, וואָלט מען אין הויז אויסגע־גאַנגען פון הונגער...

— פאַרדינט איר כאָטש גענוג? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע.

— אויף אַלע שונאי־ציון געזאָגט געוואָרן, — האָט זי גע־ענטפערט. — ווען זעט מען דען אַן אויסלענדער אין די אויגן? און אַז מען זעט אַן אויסלענדער, וויפל פון זיי ווילן אויסבייטן זייער געלט אויף רובּלס? אָבער אויסלענדער זענען נישט די איינ־ציקע מיט וועמען מיר האַנדלען. פאַראַן אַזוינע, וואָס קריגן צו־געשיקט געלט פון אַמעריקע אויפן „טאָרגסין". קויפן מיר בּיי זיי אָפּ זייערע „טאָרגסין"־ בּיכלעך און פאַרקויפן זיי צו אַנדערע פאַר ריווח.

— און ווער זענען די קויפער פון די דאָלאַרן אָדער „טאָרג־סין"־בּיכלעך? — האָב איך געהאַט אַ נייע פראַגע פאַר איר.

— נאָך פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן געלט, — האָט זי מיר דערקלערט. — מערסטנס זענען עס קאָמיסאַרן, אַפּיצירן און גע־פּע־אוּ־לייט און נאָך און נאָך. זיי האָבן גענוג רובלס און זיי

ווילט זיך דוקא קויפן אין „טאָרגסין" גוטע זאכן. מיט רובלס קאָנען זיי אהין נישט קומען. מוזן זיי האָבן דאָלאַרן אָדער אַנ־דערע אויסלענדישע „וואַליוטע".

איך האָב דער פרוי אָנגעבאָטן צו פארקויפן צען דאָלאַר.

— געזונט זאָלט איר זיין! — האָט זי אויסגע־רופן מיט שמחה. — איר וועט מיר מחיה זיין.

איך האָב ארויסגענומען א צען־דאָלאַר „ביל" און איך עס געוואָלט דערלאַנגען.

— עס וועט בעסער זיין, אז איר זאָלט צוקומען מיט מיר צום קאסע און קויפן אויף מיין נאָמען א טאָרגסין־ביכל, — האָט זי מיר וועצהט. — מזומנים געלט קאָן מען אמאָל ביי מיר צונעמען. איך וועל נישט קאָנען דערקלערן פון וואנען ס'קומט צו מיר „וואַ־ליוטע". א „טאָרגסין"־ביכל איז זיכער.

— אָבער עס וועט דאָך אויסקומען מאָדנע, אז איך, א פרעמדער, קויף אויף אייער נאָמען א טאָרגסין־ביכל? — האָב איך געוואָלט אויסגעפינען אַלע פרטים וועגן דעם דאָזיקן מערק־ווירדיקן האנדל.

— איך וועל שוין פאר אייך רעדן. איך וועל זאָגן, אז איר זענט מיינער א קרוב, וואָס שענקט מיר א פרעזענט. דאָס איז א גאַנץ געוויינלעכע און פארשטענדלעכע זאך. דאָס פארקויפן פון ביכל ווערט דאָן אויך „לעגאַל", ווייל יעדער האָט א רעכט צו פארקויפן זיין פערזענלעך אייגנטום, ווי א חפץ, למשל.

איך האָב דער פרוי געקויפט דאָס ביכל און בין שנעל אוועק, פילנדיק, ווי איך וואָלט דאָ געווען א שותף צו אַן אומגעזעצלעכן אקט, כאָטש די „טראַנזאַקציע" איז דורכגעפירט געוואָרן פיל־שטענדיק „געזעצלעך".

אויף מאָרגן איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זיין ביים „טאָרגסין". די פרוי, וועלכע איך האָב פארקויפט די צען דאָלאַר איז מיר געקומען אנטקעגן און איך האָב איר קוים דערקענט. זי איז געווען אַן ארומגעוואַשענע, א צוגעפוצטע, א שמייכלענדיקע.

— א דאַנק אייך א טויזנט מאָל! — האָט זי געזאָגט. — עס איז טאקע נישט מער ווי א חיי שעה, אָבער חיי שעה איז

אויך גוט. איך האָב דאָס ביסל באַלד פאַרקויפט און אין הויז איז ביי אונז איצט „יום־טוב״.

קאַפּיטל אכצן

די יידישע קאָלאָניזאַציע

1

דאָס בילד פונם יידישן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז נישט פאַרפולט, סיידן מ׳באַקאַנט זיך אויך מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע. די יידישע קאָלאָניעס, וועלכע זענען צעוואָרפן איבערן גאַנצן אייראָפּעאישן טייל פון רוסלאַנד (וועגן ביראָ־בידזשאַן רעדט זיך נאָך דערווייל נישט) און ווערן דאָ און דאָרט פאַרמירט אין באַזונדערע ראַיאָנען, זענען אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר אינם עקאָנאָמישן, ווי אויך גייסטיקן, לעבן פון די רוסישע יידן.

די פּראָפּאָרציע ערד־אַרבעטער ביי יידן איז נאַטירלעך אַ סך אַ קלענערע ווי ביי נישט־יידן. אין דער צייט, וואָס די גרעסטע מערהייט פון דער רוסישער באַפעלקערונג גיט זיך נאָך אָלץ אָפּ מיט ערד־אַרבעט, אפילו איצט, ווען דאָס לאַנד ווערט אינדוסטריאַליזירט, זענען די יידישע ערד־אַרבעטער נאָך אַ קליינע מינדערהייט, ממש אַ נישטיקע מינדערהייט.

איך האָב קוים געקאָנט דערגיין די גענויע צאָל יידישע קאָלאָניסטן. עס זעט אָבער אויס, אַז די צאָל פון אַ הונדערט און פופציק טויזנט וואָלט בשום אופן נישט געווען צו גידעריק און פאַר אַ באַפעלקערונג פון צוויי און אַ האַלב מיליאָן מאַכט עס אויס נישט מער ווי אַרום זעקס פּראָצענט.

נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט דעם גרויסן טומל, וואָס מ׳האָט געמאַכט אַרום דער יידישער קאָלאָניזאַציע, די גרויסע האָפענונגען, וואָס מען האָט אויף איר געלייגט, ווי אויך די גרויסע כחות,

וואָס מען האָט אוועקגעגעבן פאַר איר, זענען די רעזולטאַטן, לכל־הפּחות וואָס איז שייך די צאָל קאָלאָניסטן, נישט אַזוינע דער־מוטיקנדיקע, בפּרט נאָך, אַז פאַר דער מלחמה האָבן מיר אין רוסלאַנד אויך געהאַט צענדליקער טויזנטער יידישע קאָלאָניסטן, אפשר גאָר נישט קיין סך ווייניקער ווי איצט.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אויב עס איז ווען געווען אַ שעת הכּושר פאַר יידן זיך צו קאָלאָניזירן אין רוסלאַנד, איז עס געווען אין דעם נאָענטן עבר. נאָכדעם ווי די אַלטע קוואַלן פון פּרנסה האָבן זיך פאַרמאַכט פאַר הונדערטער טויזנטער יידן, איז פאַר גאָר אַ סך נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו באַזעצן זיך אויף ערד.

האָט מען טאַקע געהאַלטן אין דערציילן וועגן דעם גרויסן פּראָגרעס, וואָס יידן מאַכן אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט, באַזונדער ווען אין פאַרשידענע פונקטן זענען באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע יידישע ראַיאָנען מיט פאַקטישער אויטאָנאָמיע.

האָב איך דערפאַר גלייך ביי מיין אָנקומען אָנגעהויבן פּלאַנעווען אַ באַזוך אין די יידישע קאָלאָניעס. אָנקומענדיק אין אָדעס, פּונוואַנען מ׳קאָן זיך פאַרנעמען אין דער אָדער יענער ריכטונג, האָב איך געוואָלט האָבן די עצה פון עקספּערטן, וועלכע פון די קאָלאָניעס איך זאָל באַזוכן, וועלנדיק נאַטירלעך זען דאָס, וואָס איז צום מערסטן מאַסגעבנדיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער לאַנדווירטשאַפט.

עס איז געווען די איינשטימיקע מיינונג, אַז דער קאַלינינ־דאָרפער ראַיאָן ביי כערסאָן איז דער מאַסגעבנדסטער און דער כאַראַקטעריסטישסטער.

פון דעם, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט, האָב איך זיך גע־קאָנט אָנשטויסן, אַז עצהנענדיק מיר צו באַזוכן קאַלינינדאָרף, וויל מען אויך, אַז איך זאָל זען דאָס בעסטע, וואָס איז דאָ אויפן יידישן קאָלאָניזאַטאָרישן געביט. פאַרוואָס מיך שיקן דאָרט, ווו מ׳קאָן פון אויבנאויף זען דורכפאַלן און סתם צרות, ווען אין קאַלינינדאָרף איז מען ווייט אין פאָראויס?

האָב איך דערפאַר גערן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פאָרן

קיין קאַלינינדאָרף צוזאַמען מיט אַ פֿאָרשטייער פֿון „אָרט", וועל־כער האָט אין דעם פֿאַל מיר געדינט אַלס מיין וועג־ווייזער נישט נאָר אין גרייכן יענעם יידישן ראַיאָן נאָר אויך אין פֿאָרשטעלן מיך פֿאַר די קאָמוניסטישע פֿירער, וועלכע האָבן צו זאָגן איבער דער פֿאַרוואַלטונג פֿון ראַיאָן.

אָבער גרייכן קאַלינינדאָרף פֿון אָדעס איז נישט אַזאַ לייכטע אויפֿגאַבע. די נסיעה אַליין איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער עק־זיסטירנדיסער לאַגע.

צו פֿאָרן דעם גאַנצן וועג מיטן באַן קאָן מען נישט. מ'מוז פֿאָרן פֿון אָדעס קיין כערסאָן מיטן „פּאַראָכאָד" (שיף) איבערן דניעפּר און פֿון דאָרט מיטן באַן קיין קאַלינינדאָרף אָדער אַזוי נאָענט צו קאַלינינדאָרף, ווי די באַן ברענגט. דאָס איז אַ נסיעה, וואָס נעמט לכל הפּחות אַ מעת־לעת און אַ האַלב.

— עס איז אָבער דאָ אַ לייכטערער וועג, — האָט מען מיר געזאָגט אין „אָרט"־ביוראָ. — פֿליען פֿון אָדעס קיין ניקאָלאַיעוו און פֿון דאָרט מיטן באַן נאָך קאַלינינדאָרף.

ווען די ברירה וואָלט איבערגעלאָזט געוואָרן צו מיר, וואָלט איך, מעגלעך, טראָץ אַלע שוועריקייטן, אויסגעקליבן דעם ערשטן מאַרשרוט — מיט דער שיף נאָך כערסאָן, אַנשטאָט מיטן עראָ־פּלאַן נאָך ניקאָלאַיעוו. דער „אָרט"־פֿאָרשטייער האָט מיר אָבער דערקלערט, אַז וואָס איז אים נוגע, שפּאָרט ער זיך צייט און באַ־קוועמלעכקייט דורך פֿליען, און איך האָב מסכּים געווען. עס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן נייעסטן און מאָדערנסטן קאָמוניקאַציע־מיטל אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

מיט די בילעטן באַזאָרגט אין פֿאָראויס זענען מיר געווען אין אַ ספּעציעלן אויטאָבוס אויפֿן וועג צום אָדעסער לופֿט־פּאָרט, פֿון וואַנען מיר האָבן געזאָלט אָפּפֿליען אַרום זיבן אַזייגער.

2

כאָטש דער סאָוויעטישער לופֿט־פֿאַרקער איז גוט אַנטוויקלט און פֿאַסאַזשירן ווערן דערמוטיקט זיך צו באַנוצן מיטן עראָפּלאַן ווען נאָר מעגלעך, איז אָבער פּינקטלעכקייט נישט אַ טייל פֿון

דעם לופט־פארקער, ווי דאס איז נישט — פון דעם אייזנבאן־פארקער.

סאוויעטישע באנען קומען, ווען זיי „ווילן", און גייען אפ, ווען זיי „ווילן". זיי בלייבן שטיין און רירן זיך נישט פון ארט. אדער מאכן פלוצים „פליטה" גראד ווען איר גייט ארונטער און האלט עפעס אין איינהאנדלען אויפן וואקזאל, נאכדעם ווי מ'האט איך „פארזיכערט", אז איר האט גענוג צייט פאר אלץ. איר מוזט אלץ איבערלאזן אינמיטן און אנהויבן זיך יאגן נאך דעם שוין גייענדיקן צוג.

דער עראפלאן נאך ניקאלאיעוו איז נישט געווען דער איינציקער, וואס האט געדארפט אפפליען יענעם פרימארגן פון לופט־פארט. פאסאזשירן זענען געווען פאר אלע. קיין לידיקער פלאץ איז אין עראפלאן נישט איבערגעבליבן.

נאך דער רעוויזיע פון די בילעטן אין הויפט־ביורא האט מען אונז געלאזט וויסן, אז מיר מעגן צוריקגיין אין ווארט־צימער. די עראפלאנען וועלן נאך אזוי שנעל נישט אוועק.

די דערקלערונג האט געזאלט זיין, וואס די לופט איז נעפּלדיק און קיין עראפלאן וועט זיך נישט אויפהויבן, ייז דער נעפל וועט נישט פארשווינדן.

— דאס קאן דאך אבער דויערן ביז נאכמיטאג? — האב איך געפרעגט.

— וועט מען נישט פליען ביז נאכמיטאג, — האט מען מיר געענטפערט.

— און ווי וועט זיין, אז דער נעפל וועט אינגאנצן נישט פארשווינדן? — האב איך געוואלט וויסן.

— וועט מען אינגאנצן נישט פליען. ווייל, פארשטייט איר, — האט מען מיר געוואלט דערקלערן, — סאוויעטישע פליער זענען פארזיכטיק. זיי נעמען נישט קיינע ריזיקעס.

האב איך טאקע צוגעשריבן די פארשפעטיקונג צו פארזיכטיקייט און מיין געפיל פון זיכערקייט איז געווארן שטארקער. האט מיר אבער געשיינט, אז אין דעם אלעם איז דאך געווען א היפש ביסל נאכלעסיקייט, אומפינקטלעכקייט און סתם די רו־

פּישע געוווינהייט זיך צו „נעמען צייט".

דער הימל איז גראָד געווען אַ קלאָרער און די זון האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אויפגעהויבן, דורכרייסנדיק זיך דורכן נעפּל, וועלכער האָט זיך נאָך געהאַלטן מיט עקשנות אויף די פעלדער. די לופט־פּליער, די פּאַרט־באַאַמטע האָבן אָבער זיך נישט געאײלט.

די פּאַסאַזשירן, ווי דאָס וואָלט ביי זיי געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג, האָבן זיך אָפּגעזוכט פּלעצער אין קאַלטן, נישט־באַהייצטן וואַרט־צימער און זיך יעדער איינגעגורעט אין זיינע נישט צו וואַרעמע בגדים.

— וואָלט כאָטש געווען ווו צו כאַפּן אַ גלעזל טיי, — האָב איך באַמערקט צו מיין באַגלייטער. — אַרויס פון האָטעל אויפן ניכטערן האַרצן.

יענער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— די השגה פון אַן אַמעריקאַנער! — האָט ער זיך גע־וויצלט. — ווען טיי אין אַ לופט־פּאַרט! באַלד וועט איר שוין זאָגן, אַז איר ווילט צובייסן אויך? וואָס דען, איר וועט עס נישט וועלן? און פאַרוואָס טאַקע נישט? איך אַליין וויל אויך! נאָר איך וויים, אַז איך וועל עס דאָ נישט קריגן. גראָד געווען אַ בופעט. אָט זעט איר דעם טיש און די פּאָליצעס. אָבער עס איז פּוסט. פאַראַן לופט־פּאָרטן, ווו איר קאָנט עפּעס קריגן. אָבער נישט אין אָדעס.

עס איז אַוועק אַ שעה און צוויי. איך האָב שוין באמת גע־פילט דעם הונגער.

— קאָן מען אפשר עפּעס קריגן דערביי? — האָב איך גע־פרעגט דעם „אָרט"־פאַרשטייער.

— סיידן איר זאָלט פאָרן צוריק קיין אָדעס, — איז געווען דער ענטפער.

— לאָמיר כאָטש אַרויס אין דרויסן, — האָב איך פאָרגע־שלאָגן. — די זון וואַרעמט. דאָ, אינעווייניק, איז אַזוי קאַלט!

ווי ער וואָלט בלויז געוואָלט מיר צוליב טאָן, האָט ער זיך אויפגעהויבן, גענומען זיין געפּעק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ

גרויסן טשעמאָדאַן און אַ פּאָר אַנדערע פּעקלעך, און אָנגעהויבן גיין צו דער טיר.

— צו וואָס זיך שלעפּן מיט אייער געפּעק? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — אַט לאָז איך איבער מיין טשעמאָדאַנטשיק דאָ. קיין זייטיקע, אויסער די פּאַסאַזשירן, זענען דאָך נישטאָ. אַלץ דאַרף דאָ זיין זיכער!

— איר דאַרפט טאַקע אויך נישט איבערלאָזן אייער טשעמאָדאַן, — האָט ער מיך געוואָרנט.

באַמערקנדיק, ווי יעדער איינער היט זיין פּעקל און טרעט פון אים נישט אָפּ קיין טריט, האָב איך שוין געכאַפּט, אַז אפילו אויף אַ לופט־פּאָרט, וווּ עס קומען בלויז געקליבענע מענטשן, איז מען תמיד אויף דער וואַך.

נישט וועלנדיק באַלעסטיקן מיין מיטרייזנדן צוליב זיין שווערן געפּעק, האָב איך אַליין גענומען אַ שפּאַציר אין דרויסן. די עראָפּלאַנען זענען געשטאַנען גרייט. מעכאַניקער האָבן זיך געפּאָרעט פון אינעווייניק און פון דרויסן. איך האָב באַקוקט די פאַרשידענע געביידעס. מיט אַמאָל גיט מיר דאָס האַרץ אַ צאַפּל פון פרייד. דורך אַ פענסטער זע איך, ווי מענטשן זיצן אַרום ווייס־געדעקטע טישן און עסן.

איך בין באַלד געוועזן צוריק אין וואַרט־צימער און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה מיין באַגלייטער.

— מיר וועלן נישט דאַרפן הונגערן מער, — האָב איך אָנגעפאַנגען. — עס איז געבליבן פאַר מיר, דעם אַמעריקאַנער, צו מאַכן די אַנטדעקונג. ס'איז דאָ אַ רעסטאָראַן!

מיין קאָמפּאַניאָן האָט זיך צעלאַכט.

— נישט פאַר אונדז איז יענער רעסטאָראַן, — האָט ער געזאָגט קורץ.

— פאַר וועמען דען? — האָב איך געפרעגט, און מיינענדיק, אַז טאָמער איז עס ביי אים אַ פראַגע פון געלט, האָב איך באַלד צוגעלייגט: — ווען דעם זאָלט איר זיך נישט קימערן. קומט, זאָל עס זיין רובלס, דאָלאַרן. זאָלן זיי רעכענען, וועלכע עס

איז פרייזן. מיר וועלן פון דאנען נישט ארויספליען קיין הונגעריקע!

יענער האט ווידער א לאך געטאן.

— עס האנדלט זיך נישט וועגן געלט, — האט ער געזאגט.— דארט וועט מען אייך נישט געבן עסן אפילו פאר געלט. עס איז א געשלאסענער רעסטאראן. דארט עסן נאר די פליער און די באאמטע פון לופט־פארט.

איך האב שוין געוווסט, וואס אזעלכע געשלאסענע רעסטאראנען זענען, אבער מיר איז גארנישט איינגעפאלן, אז איך האב אויך דא געהאט זיך אנגעשטויסן אויף איינעם פון זיי.

ווי אין די רעסטאראנען און פאבריקן און פארש־ידענע געשעפטס־אונטערנעמונגען און מלוכה - אנשטאלטן, קאנען דארט עסן בלויז די, וואס זענען באשעפטיקט אין יענע ערטער און דאס נאר לויט זייערע מדרגות און ,,קלאסן".

אין דער צייט, וואס דער ,,פריוווילעגירטער" און דער הויך־באצאלטער באאמטער, אינזשינער, ,,ספעץ", איז בארעכטיקט צי די בעסטע מאלצייטן, קאן דער ארבעטער בלויז קריגן אביסל וואסערדיק געקעכץ מיט א שטיקל ברויט און איינמאל אין א ,,יובל" א ביינדל מיט א כזית פלייש.

— הייסט עס, אז די לופט־פליער און די פארט־באאמטע וועלן זיך זיצן און עסן געמיטלעך, — בין איך שוין געווארן קריטיש און ערנסט, — און אונז דא וועט מען האלטן
קע, ווער ווייס ביז ווי לאנג?

מיין באגלייטער האט זיך א קראץ געטאן אין דער פאטיליצע, ווי ס'וואלט אים נישט געווען אנגענעם צו רעדן. ער האט געזאגט:

— אויב איר זענט טאקע אזוי הונגעריק, קאן איך אייך מכבד זיין מיט א שטיקל ברויט. איך אליין פיל שוין אויך ווי עפעס איבערצוכאפן.

און ער האט געעפנט זיין טשעמאדאן און ארויסגענומען א האלבן לאבן שווארץ ברויט איינגעוויקלט אין אן אלטער צייטונג.

ער האָט מיט זײַן קעשענע־מעסער אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט פֿאַר זיך און אַ צווייטע „המוציא“ פֿאַר מיר.

— איר, אַמעריקאַנער, וואָלט מסתּמא וועלן אויך עפּעס „צום ברויט“, — האָט ער באַמערקט האַלב־פֿאַרשעמט. — דאָס האָב איך לײדער נישט. ברויט פֿיר איך אָבער כּסדר מיט זיך.

— אַפֿילו ווען איר פֿאָרט קיין קאַלינינדאָרף? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

מײַן קאָמפּאַניאָן האָט מיר געשענקט אַ מאָדנעם קוק.

— יאָ, אַפֿילו קיין קאַלינינדאָרף, — האָט ער אונטערגע־שטאַמלט. — און מיר דוכט, אַז ס'וועט זײַן בעסער, אַז איר זאָלט זיך באַזאָרגן מיט ברויט, איידער איר גרייכט קאַלינינדאָרף. איך האָב עס פֿאַרגעסן אײַך צו זאָגן נעכטן. איר וואָלט עס גע־קאָנט קריגן אין אײַער האָטעל. איר וועט אָבער קאָנען קויפֿן דאָס ברויט אויך אין ניקאָלאַיעוו.

— איז ברויט דען אַזאַ וויכטיקער ענין? — האָב איך גע־פֿרעגט, שוין נעמענדיק דעם ענין אַ סך ערנסטער.

— איר וועט אַליין אויסגעפֿינען, — האָט ער מיר ווי אָפּ־געשניטן. — איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר ווילט אַלץ זען מיט אײַערע אייגענע אויגן. אָבער זוכנדיק צו זען, וואָס בײַ אַנדערע טוט זיך, פֿאַרגעסט דערווײַל נישט, אַז איר אַליין דאַרפֿט אויך עסן.

3

מײַן קאָמפּאַניאָן האָט קענטיק זיך איצט געפֿילט לײַכטער אויפֿן האַרצן. ער האָט זיך גענומען געשמאַק צום ברויט און גע־געסן מיט גרויס אַפּעטיט.

— בײַ מיר אויפֿעסן אַ קילאָ ברויט צו אַ „מאָלצײַט“ איז אַ געוויינלעכע זאַך, — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט „פֿאַרענטפֿערן“ פֿאַר דעם, וואָס ער עסט אַזוי פֿיל ברויט אין וואָס. ער האָט באַמערקט, האָט צוגעצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. — און איר? איר עסט גאָרנישט?

— טרוקן ברויט? עס שטעלט זיך ממש אין האלז! — האָב איך באַמערקט. — אָבער איך וויל נישט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין אַנדערש פון אייך. ס'איז פּשוט אַ פראַגע פון געוווינהייט. אַז איך וועל ווערן שטאַרק הונגעריק, בין איך זיך משער, וועל איך שלינגען דאָס טרוקענע, שוואַרצע ברויט אַזוי גוט, ווי איר.

— און ווי נאָך! — האָט יענער אונטערגעכאַפּט. — איר וועט נאָך זיין צופרידן, וואָס איר האָט ברויט. וואָרום וויפל האָבן דאָס אויך נישט!

— און אין קאַליניגראַד? — האָב איך געוואָלט אַרויס־קריגן אינפאָרמאַציע אין פאָרויס, — פעלט אויך ברויט?

— איך וועל אייך גאָרנישט זאָגן וועגן דעם, — האָט דער „אָרט" ־ פאָרשטייער מיר געזאָגט מיט אַ ביסל שאַרפקייט. — איך וועל אייך דאָרט ברענגען צו די קאָמוניסטישע פירער, דעם פּרע־זידענט פון „רייאָויספּירקאָם" (ראַיאָנער אויספיר ־ קאָמיטעט), דער העכסטער אינסטאַנץ פון ראַיאָן, אָדער אַן אַנדער פירער, און זאָלן זיי אייך דערציילן וועגן דער לאַגע צווישן די יידישע קאָל־ווירטניקעס. איך קאָן אייך נאָר דערציילן, וואָס אונזער אַרבעט איז דאָרט.

— און אייער ברויט הויבט מיר אָן געפעלן, — האָב איך געזאָגט אַרום עלף אַזייגער, ווען איך בין שוין געוואָרן שטאַרק הונגעריק און באמת אָנגעהויבן פילן אַ „גייעם טעם" אין דעם טרוקענעם ברויט.

מיין באַגלייטער האָט געשמייכלט. ער האָט שוין זיין „קילאָ" ברויט געהאַט אויפגעגעסן.

פון ביוראָ האָט מען געלאָזט וויסן, אַז דער אַעראָפּלאַן פאַר ניקאָלאַיעוו איז גרייט.

מיר האָבן זיך אַלע געאיילט צו פאַרנעמען אונזערע פּלעצער.

דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן מיט גרויס גראַציע און פון דעם ריטמישן קלאַפּן פון מאָטאָר האָט אפילו אַ געוויינלעכער בשר ודם געקאָנט פילן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

דער הימל איז געווען קלאָר. אַלץ אַרום איז געווען באַגאָסן מיט אַ גאָלדן זונען־ליכט.

אָדעס איז שנעל געווען הינטער אונז. אונטער אונז האָבן זיך געהאַלטן אין אויסשפּרייטן, — ווי אַ ריזיקער טעפּיך, וואָס האַלט אין אויפגעוויקלט ווערן, — די אוקראַאינישע לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך, צום ערשטן מאָל, אַנטפּלעקט פאַר מיר אין איר גאַנצער פּראַכט און רחבות.

פריש פּאַראַקערטע פעלדער פאַרן קומענדיקן זיי־סעזאָן: פעלדער גרינע מיט אָקאָרשט - אויפגעגאַנגענעם קאָרן, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן פאַרן ווינטער, ריזיקע לאָנקעס פאַר פּאַשע, טייכן און טייכלעך, וואָס קוקן אויס ווי שטיקער זילבער באַגילט פון דער זון, שלענגלענדיק זיך דורך אַ פלאַכער לאַנדשאַפט, וואָס ליגט גלאַט, ווי אַן אויסגעוועלגערט בלאַט לאָקשן. אַן אומגעהויער נאַטור־רייכקייט, פון פעטן, פרוכטבאַרן באָדן מיט אַ גוואַלטיקער עשירות אין וואַסער.

אַלץ איז באַאַרבעט. נישטאָ קיין פּוסטע פעלדער. די דערפער, וועלכע זענען איצט פאַרוואַנדלט אין קאָלכאָזן, ליגן פאַר די אויגן און האָבן אַזויפיל חן, ווען מען קוקט אויף זיי אַרונטער פון דער הויך.

אַ פראַגע, וואָס שווימט אויף אין מח און וואָס מאַטערט, איז, ווי קומט עס, אַז מיט אַזאַ גרויסער נאַטור־רייכקייט זאָל רוסלאַנד נאָך אַלץ זיך דאַרפן זאָרגן פאַרן שטיקל טרוקן ברויט?

ווי קומט עס, אַז טאַקע דאָ אין אוקראַאינע, וואָס האָט געדאַרפט זיין, און איז אַלעמאָל געווען, דער תבואה - שפּייכלער פון גאַנץ אייראָפּע, זאָל מען נאָך זיך דאַרפן נויטיקן אין ברויט, און נישט דווקא אין די שטעט, נאָר אפילו אין די דערפער?

איך וואָלט מיין קאָמפּאַניאָן גלייך אויפן אָרט פאַרוואָרפן מיט פראַגן. אינם גערויש פון מאָטאָר קאָן מען אָבער נישט רעדן. אַ פּאָר פּאַסאַזשירן כאַפּן אַ דרעמל. אַן אַרמיי־אָפיציר לייענט אַ צייטונג.

איך קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון דער ווונדערלעכער פּאַנאָראַמע, וואָס ליגט פאַר מיר אויסגעשפּרייט.

צי זענען די רוסן אַזעלכע גוטע פליער, צי איז דאָס וועטער אַזאַ גינסטיקס פאַר פליען? — דער עראָפּלאַן שוועבט דורך דער

לופט מיט אזא לייכטקייט און מיט אזא גלייכקייט, אז איר פילט נישט קיין טרייסל. ווען נישט דאָס גערויש פון מאָטאָר, וואָלט איר בכלל נישט געפילט, אז איר פליט.

בלויז דאָ און דאָרט גיט זיך דער אעראָפּלאַן א „ציי", ער הויבט זיך אַלץ העכער און העכער.

איך קאָן נישט מעסטן די הויך. איך ווייס נאָר, אז אין דער צייט, וואָס פריער האָב איך נאָך געקאָנט אונטערשיידן די מענטשן, וואָס אַרבעטן אויף די פעלדער, קאָן איך שוין איצט זיי נישט אונטערשיידן. זיי קוקן אַלע אויס ווי קליינע פליגעלעך.

איך דערמאָן מיך וועגן דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט א טאָג פריער אין „אָרט"-ביוראָ אין אָדעס, וועגן דער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד און אין ארץ־ישראל.

וואָס עס איז שייך די רוסישע יידן, האָבן זיי קוים געקאָנט מאַכן פאַרגלייכן, זייענדיק אַזוי ווייניק אינפאָרמירט וועגן אויסלאַנד בכלל און וועגן ארץ־ישראל בפרט. דאָס, וואָס איך האָב זיי געהאַט איבערצוגעבן, זייענדיק פריש פון ארץ־ישראל, איז פון מאַנכע אויפגענומען געוואָרן אין שטוינען און פון אַנדערע מיט סקעפּטיציזם, נישט זייענדיק זיכער, אויב זיי קאָנען נעמען מיין וואָרט פאַר דעם. אַנדערע האָט זיך שטאַרק געוואָלט גלויבן, וואָס איך האָב זיי דערציילט. אַנדערע, ווידער, האָט זיך געוואָלט פונקט דער היפוך.

פליענדיק איבער די אוקראַינישע פעלדער און זעענדיק פאַר זיך אַזאַ עשירות אין וואַסער, האָב איך נישט געקאָנט אונטערדריקן דעם געדאַנק, וואָס פאַר א פרוכטבאַר לאַנד ארץ־ישראל וואָלט געווען, ווען דאָרט וואָלט געווען כאָטש א העלפט פון דעם וואַסער, וואָס איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן!

צו־לאַנג טראַכטן האָב איך אָבער נישט געקאָנט. ניקאָלאַיעוו איז שוין געווען פאַר די אויגן, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וואַסער. גראַציעז האָט זיך דער אעראָפּלאַן אָנגעהויבן לאָזן אויף אַרונטער. נאָך א ריי „הקפות" האָט ער, ווי א פויגל, באַרירט דעם באָדן און, נאָך א קורצן „געלויף" איבערן באַגראָזטן פעלד, געבליבן שטיין.

קאַפּיטל נײַנצן

אויפֿן וועג קיין קאַלינינדאָרף

1

פֿונעם לופֿט־פּאָרט ביז ניקאָלאַיעוו איז אַ שטרעקע פֿון עטלעכע ווייאָרסט. אויב איר ווילט, קאָנט איר אויסמײַדן די שטאָט און נעמען די באַן נאָך קאַלינינדאָרף אויף דער באַן־סטאַציע, וואָס געפֿינט זיך דערבײַ. די עטלעכע שעה, וואָס איר דאַרפֿט וואַרטן אויפֿן צוג, אויב ער וועט בכלל זײַן אין דער צײַט, קאָנט איר פֿאַרברענגען אויפֿן פֿעלד, וואָס גיט אײַך אַ בילד פֿון עכטן אוקראַיִנישן סטעפּ, — פֿלאַכלאַנד, ווי ווײַט אײַער אויג קאָן נאָר זען, קיין בוימעלע און קיין בערגעלע איבערצוברעכן די מאָנאָטאָניע, — אָדער אין הויז, וואָס געפֿינט זיך דאָרט און דינט אַלס ביוראָ, וואַרט־צימער און וווינונג פֿאַרן וועכטער פֿון לופֿט־פּאָרט.

אַ יוסטע, אוקראַיִנישע גויע נעמט אײַך אויף מיט פֿרײַנטשאַפֿט. מיר זענען הונגעריק און ווילן וויסן, אויב מען קאָן קריגן וואָס צו עסן.

אוודאי קאָן מען. זי זאָרגט תּמיד, אַז פּאַסאַזשירן זאָלן האָבן וואָס זיי ווילן. זי דאַרף בלויז אַ זוך טאָן, וואָס פֿאַר אַ שפּײַז עס איז דאָ אין רעזערוו. עס איז אָבער קענטיק, אַז איר איז נישט לײַכט צו געפֿינען, וואָס זי וויל. מיר הויבן שוין אָן צו צווייפֿלען, אויב זי וועט עפּעס אינגאַנצן געפֿינען. דער אויטאָבוס, וואָס פֿירט די פּאַסאַזשירן פֿון לופֿט־פּאָרט קיין ניקאָלאַיעוו, האַלט שוין בײַם אַוועקגיין. פֿאָרן מיר נישט מיט, וועלן מיר דאַרפֿן פֿאַרברענגען שעהן אין דאָזיקן אײַנזאַמען פּלאַץ מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַז מיר זאָלן די גאַנצע צײַט הונגערן.

זאָגן מיר דער גויע, אַז זי דאַרף זיך מער נישט באַמיען. מיר פֿאָרן קיין ניקאָלאַיעוו.

דער אויטאָבוס, וועלכער איז געבויט פֿאַר משא, איז אַן אָפֿענער. די לופֿט איז קאַלט, כאָטש די זון שײַנט. מיר פֿאָרן דורך

דע־פער און פעלדער, ווו פויערים טוען פארשידענע ארבעטן. איצט, אז איר זענט אויף דער ערד און איר זעט אלץ קלאר, באקומט אלץ א מעלאנכאליש ־ און אומעט־אניאגנדיק: אויסזען.

די הייזער זענען אָרעם, די מענטשן עלנט און די ערד, צום ווייניקסטנס ארום ניקאלאיעוו, פארלאזן און בלויז אין טייל באארבעט.

אז איר דערנענטערט זיך צו דער שטאט, הויבט איר אן פילן, אז וואס דער פאל זאל נישט זיין מיט אנדערע שטעט, ניקאלאיעוו, וועלכע ווערט גראד פארעכנט פאר א וויכטיקן צענטער דערפאר, וואס דארט געפינט זיך א גרויסע שיפן ־ בוי ־ פאבריק, איז וואס איז נוגע סאניטאציע נאך גאר פרימיטיוו, ווי אין די פאר־מלחמה־יארן.

כאטש עס איז שוין געווען לאנג נאכמיטאג, האט איר באגעגנט גאנצע רייען פויערישע פורן, אויף וועלכע עס זענען געפירט געווארן קייפלעך מיטן אפפאל פון דער שטאטישער באפעלקערונג, פארפעסטנדיק די לופט מיטן שוידערלעכן גערוך. די משא איז אויסגעלאדן געווארן טאקע דארט, ווו מיר האבן זיי באגעגנט.

די פויערים, אפגעריסענע, אפגעשליסענע, האבן געהאלטן שטיקער שווארץ ברויט אין זייערע אפענע בוזימער און, רייסנדיק שטיקלעכווייז מיט זייערע ברודיקע פינגער, עס געהאלטן אין עסן.

די שטאט ניקאלאיעוו, וועלכע איך האב ע״שט גוט באקוקט אויף מיין צוריקרייזע, זענען מיר בלויז דורכגעפארן און זיך געפילט דערלייכטערט, ווען מיר האבן דערגרייכט די באן־סטאציע.

ווי אלע באן־סטאציעס, זענען דארט די ווארט־צימערן צעטיילט אין אן ערשטן און דריטן קלאס. אין דריטן האט איר די גאנצע מאסע פון ארעמע פאסאזשירן, וואס באלאגערן דעם ארעמען און האלב ־ ליידיקן בופעט, ווו דער הויפט־פארקויף איז הייס וואסער. מען קריגט דארט אויך שווארץ ברויט און פארשידענע קליינקייטן צום ברויט.

אין ערשטן קלאס געפינען זיך שוין די געהויבענע פאסאזשירן, די, וואס האבן גענוג געלט צו באצאלן פאר א מאלצייט,

וואָס ס'ווערט דאָרט סערווירט פון שווער - פאַרהאַרעוועטע מייד־לעך, וועמעס צאָל איז גאָר נישט בערך צו־קליין לגבי דער גרוי־סער צאָל געסט.

א מאָלצייט קאָסט דאָרט פון צוויי און א האַלב ביז פינף רובל. מען קאָן אָבער נעמען נישט מער, ווי איין געריכט, א זופּ, א שטיקל פלייש, קאַשע, טיי אָדער עפּעס אַנדערש. באַנוגענען זיך די מערסטע טאַקע מיט דאָס מינימאַלסטע, האָבנדיק מיט זיך זיי־ער אייגן ברויט. וואָרום אָן ברויט פאָרט מען אין סאָוויעט־רוס־לאַנד נישט אַרויס פון הויז, ווייסנדיק גאַנץ גוט, אז מען קאָן אוי־טערוועגס האָבן שוועריקייטן עס צו קריגן.

אויף דער ניקאָלאַיעווער באַן־סטאַציע קאָן מען אָבער גראָד יאָ קריגן ברויט. דאָס פאַרקויפט מען אינעווייניק און אויך אין דרויסן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

איז טאַקע אַרום דעם ברויט־ביידל תּמיד א געדראַנג. פּאַסאַ־זשירן, וואָס וואַרטן אויף זייער צוג, און פּאַסאַזשירן, וואָס כאַפּן זיך אַרונטער פון די צוגן, וואָס שטעלן זיך אָפּ, שטופּן זיך און רייסן זיך צום ביידל, ווו ברויט ווערט פאַרקויפט צו די באַשטימ־טע רעגירונגס־פּרייזן.

ווייסנדיק שוין, אז איך דאַרף זיך אָנגרייטן ברויט פאַר מיין באַזוך אין קאַלינינדאַרף, האָב איך זיך אויך א לאָז געטאָן צום ביידל, און צום ערשטן מאָל, וואָס איך האָב געפילט דעם טעם פון שטיין אין „אָטשערעד" פאַר ברויט, כאָטש דאָס איז ווייט נישט געווען קיין „אָטשערעד" מיט א סדר, נאָר ווו יעדער האָט פּרובירט דעם צווייטן פאַרכאַפּן דעם וועג.

עס איז געווען אָט אַרום דאָזיקן ברויט־ביידל, וואָס איך האָב צוגעזען א פּאַטעטישע סצענע — א סצענע, וואָס איך האָב דער־נאָך געזען ווידערהאָלט אין א ריי אַנדערע שטעט און שטעט־לעך.

אַרום די ברויט־קויפער האָבן זיך אַרומגעדרייט אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יינגלעך און מיידלעך, פאַרהונגערט, „בלוי" פון קעלט, בעטנדיק זיך מיט גרויס רחמנות, מען זאָל זיי שענקען א שטיקל ברויט.

זיי האָבן אין מיינע אויגן אויסגעקוקט, ווי הונגעריקע פויגל אין ווינטער — וואָס וואַרפן זיך צו יעדן אָפפאַל, וואָס ווערט אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן.

די מיידלעך, וואָס וועגן־אויס דאָס ברויט צו די קונים, זעענען זייער פּאַרזיכטיק, אַז די וואָג זאָל זיין אַ פּינקטלעכע. זיי וועלן אייך נישט געבן קיין פאַלשע וואָג, באַזונדערס ווען דער קונה שטייט דערביי און האַלט די אויגן אויפן וואָגשאָל. זיי וועלן אייך אָבער אויך נישט געבן קיין „פּענעצל" ברויט איבער דער וואָג.

דאָס מיינט, אַז יעדער קילאָ אָדער צוויי קילאָ ברויט איז זעלטן אין איין שטיק, נאָר באַשטייט פון איין גרויס שטיק און דאַן קלענערע שטיקלעך ביז גאָר פּיצענאָנציקע שטיקלעך, וואָס די פאַרקויפערינס האַלטן אין צולייגן און אין אַרונטערנעמען, ביז זיי טרעפן־צו די פּינקטלעכע וואָג.

קיין פּאַפּיר איינצוּוויקלען דאָס ברויט גיט מען אייך נישט. כאַפּט יעדער דאָס ברויט אין די הענט און האָט אויסער די גרויסע שטיקער אויך קליינע שטיקעלעך, ממש ברעקלעך.

אָט די דאָזיקע ברעקלעך האָבן די „גוטהאַרציקע" קויפער געהאַלטן אין אוועקגעבן די הונגעריקע קינדער, וועלכע האָבן עס געכאַפּט מיט גרויס זשעדנעקייט און עס פאַרשלונגען, ווי הונגעריקע קראָען.

ווען איך האָב געהאַט געקויפט מיין ברויט, באַשטייענדיק פון צוויי קילאָ, בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ פיר־זעקס הונגעריקע קינדער, און האָב זיי אוועקגעשענקט דאָס גאַנצע ברויט. עס איז געוואָרן אַ רייסעריי צווישן זיי און די שטיקער ברויט זענען ממש צעפּיצלט געוואָרן אין זייערע הענט.

די, וואָס האָבן עס צוגעזען, האָבן מסתמא געמיינט, אַז די קינדער האָבן מיט געוואַלט פון מיר אַרויסגעריסן דאָס ברויט, און זענען מיר באַלד געקומען צו הילף, בייזערנדיק זיך אויף די קינדער, פאַרוואָס זיי זענען באַגאַנגען אַזאַ „נבלה".

אימיצער האָט אפילו שוין זיך געהאַט פאַרמאָסטן צוריקצונעמען דאָס ברויט פון די קינדער. איך האָב זיי אָבער פאַרזיכערט,

אַז איך האָב עס זיי אָװעקגעשענקט און איך האָב געקאָנט באַמערקן די גרויסע איבעררעשונג פון די צוקוקער.

אויסדרייענדיק זיך צוריק צום בײדל צו קויפן ניי ברויט, האָב איך געהערט, ווי איינער באַמערקט צום צווייטן הינטער מיינע פּלייצעס:

— נאָר אַן אַמעריקאַנער האָט זיך אַזוינס געקאָנט פאַרגינען!

2

די רייזע מיט דער באַן פון ניקאָלאַיעוו קיין קאַלינינדאָרף נעמט אַרום דריי שעה, אָבער עס דוכט איך, אַז עס דויערט אַ וואָך, אַזוי מיד און אַזוי שווער פאַלט אויף אייך די נסיעה.

איר מוזט פאָרן אין דער „באַרימטער" דריטער און פערטער קלאַס, וווּ עס איז תמיד אַזוי געפּאַקט, אַז אפילו די אויבערשטע בענק, וועלכע זענען געוויינלעך צום שלאָפן ביינאַכט, זענען פאַרנומען.

אין מיטן העלן טאָג ליגט מען דאָרט אויסגעצויגן און מען שלאָפט געשמאַק, מיט די שטיוול אָדער שיך, וועלכע זענען דאָס רוב פול מיט לעבער, אַרויסשטעקנדיק איבער אייער קאָפּ.

פּויערים און פּויערטעס מיט אַלערליי קלומיקעס פאַרנעמען אַלע בענק אונטן און זיצן אפילו צווישן די בענק אויף זייערע פּעקלעך.

ביי יעדער סטאַציע שטעלט זיך אָפּ דער צוג און עס קוקט אויס, ווי ער וואָלט פון דאָרט גאָרנישט געוואָלט אַוועקגיין.

ביי יעדן אָפּשטעל אַ ניי געדרודער, פּאַסאַזשירן שטייגן־אַראָפּ און שטייגן־אַרויף. אַ געדראַנג פון פּאַסאַזשירן, וואָס לויפן מיט זייערע קענדלעך אָדער פלעשער זוכן וואַסער אָדער עפּעס איינקויפן ביי די בופעטן, וועלכע זענען דאָס רוב ליידיקע.

די הויפּט־סחורה, וואָס איר זעט, זענען עפּלעך, קליינע, מאָגערע, „מפילעך". איר קויפט זיי אויפן פונט. אַריבער אַנדערטהאַלבן רובל אַ פונט. אָבער די שוועריקייט איז, זיי אַוועקצוטראָגן אין אייערע בלויזע הענט. זיי גליטשן זיך אַרויס פון צווישן די פינגער און איר האָט אַן אַרבעט „נאָכצויאָגן" זיך נאָך זיי.

מיינע געדאַנקען זענען שוין געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט די יידישע קאָלאָניעס. איך האָב זיך משער געווען, אַז צווישן די פּאַסאַזשירן מוזן זיך געפינען אַ סך יידישע קאָלווירטניקעס.

אויב פון די קליידער איז געווען שווער אונטערצושיידן פון ייד ביז נישט־ייד, האָבן אָבער די פּנימער באַלד עדות געזאָגט, וואָס פאַר פאַרשוינען דאָס זענען.

איך האָב שוין געהאַט באַמערקט יידישע פּנימער, שוואַר־פאַרהאָרעוועט, מיט „יידישע" אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויס־געקוקט דער גאַנצער יידישער צער.

עס זענען אויך געווען עטלעכע יונגעלייט מיט יידישע פּנים־ער, אָבער גאַנץ האַפּערדיקע און זיכערע. זיי זענען אויך געווען בעסער אָנגעטאָן, ווי די אַנדערע. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז קיין געוויינלעכע ערד־אַרבעטער זענען זיי נישט. יעדער איז געווען עפּעס אַ שטיקל טשינאָווניק, פאָרזיצער פון אַ דאָרף אָדער עפּעס אַנדערש.

אַ פּשוטער קאָלווירטניק וואָלט אַזוי נישט געווען אָנגעטאָן און וואָלט נישט אויסגעקוקט אַזוי צופרידן.

מיין אויער האָט אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין רוסיש, פּלוצים אויפגעכאַפּט אַ יידיש וואָרט. איך האָב זיך אומגעקוקט. אויף דער צווייטער באַנק, נישט ווייט פון מיר, איז געזעסן אַ בלאָנד ווייבל מיט לאַנגע צעפּ — אַ געזונט, דאָרפיש פּנים.

זי האָט גערעדט צו אַ יונגנמאַן פון דעם „טשינאָווניק"־טיפּ וועלכער האָט איר גראָד געהאַלטן אין ענטפערן מער אויף רוסיש, ווי אויף יידיש.

— איר זענט פון קאַלינינדאָרף? — האָב איך זיך געווענדעט צו דער פרוי, זיך באַלד פילנדיק היימיש מיט איינער, וואָס רעדט אַזאַ פיינעם יידיש.

— פון קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, אָבער נישט פון קאַלינינ־דאָרף גופא, — האָט זי מיר געענטפערט. — איך געהער צו אַ דייטשן קאָלכאָז.

— אַ דייטשן? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— וואָס וווּנדערט איך אַזוי? — האָט זי מיר געשטעלט אַ פראַגע אויף צוריק. — איך בין אַ דייטשקע.

— אַ דייטשקע? אָבער איר רעדט דאָך אַזאַ פיינעם יידיש! דאָס בלאָנדע ווייבל האָט זיך צעלאַכט.

— און וואָס איז דען? — מיר קענען אַלע יידיש! מיר האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט צווישן יידן.

האָב איך זיך געווענדעט צום בחור, וואָס איז געזעסן אַנט־קעגן איר.

— איך אָבער, אויף וועמען איך דערקען דייטלעך, אַז איר זענט אַ ייד, קומט אָן יידיש צו רעדן שוין אַביסל שווערלעך?

— איך זאָל עס זאָגן, — האָט יענער מיר געענטפערט. — איך האָב קיין יידיש אינגאַנצן נישט געקענט, ביז וואַנען איך בין געשיקט געוואָרן אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, איינער פון די, וועמען די פּאַרטיי האָט געשיקט העלפן דורכצופירן די קאָלעק־טיוויזאַציע.

— אָבער איצט רעדט איר יידיש תּמיד? — האָב איך פרוּ־בירט טרעפן.

— גראָד זעלטן! — האָט ער צוגעגעבן. — צווישן זיך רעדט מען מער רוסיש, ווי יידיש, און אפילו מיט די קאָלווירטניקעס קומט אויך אוים צו רעדן מער רוסיש, ווי יידיש.

— קאַלינינדאָרף איז דאָך אָבער אַ יידישער ראַיאָן, און ווי איך פאַרשטיי, איז יידיש די אָנערקענטע, אָפיציעלע שפּראַך? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז טאַקע אַזוי, אָבער אָנערקענט צי נישט, אָפיציעל צי נישט, רוסיש רעדט מען לייכטער און מער, ווי יידיש — איז געוועזן זיין ענטפער. און נאָכדענקנדיק פאַר אַ מאָמענט, האָט ער צוגעלייגט: — און ווער דאַרף יידיש אינגאַנצן? באַשר עס זענען נאָך פאַראַן שלימזלניקעס, וואָס פאַרשטייען נישט גענוג רוסיש עס וועט אָבער לאַנג נישט נעמען און אַלע וועלן רעדן רוסיש און מ'וועט מער נישט דאַרפן קיין יידיש אינגאַנצן.

איך בין מיט זיין דערקלערונג נישט געווען צופרידן און

האָב עס אפילו געהאַט אָנגענומען בעת מעשה פאַר ווייט נישט־מאַסגעבנדיק.

— איך הער דאָך, אַז אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, ווי אין אַנדערע יידישע ראַיאָנען, זענען די שולן יידישע און עס זענען דאָרט פאַראַן אפילו העכערע לער ־ אנשטאַלטן, ווו די אונטער־ריכט־שפּראַך איז יידיש. אודאי קאָן מען דאָך נישט לערנען אַ שפּראַך, כדי איר באַלד צו פאַרגעסן אָדער אויפצוגעבן.

דער בחור האָט זיך אַ גלעט געטאָן איבער דער מאָרדע, ווי דאָס גאַנצע פּראָבלעם וואָלט פאַר אים געווען ניי.

— ס'זענען טאַקע פאַראַן אַזעלכע צווישן אונז, וואָס מיי־נען, אַז מען דאַרף און אַז מען קאָן אויפהאַלטן די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור, כאָטש זיי אַליין קאָנען אויך נישט דערקלערן, פאַר וועלכן שוואַרץ־יאָר זיי דאַרפן עס, — האָט ער געזאָגט. — אָבער ווער רעכנט זיך מיט אַזעלכע טרוימער און גלאַט בטלנים? מיר האָבן וויכטיקערע אויפגאַבן פאַר זיך: דעם עקאָנאָמישן איבערבוי פון אונזער גאַנצער ווירטשאַפט. שפּראַך און ליטעראַטור זענען נאָר מיטלען צום צוועק און נישט קיין צוועקן פאַר זיך. הײַנט צו וואָס זיך קימערן, אין וועלכער שפּראַך איינער רעדט? דער עיקר — יענער זאָל איך פאַרשטיין.

— און וואָס איז מכח יידישקייט? זאָל עס זיין יידישקייט אויפן קאָמוניסטישן שטייגער? — האָב איך געפרעגט. — דענקט איר נישט, אַז עס איז אין אַ יידיש האַרץ פאַראַן אַ באַהאַלטענער באַגער פאַר דער אייגענער ליטעראַטור?

— דאָס קאָן נאָר איינפאַלן אַן אַמעריקאַנער, וואָס דענקט נאָך מיט אַ קליינבירגערלעכען מח, — האָט ער געזאָגט, ווי אַלץ וואָלט ביי אים געווען קלאָר און באַשטימט. — ביי אַ קאָמוניסט קאָנען אַזעלכע געדאַנקען נישט קומען. און אויב עס זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס חלומען פון דעם, וואָס איר רופט יידיש־קייט, געהערן זיי צו די „רעשטלעך" פון דער אַלטער אָרדענונג, וואָס דאַרפן ליקווידירט ווערן.

איך האָב איצט ווידער געשענקט מיין אויפמערקזאַמקייט צו

דער דייטשקע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן און זיך צוגע־הערט צו אונזער שמועס.

— און וואָס זאָגט איר דערצו? — האָב איך, ווי אין שפּאַס, בײַ איר אַ פרעג געטאָן.

די דייטשקע האָט מיך אָנגעקוקט האַלב אין שטוינען.

— וואָס האָב איך צו זאָגן וועגן אַזעלכע ענינים? וואָס ווייס איך וועגן דעם? איך בין נישט מער, ייו אַ פּראָסט־ע פרוי־ענטע.

— אָבער יידיש איז דאָך אַ שפּראַך, וואָס איר רעדט אַזוי פליסיק. גלויבט איר דען, אַז יידן הערן אויף צו רעדן יידיש אָדער ווילן אויפהערן רעדן זייער שפּראַך? — האָב איך איר געפרעגט.

— אַלץ, וואָס איך ווייס, — האָט זי מיר געזאָגט, — איז, אַז אין דייטשן קאָלכאָז רעדט מען אַ סך מער דייטש, ווי יידיש אין די יידישע קאָלכאָזן. איך ווייס אויך, אַז אַ סך דייטשע קינ־דער, ווען זיי קומט אויס צו גיין אין אַ שולע, ווילן דווקא, אַז זייער אונטעררעכט־שפּראַך זאָל זיין דייטש. אַ סך יידן ווילן אָבער דווקא, אַז מען זאָל זייערע קינדער לערנען רוסיש און אוקראַיניש, אָנשטאָט יידיש, דערפאַר, וואָס זיי זאָגן, אַז מיט יידיש וועט מען ווייט נישט קאָנען גיין, אָבער מיט רוסיש און אוקראַיניש וועט מען זיך קאָנען מאַכן מער נוצלעך אין לעבן. ווייס איך באמת נישט, ווער עס איז גערעכט.

3

עס איז געווען נאָך זונען־אונטערגאַנג, ווען די באַן איז גע־בליבן שטיין אין אַ מיטן פעלד.

— דאָ גייען מיר אַרונטער, — האָט צו מיר געזאָגט דער „אָרט"־פאַרטרעטער.

איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען שוין אין קאַלינינדאָרף. עס איז אָבער נאָך נישט געווען קאַלינינדאָרף. עס איז בלויז גע־ווען די „סטאַציע". פון דאָרט האָבן מיר נאָך געדאַרפט פאָרן מיט אַן אויטאָבוס אָדער וואָגן אַ זיבן קילאָמעטער.

דער איינציקער אָפענער אויטאָבוס, וואָס האָט געוואַרט, איז

באַלד אָנגעפּאַקט געוואָרן. מענער און פרויען האָבן זיך גאָר אויפן „יידישן" שטייגער אַ לאָז געטאָן צום אויטאָ און זיך געשטופּט און געשטויסן ביז וואַנען עס איז נישט געבליבן קיין פּלאַץ אפילו אין וואָס זיך אָנצוהענגען.

מיר האָבן געמוזט זוכן אַ פּשוטן בעל־עגלה, וועמען עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּאַסאַזשירן, אַלע באַלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך.

דער וואָגן, וועלכן מיר האָבן אויסגעקליבן, האָט קוים גע־האַט פּלאַץ פאַר די פינף פּאַסאַזשירן, וואָס זענען דאָרט אַריינגע־פּאַקט געוואָרן, אַ חוץ די משא.

איך וואָלט שוין בעסער געגאַנגען צופוס, אײדער אַזוי צו פאָרן. מיין באַגלייטער האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָס וואָלט געווען אוממעגלעך, בפרט, אַז די נאַכט האָט שוין געהאַלטן אין צופאַלן.

דער בעל - עגלה, אַ יידישער יונגערמאַנטשיק מיט אַ פּאָר־גוואַיִשטע אויסזעז. האָט אַ שמיץ געטאָן די סוסים און מיר זענען באַלד געווען אויפן אוקראַיִנישן „סטעפּ", גלייך ווי דאָס אויג האָט געקאָנט זען אָן בוימער און אָן בערג.

די לופט איז געווען קאַלט. דער הימל קלאָר. קיין הייזער האָבן זיך נישט געזען אָדער זענען נישט געווען באַלויכטן, אַז מען זאָל זיי קאָנען זען אין דער אָנפאַלנדיקער טונקלקייט.

— עס קוקט אויס, ווי מיר וואָלטן געווען אין אַ מדבר, — האָב איך באַמערקט צו מיין באַגלייטער.

— איר האָט דאָ געדאַרפט זיין אין זומער און איר וואָלט עס נישט געזאָגט, — איז געווען זיין ענטפער.

איך האָב זיך צוגעהערט צום געשפּרעך פון צוויי פּאַסאַזשיר־קעס.

פון זייער קליידונג און אויסזען האָט מען קוים געקאָנט דער־קענען אויף זיי זייער יידישקייט. זיי האָבן גערעדט רוסיש.

פון זייער שמועס האָב איך אויפגעכאַפּט, אַז איינע האָט זיך געהאַט צוריקגעקערט פון אָדעס און די צווייטע פון כערסאָן. ביידע האָבן מיטגעפירט פּעק מיט עסנוואַרג, אייגנשליסנדיק ברויט.

— אין שטאָט איז כאָטש לייכטער צו קריגן ברויט, — האָט

געזאָגט די, וואָס איז געקומען פון אָדעס. — עס פעלט דאָרט גע־לט, אָבער אז מען האָט מיט וואָס, איז דאָ, וואָס צו קויפן. ביי אונז האָבן מיר ביידע זאַכן נישט, נישט מיט וואָס צו קויפן און נישט וואָס צו קויפן.

— אפשר וועט גאָט העלפן און איבעראיאַר וועלן מיר האָבן אַ בעסערן „אוראָזשאַי" (גערעטעניש), — האָט די צווייטע באַמערקט מיט אַ זיפץ.

— איבעראיאַר! — האָט די ערשטע אויסגערופן אַנטוישט.— וואַרט אַיף איבעראיאַר! איידער עס וועט קומען די נחמה, וועט ארויס די נשמה!

די לעצטע ווערטער האָט זי געזאָגט אין אַ פיין־קלינגנדיקן יידיש.

אויב איך האָב פריער נישט געהאַט קיין חשק אַריינצוגיין אין אַ שמועס מיט זיי, האָב איך, הערנדיק, אַז זיי זענען יידיש־קעס, אויך עפּעס געהאַט צו זאָגן און דווקא אין יידיש.

— איר רעדט אַלע אַזוי גוט יידיש! — האָב איך אויסגע־דריקט מיין פאַרוווּנדערונג. — פונדעסטוועגן רעדט איר נאָר רו־סיש.

— מען רעדט יידיש אויך, — האָט דער בעל־עגלה מיר פאַר־זיכערט. — אָבער רוסיש רעדט זיך שנעלער.

דער וועג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שלענגלען, האָט זיך פּלוצים פאַרנומען באַרג־אַרונטער און דאַן צוריק באַרג־אַרויף.

נאָך אַ קורצער שטרעקע און עס האָבן פונדערווייטנס אָנגע־הויבן פינקלען פייערלעך.

עס איז געווען קאַליגינדאָרף.

אַריבערגעפאָרן די בריק איבערן „אינגולעץ" און מיר זענען געווען אין דער קאָלאָניע.

קאַפּיטל צוואַנציק

אונטערן בייטש פון הונגער

1

קאַלינינדאָרף, דאָס אַמאָליקע „שדה מנוחה", איינע פון א גרופּע קאָלאָניעס, וואָס יידן האָבן געגרינדעט נאָך מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, געפינט זיך אויף א באַרגיקן באָדן, וואָס איז אין קאָנטראַסט מיטן פלאַכלאַנד פון דער געגנט אַרום. אַרויס־קוקנדיק אויפן טייך אינגולעץ, וואָס פליסט אַריין אינם גולעץ.

דאָס דאָרף באַשטייט פון צוויי לאַנגע, ברייטע גאַסן מיט קליינע, אָפּגעקאַלכטע הייזער, וואָס מאַכן אין זייער ווייסקייט אַן איינדרוק פון איינטאָניקייט.

כאָטש איך בין אָנגעקומען אין שטעטל אין אָוונט, האָט מען אָבער געקאָנט מערקן א געוויסע לעבהאַפטיקייט און באַוועגונג, וואָס האָט געזאָלט ווייזן אויף „גרויסשטאָטישקייט", צו וואָס קאַלינינדאָרף, אַלס צענטער פון ראַיאָן, רייסט זיך.

דאָס האָט מען הויפּטזעכלעך געקאָנט זען אַרום פאָלקס־הויז, וואָס איז די גרעסטע געביידע אין קאַלינינדאָרף און אין גאַנצן ראַיאָן, אַנטהאַלטנדיק פאַרזאַמלונג־צימערן, ווי אויך א טעאַטער, וווּ מען ווייזט כמעט יעדע נאַכט פילמס, און וווּ עס ווערן פון צייט צו צייט אויך געגעבן טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון גאַסט־טרופּעס.

עס מערקט זיך, אַז מען וויל מאַכן פון קאַלינינדאָרף א ווירק־לעכע „הויפּט־שטאָט".

קיין האָטעלן אָדער אַריינפאָר־הייזער זענען אין קאַלינינ־דאָרף נישטאָ. איך האָב צו אַלעמערשטן געדאַרפט טראַכטן פון באַזאָרגן זיך מיט א נאַכטלעגער. אויף דער עצה פון „אָרט"־פאָרשטייער האָב איך אָבער פריער פאַר אַלץ זיך געדאַרפט מעלדן צו די קאָמוניסטישע פירער פון ראַיאָן, ווו איך וואָלט צוערשט געמוזט האָבן זייער דערלויבעניש דאָרט אינגאַנצן צו זיין. איך בין באַלד אוועק אין צענטראַל ־ ביוראָ פון „רייאָוסּפּירקאָם", די

העכסטע אינסטאַנץ פון ראַיאָן. גראָד זענען אַלע פירנדיקע קאָ־מוניסטן געווען אויף אַ פּאַרטיי־זיצונג. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין פאַרנומען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב קיין אָפיציעלע „אויפנאַמע" נישט געקאָנט האָבן ביז אויף מאָרגן. עס איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען, ווי צו איינאָרדענען זיך אויף דער נאַכט אָן דעם וויסן און אָן דער אָפיציעלער דערלויבע־ניש פון די אמתע באַלעבאַטים פון ראַיאָן.

מיין באַגלייטער, דער פאָרשטייער פון „אָרט", האָב איך געקאָנט באַמערקן, האָט זיך געפילט שטאַרק אַנטוישט. ער האָט מיר געדאַרפט געפינען אַ נאַכטלעגער נאָך איידער ער האָט זיין „אורח" פאָרגעשטעלט פאַר די רעגירער און איידער ער האָט גע־קריגן זייער הסכמה פאַר מיין אָנוועזנהייט.

אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. ער האָט מיך באַ־זאָרגט ביי איינעם, וואָס איז אַליין נישט קיין קאָלווירטניק, אָבער וואָס באַוווינט אַ הויז, וואָס איז טיפּיש פאַר די קאָלווירטניקעס.

דאָס הויז, וואָס איז געווען נישט גרעסער ווי אַ געוויינלעכער חדר, איז געווען צעטיילט אין דריי חדרים, אַ קיך, אַ שלאָף־צימער און אַן עס־צימער. מיר האָט מען אָפּגעגעבן דאָס עס־צימער, וועלכעס איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ קליין דין ווענטל פון די אַנדערע חדרים.

כאָטש די ענגשאַפט אין הויז איז געווען גרויס, איז אָבער פאַר מיינע ווירטן, ווי איך האָב געקאָנט מערקן, נישט געווען קיין פּראָבלעם פון באַזאָרגן מיך מיט אַ געלעגער, נאָר פון באַזאָרגן מיך מיט עסן. דאָס איז געווען אַזעלכעס, וואָס זיי וואָלטן ביי זיי־ער בעסטן ווילן נישט געקאָנט. איך האָב אָבער געהערט, ווי מיין באַגלייטער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז איך האָב זיך אַליין מיטגע־בראַכט צום עסן, און מען האָט באַלד געקאָנט זען, אַז זיי האָבן זיך געפילט לייכטער אויפן האַרצן. זיי זענען געוואָרן פריילעכער און פריינטלעכער, אָנבאַטנדיק צו שטעלן טיי.

דער „טיי" איז באַשטאַנען פון הייס וואַסער מיט עפּעס פון אַ מיתה־משונהדיקן קאָליר, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַלץ אין

דער וועלט, אָבער נישט ווי טיי, און האָט נאָך ווייניקער געהאַט דעם טעם פון טיי.

אַלס צוקער האָט מען דערלאַנגט עטלעכע צוקערקעס, וואָס, צוליב דעם, וואָס זיי אַנטהאַלטן מער מעל, ווי צוקער, און אפשר אינגאַנצן קיין צוקער, נאָר סאַכארין, זענען אַ סך ביליקער און מער בנמצא, ווי צוקער.

דער פאַקט, וואָס ביז אויף מאָרגן בין איך געווען אָפיציעל אַ „נעלם״, האָט געמיינט, אַז איך האָב דעם גאַנצן אָוונט פריי. נישט וועלנדיק באַלעסטיקן מיינע באַלעבאַטים מיט פראַגן, וואָס האָט זיי געקאָנט זיין דערווידער, טאָקע צוליב דעם, וואָס איך געפין זיך אונטער זייער דאַך, בין איך אַליין אַרוים אין שטעטל.

צוערשט איז מיר איינגעפאַלן, איך זאָל פאַרברענגען דעם אָוונט אין קינאָ. אָבער איך האָב דאָרט בלויז געדאַרפט אָפּזיצן פינף מינוט און געמוזט אַוועק. מען האָט בכלל קוים געקאָנט זען, וואָס עס קומט פאָר אויפן ליוונט. די פיגורן זענען געווען בלאַס און צעצויגן און עס האָט געבלענדעט פאַר די אויגן. אַלע ווײַלע האָט זיך דער פילם איבערגעריסן און מען האָט געמוזט וואַרטן אין דער פינסטערניש ביז וואַנען ער וועט צוזאַמענגעקלעפּט ווערן.

דער עולם איז אָבער געווען געדולדיק, נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס מען איז געווען פאַראינטערעסירט אין פילם, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס מען האָט קיין ברירה נישט געהאַט. בעסערס האָט מען מסתּמא זעלטן געזען און צו טאָן עפּעס אַנדערש איז נישט געווען וואָס. איידער זיצן אינדערהיים, ווו עס איז קאַלט און אומעטיק, האָט מען געוואָלט זיצן אין טעאַטער.

איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן דעם פרייען אָוונט זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון די יידישע קאָלווירטניקעס.

נישט באַגעגענענדיק קיינעם אויפן גאַס, וועמען איך זאָל קאָנען אָפּשטעלן, איז ביי מיר געבליבן אַריינצוקומען אין ערשטן הויז, וואָס וועט מיר אויסקוקן אַלס טיפּיש. אַ תּירוץ האָב איך געהאַט אַ פאַרטיקן: אין דער פינסטערניש קאָן איך נישט געפינען דאָס הויז, ווו איך האָב מיין נאַכטלעגער.

איך האָב אָבער קיין תּירוץ גאָרנישט געדאַרפט. איך בין

אויפגענומען געוואָרן פריינטלעך, כאָטש אין אָנפאַנג מיט נישט ווייניק שרעק און חשד, אָנגעמענדיק מיר פאַר א „קאָמיסאַר" אָדער אַן אַנדער „שוואַרץ יאָר", ווי מען האָט זיך פאַר מיר שפּעטער מודה געווען.

הערנדיק, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, האָט מען באַלד צו מיר גערעדט, ווי צו אַן „אייגענעם" מענטשן.

— ווייס מען כאָטש ביי אייך, ווי שלעכט אונדז איז „אָ"? — האָט געפרעגט א מיטל־יאָריקער קאָלווירטניק, א מידער, א דער־שלאָגענער, מיט מאַטע, האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן.

— איז אייך דען טאַקע אַזוי שלעכט? — האָב איך געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי איך ווייס פון גאָרנישט. — איר האָט גוטן באָדן און די קאָלאָניע איז אַן אַלטע. א דאַנק דער קאָלעקטיווי־זאַציע זענט איר, אַזוי צו זאָגן, פאַקטיש שותפים, אָדער קעסט־קינדער פון א מלוכה, וואָס זאָרגט נאָר פאַרן פאָלק, היינט וואָס קאָן אייך פעלן?

דער קאָלווירטניק איז געווען צו־דערשלאָגן און צו־באַלאָדן מיט דאגות, ער זאָל כאַפּן דעם סאַרקאַזם מיינעם. ער האָט אָנגע־נומען, אַז דאָס רעדט איינער, וואָס איז שטאַרק באַגייסטערט פון סאָוויעטישן רעזשים.

ער איז געווען שטאַרק אַנטוישט. ער האָט אויך קענטיק מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך לכתחילה געהאַט „פאַררעדט", מיינענדיק, אַז ער קאָן פאַר מיר רעדן פריי.

— יאָ, איך האָב געדאַרפט וויסן, אַז אין אַמעריקע זענען אויך פאַראַן קאָמוניסטן, און איר זענט אודאי איינער פון זיי.

ערשט, אַז איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך בין עס נישט און אַז מיין צוועק איז אויסצוגעפונען דעם אמת, האָט ער גע־עפנט זיין האַרץ און געענטפערט אויף מיין פראַגע.

— צי אונדז איז שלעכט? קאָן שוין זיין ערגער, אַז מאַסן קאָלווירטניקעס זענען אָן ברויט? — טאַקע אמת, אַז דאָס יאָר איז געווען אַן אומגערעטעניש. אויב מען עסט, איז עס נאָך דעם קאָרן און ווייץ, וואָס איז איבערגעבליבן פון פאַראַיאָרן. א סך איז גאָרנישט איבערגעבליבן פון פאַראַיאָרן. הונגערן זיי בפועל ממש.

אָבער אַפילו נישט קיין אומגערעטעניש וואָלט געווען א סך בעסער? איר האָט געזאָגט, אַז מיר זענען די „שותּפים" אָדער די „קעסט־קינדער" פון דער מלוכה. אויב שותּפים, זענען מיר אַזעלכע, וואָס אונזער חלק איז דער נישטיקסטער. די מלוכה נעמט פון אונז צו כּמעט אַלץ. מען לאָזט אונז בדיל הדל, און אויב איר רופט עס קעסט־קינדער, וואָלט איך גיכער געזאָגט, אַז מיר זענען שטיף־קינדער ביי דער מלוכה. איר האָט דען אַ באַגריף, ווי מען עקס־פּלואַטירט אונז?

2

מיט דער הילף פונם דערמאָנטן קאָלווירטניק האָב איך יענע נאַכט געזען אַ היפּש ביסל אַנדערע קאָלווירטניקעס. איך בין אַפילו געווען אין הייזער, וווּ, ווי אַ פרוי האָט מיר פאָרויס געזאָגט, מען איז „געל ווי וואַקס", ליידנדיק ווירקלעכן הונגער. די פרוי האָט גאָרנישט געהאַט איבערטריבן. דאָס איז געווען אַ פאַ־מיליע, איינע פון פיל אַזעלכע פאַמיליעס, וואָס איז געווען פאַר־אורטיילט צו אַ הונגער־טויט, סיידן עפּעס זאָל פּאַסירן און זיי זאָלן קאָנען ווייטער האַלטן גוף און נשמה צוזאַמען. מענער און פרויען האָבן זיך אַרומגעדרייט אין פּאַקטיש ליידיקע הייזער, קאַלט און פינצטער, פייניקנדיק זיך אין הונגער און וואַרטנדיק אויפן טויט.

— קיין ברויט געפינט מען כּמעט אין ערגעץ נישט, — האָט מען מיר דערקלערט. — אַנדערע האָבן אַביסל קאַרטאָפל און קרויט. עס זענען אָבער דאָ אַזוינע, וואָס האָבן ממש גאָרנישט.

— נאַטירלעך האָפט מען אויף בעסערס. אַז עס וועט זיין אַ בעסער גערעטעניש, וועט אונז אויך זיין בעסער, — האָט מען מיר געזאָגט. — אָבער פריער פאַר אַלץ קומט די מלוכה. זי נעמט אַרונטער אירס, צי עס איז דאָ אָדער נישט. מיר זענען תּמיד די לעצטע. בלייבט עפּעס פאַר אונז, איז גוט. אויב נישט, אַרט קיינעם נישט.

איינער האָט מיר דעם ענין דערקלערט אויף אַזאַ אופן:

— פריער האָט מען פון אונז צוגענומען דאָס לאַנד, די בהמות, די שאָף. מען האָט אונז איבערגעלאָזט נאַקעט און הויל. די, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, — און מיט דעם מיין איך נאָמירלעך נישט, אַז יענע האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן מיט מאַכט, נאָר פּשוט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס איז נישט יושר־דיק, אַז דאָס מיינט רואינירן מענטשן, וואָס האָבן אין אַ כּך פֿאַלן שוין דאָ געלעבט פֿאַר דורות־לאַנג, — האָט מען זיי דער־קלערט אַלס „קולאַקעס", און וואָס פֿון זיי איז געוואָרן, זאָל עס ויערן פֿון אַלע שונאי ישראל. איך געפֿינט שוין בכלל איצט ווייניק פֿון די אַלטע יידישע קאָלאָניסטן. יענע איז געווען אַ סך שווערער זיך צו אונטערוואַרפֿן דער נייער אָרדענונג. האָט מען זיי צע־טריבן און געמאַכט תּחת חרבֿ. האָבן מיר איצט כּמעט אַ נייעם עלעמענט. אַ סך האָבן פֿריער גאָרנישט געהאַט און האָבן איצט גאָרנישט. עס איז אָבער אַלנפֿאַלס שווער צו לעבן. פֿון דעם, וואָס מען קריגט פֿון אַרבעטן איפֿן קאָלווירט, קאָן מען קוים אויסקומען. מען מוז דערצו האָבן אַ שטיקל באַלעבאַטישקייט, אַ גאָרטן, אַ קו, עטלעכע עופֿות, שעפּסן. די מלוכה זאָגט, אדרבה ואדרבה. זאָל עס טאַקע יעדער האָבן. אָבער, ווו נעמט מען דאָס געלט דערצו? די מלוכה גיט קיין געלט נישט פֿאַר דעם. דער „אָרט", דער „אַגראָ־דזשאָינט" גיבן אויך נישט, אָדער אַזוי ווייניק, אַז די הילף איז אַ נישטיקע.

— וואָס טוט מען דען? — האָב איך געפֿרעגט.

— מ'פּייניקט זיך, — איז געווען דער ענטפֿער.

ווי שווער עס איז די לאַגע פֿון די יידישע קאָלווירטניקעס אין קאַלינינדאָרפֿער ראיאָן איז צו זען פֿון דעם, וואָס דער „אָרט", וועלכער פֿירט דאָרט אָן זיין הויפּט־טעטיקייט, אָרדנט איין אין די קאָלווירטן וואַרשטאַטן פֿאַר פֿרויען־היט, טריקאָטאַזש און אַנדערע אַזוינע אַרבעטן, כּדי צו געבן די קאָלווירטניקעס אַ מעגלעכקייט פֿאַר זייטיקע פֿאַרדינסטן.

—הייסט עס, אַז די קאָלווירטניקעס, פּונקט ווי די שטאָטישע אַרבעטער, קאָנען מיט זייערע פֿאַרדינסטן אויפֿן קאָלווירט נישט אויסקומען? — האָב איך געוואָלט זיין קלאָר.

א יינגערער קאָלאָניסט, וועלכער האָט גראָד, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע איז אַ גוטע זאַך, האָט מיר אויף דעם געענטפערט:

— מיט דער צייט וועט אוודאי אַלץ געענדערט ווערן. יעדער קאָלווירטניק וועט האָבן גענוג פון אַלץ. דערווייל איז אָבער שלעכט. אוודאי מוז מען האָבן זייטיקע פּרנסות. אויב מען האָט נישט קיין אייגענעם גאָרטן און קיין אייגענע קו, מוז מען לכל הפּחות אַרבעטן אין דער זייט.

— הייסט עס, אַז דער קאָלווירטניק איז אין אַ געוויסן זין נאָך אין אַן ערגערער לאַגע ווי דער אַרבעטער אין שטאָט? — האָב איך ווייטער געפרעגט. — דער שטאָטישער אַרבעטער איז כאָטש גאַראַנטירט מיט זיין געהאַלט און האָט אין אַ געוויסער מאָס פּריווילעגיעס. דער קאָלווירטניק האָט נישט אַזוינע גאַראַנטיעס און האָט אויך נישט קיינע פּריווילעגיעס.

— אמת, — האָט יענער צוגעגעבן. — די איינאָרדענונג אין די קאָלווירטן איז אַזאַ, אַז יעדער קריגט באַצאָלט לויט אַ געוויסער מאָס, וואָס הייסט דער „אַרבעטס־טאָג", אָבער דאָס נעצאָלטס גייט נאָר אין דער פאָרם פון תבואה און אַנדערע פּראָדוקטן אויפן באַזיס פון דעם גערעטעניש, מיטן רעזולטאַט, וואָס דער קאָלווירטניק קריגט נאָר דאָס, וואָס עס בלייבט, נאָכדעם ווי די מלוכה נעמט אַרונטער אירס. דער קאָלווירטניק איז קיינמאָל נישט זיכער, וויפל ער וועט קריגן.

ווי דער שטאָטישער אַרבעטער, אַזוי אויך דער דאָרפישער קוקט־אַרויס אויף הילף פון קינדער און שטיצע פון קרובים אין אויסלאַנד.

— ווען נישט מיינע קינדער, — האָט מיר דערציילט אַן עלטערער ייד, — ווו וואָלטן מיר היינט געווען? דער עלטערער זון איז אַן אינזשינער. ער איז נאָך אַ בחור און ער שיקט אונז אַ טייל פון זיינע פאַרדינסטן און „פּאַיאָק", באַשטייענדיק פון ברויט און אַנדערע עסנווארגן. אָן דעם וואָלטן מיר דאָ אויסגעגאַנגען פון הונגער. מיר האָבן אויך אַ טאָכטער, וואָס אַרבעט אין דער „עס־טע־עס" (די מעכאַנישע טראַקטאָר־סטאַציע), די

מעכאַנישע אָפּטיילונג פון די קאָלווירטן. זי פאַרדינט נישט שלעכט און העלפט אונז אויך צוביסלעך.

— האָט די קאָלעקטיוויזאַציע פאַרבעסערט אייער לאַגע אָדער נישט? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע גראַד אַ יונגן קאָלווירט־ניק, וועלכער האָט פרעטענזיעס אויף קאָמוניזם. איך האָב אויס־געקליבן יענעם קאָלווירטניק פאַר דער דאָזיקער פראַגע, ווייל די ענטפערס, וואָס דער עלטערער טיפּ קאָלווירטניק אָדער דער פול־שטענדיקער קאָמוניסטישער טיפּ וואָלט מיר געגעבן, איז שוין מיר געווען באַקאַנט.

יענער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט.

— עס איז שווער צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַ־גע, — האָט ער געזאָגט. — וואָס איך וואָלט אָבער יאָ געזאָגט, איז, אַז קעגנערשאַפט צו דער מלוכה אין דורכפירן אירע פּלענער העלפן די קאָלווירטניקעס זייער ווייניק. פאַרקערט, עס מאַכט די לאַגע נאָך ערגער. די קאָלעקטיוויזאַציע וואָלט געבראַכט אַ סך בעסערע רעזולטאַטן, ווען די קאָלווירטניקעס וואָלטן נישט געצייגט קיין קעגנערשאַפט.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָב איך געוואָלט וויסן.— מיינט איר דען, אַז עס איז נאָך איצט אויך דאָ אַ קעגנערשאַפט?

— די אָפענע קעגנערשאַפט, וואָס איז געווען פריער איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, — האָט ער מיר דערקלערט. — זי איז באַזייטיקט געוואָרן דורך מאַכט. די קעגנערשאַפט, וואָס מען זעט איצט, איז אַ „פּסיכאָלאָגישע". דער עולם איז אַפּאַטיש. מען וויל קוים אַרבעטן. מען טוט אַלץ מעכאַניש, אָן חשק און אָן ווילן.

— און דאָס מיינט איר איז אַ חסרון?

— אַ חסרון, ווייל די קאָלווירטניקעס טוען קיינעם נישט אָפּ, נאָר זיך אַליין. אויב זיי זענען אַפּאַטיש און קעגנעריש, מיינט עס, אַז די רעזולטאַטן זענען ערגערע. מען נעמט נישט אַרונטער פון די פעלדער אַזויפיל, ווי מען וואָלט געקאָנט. דער פועל־יוצא? די רעגירונג נעמט אירס אַרונטער סיי־ווי. בלייבט פאַר די קאָל־ווירטניקעס ווייניק, אָדער גאָרנישט. מוזן זיי הונגערן. וואָלט נישט

געווען בעסער, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן די „פאַרגאַנגענהייט" און מאַכן שלום מיט דער קעגנוואַרט?

— זיי וועלן סוף כּל סוף מוזן אונטערגעבן. דער הונגער וועט זיי דערצו טרייבן.

און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער צוגעלייגט: — הונגער איז דער בייטש, מיט וועלכן די מלוכה האַלט די מאַסן אין שפּאַן. דאָס איז אַזוי מיט דער שטאָטישער באַפעלקערונג און דאָס איז אויך אַזוי מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

און עס איז בײַ מיר געוואָרן קלאָר, אַז דאָס, וואָס איז אַזוי האַרצלאָז און ברוטאַל — דאָס, וואָס מען לאָזט מענטשן אָב־זיכטלעך איבער צו זייער ביטערן גורל, ווי מען זעט עס אַזוי קלאָר אין די קאָלווירטן, וווּ מען הונגערט און די מלוכה קימערט זיך גאָרנישט וועגן דעם — איז אייגנטלעך בלויז אַ מעטאָד, — אַ מעטאָד צו צווינגען דעם עולם צו בויגן זיך פאַרן ווילן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

אַן אַנדער באַשטעטיקונג דערצו האָב איך געקריגן יענעם אָוונט פון גאָר אַ גרויסן ידען אין דער לאַגע. יענער, אַן אָפיציאַר, אין דינסט פון דער מלוכה, איז צוערשט געווען צוריקגעהאַלטן און שווייגנדיק, אָבער איז נאָכהער געוואָרן רעדעוודיק.

— סטייטש, — האָב איך געטענהט, — ווי לאָזט עס אַ מלו־כה מענטשן הונגערן? אויב עס איז געווען אַן אומגערעטעניש, פאַרוואָס האָט די מלוכה גענומען דאָס איריקע? און אויב נישט, וואָלט זי נישט געדאַרפט שיקן אַהער שפּייז פון אירע שפּייכלערס? אַט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, אַז אין געוויסע ערטער איז לעצטן זומער געווען אַן אומגערעטעניש אַ דאַנק די גרויסע טריקעניש, האָט די מלוכה באַלד געשיקט אַהין שפּייז! איז דען די מלוכה אין מאָסקווע ווייניקער „מענטשלעך", ווי די אַמעריקאַנער רעגירונג אין וואַשינגטאָן?

אויף יענעמס ליפּן האָט זיך באַלד באַוויזן אַ ביטערער שמייכל.

— אָט אין דעם ליגט דאָך אייגנטלעך די מאַכט פון דער רעגירונג אין מאָסקווע, — האָט ער מיר געענטפערט.

— די סאָוויעט־רעגירונג וויל דוקא אויף דעם אופן דיס־ציפּלינירן די מאַסן, זיי צווינגען צו זיין געהאָרכזאַם, מיט דער געטרייהייט פון הינט, וואָס קוקן־אַרוים צו זייערע באַלעבאַטים פאַר זייער שפּייז...

8

איך האָב געוואָלט וויסן וועגן גייסטיקן מצב אין דעם „דער־פאַלגרייכסטן" ראַיאָן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

— ווען איר רעדט „גייסטיקן", — האָט מיר דערקלערט א יונגער קאָלווירטניק, — מיינט איר דאָך אודאי אין א מאָדער־נעם זין. וואָרום אויב איר זוכט יידישן גייסט פון דעם אַלטן סאָרט: — רעליגיע, נאַציאָנאַליזם און נאָך אַזוינע זאַכן, זענען זיי שוין דאָ לאַנג ליקווידירט געוואָרן.

און מען האָט מיך איבערגעגעבן: אַלע אַלטע שולן זענען פאַרמאַכט געוואָרן. קיין נייע שולן לאָזט מען נישט בויען. און קיינער וואָלט זיי נישט געוואָגט בויען, אפילו ווען עס וואָלטן גע־ווען די מיטלען.

— וואָרום, פאַרשטייט איר, ווען עס קומט צו די דאָזיקע ענינים, איז דאָ, אין יידישן ראַיאָן, נאָך שטרענגער ווי אין די שטעט, — האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין. — אין די שטעט זענען פאַראַן העכערע אינסטאַנצן און דאָס רוב נישט קיין יידי־שע. יענע לאָזן זיך גיכער האַנדלען. דאָ זענען אָבער די יידישע קאָמוניסטן די מושלים בכפה. אונטערדריקן זיי אַלץ. וואָס איז יידיש, מיט אַן אייזערנער האַנט. איר ווילט א ביישפּיל? אָט וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט פאַריקן ערב ראש־השנה. יידן האָבן שטאַרק געגאַרט האָבן א מנין פאַר די ימים־נוראים. אָבער ווו נעמט מען א פּלאַץ צו דאַווענען, אז פאַר אַלץ מוז מען אָנקומען צו די קאָ־מוניסטן? איז אָבער דאָ א געזעץ, אז ווען עס שרייבן זיך אונטער פופציק מענטשן און צאָלן איין צו דרייערלעך פאַר יעדער חתימה, מוז מען זיי געבן א פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, אויב דאָס איז נאָר נישט פאַר קיין אַנטי־סאָוויעטישן צוועק. זענען טאַקע געווען

נאָך מער ווי די נויטיקע צאָל חתימות. די דרייערלעך, ווי שווער דאָס איז נישט געווען צו שאַפן, האָט מען אויך געגעבן. איז דאָך, דאַכט זיך, שוין אַלץ גוט? האָבן אָבער די קאָמוניסטן געפונען אַן אויסוועג. מיט אַלע חתימות פאַר זיך, האָבן זיי יעדערן באַזונדער גענומען אויפן „צימבל״. דער רעזולטאַט איז געווען, וואָס איינער נאָכן צווייטן האָט „צוריקגעצויגן״ זיין אונטערשריפט, מאַנכע נאָך מיט „דערקלערונגען״, אַז מען האָט זיי לכתחילה גענאַרט „פאַרפירט״, אָדער אַז זיי האָבן זיך ענדלעך „אַרומגעזען״, אַז זיי זענען אַליין געווען „פאַרפירט״. געבליבן זענען נאָר עטלעכע „פאַנאַטיקער״, אַזוינע, וואָס וואָלטן אפילו געווען גרייט צו גיין אין טורמע. אָבער זיי זענען שוין געווען ווייניקער ווי פופציק און די קאָמוניסטן האָבן זיי מיט פאַראַכטונג „גנעזעצלעך״ געקאָנט אָנזאָגן צו פאַרדינגען אַ פּלאַץ צום דאַווענען.

שחיטה איז פאַרבאָטן. לערנען קינדער רעליגיע איז אויך פאַרבאָטן. איז אָפיציעל נישטאָ קיין זכר פון יידישקייט אין די אַלע קאָלווירטן.

אָבער פּונקט ווי אין די שטעט, זענען דאָרט פאַראַן אַ סך, וואָס האַלטן יידישקייט און זיי טוען עס באַהאַלטענערהייט און ממש מיט מסירת נפש.

אייניקע פּרובירן אַליין לערנען מיט זייערע קינדער. עס זענען אפילו פאַראַן „מלמדים״, וואָס גנבענען זיך אַריין אין די הייזער אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און לערנען אַביסל יידישקייט מיט די קינדער.

עס זענען אויך פאַראַן באַהאַלטענע שוחטים.

דאָס קומט אָבער אָן מיט גרויסע שוועריקייטן און עס שטעקט דערביי אַ גרויסע ריזיקע.

קומט דערפאַר ביי אַ סך קיינמאָל נישט אַריין קיין פלייש אין הויז. אַ סך עסן טריפות, נישט דערפאַר, וואָס זיי ווילן, נאָר דערפאַר, וואָס זיי פילן זיך געצוווּנגען. איך האָב אפילו געהערט פון פאַלן, וואָס יידישע פרויען „זאַלצן״ און „כשרן״ חזיר־פלייש און אַנדערע נישט כשרע פליישן.

— איר האָט דערפאַר שולן, וווּ מען לערנט אייערע קינדער

אויף יידיש! — האָב איך פּרובירט ציען פֿאַרן צונג אַ קאָלווירט־ניק.

— ווייס איך וואָס! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — באַשר מיר האָבן קיין ברירה נישט און מוזן שיקן אונזערע קינדער אין די דאָזיקע שולן. ווען נישט, אסור, אויב מיר וואָלטן עס געטאָן. שוין בעסער אַ גויאישע שולע אינגאַנצן, איידער אַזוינע בלומרשט־יידישע שולן.

אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך באַצייכנט אַלס קאָמוניסט, האָט אייגנטלעך גאָר נישט געהאַט צו די שולן.

— וועמען אַרט עס, אַז זיי לערנען דאָרט נישט קיין רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליזם? — האָט ער מיר געזאָגט. — און וואָס זיי לערנען בכלל נישט וועגן יידן און יידישקייט, אַרט מיר אויך נישט. ווער דאַרף יידיש אינגאַנצן? אַן איינפֿאַל פֿון „טשור־דאַקעס", פֿון וועמען מיר וועלן נאָך אַמאָל מסתמא פּטור ווערן, ווי מען וועט פּטור ווערן פֿון אַ סך אַנדערע שלעק.

— פֿונדעסטוועגן, מוזט איר דאָך זיך פֿילן ווי ביי זיך אין דער היים! — האָב איך נישט אָפּגעלאָזן. — פֿאַרט אַ יידישער ראַיאָן! פֿאַרט אַ יידישע סביבה!

וועגן דעם זענען די מיינונגען געווען צעטיילט.

— עס וואָלט אפשר אַלץ גוט געווען, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין יידישע קאָמוניסטן אַלס באַלעבאַטים, — האָט איינער געזאָגט. — ווען יידן רעגירן איבער יידן, זענען זיי טאַקע די ערגסטע.

אַן אַנדערער האָט סתם דעם ענין אָוועקגעמאַכט מיטן האַנט.

— וואָס האָב איך פֿון די יידן אַרום און וואָס האָבן זיי פֿון מיר? — האָט ער געפֿרעגט אויף צוריק. — לעבן מיר דען ווי יידן? האָבן מיר דען געמיינשאַפֿטלעכע אינטערעסן אַלס יידן? עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט!

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

אויפבוי און צעשטערונג

1

דער פאַרטרעטער פון „אָרט" האָט שוין געהאַט צוגעגרייט, אַז איך זאָל זיך באַגעגענען מיט די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דעם ראַיאָן. ראַביטשאָוו, דער פּרעזעס פון „רייאָויספּירקאָם", און אַבראַמס, דער סעקרעטאַר, זענען געווען אָוועקגעפאָרן. עס איז אָבער געווען י. סיגאַל, דער וויצע־פּרעזידענט, און ער האָט מיר אויפגענומען אין זיין ביוראָ פאַר אַ לאַנגן אינטערוויו.

סיגאַל, וועלכער האָט מיר פון אָנפאַנג אויפגענומען זייער קאַלט, האָט זיך נאָכהער אַליין אָנגעוואַרעמט און איז געוואָרן פריינטלעך און צוגעלאָזט. ער איז געוואָרן אָפנהאַרציק און נישט פּרובירט פאַרבאַהאַלטן פאַקטן אָדער פאַרענטפערן זיך פאַר וועלכע עס איז דער־שיינונגען.

דער וויצע־פּרעזידענט פון „רייאָויספּירקאָם" איז אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, פון מיטעלן וווקס און מיט אַ פּנים, וואָס צייגט אויף יידישע (ער וואָלט עס מסתמא אָנגערופן קאָמוניסטי־שע) עקשנות. אַלס געוועזענער לעקטאָר אין אַן אַגראָנאָמישן אינסטיטוט, האָט ער פאַר מיר געהאַלטן אַ ווירקלעכע פאַכמענישע לעקציע וועגן דער גאַנצער קאָלעקטיוויזאַציע, וועלכע איז דורכ־געפירט געוואָרן אויף 75 פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער רוסישער לאַנדווירטשאַפט און אויף הונדערט פּראָצענט אין דער יידישער.

נישט נעמענדיק מער אין באַטראַכט די פאַרבליבענע פּויע־רים, וואָס זענען נאָך נישט קאָלעקטיוויזירט, זענען איצט פאַראַן צוויי באַשטימטע פאָרמען פון לאַנד־באַאַרבעטונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד: „די „סאָווכאָזן" און די „קאָלכאָזן".

די „סאָווכאָזן", דאָס זענען רײן־מלוכהשע אונטערנעמונגען און וואָלטן אין אַ געוויסן זין געקאָנט באַצייכנט ווערן אַלס לאַנד־ווירטשאַפטלעכע מלוכה־פאַבריקן. די אַרבעטער דאָרט קריגן גע־

צאָלט, ווי אין אַ פאַבריק, אַ באַשטימטן לוין, יעדער לויט זיין ווערט און לויט זיין אויסאַרבעטונג. זיי קריגן אויך זייער „פּאַיאָק", אַ געוויסע וואָג ברויט און אַנדערע עסנוואַרג און האָבן אויך, ווי פאַבריק־אַרבעטער, די פּריווילעגיע צו קויפן פאַר ביליקערע פּרייזן אין די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די „סאָווכאָזן".

פאַראַן „סאָווכאָזן", וואָס זענען אומגעהויער גרויס (שוין צו־גרויס אין דער מיינונג פון מאַנכע עקספּערטן), די מערסטע פון זיי פולשטענדיק מעכאַניזירט, באַאַרבעט מיט טראַקטאָרן און מיט אַלע אַנדערע מאָדערנע אַגריקולטור־מאַשינען.

די „קאָלכאָזן" ווידער זענען שוין פּויערשעווירטשאַפטן, באַאַרבעט קאָלעקטיוו אָבער אונטער דער פולער קאָנטראָל פון דער רעגירונג.

אָפיציעל דאַרף עס הייסן, אַז דאָס אייגנטום פון די קאָלכאָזן געהער נאָך אַלץ צו די פּויערים אָדער קאָלכאָזניקעס (דאָס וואָרט „פּויערים" ווערט איצט שוין מער נישט באַנוצט איז שייכות מיט די קאָלכאָזן) און אַז די מלוכה איז בלויז די אויפּפּאַסערין. עס איז דערפאַר, וואָס דאָס אייגנטום געהער נאָך, אַזוי צו זאָגן, צו די קאָלכאָזניקעס, וואָס די מלוכה צאָלט זיי נישט קיין באַשטימטן לוין, נאָר לויט דעם. וואָס עס ווערט ארונטערגענומען פון די פעלדער און לויט דעם סכום „אַרבעט־טעג", וואָס יעדער אַרבעט אויס.

דאָס, וואָס די מלוכה נעמט אַרונטער פאַר זיך, איז פאַר „שטייערן" און פאַר דעם, וואָס מען באַזאָרגט די קאָלכאָזן מיט מאַשינען, מעכאַניקער און אַנדערע נייטווענדיקייטן.

כדי צו מאָדערניזירן די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעט, האַלט די מלוכה אין איינפירן „עם־טע־עס"־אָפּטיילונגען אין אַלע טיילן פון לאַנד, וואָס מיינט סטאַציעס פאַר טראַקטאָרן און אַנדערע אַגריקולטורעלע מאַשינען. דאָס זענען זעלבשטענדיקע אָפּטיילונגען, פאַר וועלכע די קאָלווירטן דאַרפן צאָלן.

איז עס טאַקע צוליב אָט די אַלע צאָלונגען, סיי פאַר שטייערן און סיי פאַר דער נוץ פון מאַשינען, וואָס פאַר די קאָלכאָזניקעס

בלייבט אזוי ווייניק, נאָכדעם ווי מען הויבט זיך אָן פאַנאַנדער־רעכענען אויפן באַזיס פון דעם גערעטעניש.

האָט די מלוכה שוין לאַנג איינגעזען די נויטווענדיקייט צו דערלויבן אויך אין אַ געוויסער מאָס פון פּריוואַט ־ אייגנטום אין די קאָלכאָזן. יעדער קאָלכאָזניק מעג האָבן זיין אייגן הויז. גאָרטן, קו און הינער. ער איז אויך דערלויבט צו האָבן שעפּסן און אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס גייען מיט אַ לאַנדווירטשאַפטשלעכער באַלעבאַטישקייט.

דערווייל איז נאָך ווייט דערפון, אַז יעדער קאָלכאָזניק זאָל האָבן זיין אייגענע ווירטשאַפט. כדי דאָס צו האָבן, דאַרף מען האָבן געלט. די רעגירונג פון איר זייט גיט קיין זאַך נישט אומזיסט.

מוז דער קאָלכאָזניק קומען צו דער מלוכה פאַר אַ הלוואה. אָבער די מלוכה איילט זיך נישט מיט קיין הלוואות. די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „אָרט" און דער „אַגראָ־דזשאָינט", האָבן אויך נישט דעם קאַפּיטאַל פאַר דעם. דער קאַ־פּיטאַל, וואָס זיי האָבן פריער אַריינגעלייגט אָט פאַר די דאָזיקע צוועקן, איז אין משך פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, ווען אַ סך פון דעם, וואָס עס איז פריער אויפגעבויט געוואָרן, איז פאַרלאָרן געגאַנגען, שוין לאַנג פאַרשלונגען געוואָרן. קיין נייע פאָנדן זענען נישטאָ, אָדער זענען צו קליין נאָכצוקומען די באַ־דערפענישן פון די יידישע קאָלכאָזניקעס.

זענען דערפאַר די יידישע קאָלכאָזניקעס גאָרנישט אין קיין גינסטיקער לאַגע. זיי האָבן נישט די קליינע פּריוואַטע ווירט־שאַפטן, צו וועלכע זיי זענען באַרעכטיקט און זיי מוזן זיך דער־נערן נאָר פון דעם, וואָס זיי אַרבעטן־אויס אויף די קאָלכאָזן. אין אַ יאָר פון אַ גוט גערעטעניש איז נאָך ווי נישט איז. אין אַ יאָר פון אַ שלעכט גערעטעניש, מיינט עס פּשוט הונגער.

די מלוכה האָט מיט יעדן קאָלכאָזניק אַ באַזונדערן חשבון. אויב זי העלפט אינגאַנצן, איז עס נאָר די, וואָס זענען איר טריי. דאָס איז איינער פון די אופנים, מיט וועלכע מען צווינגט די קאָל־כאָזניקעס צו זיין געהאָרכזאַם.

דער „אָרט" עפנט דאָ און דאָרט וואַרשטאַטן און פאַבריק־לעך, אין וועלכע די פרויען און אפילו די מענער זאָלן ביי דער זייט קאָנען עפּעס פאַרדינען. „אָרט" ־ אָגראָנאָמען לערנען אויך די קאָלכאָזניקעס איינצופירן אינטענסיווע ווירטשאַפטן אויף זייערע קליינע שטחים פּריוואַטן באָדן, כּדי פון דעם אַרויסצוקריגן וואָס מער פּראָדוקטן. מען פּרובירט זיי אויך לערנען, ווי צו האָ־דעווען שאָף, וואָס דאַרף אַריינברענגען אַ שטיקל הכנסה, אַמאָל שטופּט אימיצן צו עטלעכע רובל זיך איינצושאַפן אַ „האַלבע" קו, וואָס מיינט בשותּפות מיט אימיצן אַנדערש. אָבער דערווייל איז נאָך אַלץ שלום אויף די יידישע קאָלכאָזן.

„חבר" סיגאַל איז איבערצייגט, אַז אַלע שוועריקייטן וועלן באַזייטיקט ווערן. ווען די יידישע קאָלכאָזניקעס וועלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז מען קאָן צוריקגיין צו דער אַלטער אָרדענונג פון פּריוואַט ־ אייגנטום און אַרבעטן גע־טריי פאַרן קאָלכאָז, וועט די פּראָדוקציע שטייגן און במילא אויך דער איינקונפט פון יעדן אַרבעטנדיקן קאָלכאָזניק.

— דערווייל האָבן מיר נאָך צו קעמפן מיט די „רעשטלעך פון דער אַלטער אָרדענונג", — האָט סיגאַל געזאָגט. — מיר האָבן פריער געהאַט גאָר אַ ביטערן קאַמף און מיר זענען אַרויס די זיגער. מיר זענען נאָך אָבער נישט אינגאַנצן פאַרטיק.

איך האָב געוואָלט וויסן, ווי שווער עס איז אָנגעקומען דער זיג איינצופירן די קאָלעקטיוויזאַציע אין די יידישע קאָלאָניעס.

סיגאַל איז געווען אָפנהאַרציק און דערקלערט, אַז מען האָט געמוזט גאָר ביטער קעמפן.

— אַז איר וועט שפּעטער גענומען ווערן דורך די יידישע קאָלכאָזן און וועט זען גאַנצע גאַסן, וואָס קוקן אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם — און איך אונטערשטרייך „פּאָגראָם" (סיגאַלס ווער־טער, וועלכע ער האָט געזאָגט, מעג איך ציטירן אין זיין נאָ־מען) — זאָלט איר וויסן, אַז דאָס זענען פאַרבליבענע צייכנס פון דעם ביטערן קאַמף, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די יידישע „קו־לאַקעס"...

ער האַלט אָבער, אַז דער קאַמף איז אין גרעסטן טייל געווו־

נען און אז אין משך פון עטלעכע יאָר וועט די לאַגע פון די יידישע קאָלכאָזניקעס זיך פאַרבעסערן.

— ביי 1937, מיטן סוף פון צווייטן פינף־יאָר־פּלאַן, און אַלץ וועט אויף די קאָלכאָזן זיין מעכאַניזירט. אַלע שפורן פ דער אַלטער אָרדענונג וועלן זיין אָפּגעווישט. די קאָלכאָזניקע וועלן זיין די טרייע אַרבעטער פון דער מלוכה און זיי וועלן זיין בעסער באַזאָרגט, ווי ווען עס איז פריער.

2

סיגאַל האָט שוין געהאַט געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל שפּאַנען פערד און מיך אַרויסנעמען איבער די קאָלכאָזן, באַשטי־מענדיק אַ יונגן אַגראָנאָם, אַז ער זאָל זיין מיין וועג־ווייזער. פון טעאָריע האָב איך געזאָלט איבערגיין צו פּראַקטיק.

איך האָב נאָך אָבער געהאַט עטלעכע פראַגן צו שטעלן:

— הייסט עס, — האָב איך אָנגעפאַנגען, — אַז די אָרדע־נונג אין די קאָלכאָזן איז אַ קאָמפּראָמיס צווישן מלוכה־אייגנטום און פּריוואַט־אייגנטום! זענען גאָר נישטאָ אַזוינע קאָלכאָזן, וואָס זאָלן זיין איינגעאָרדנט אויף ריין־קאָמוניסטישע יסודות, ווי דהיינו די „קבוצות" אין ארץ־ישראל?

איך האָב דערמאָנט די „קבוצות", מיט וועלכע איך האָב זיך געענוי באַקענט אויף מיין באַזוך אין ארץ־ישראל, בלויז אַלס ביי־שפּיל, נישט האָבנדיק קיין בעסערן ביישפּיל פון קאָלאָניעס אויף קאָמוניסטישע יסודות. דער וויצע־פּרעזידענט פונם „רייאָנים־פּירקאָם" האָט מיר געשענקט אַ מאָדנעם קוק.

— איך ווייס גאָרנישט וועגן די „קבוצות", וועגן וועלכע איר רעדט, — האָט ער געזאָגט שאַרף, — און זיי אינטערעסירן מיך נישט. אָבער צו ענטפערן אויף אייער פראַגע וועגן קאָמוניס־טישע קאָלכאָזן, וויל איך אייך זאָגן, אַז זיי זענען ביי אונז נישטאָ. זיי זענען נישטאָ אין גאַנץ סאָוועטרוסלאַנד.

— איז גאָר נישט געמאַכט געוואָרן קיין פּרווו צו שאַפן

אזוינע קאָלכאָזן, וואָס האָבן אייגנטלעך געדאַרפט זיין געגנטער צום הארצן די קאָמוניסטן, ווי די איצטיקע קאָלכאָזן?

— עס זענען גראָד יאָ געווען אזוינע קאָמוניסטישע קאָל־כאָזן, — האָט מיר סיגאַל דערקלערט. — אפילו דאָ, אין קאַלינינ־דאָרפער ראיאָן, האָבן מיר געהאט עטלעכע קאָלכאָזן פון דעם מין. זיי זענען אָבער אַלע „ליקווידירט" געוואָרן.

— דאָס קלינגט שוין טשיקאווע, — האָב איך באַמערקט. — אין א קאָמוניסטיש לאַנד זאָל מען אויפליזן קאָמוניסטישע קאָ־לאָניעס!

סיגאַל האָט אביסל אונטערגעשמייכלט, אָבער ער האָט מיר געענטפערט קלאָר:

— די קאָמוניסטישע קאָלכאָזן זענען אויפגעליזט געוואָרן, ווייל זיי זענען געווען א דורכפאַל, א פולשטענדיקער דורכפאַל. פון „קרעמל" אַליין איז געקומען דער באַפעל, זיי צו ליק־ווידירן.

— און איר האָט אָנגענומען א סיסטעם, וואָס איז ווייט פון קאָמוניזם? — האָב איך געוואָלט זיין קלאָר.

— אויב איר ווילט עס אַנדערש נישט באַצייכענען, ווי אויף דעם אופן, זאָל זיין אזוי, — איז געווען דער ענטפער.

— איז דאָך טאַקע מאָדנע, — האָב איך געוואָלט אויספירן א געדאַנק, וואָס האָט מיך געמאַטערט. — אין א לאַנד פון קאָ־מוניזם קאָנען קיין קאָמוניסטישע קאָלאָניעס נישט זיין און אין ארץ־ישראל, וואָס איז אין אייער מיינונג מסתמא דאָס לאַנד פון „קאַפּיטאַליסטישע טייוואַלים", זענען יאָ דאָ קאָמוניסטישע קאָ־לאָניעס און גראָד דערפאָלגרייכע? וואָלט אפשר נישט געווען קיין פלאַן, אז איר זאָלט שיקן א קאָמיסיע קיין ארץ־ישראל זיך צו לערנען קאָמוניזם פון די „קבוצות"?

סיגאַל האָט מיך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אי־בערצייגן, אויב איך מאַך פון אים נישט קיין שפּאַס.

איך בין אָבער געווען גאַנץ ערנסט.

— מיר זאָלן זיך לערנען פון ארץ־ישראל? — האָט ער גע־פרעגט ווי אין פאַרצווייפלונג.

— און פאַרוואָס דען נישט? איך בין איבערצייגט, אַז איך האָב אייך גאָר נישט איבערגעטריבן וועגן די „קבוצות".

ער איז פאַר אַ ווײַלע געבליבן זיצן ווי געפּלעפט.

— עט, נאַרישקייטן, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, ווי ער וואָלט אַפילו נישט געוואָלט צולאָזן אַזאַ געדאַנק. — מיר זאָלן זיך לערנען פון ארץ־ישראל און גראָד קאָמוניזם! — און ער האָט מאָדנע אַ לאַך געטאָן. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז פאַר אים געווען אַ פּיל, וואָס ער האָט נישט געקאָנט לייכט אַרונטערשלינגען.

שפּעטער, אַז מיר איז די פראַגע אויסגעקומען צו דיסקוטירן מיט אַנדערע אין ראַיאָן און אַזוינע, וואָס האָבן זיך מיט גאָר גרויסן אינטערעס נאָכגעפרעגט וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל בכלל און די „קבוצות" בפרט, האָט איינער געמאַכט די דאָזיקע באַמערקונג:

— און וואָס וווּנדערט אייך אַזוי? דאָרט אין ארץ־ישראל קאָן זיין קאָמוניזם, דער ריינער אידעאַליסטישער קאָמוניזם, ווײַל איר האָט צו טאָן מיט געקליבענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון שאַפן קאָמוניסטישע פונקטן פרײַוויליק, לויט ריינער איבערצייגונג. דאָ איז אָבער דאָך אַלץ אַרויפגעצוווּנגען. וויפל קאָמוניסטן האָבן מיר דאָ אינגאַנצן? איך מיין ריינע, ערלעכע, איבערצייגטע קאָמוניסטן? איר קאָנט זיי איבערציילן אויף די פינגער.

שפּעטער, אַז איך בין שוין געווען אין וואַגן מיט אַ פּאָר קאָמוניסטישע טוער אַלס באַגלייטער, אויפן וועג צו באַבראָווי־קוט, דעם געבורט־פּלאַץ פון יידיש־נאַציאָנאַלן דיכטער ש. פרוג, איז די פראַגע וועגן ארץ־ישראל ווידער אויפגעשווומען, וואָס האָט קלאָר געצייגט, אַז ארץ־ישראל איז די יידישע קאָמוניסטן אַרײַן אין די „ביינער".

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם שטיין, נעבן דעם אינגולעץ, אויף וועלכן פרוג פלעגט זיצן און אויסחלומען זיינע חלומות און שרײַבן דאָרט לידער.

כאָטש די קאָמוניסטן זאָגן אָפן, אַז זיי האַלטן נישט פון פּרוגן, יחוסט זיך אָבער דער גאַנצער ראַיאָן מיטן פֿאַקט, וואָס ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן, און מען ברענגט געסט ווייזן דעם שטיין בײַם טײַך.

— און מיר וווּנדערט, — האָב איך באַמערקט, — וואָס פּרוג וואָלט געשריבן, אויב ער וואָלט געלעבט איצט און געקאָנט זיצן אויפֿן זעלבן שטיין?

מאַנדעל, דער רעדאַקטאָר פֿון דעם „קאַלינינדאָרפֿער עמעס״, די ייִדישע צײַטונג, וואָס גייט אַרויס ספּעציעל פֿאַרן ראַיאָן, וועלכער איז געווען איינער פֿון די מיטפֿאָרער, איז געווען זיכער, אַז פּרוג וואָלט מער נישט געחלומט פֿון דעם לאַנד „כּנען״, נאָר וואָלט אָט דעם קאַלינידאָרפֿער ראַיאָן דערקלערט פֿאַר דעם „נייעם כּנען״...

— אָט קוקט, — האָט ער געזאָגט האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס. — דאָס לאַנד דאָ איז אַפֿילו בערגיק, וואָס דערמאָנט מסתּמא אָן פּאַלעסטינע. אָט זענען מיר בײַם אינגולעץ, וואָס איז אודאי נישט קיין ערגער טײַכל ווי דער ירדן. וואָס איז שייך דער צווייטער זײַט פֿון אינגולעץ, לאָמיר עס רופֿן דער „עבר הירדן״. אָבער דאָ בײַ אונדז האָבן מיר גאָר נישט קיין פּראָבלעם מיטן „עבר הירדן״. מיר האָבן שוין דאָרט אַ סך ייִדישע קאָלכאָזן און מיר וועלן האָבן נאָך מער.

— אויב דאָס, וואָס איר האָט דאָ, באַפֿרידיקט אײַך, איז עפּעס אַנדערש, — האָב איך געזאָגט. — איך בין אָבער זיכער, אַז פּרוגן, ווי וועלכן עס איז אַנדער ייִדן, וואָס האָט נאָך נישט אויפֿגעהערט חלומען זײַן ייִדישן חלום, קאָן עס נישט און וועט עס נישט באַפֿרידיקן.

מאַנדעל האָט זיך צעהיצט.

— וואָס פֿעלט אײַך דאָ? מיר האָבן דאָ אמתע אויטאָנאָמיע!

מיר זענען געפֿאָרן ווײַטער.

— און דאָ האָט איר אונדזער בית־עולם, — האָט איינער פֿון די מיטפֿאָרער מיר אָנגעצייגט אויף אַן אַרומגעצאַמט שטיק באָדן „פֿאַרזייט״ מיט קבֿרים.

— אָבער וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט, אָנווייזנדיק אויפן טויער. — איר האָט דאָך פאַרגעסן אַראָפּצונעמען דעם „מגן דוד"! ווי האָט איר געקאָנט פאַרזען אַזאַ זאַך? אימיצער וועט נאָך פאַר דעם, חלילה, פאַרשיקט ווערן קיין סיביר!

— אויף בית־עולמס דערלויבן מיר דעם מגן דוד, — האָט איינער פון די קאָמוניסטן באַמערקט. — עס איז דער איינציקער פּלאַץ, וווּ ער געהער!

— יאָ, דאָרט געהער אייער גאַנץ יידישקייט! — האָב איך אָפּגעענטפערט.

און איך האָב דערפילט, אַז איך האָב פאַר זיך מענטשן פון אַן אַנדער „שבט"...

3

וואָס איז נוגע די „יידישקייט" פון די יידישע קאָמוניסטן, האָב איך באַקומען אַ קלאָר בילד, ווען איך האָב באַזוכט אַ פּאָר יידישע שולן אין ראַיאָן.

וואָס איז שייך די שולן אַלס אַזעלכע, קאָן מען איינגנטלעך צו זיי גאָרנישט האָבן. די לערער זענען אינטעליגענט און איבער־געגבן צו זייער פאַך, די קינדער ווילע און דורשטיק נאָך וויסן.

די אונטעררייכטס־שפּראַך איז יידיש, און דער יידיש איז אַ ריינער און פיין־קלינגנדיקער. עס קלינגט אָנגענעם צו הערן, ווי קינדערלעך האָבן אַלע נויטיקע טעכנישע טערמינען אויסצודריקן זיך אויף יידיש.

אָבער אַז איר קוקט אַריין אין די לער־ביכער און איר זוכט עפּעס, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט יידישער געשיכטע און מיט יידיש לעבן, געפינט איר עס נישט.

עס איז יידיש, נאָר ווי ווייט דאָס האָט צו טאָן מיט דער שפּראַך; קיין יידישער אינהאַלט, קיין יידישע נשמה.

עס וואָלטן פּונקט אַזוי געקאָנט זיצן יאַפּאַנישע און כינעזי־שע קינדער און רעדן יידיש.

אין קלאַס פאַר ליטעראַטור האָב איך געהערט, ווי קינדער לייענען „עסייען" וועגן בערגלסאָנס „פּענעק". זיי האָבן זיך

הויפּטזעכלעך אָפּגעשטעלט אויף „פּענעקס‟ יידיש - רעליגיעזער דערציאונג. די קינדער האָבן וועגן דעם גערעדט נישט בלויז ווי וועגן אַ גאַנץ פרעמדן ענין, נאָר ווי זיי וואָלטן שוין קיין באַ-גריף נישט געהאַט, וואָס עס הייסט אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג.

די גאַנצע יידישע פאַרגאַנגנהייט איז פאַר זיי געווען טויט.

— יאָ, טויט איז די גאַנצע יידישע פאַרגאַנגנהייט, מיר ווילן זי אויסמעקן פון געדעכעניש, — האָט מיר אַ לערער שפּע-טער דערקלערט פּריוואַט.

— אָבער, ווו איז דאָס נייע, וואָס איר שאַפט? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— דאָס נייע זענען די קינדערלעך, וואָס איר זעט דאָ. זיי האָבן בלויז די קעגנוואַרט און די צוקונפט זיך צו רעכענען, — האָט ער מיר געזאָגט.

— און וואָס פאַר אַ האַפט קאָן האָבן אַזאַ יידיש? — האָב איך געפרעגט. — וואָלט שוין נישט בעסער געווען, איר זאָלט זיך אינגאַנצן אַריינגיסן אין אַלגעמיינעם רוסישן פורעם און פאַרשמאָלצן ווערן?

אויף דעם האָט יענער נישט געהאַט קיין ענטפער.

און אין דער אמתן זענען אפילו די קינדער פון די יידישע שולן שוין האַלב אָדער אין גאַנצן אַסימילירט. אין דרויסן רעדן זיי מער רוסיש, ווי יידיש. דער איבערגאַנג צו רוסיש איז פאַר זיי נישט מער, ווי אַ שפּאַן.

עס איז אפשר געווען מיר צו ווייזן, אויף ווי ווייט דאָס אַל-טע יידישקייט איז טויט, וואָס מען האָט מיך אין פרוגס געבורט-פּלאַץ געפירט אָנקוקן די אַמאָליקע שול, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלוכהשע פּוטער-פאַבריק.

— אָט דאָס טוען מיר, — האָט איינער פון די דאָרטיקע קאָמוניסטן, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען מיט אונז, באַמערקט. — פון אַ שול אַ פּוטער-פאַבריק! אמת פּראָלעטאַריש, נישט אַזוי?

— און דאָס, וואָס דאָס פּוטער, וואָס ווערט דאָ אויסגעאַר-בעט, ווערט געשיקט קיין אויסלאַנד אין אַ צייט, ווען דאָ אויפן אָרט חלשט מען פאַר אַ שטיקל פּוטער און פאַר ברויט, איז אויך

פראַלעטאַריש? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע אויף צוריק.

מען האָט מיר שוין געהאַט דערקלערט, אַז דאָס פוטער, וואָס ווערט דאָרט אויסגעאַרבעט פונם מילך פון די קאָלכאָזן, איז בלויז פאַר עקספאָרט.

די דאָזיקע פראַגע איז ווידער געבליבן אומפאַרענטפערט.

כאָטש עס איז מיר ווייניק געלעגן אין קאָפּ זיך גראָד צו וועלן „אָפּרעכענען" מיט מיינע קאָמוניסטישע באַגלייטער, האָב איך אָבער געפילט אַ שטיקל „נצחון" איבער זיי.

דאָס איז אויך געווען דעמאָלט, ווען מען האָט מיך געפירט באַקוקן די גאַנצע ווירטשאַפט פון דעם קאָלכאָז.

מיר האָבן באַגעגנט אַ גרופע קאָלכאָזניקעס, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער אַרבעט, האַלטנדיק אין צוגרייטן קאָרמע פאַר די בהמות.

איינער פון די קאָלכאָזניקעס, אַ ייד, אַ זקן, האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

— איך בין פון די סאַמע ערשטע קאָלכאָזניקעס, — האָט דער ייד אָנגעהויבן, גאָר נישט וואַרטנדיק, אַז מען זאָל אים שטעלן אַ פראַגע. — איך אַרבעט פון סאַמע ערשטן טאָג און האָב נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפעלט אַ טאָג ביי דער אַרבעט. איך בין שוין איבער זיבעציק יאָר און בין נאָך, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, געזונט.

און ער האָט אָנגעוויזן אויף זיינע אָנטבלויזטע אָרעמס.

— און פונדעסטוועגן האָט עס מיט קיין ברויט גאָרנישט צו טאָן, — האָט ער שוין געזאָגט מיט אַ מאָדנער גרימאַסע. — אויף ברויט פעלט אַלץ און אויף אַ פעקל טאַבאַק אודאי און אודאי. — און ווענדנדיק זיך צום פאָרזיצער פון קאָלווירט, האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן: — און טאַקע, וואָס וועט זיין מכּח עטלעכע רובל צו קויפן אַ „האַלבע" קו? איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איך בין אַ גוטער און געטרייער קאָלווירטניק! כ'לעבן, עס חלשט דאָס האַרץ פאַר אַ גלעזל מילך. מיין אַלטע איז קראַנק. זי גייט ממש אויס, ווי אַ ליכט.

איך האָב באַמערקט, אַז דעם אַלטנס רייד זענען געווען

שטאַרק אומאַנגענעם מײַנע קאָמוניסטישע באַגלייטער. איך ווייס נישט, וואָס זיי וואָלטן געטאָן, ווען איך וואָלט דערביי נישט גע־ווען. מעגלעך, אַז דער אַלטער וואָלט דעמאָלט בכלל נישט גע־רעדט אַזוי. זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן גיין ווייטער, וועלנדיק אויף אַזאַ אופן מיך פון דאָרט אַוועקנעמען.

איך האָב אָבער דעם אַלטן נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— געדענקט איר פּרוגן? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— צי איך געדענק? — האָט דער אַלטער אָפּגעענטפערט.— מיר זענען געווען שכנים, אַ הויז נעבן אַ הויז. געדענק איך דען נישט די שירים, וואָס ער האָט געשריבן? טײַערע שירים. האָבן געוואָרעמט אַ יידיש האַרץ. טרערן פלעגן זיך שטעלן אין די אויגן, ווען מען האָט זיי געהערט זינגען.

דער אַלטער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע און זײַנע אַלטע, מידע אויגן האָבן פּלוצים אויפגעפינקלט.

— אַ פײַנעם שיר האָט ער געהאַט. איך געדענק עס נאָך אויף אויסווייניק, — האָט ער גערעדט ווייטער. — געשריבן נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, דאַכט זיך. „גיט די טויטע אויף תּכריכים און די לעבעדיקע אויף ברויט", אַזוי האָט עס זיך, דאַכט זיך, געזונגען. — און ער האָט בעת מעשה אונטערגע־ברומט אויף זײַן ציטערדיקער שטימע. — אָט דאָס איז אייך אַ שיר! פּונקט פאַר אונדז צוגעמאָסטן! — תּכריכים פאַר די טויטע און ברויט פאַר די לעבעדיקע. דאָס, וואָס מיר דאַרפן איצט!...

אַז מיר זענען שפּעטער געווען אויפן וועג צוריק, האָב איך באַמערקט צו מײַנע קאָמוניסטישע באַגלייטער:

— איך ווייס נישט, צי אייך וועט עס געפעלן, אָבער איך האָב דעם ענטפער צו דער פראַגע, וואָס איך האָב פריער גע־שטעלט: וואָס פּרוג וואָלט איצט געזונגען. ער וואָלט איבערגעזונ־גען זײַן אַלט ליד: „תּכריכים פאַר די טויטע און ברויט פאַר די לע־בעדיקע"...

מײַנע באַגלייטער האָבן פאַרדרייט מיט די נעז, אָבער האָבן געשוויגן.

ביראָ-בידזשאַן און די רוסישע יידן

1

מיט דער דורכפירונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע איז דאָס וואָרט „פּויער" אַזוי גוט ווי פאַרגעסן געוואָרן. אַנשטאָט פּויער־ האָבן מיר איצט קאָלווירטניק, און ווי איינער אַ קאָמוניסטי־ שער טוער, האָט מיר דערקלערט, איז די צייט נאָענט, „ווען מיר וועלן אינגאַנצן מער נישט האָבן קיין אונטערשייד פון שטאָ־ טישן און דאָרפישן אַרבעטער. אַלע אין לאַנד וועלן זיין מיטגלי־ דער פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט".

ווייל מען טאַקע וואָס מער אָפּווישן די גרענעצן פון שטאָט און דאָרף, כאָטש פאַר דערווייל, מיט די פאָרמען, וואָס די קאָלעקטי־ וויזאַציע האָט אָנגענומען, איז דער אונטערשייד נאָך גאָר אַ גרויסער.

— אויב פריער, — האָט מיר איינער געזאָגט, — איז מען פון שטאָט געלאָפן אין דאָרף, דערפאַר וואָס אין דאָרף איז געווען אַ סך בעסער ווי אין שטאָט, רייסט מען זיך איצט פון דאָרף אין שטאָט. פריער, ווען דער פּויער האָט געהאַט זיין אייגענע ווירטשאַפט, איז אין דאָרף די לאַגע געווען אַ בעסערע ווי אין שטאָט. איצט אָבער, ווען דער קאָלווירטניק איז אַ סך ווייניקער באַזאָרגט ווי דער שטאָטישער אַרבעטער, איז די לאַגע אין שטאָט, ווי שלעכט דאָרט זאָל נישט זיין, אַ בעסערע.

איז דערפאַר גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס אַנשטאָט יידן זאָלן זיך רייסן אין דאָרף, לויפן זיי גאָר פון דאָרף אין שטאָט.

— דאָס איז אייגנטלעך דער גאַנג פונם לעבן אין דעם איצ־ טיקן רוסלאַנד, — האָט איינער, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט דער לאַגע, מיר דערקלע־רט. — די אינדוסטריאַליזאַציע פאָדערט אַלץ מער אַרבעטער אין שטאָט. מיט דער מעכאַניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט נויטיקט מען זיך שוין מער נישט אין אַזויפיל ערד־

אַרבעטער. עס איז פּונקט די צייט, ווען אַ גרויסער טייל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג זאָל אויסוואַנדערן אין שטאָט אַריין.

— אויב אַזוי איז דאָך, וואָס איז שייך יידן, — האָב איך געפרעגט, — שוין מער נישטאָ די נויטווענדיקייט צו גיין אין דאָרף?

— אודאי נישט, — איז געווען דער ענטפער. — און דערפאַר איז מען טאַקע אַנטשוויגן געוואָרן, וואָס איז נוגע קאָלאָניזאַציע. יידן דאַרפן זיך מער נישט קאָלאָניזירן פון אַן עקאָנאָמישן שטאַנדפּינקט. יידן האָבן זיך פּראָלעטאַריזירט. אַלס אַ שטאָטישער און אינטעליגענטער עלעמענט האָבן יידן זיך שנעל צוגעפּאַסט, אָדער האַלטן זיך שנעל אין צופּאַסן, צו די נייע באַדינגונגען, איז פאַר זיי פּשוט מער שוין נישטאָ קיין נויטווענדיקייט זיך צו באַזעצן אויף לאַנד, ווי איז די פריערדיקע יאָרן. דאָס פּראָבלעם איז איצט נישט פון באַזעצן נייע יידן אויפן לאַנד, נאָר פון האַלטן יענע יידן, וואָס זענען שוין אויפן לאַנד, אויף זייערע פּלעצער. וואָרום דער אמת איז, אַז אַ סך זענען שוין אַנטלאָפן און אַנדערע האַלטן דערביי.

— היינט ווי קומט אַריין ביראָ־בידזשאַן? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— איז טאַקע דער גאַנצער ביראָ־בידזשאַן־פּראָיעקט אַן אומזין, — איז געווען יענעמס אַנטשיידנדיקער ענטפער. און ער האָט עס מאָטיווירט אויף אַזאַ אופן:

— אויב יידן האָבן זיך שוין ווי נישט איז איינגעאָרדנט אין שטאָט און ווילן מער נישט גיין אויף ערד, אַפילו דאָ, אין אייראָפּעאישע טיילן פון לאַנד, איז דאָך אַן אַבסורד צו דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן וועלן אויסוואַנדערן ערגעץ אין מרחקים!

— נאָר וואָס דען? — האָב איך געפרעגט.

— נאָר וואָס דען? סאָמוניסטישע דריי־קעפּ! האָבן זיך אַליין פאַרדרייט די קעפּ און פּרובירן פאַרדרייען אַנדערע די קעפּ, — האָט יענער געזאָגט שאַרף און אַנטשידן.

נאַטירלעך האָב איך נאָך נישט געוואָלט אָננעמען יענעמס מיינונג פאַר מאַסגעבנדיק. איך האָב גערעדט מיט אַ סך אַנדערע,

און טאקע אזעלכע, וואס האבן פארטרעטן אלע צדדים. אבער, אויסהערנדיק אלע צדדים, איז פאר מיר קלאר געווארן, אז איג תוך איז די אויבן־איבערגעגעבענע מיינונג די איבערוויגנדיקע צווישן די רוסישע יידן.

— איר דארפט קודם־כל האבן אין זינען, ווי אזוי דער ביראָ־בידזשאן־פראיעקט איז געשאפן געווארן, — האט מיר איינער, וואס האלט זיך „אומפארטייאיש" אין דעם ענין, דער־קלערט. — דאס זענען געווען עטלעכע קאמוניסטישע קאך־לעפל, געוועזענע „פועלי־ציון" און „עס־עסאווצעס" (סאציאליסטו־ציוניסטן, וואס האבן געוואלט א טעריטאריע פאר יידן), וועמען דאס געוויסן האט געפלאגט פאר זייער פארגאנגענהייט און וויעל־כע האבן געוואלט איבערגיסן אין א קאמוניסטישן פורעם זייער אמאליקן ציוניזם אדער טעריטאריאליזם, וואס האבן פארקאכט די קאשע. זיי האבן דערביי אויך געוואלט פראוועז להכעים דעם ציוניזם. וויסנדיק וואס פאר א כח דער ציוניזם איז אין דער יידי־שער און נישט־יידישער וועלט, וויסנדיק גאנץ גוט, וואס עס קומט פאר אין ארץ־ישראל, וויסנדיק אויך גאנץ גוט, אז ביי די ברייטע יידישע מאסן האט זיך נאך דער חלום פון ארץ־ישראל נישט אויסגעוועפט און אז דער ציוניסטישער געדאנק איז נאך אפילו איצט א כח אין לעבן פון די רוסישע יידן, האבן זיי גע־וואלט האבן עפעס אזוינס, וואס זאל אפטויטן דעם ציוניסטישן געדאנק, סיי אין רוסלאנד און סיי אין אויסלאנד, און אויך אזוינס, מיט וואס מען זאל קאנען פארבלענדן די אויגן פון די, וואס זענען מסוגל דערצו. אבער זיי האבן קיינעם נישט הינטער זיך, נישט די יידישע מאסן און אפילו נישט זייערע אייגענע קאָ־מוניסטישע חברים. אין קאמוניסטישן לאגער גופא הערשט א שטארקע אפאזיציע צו ביראָ־בידזשאן...

אז צווישן די יידישע קאמוניסטן איז געווען און איז נאך אפילו איצט דא א גרויסע קעגנערשאפט צו ביראָ־בידזשאן, האט מיר אויך צוגעגעבן א פירנדיקער יידישער קאמוניסט, וואס איז אליין גראד א שטארקער אנהענגער פון ביראָ־בידזשאן.

דאס איז געווען דעמאלט, ווען איך האב, אין פארלויף פון

א לאנגן שמועס, דערקלערט, אז איך האָב נישט געפונען קיין סענטימענט ביי די רוסישע יידן פאר בירא־בידזשאן, נישט ביי די מאסן און אפילו נישט ביי די קאָמוניסטן, און אז פון דעם עקאָנאָמישן שטאנדפונקט איז עס אינגאנצן נוצלאָז, ווייל יידן אָרדענען זיך איין בעסער דאָרט, ווו זיי זענען, און ווילן פשוט נישט פאָרן הינטער די הרי־חושך. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן יאָ זען אין דער בירא־בידזשאן־באוועגונג, — האָב איך אָנגע־וויזן, — איז, אז געוויסע יידישע קאָמוניסטן ווילן זיך אויסקויפן זייערע יידיש־נאציאָנאלע חטאים און פרובירן שאפן א מין קאָמו־ניסטישן „נאציאָנאליזם".

יענער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן, ווי איך וואָלט אים רחמנא לצלן אונטערגעוואָרפן א שרץ.

— איר באשולדיקט אונז אין נאציאָנאליזם? — האָט ער אויסגערופן דערשראָקן. — אָט דאָס איז דאָך, וואָס א סך פון די קעגנער אין אונזערע אייגענע רייען טענהן, און עס איז אָט צו־ליב דעם, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט געבן זייער צו־שטימונג צום פּראָיעקט. עס איז אָבער נישט אמת. מיר זענען נישט קיין נאציאָנאליסטן. מיר ווילן מיט בירא־בידזשאן נישט ראטעווען קיין יידישקייט, נאָר בויען דעם סאָציאליזם.

וואָלטן טאקע די בירא־בידזשאניקעס אין רוסלאנד געווען עלנטע און פארלאָרענע מענטשן, ווען נישט פאר דער פלוצימ־דיקער הילף, וואָס איז זיי געקומען מצד נישט־יידן.

די מלוכה, וועלכע האָט זיך פארנומען אויפצובויען פאר־שידענע פונקטן אין וויטן מזרח און אנדערע פארוואָרפענע ווינ־קעלעך אין לאנד, האָט מיט אמאָל איינגעזען, אז די בירא־בי־דזשאן־באוועגונג קאָן איר גאָר גוט צונוץ קומען אין אויפבו[illegible] א נייעם צענטער.

צוליב די קריטישע באציאונגען מיט יאפּאן איז אזא צענ־טער ממש א נויטווענדיקייט. האָט די באוועגונג געקריגן אן אָפי־ציעלע סאנקציע. אזוינע ווי קאלינין, כדי ארויסצורופן חשק ביי יידן אהין צו פאָרן, האָבן אפילו געבשרט דעם יידישן „נאציאָ־

נאַליזם'', און אַז אַ גוי גיט אַ ,,הכשר'', ווערן יידישע קאָמוניסטן בײַ זיך מער תּקיף.

און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין תּוך ליידן די יידישע קאָמוניסטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד פון דער שרעק פון ,,למה יאמרו הגוים?'' (וואָס וועלן די גוים זאָגן?). נישט ווייניקער פון דער יידישער בורזשואַזיע אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אין אַ סך יידישע ענינים וואָגן זיי נישט זאָגן קיין וואָרט, ביז וואַנען זיי הערן נישט פריער פון אַ גוי, אַז מען מעג האַנדלען אַזוי אָדער אַזוי. נאָר אַ סך פון דער יעוועסעקישער רשעות אין יידישע ענינים און די אומאַנטשלאָסנקייט און וואַקלדיקייט נעמט זיך פון אָט דער מורא, אַז נישט־יידן וועלן אויף זיי טייטלען מיט די פינגער.

אַזוי שנעל ווי בירא־בידזשאַן איז געוואָרן אַ מלוכה־אָנגעלעגנהייט און אַ טייל פון דעם מלוכה־פּראָגראַם, האָבן שוין אַפילו די פריערדיקע קעגנער געמוזט אַנטשווייגן ווערן אָדער געצוווּנגענערהייט געבן זייער צושטימונג, באַטש עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז אַפילו איצט איז נאָך די קעגנערשאַפט נישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן צווישן די יידישע קאָמוניסטן. בײַ די, פאַר וועמען בירא־בידזשאַן איז שוין פלומרשט כשר, איז עס ,,כשר'' נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי דאָס האָט צו טאָן מיט דעם עקאָנאָמישן פּראָגראַם. זיי האַלטן נאָך אָבער אַלץ אין שרייען ,,קאַראַאול'', אַז בירא־בידזשאַן וועט חלילה אויפלעבן און שטאַרקן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם...

2

וואָלט בירא־בידזשאַן מעגלעך געקאָנט ווערן אַ נאַציאָנאַלווירקנדיקער כּח. ס'איז געוועזן צו דערוואַרטן, אַז גראָד די, וואָס חלומען וועגן פאַרזעצוווירן דאָס יידישע פאָלק און זייער קולטור, זאָלן ווערן באַגייסטערט פון פּראָיעקט, האָב איך אָבער זייענדיק אין מאָסקווע אויסגעפונען אַזוינס, וואָס האָט מיך איבערראַשט.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ גרופּע יידן, וואָס האָבן אין

די פריערדיקע יאָרן רעפּרעזענטירט דאָס גייסטיקע יידנטום פון רוסלאַנד. נישט איך האָב די דאָזיקע יידן אינטערוויואירט, נאָר זיי מיך. זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, וועלנדיק אויסגעפינען פון מיר, וואָס עס טוט זיך אין אויסלאַנד, באַזונדערס אין ארץ־ישראל, און ווי עס האַלט מיט יידן אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד אין אַלגעמיין.

אין מיטן פון דעם דאָזיקן „אינטערוויו" האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז עטלעכע יונגעלייט וואַרטן אויף מיר.

איך האָב די דאָזיקע יונגעלייט באַגעגנט. דאָס זענען געווען בחורים, וואָס טראָגן נאָך דעם חלום פון זייער פאָלק אין האַרצן און ראַנגלען זיך מיט זייערע לעצטע כּחות, נישט פאַרשלונגען צו ווערן אין דעם גרויסן שטראָם, וואָס ווישט אָפּ אַלץ, וואָס איז יידיש, אין דעם לאַנד פון די סאָוויעטן.

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט רוגזה. איך האָב עס באַלד געקאָנט זען אין זייערע אויגן. איך בין געווען פאַרווונדערט. אומעטום בין איך גראַד געווען אַ „פּערזאָנאַ גראַטאַ", אַפילו אין קאָמוניסטישע קרייזן.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו פרעגן, פאַרוואָס זיי האַלטן זיך אַזוי פיינטלעך צו מיר, און איינער פון זיי האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ פראַגע:

— זענט איר עס דער דאָזיקער, וואָס האָט אַריינגעגעבן אין דער „פּראַוודאַ" אַזאַ שענדלעכע דערקלערונג? — האָט יענער געפרעגט מיט כּעס, און נאָך איידער ער האָט פון מיר געקאָנט באַקומען אַן ענטפער, האָט ער זיך ווייטער געהיצט: — עס איז אַ שאַנדע פאַר אַ יידישן שרייבער, וואָס וואָלט געדאַרפט זאָגן דעם אמת און נישט פאַרשפּרייטן קיין שקרים. מיר דאָ זענען הילפלאָז. דאָס גאַנצע רוסישע יידנטום איז געבונדן הענט און פיס און מיט אַ שלאָס אויפן מויל. מיר קאָנען נישט אויסדריקן אונזערע ווונטשן. עס איז טראַגיש. די גרעסטע טראַגעדיע, וואָס צוויי און אַ האַלב מיליאָן יידן האָבן ווען דורכגעמאַכט. דאַרפט איר נאָך קומען און זאָגן שקרים און חנפענען אונזערע שונאים? עס איז אַ סקאַנדאַל! איר דאַרפט זיך שעמען אין אייער וויטן האַלז!

איך האָב אָנגעקוקט דעם יונגנמאַן אין פאַרווונדערונג.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? — האָב איך געפרעגט.

— איר מאַכט זיך נישט־וויסנדיק? — האָט יענער נאָך אַלץ זיך געהיצט. — אַט זעט, ווי די „פּראַוודאַ" האָט צעשמירט אייער ליגנערישע דערקלערונג וועגן בירא־בידזשאַן!

— די „פּראַוודאַ" האָט צעשמירט מיין דערקלערונג וועגן בירא־בידזשאַן? — האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין. — ווי קום איך צו דער „פּראַוודאַ" און ווען האָב איך דען געמאַכט דערקלערונגען וועגן בירא־בידזשאַן?

א „פּראַוודאַ" איז באַלד געווען אויסגעשפּרייט. דער טעות האָט זיך אויפגעקלערט. הערנדיק, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער יידישער זשורנאַליסט, האָט מען מיך אָנגענומען פאַר אימיצן אַנדערש. אין „פּראַוודאַ" איז טאַקע יענעם טאָג געווען געדרוקט אַ דערקלערונג פון אַן אַמעריקאַנער יידישן שרייבער, וועלכער האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן בירא־בידזשאַן, פאַרגלייכנדיק עס אַפילו מיט ארץ־ישראל און מאַכנדיק גוזמאַדיקע און אומפאַרציילעכע באַהויפּטונגען, אַז די קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן איז מער דערפאָלגרייך, ווי אין ארץ־ישראל.

— איז עס נישט קיין סקאַנדאַל? — האָבן שוין אַלע גע־שריגן אין כאָר.

— איך בין אָבער אימיצער אַנדערש.

די באַציאונגען פון די יונגעלייט האָט זיך באַלד געענדערט. זיי זענען געוואָרן פריינטלעך און געבעטן אַנטשולדיקונג.

— איר דאַרפט פאַרשטיין, ווי עס טוען אונז וויי די הער־צער, לייענענדיק אַזעלכע שענדלעכע און ליגנערישע דערקלערונ־גען, — האָבן יענע געזאָגט.

— אָבער אייער מיינונג איז נאָך נישט אַלץ, — האָב איך באַמערקט. — מעגלעך, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע יידן דאָ, וואָס האַלט גראַד, ווי יענער זשורנאַליסט.

— דאָס קאָנען נאָר זיין דאָס הייפל יידישע קאָמו־ניסטן, וואָס גלויבן אפשר אליין נישט, וואָס זיי זאָגן, נאָר זאָגן עס דערפאַר, וואָס אַזוי פּאַסט זיך צום פּאָ־ליטישן רומל, — איז געווען דער ענטפער. — מיר קאָנען

פירן צו וועלכע יידן איר ווילט און איר וועט הערן, וואָס מען דענקט דאָ וועגן דעם גאַנצן פּראָיעקט. צום אַלעמערשטן איז דער בירא־בידזשאַן־פּראָיעקט פאַרפירעריש שווין פון אַן עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. מען פאַרשלעפּט יידן אין די הרי־חושך און זיי האָבן דערנאָך אפילו נישט די מיטלען צוריקצוקומען. פון גייס־טיקן שטאַנדפּונקט, קאָן דען בירא־בידזשאַן צופרידנשטעלן אַ יידישן נאַציאָנאַליסט? זיי, די שעפער פון דעם פּלאַן, זענען פשוטע מומרים להכעיס, ווען עס קומט צו אַלץ, וואָס איז יידיש. זיי פייפן אפילו אויף דער יידישער שפּראַך, דערקלערנדיק גאַנץ אָפן, אַז זיי גלויבן נישט אין איר דויערהאַפטיקייט. און אויב זיי האָבן אפילו יאָ אַ באַציאונג צו שפּראַך, זענען זיי דען מער ווי די קאַראַאימען, וואָס האָבן אויך גערעדט „יידיש", אַ „יידיש" אַ קאַראַאימישן און נישט קיין „אונזעריקן"? האָבן מיר כמעט געהאַט די באַפרידיקונג, וואָס מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט גע־לאָזט אָפּנאַרן פון זיי. קיינער האָט זיי דאָ נישט געגלויבט און צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט. קומט אָבער אַ יידישער זשור־נאַליסט פון אויסלאַנד, וואָס וואָלט באמת געקאָנט, כמעט אין אויסלאַנד, דערציילן דעם אמת און שיט אויך זאמד אין די אויגן, איז עס נישט קיין ווייטאָג אין הארצן?

און עס איז נישט געווען בלויז אין מאָסקווע נאָר אומעטום, ווו איך בין געקומען, האָבן יידן פון אַלע שטאַנדן און פון אַלע ריכטונגען זיך ארויסגעזאָגט קעגן בירא־בידזשאַן, רעדנדיק דער־פון, ווי מען וואָלט פון זיי מיט דעם געוואָלט עפּעס ארויסנאַרן.

— כל־זמן מען האָט גערעדט וועגן סתם קאָלאָניזאַציע דאָ אין צענטער פון רוסלאַנד, — האָט איינער געזאָגט, — האָט עס נאָך געהאַט אַ זין. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרבעסערן די עקאָ־נאָמישע לאַגע. מען האָט נאָך דעמאָלט אויך געגלויבט, אַז דאָרטן וועלן יידן קאָנען פירן זייער אייגן לעבן. איצט איז אָבער מער קיין פראַגע נישט וועגן שאַפן נייע קוואַלן פון פרנסה פאַר יידן. מיר דאַרפן שוין נישט די טובות. עס קאָן נאָר זיך האַנדלען וועגן אַ יידישן צענטער אין אַ גייסטיקן זין און דאָס קאָנען די יידישע קאָמוניסטן אונז בשום אופן נישט שאַפן. עס קאָן נאָר זיין

דאָס, וואָס זיי האָבן שוין געשאַפן דאָ ביי אונז און קיינער וויל עס נישט. אויב עס זענען דאָ קאָמוניסטן, וואָס ווילן עס יאָ, זאָלן זיי זיין די ערשטע אהין צו פאָרן.

— פאָרן זיי דען נישט? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, זיי פאָרן, אָבער נאָר צו פאַרנעמען די פּאָליטישע און אַנדערע גוטע שטעלעס, וואָס די פּריווילעגירטע האָבן, — איז געווען דער ענטפער. — פאַר די שווארצע אַרבעט שיקט מען „עמך". אָבער „עמך" האָט אַ געזונטן חוש און אַנטזאָגט זיך אהין צו פאָרן.

3

איך האָב זיך אויך באַמיט צו הערן דירעקט פון די, וואָס זענען געווען אין בירא־בידזשאַן און וועמעס מיינונגען זענען מאַסגעבנדיק.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס געווינען איך מיט זייער ערלעכקייט און איבערצייגנדיקן טאָן. צו די דאָזיקע געהער קאַדושעוויץ, וועלכער איז דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג פאַר דעם שטודיום פון בירא־בידזשאַן פון דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין קיעוו. ער איז אַליין געווען פיל יאָרן אין בירא־בידזשאַן און האָט אַ סך געשריבן וועגן יענעם לאַנד.

כאָטש ער גיט־צו די קלימאַטישע און געאָגראַפישע שוועריקייטן, איז ער אָבער מיט דער מיינונג, אַז די אַלע שוועריקייטן קאָנען בייגעקומען ווערן.

ער גיט אויך צו די גרויסע פעלערן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביז פריער און וואָס האָבן געבראַכט גרויסע ליידן פאַר טויזנטער איבערוואַנדערער, אָבער זיי גלויבט, אַז אין דער צוקונפט וועט עס גיין בעסער.

ער לייגט זיך אָבער נישט זיין פויגעלעך אין בוזים און רעדט נישט אין אַזעלכע קלינגענדיקע טערמינען, ווי די בירא־בידזשאַניקעס טוען עס אין אויסלאַנד.

אַ יונגער קאָמוניסט האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן:

— איך ווייס נישט, צי בירא־בידזשאַן איז אינגאַנצן נוי־טיק, אָבער עס ווילט זיך שאַפן עפּעס אייגנס. יידן קאָנען נאָך גאָר נישט צייגן, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אין דעם קאָמוניס־טישן רוסלאַנד אַלס יידן. דאָס וועלן זיי ערשט קאָנען באַווייזן אין בירא־בידזשאַן.

עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז עס זענען פאַראַן גאָר אַ היפּש ביסל קאַריעריסטן, וואָס האָבן פון בירא־בידזשאַן געמאַכט אייגענע אינטערעסן.

עס מערקט זיך אויך אַ נייגונג צווישן אויסלענדישע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין סאָוויעטן־לאַנד זיך ארויפצוכאַפּן אויפן בירא־בידזשאַן־וואָגן, אפשר פאַר קיין אַנדער אורזאַך ווי פאַר דער, וואָס אַנדערש בלייבט זיי שוין מער נישט וואָס צו טאָן אין יענעם לאַנד. די טעטיקייט, וואָס זיי האָבן ביז אַהער אָנגע־פירט, און פירן נאָך צו אַ געוויסן גראַד אָן, אין די יידישע קאָל־ווירטן, איז שוין אָן אויסגעשפּילטע. מיט דער דורכפירונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע איז דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט, וואָס אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „אָרט" און דער „אַגראָ־דזשאָינט", האָבן געטאָן, אַזוי גוט ווי אָפּגעווישט. וואָס איז שייך דעם „אַגראָ־דזשאָינט", איז אַפילו דאָס געלט, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דער פאָרם פון אַ הלואה און פאַר וועלכער די סאָוויעט־רעגירונג אַליין האָט געזאָלט זיין פאַראַנטוואָרטלעך, אָפּגעווישט געוואָרן.

די אורזאַך איז אַ פּשוטע: די מערסטע יידישע קאָלאָניסטן, וואָס זענען פריער דורכן געלט געהאָלפן געוואָרן, זענען שוין אפשר לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ, אָדער זענען זיך צעלאָפן. אַ סך זענען „ליקווידירט" געוואָרן אַלס „קולאַקעס" און אַ סך זענען פאַרטריבן געוואָרן ווער ווייס ווו. די קאָלעקטיוויזאַציע־רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו דער גאַנצער פריערדיקער אַרבעט. איצט פּרובירט מען נאַטירלעך די אָפּווישונג פון דעם דערמאָנטן חוב, וואָס מיינט פּשוט, אַז די סאָוויעט־רעגירונג האָט אָנגעזעצט אַ יידישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט איר געלט געקריגן פון אַמעריקאַנער יידן פאַר באַשטימטע צוועקן, פאַרפּוצן מיט

אַלעריליי שיינע פראַזן, פון וועלכע איינע לויטעט, אַז מען האָט די יידישע קאָלווירטניקעס „געשענקט" די חובות. „געשענקט", ווען אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט מען סיי ווי צוגענומען און ווען זיי אַליין זענען שוין אין טייל מער נישט אויף דעם באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן זיך איינפונ־דעווען.

זוכט מען איצט אַ ניי פּערדל, אויף וועלכן צו רייטן, און דאָס דאַרף זיין ביראָ־בידזשאַן.

פּרובירן מאַנכע פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע טוער מאַכן דעם אָנשטעל, ווי עס וואָלט זיך אפילו געהאַנדלט וועגן באַזעצן יידן פון אויסלאַנד.

פרעגט מיך אַ פּשוטער ייד אין מאָסקווע:

— שוין־זשע זענען די רוסישע יידן אַזוי גליקלעך, אַז מען דאַרף אַהער ברענגען אַנדערע? ווי שלעכט יענע יידן זאָל נישט זיין, האָבן זיי כאָטש אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן ווען נישט איז ערגעץ גרייכן. מיט אַ סך ווייניקער מי און אָנשטרענגונג, שאַפנ־דיק זיך די זעלביקע מיטלען, וואָס מען וואָלט דאַרפן שאַפן, זיי צו ברענגען קיין ביראָ־בידזשאַן, וואָלט מען דאָך יענע יידן גע־קאָנט שיקן קיין ארץ־ישראל? אָבער פרעגט קשיות אויף מענטשן וואָס האָבן זייערע אייגענע אינטערעסן אין זינען!

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אפילו די אינטעליגענטע קאָמו־ניסטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד פאַרשפּרייטן אָפט זינלאָזע מעשיות אין שייכות מיט ביראָ־בידזשאַן, וואָס דערמאָנען אָן די מעשיות און בויך־סברות, וואָס מען פלעגט הערן צווישן די אַמאָליקע חכמי־ליזשאַנסקע.

למשל, ווען איך בין געווען אין קיעוו, האָבן מיר אַ פּאָר באַוווּסטע קאָמוניסטן דערציילט, ווי אַזוי דער „אַגראָ־דזשאָינט" האָט שוין „באַשטימט" באַשלאָסן אָנצופאַנגען אָן אַקציע אין ביראָ־בידזשאַן און די אורזאַך, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן, זאָל זיין נישט קיין אַנדערע ווי די, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג אַליין איז „פאַראינטערעסירט" אין דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

— פאַרשטייט איר, — האָט מען מיר ווי פאַרטרויט אויפן

אויער, — די אמעריקאנער רעגירונג איז פאראינטערעסירט דערפאר, וואס זי וויל, אז דער רוסישער פראנט קעגן יאפאן זאל ווערן שטארקער און עס איז דורך א יידיש ביראָ־בידזשאן, וואס מען וויל אפשוואכן יאפאן. אלס ראיה, אז דאס, וואס זיי האבן מיר געזאגט, איז אמת, האט מען מיר אנגעוויזן אויפן פאקט, וואס גראד דעמאלט איז דער אמעריקאנער אמבאסאדאר בוליט געווען אויפן וועג קיין אמעריקע, פארנדיק איבער מאנדזשוריע, און א סברא, אז ער איז טאקע דורכגעפארן ביראָ־בידזשאן.

— דאס האט א ספעציעלע באדייטונג, — האט מען מיך פארזיכערט. — זיין ראפארט אין וואשינגטאן וועט זיין, אז ביראָ־בידזשאן דארף אויפגעבויט ווערן אלס יידישע טעריטאריע. דאס מיינט, אז מען וועט פון וואשינגטאן געבן א ווונק, אויב דער ווונק איז שוין נישט געגעבן געווארן, צו די „יאהודים" פון „אגראָ־דזשאינט" ארייגצוווארפן זיך אין דער ארבעט, און איר ווייסט דאך שוין, ווי די יידישע בורזשואזיע איז גרייט אויסצו־פאלגן א רעגירונג!

כאטש דער ענין האט מיר געקלונגען לעכערלעך און חכמי־ליזשאנקעדיק, האב איך אבער, אנקומענדיק אין מאסקווע, גע־וואלט הערן, וואס דער פארשטייער פון „אגראָ־דזשאינט", דר. ראזען, האט אויף דעם צו זאגן, און עס איז איבעריק צו זאגן, אז ער האט עס באטראכט פאר א שטיק בטלנות.

נאר ווי דער פאל זאל נישט זיין, כאטש מען היצט זיך גאנץ שטארק וועגן ביראָ־בידזשאן פון ביידע זייטן, הערט איר אבער גאנץ וויציקע באמערקונגען, וואס דארפן ציינן, אז דער גאנצער ענין ווערט אפט גענומען גוטמוטיק און שפאסיק.

איינער פון די שפאסן וועגן ביראָ־בידזשאן לויטעט אזוי:

יידן זענען געקומען צו קאלינינען זיך באקלאגן, וואס מען האט פאר זיי אויסגעקליבן אזא ווייטע און פרימיטיווע מדינה, ווי ביראָ־בידזשאן.

— אויב דו האלטסט שוין יא פון א יידישער טערי־טאריע, — האט מען צו אים געזאגט, — פארוואס נישט אויסקלייבן עפעס בעסערס? פארגעסט נישט, חבר קאלינין, אז ביראָ־בי־

דזשאַן געפינט זיך אויפן יאַפּאַנישן גרענעץ און אין פאַל פון קריג וועלן יידן זיין די ערשטע כפרה!

אויף דעם, לויטעט דער אנעקדאָט, האָט קאַלינין געענטפערט:

— אָט גראָד דערפאַר איז דאָך בירא־בידזשאַן אויסגעצייכנט. ממה נפשך: וועט בירא־בידזשאַן אויפגעבויט ווערן, ווי געהעריק, אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט, וועט דאָך נישט זיין וואָס אויסצוזעצן, ווידער, וועט בירא־בידזשאַן אריינפאַלן צו יאַפּאַן, וועט דאָך זיין נאָך בעסער!...

און אין נאָמען פון נאָך אַ נישט־יידן, און דאָס איז שוין אין ערנסט, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון אַ קאָמוניסטישן טוער, אַז יענער האָט אפילו געזען אין בירא־בידזשאַן דאָס „פּאַטום" פון יידישן פאָלק.

— יידן האָבן שוין געהאַט געשאַפן צענטערן אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, — האָט יענער געזאָגט. — אין ווייטן מזרח זענען זיי נאָך אָבער נישט געווען. דער אויפגאַנג פון אַ נייער ציוויליזאַציע דערוואַרט יענעם וועלט־טייל. דאַרפן די יידן זיין די ערשטע, צו האָבן אַ ווינקעלע דאָרט, ווו אַ נייע ציוויליזאַציע וועט אויפגעבויט ווערן.

וואָלט דאָס געקומען פון אַ יידן, וואָלטן די קאָמוניסטן אליין עס אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר נישט מאַרקסיסטיש און לעניניסטיש. אָבער פון אַ נישט־ייד לעקט מען די פינגער.

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

שוחטים אויף שבירות ביים סאָוויעט

1

דאָס איז געווען אין קיעוו. דאָרט האָט זיך אָקאָרשט געהאַט געעפנט דער באַזאַר לכּבוד דער פייערונג פון זיבעטן נאָוועמ־

בער און אומדירעקט לכבוד דעם, וואָס קיעוו איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע.

אויפן באַזאַר, באַשטייענדיק פון נײַ־אויפגעשטעלטע ביידלעך מיט אַלערליי מינים סחורה, אין דורכשניט פון זעלביקן ביליקן פּאָרט, וואָס מען זעט אין די קראָמען, איז געווען טומלדיק און רוישיק. אַרום יעדן ביידל איז געווען אַ געדרענג, עס האָבן זיך געשטופּט אַזוינע, וואָס זענען געקומען קויפן, און אַזוינע, וואָס זענען געקומען בלויז אויף בייז־וווּנדער. וואָרום צו זען סחורה איז באַלד אַזאַ וווּנדער, ווי צו האָבן די מעגלעכקייט צו קויפן. פון אַ דער־בייזאיקער געביידע האָט אַרונטערגעקוקט אַ ריזיק בילד פון סטאַלינען און די לופט איז געווען פול מיט די גרילצנדיקע און פאַרטויבנדיקע מוזיק פון אַ ראַדיאָ, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן סקווער.

מיט גרויס שוועריקייט האָב איך זיך דורכגעשטופּט דורכן געדרענג און האָב זיך באַלד געפונען דאָרט, ווו עס האָט זיך געענדיקט דער באַזאַר און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען איינער פון די לאַנגאָניקע מערקלעך פון קיעוו.

מײַן אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אַ מיטל־יאָריקע פרוי, פון וועמעס אויסזען מ'האָט קוים געקאָנט דערקענען, צי זי איז אַ יידישע אָדער נישט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַן אָפּגעפּליקט עוף און עס אָנגעבאָטן צו יעדן פאַרבייגייער.

— צוויי און צוואַנציק רובל! בלויז צוויי און צוואַנציק רובל! — האָט זי געהאַלטן אין אויסרופן.

מיר האָט אינטערעסירט נישט דער פּרייז פון עוף, נאָר דאָס, וואָס דאָס עוף, ווי איך האָב באַמערקט, איז געווען מיט אַן אי־בערגעשניטענעם האַלז, ווי געשאָכטן פון אַ שוחט.

די פרוי, זעענדיק, אַז איך קוק אויף איר סחורה, איז באַלד געווען נעבן מיר.

— אמת פריש, — האָט זי געזאָגט, דרייענדיק דאָס עוף פאַר מײַנע אויגן. — ערשט געשאָכטן!

— זענט איר אַ יידישע? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— איך זאָל עס זאָגן? —האָט זי באַלד געפֿרעגט. — אָבער צוליב וואָס פֿרעגט איר עס?

— ווייל איך וואָלט וועלן וויסן, ווי אַזוי דאָס עוף איז גע־שאָכטן געוואָרן.

— ווי אַזוי? ווי אַלע עופֿות! פֿון אַ שוחט!

— פֿון אַ שוחט? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — און איר האָט גאָר קיין מורא נישט צו אַנטפּלעקן דעם סוד?

— וואָס פֿאַר אַ מורא און וואָס פֿאַר אַ סוד? — האָט די פֿרוי מיך אָנגעקוקט.

— איר מיינט דאָך נישט, אַז מ'קאָן שעכטן עופֿות אין דער אָפֿן און די עופֿות אַרויסטראָגן אין מאַרק פֿאַרקויפֿן?

— ווען פֿאַרקויפֿן אין מאַרק ווייס איך טאַקע נישט, אויב דאָס איז אַזוי כּשר, אָבער אַז די שחיטה איז כּשר, דאָס קאָן איך אייך קאַווירן.

און די פֿרוי האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז די שחיטה איז אין קיעוו שוין לאַנג נישט קיין באַהאַלטענע זאַך. עופֿות ווערן גע־שאָכטן אין אָפֿיציעלע מלוכהשע שלאַכט־הייזער.

דאָס האָט מיר געחידושט און האָב זיך עס קוים געוואָלט גלויבן. די פֿרוי האָט מיר אָבער געגעבן אַן אַדרעס פֿון איינעם פֿון די דאָזיקע שלאַכט־פּלעצער.

— אין 40 שעווטשענקאָ וועט איר געפֿינען אַזאַ פּלאַץ, — האָט זי מיר פֿאַרזיכערט.

איך בין באַלד געווען אויפֿן וועג קיין 40 שעווטשענקאָ. דער פֿאַקט, וואָס מיט אַ טאָג פֿריער בין איך געווען אין 14 שעווטשענקאָ, ווו עס געפֿינט זיך דער „גאָר־קאָמפּראָס" (דער קאָמיסאַריאַט פֿון בילדונג) און האָב דאָרט באַזוכט די אָפּטיילונג פֿאַר יידישער בילדונג, איז מיר געווען נאָך אויפֿפֿאַלנדיקער.

פֿון 14 שעווטשענקאָ, הייסט עס, ווערט פֿאַרשפּרייט די גאַנצע קאָמוניסטישע, יידישע און נישט־יידישע, בילדונג, און אין 40 שעווטשענקאָ שטייען שוחטים און שעכטן עופֿות, ווי עס דאַרף צו זיין! באמת טשעקאַווע!

אָנקומענדיק צום אָנגעגעבענעם נומער, נישט ווייט פֿון

וואָקזאַל, האָב איך אין הויף געפונען אַ שלאַכט־שטיבל פאַר עופות. אַ שוחט מיט אַ באָרד און פאות און מיט אַ יאַרמולקע אויפן שפיץ קאָפּ איז געשטאַנען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ בלאַנקענדיקן חלף געהאַלטן אין שעכטן עופות.

פרויען, יונגע און אַלטע, און אַפילו מאַנספּערשוינען זענען געקומען מיט עופות אין די הענט און זיי איבערגעגעבן צום שעכטן, ווי קיין זאַך וואָלט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד נישט גע־האַט געענדערט.

אין פאָדער־צימער איז געזעסן אַ יידישע פרוי אַלס קאַסיר־שע. זי האָט פאַר יעדעם עוף גענומען אַ רובל שחיטה־געלט און פאַר דעם אַרויסגעגעבן אַ קבלה.

איך האָב זיך געווענדעט צום שוחט.

— אודאי שעכטן מיר דאָ עופות לויטן יידישן דין, — האָט ער מיר דערקלערט, — און וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? עס איז נישט קיין באַהאַלטענער פּלאַץ. עס איז אַ פולשטענדיקע מלוכה־אונטערנעמונג. מיר, די שוחטים, קריגן שכירות פון דער מלוכה, ווי אַלע אַנדערע מלוכה־אָנגעשטעלטע.

— אָבער זינט ווען איז שחיטה געוואָרן לעגאַליזירט אין סאָוויעט־רוסלאַנד? — האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן.

דער שוחט, וועלכער האָט מיר אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס יהושע לעווובורג און טאַקע דערביי דערקלערט, אַז איך מעג זיין נאָמען באַנוצן, ווייל דאָס, וואָס ער טוט, איז נישט קיין באַהאַל־טענע און אומגעזעצלעכע זאַך, האָט געשמייכלט.

— ווי עס זעט אויס, דאַרף מען מיט אייך אָנפאַנגען פון סאַ־מע בראשית, — האָט ער געזאָגט.

און איך האָב זיך דערוווּסט אָט וואָס:

אַ דאַנק דעם, וואָס די אוקראַינישע סאָוויעט־רעגירונג ווייל האָבן די פעדערן, כדי עס דערנאָך צו שיקן קיין אויסלאַנד, האָט זי געגעבן די דערלויבעניש צו עפענען שלאַכט־הייזער און אוועק־צושטעלן שוחטים, וואָס זאָלן די עופות שעכטן און זיי אָפּפליקן.

דיזאָזיקע שלאַכט־הייזער זענען קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון דער מלוכה, וועלכע נעמט

אלס איר חלק די פעדערן און א צוואנציק פראָצענט פון איינ־
קונפט.

אלס קאָנטראָל זיצט די קאסירשע, וואָס נעמט דאָס שחיטה־
געלד און האַלט די חשבונות. די קאסירשע און די שוחטים זענען
מיטגלידער פון קאאָפּעראַטיוו און צעטיילן זיך, וואָס עס בלייבט
נאָכדעם, ווי די מלוכה נעמט ארונטער אירס, און נאָכדעם, ווי
עס ווערן געדעקט אַלע אַנדערע הוצאות, ווי דירה־געלט און אזוי
ווייטער.

— און וויפל א שטייגער פאַרדינט איר? — האָב איך גע־
פרעגט דעם שוחט.

— מיר זענען דאָ צוויי שוחטים, — האָט יענער געזאָגט,—
נאָך אַלע הוצאות בלייבט אונז ביידען צו ק"ן (150) קערבלעך
אויף א חלק.

איך האָב אויסגעפונען, אז אין קיעוו זענען פאַראַן עטלעכע
אזוינע שלאַכט־הייזער. עס ווערן אין זיי באַשעפטיקט נישט ווײ־
ניקער פון איין־און־צוואנציק שוחטים.

די שוחטים, ווי שווער עס איז נישט זייער לעבן, זענען צו־
פרידן. צום ערשטן מאָל זינט דער רעוואָלוציע, וואָס זיי האָבן אַ
אָפיציעלן סטאַטוס און רעכענען זיך אלס אַנגעשטעלטע פון דער
מלוכה.

דידאָזיקע שלאַכט־הייזער שטייען אונטער דער השגחה פון
דער מלוכה־אָפּטיילונג, וואָס גיט זיך אָפּ מיט זאַמלען אַלטוואַרג
און אָפּפאַל, וואָס מיינט, אז דער צוועק, פאַר ווי ווייט דאָס איז
שייך דער מלוכה, איז צו זאַמלען די פעדערן און פאַר איין גאַנג
שוין אויך האָבן א זייטיקע הכנסה פון שחיטה־געלט.

די שילדן אויף דידאָזיקע שלאַכט־פלעצער לויטן: „ריעזקי
פטיץ" אויף אוקראַיניש. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז
קיעוו איז נישט די איינציקע שטאָט, וווּ שחיטת עופות איז דער־
לויבט. פאַראַן עטלעכע אַנדערע שטעט אין אוקראַאינע, וווּ שחיטת
עופות שטייט אונטערן קאָנטראָל פון דער מלוכה, א דאַנק דעם
אינטערעס פון דער מלוכה אין די פעדערן.

פאַרשטייט זיך, אז ווי באַלד עס האַנדלט זיך וועגן פעדערן,

קאָן נאָר זיין א רייד פון עופות. קיין בהמות שעכטן ווערט נישט דערלויבט, נישט פּריוואַט און נישט אונטער אַן ענלעכן רעגי־רונגס־קאָנטראָל.

דער פליישהאַנדל איז אינגאַנצן א מלוכה׳־אונטערנעמונג און די מלוכה וויל נאַטירלעך נישט האָבן צו טאָן מיט שחיטה, וואָס איז א רעליגיעזער ענין.

דער האַנדל מיט עופות איז אָבער קיינמאָל נישט געווען אונטערן קאָנטראָל פון דער מלוכה. עופות קויפט מען פּריוואַט און מ׳געפינט אַליין א וועג, ווי זיי צו שעכטן. די פעדערן גייען אונטער אַזוינע אומשטענדן אין „גיוועץ״.

עס איז נאָר דורך אַזוינע קאָנצענטרירטע פלעצער, וואָס די פעדערן קאָנען געזאַמלט ווערן, און ווי איינער האָט מיר געזאָגט: צייגט דער סאָוויעט־מאַכט, אַז מ׳קאָן מאַכן א האַנדל מיט תכריכים, און זי וועט עס טאָן.

פונדעסטוועגן ווערט אָבער נישט דערלויבט צו האָבן אַזעלכע פלעצער פאַר בהמות, אפילו, ווען יידן וויזן אָן, אַז דורך דער־לויבן כשרות וואָלט די רעגירונג געקאָנט האָבן גרעסערע הכנסות, סיי פון שטייערן און סיי פון אַרונטערנעמען א טייל פון דער הכנסה.

2

געווען פאַלן, ווו די פאַרוואַלטער פון „טאַרגסין״ אין עטלעכע שטעט האָבן יאָ געוואָלט דערלויבן שחיטה פאַר גסות און דקות, ווי פאַר עופות, כדי צו קאָנען פאַרקויפן כשר פלייש פאַר „וואַליוטע״. דער חשבון איז געווען, אַז אויסלענדישע יידן וועלן שיקן א סך מער צו זייערע קרובים, אויב זיי וועלן וויסן, אַז יענע קאָנען קריגן כשרע מאכלים. די יידישע קאָמוניסטן האָבן אָבער געמאַכט א גוואַלד און עס אָפּגעשריגן.

די יידן אין מאָסקווע, לענינגראַד און אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן געוואָלט, אַז מ׳זאָל זיי דערלויבן שלאַכט־הייזער פאַר עופות, ווי אין קיעוו און אַנדערע אוקראַינישע שטעט, האָבן דאָס נישט געקאָנט אויספירן.

אין מאָסקווע האָט מען נאָך לאַנגער שתדלנות געוואָלט דער־לויבן עפענען אַזאַ שלאַכט־הויז ערגעץ אויסערן שטאָט און דאָס וואָלט געמיינט אַזוי גוט ווי גאָרנישט. וואָרום פאַר שחיטת עופות מוז מען דאָס שלאַכט־הויז האָבן ביים האַנט, ווען נישט, וועלן גאַנץ ווייניק זיך נעמען די מי אַהין צו פאָרן.

פון דעם, וואָס איך האָב אַליין געזען אין די שלאַכט־הייזער אין קיעוו און פון דעם, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט, איז עס אַ גוט באַקאַנטער פאַקט, אַז עופות ווערן געבראַכט צום שעכטן אַפילו פון פאַרטיי־קאָמוניסטן.

— און מיינט איר פאַרוואָס? — האָט אַ שוחט געשטעלט די פראַגע און באַלד אַליין געגעבן דעם ענטפער: — ווייל אַ סך פון זיי ווילן טאַקע כאַפן אַ כשרן ביסן. ס׳וואָלט בכלל מיט יידיש־קייט נישט געהאַלטן אַזוי שלעכט, ווען נישט די מורא.

— און ווי קומט עס, אַז ברענגען עופות צום שעכטן זאָל מען נישט מורא האָבן? — האָב איך געוואָלט כאַפן דעם יירן ביי אַ ווידערשפרוך.

דער שוחט האָט זיך נישט פאַרלאָרן.

— דאָס ווייזט גראָד, אַז איך בין גערעכט, — האָט ער זיך געוואָלט אויספירן.—קומען אין אונזערע שלאַכט־הייזער דאַרף מען נישט מורא האָבן. אַפילו גוטע קאָמוניסטן מעגן עס טאָן. פאַר־קערט, זיי ציינן זיך מיט דעם, אַז זיי זענען טריי דער מלוכה. זיי האָבן אַ תירוץ: אַנשטאָט אַליין אַרונטערצודרייען די קעפּלעך פון די עופות און לאָזן די פעדערן גיין אין ניוועץ, ברענגען זיי עס אַהער, כדי די פעדערן זאָלן אָוועקגענומען ווערן פאַר דער מלוכה. אַ צווייטער תירוץ: זיי האָבן אַליין נישט דאָס האַרץ אַרונטער־צודרייען דאָס קעפּל פון עוף. אַפילו גוים ברענגען אָפט אַהער שעכטן עופות פאַר דער זעלביקער אורזאַך.

אַ שוחט אין מאָסקווע האָט מיר דערקלערט, אַז אַפילו דאָרט, ווו שחיטה פון אַלע מינים איז שטרענג פאַרבאָטן, זענען פאַראַן אַ סך, וואָס ברענגען זייערע עופות צו אַ שוחט אין געהיים. פאַר־שטייט זיך, אַז די צרה ליגט אין דעם, וואָס ווייניק קאָנען זיך פאַרגינען קויפן עופות און דערצו לעבעדיקע און נאָך ווייניקער

האָבן די מעגלעכקייט זיך מיט דעם צו שלעפּן צו א שוחט אָדער וואָגן דעם שוחט ברענגען צו זיך.

א האַלב־קאָמוניסטישע פרוי אין לענינגראַד האָט פאַר מיר געמאַכט אַזאַ דערקלערונג.

— איך מיינט דען, אַז איך וואָלט בעסער נישט געוואָלט האָבן אַ כשר שטיקל עוף? אָבער זעט, וואָס מיט דעם איז פאַרבונדן! מ׳דאַרף צו ערשט פאָרן אין מאַרק קריגן לעבעדיקע עופות. דאָס איז בכלל שווער, ווייל די פּויערים האַלטן עס פאַר לייכטער די עופות צו טויטן אין דער היים און זיי ברענגען אָפּגעפּליקטע אין שטאָט. און וואָלט איך שוין געקריגן אַ לעבעדיק עוף, גיי פיר זיך מיט דעם דורך די געפּאַקטע טראַוווייען זוכן אַ שוחט! דערצו נאָך, ווען סיי דער שוחט און סיי דער, וואָס באַנוצט דעם שוחט, איז אין געפאַר!

כשר רינד־פלייש און פלייש פון שאָף און קעלבער איז כמעט אוממעגלעך צו קריגן. אויב מ׳קריגט אין די גרעסערע שטעט אין גאַנצן כשר פלייש קומט עס פון די קלענערע שטעטלעך און ווערט פאַרקויפט בשתיקה.

8

איך האָב אין לענינגראַד גערעדט מיט אַ שוחט און מוהל.

— פונקט ווי שחיטה שטאַרבט־אָפּ, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַזוי אויך מילה. פונדעסטוועגן זענען פאַראַן גאָר אַ סך, וואָס זענען מל זייערע קינדער און, לאָמיר אייך זאָגן, דאָס טרעפט אַפילו מיט אמתע קאָמוניסטן.

און דער ייִד האָט מיר איבערגעגעבן טשיקאַווע פאַקטן.

אָפט ווילן קאָמוניסטישע טאַטע־מאַמע זוכן מיטלען, ווי צו מלן זייערע קינדער, בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן פרומע עלטערן, וועמען זיי ווילן נישט פאַרשאַפן קיין עגמת - נפש.

עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן אַליין און זוכן אַלע מיטלען, ווי אַזוי דאָס צו טאָן און דערביי נישט האָבן קיין צרות.

דער דערמאָנטער מוהל האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי אַן על־

טערער ייד האָט אים אויף זיינע הוצאות געשיקט אין גאָר אַ ווייטער שטאָט, ווו יענער האָט געהאַט אַ זון און וועמעס פרוי האָט געבאָרן אַ יינגל, אַז ער זאָל דאָס קינד מל זיין. נישט דער זון און נישט די שנור וואָלט עס געוואַגט טאָן. אָבער, אַז אימיצער איז געקומען פון ערגעץ ווייט און האָט עס געטאָן אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן, זענען זיי געווען צופרידן.

מען האָט מיר דערציילט פון אַ קאָמוניסט, וועמעס פרוי איז געווען אין די הויכע מאָנאַטן. איז דער דאָזיקער קאָמוניסט די גאַנצע צייט אומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער.

ער האָט ממש „געבעטן גאָט", אַז זי זאָל געבוירן אַ מיידל, ווייל דעמאָלט וואָלט ער פאַרשפּאָרט אַלץ מיט אַן אַנדער.

— אויב עס זאָל חלילה זיין אַ יינגל, — האָט דער דאָזיקער קאָמוניסט געהאַלטן אין זאָגן פאַר אינטימע נישט־קאָמוניסטישע פריינט, — וועל איך זיין אַן אומגליקלעכער. איך וועל נישט וואַגן דאָס קינד מל צו זיין, אָבער איך וועל נישט קאָנען איבערטראָגן, וואָס מיין קינד איז נישט קיין געמלטס.

— און וואָס איז געווען דער סוף? — האָב איך געפרעגט.

— געבאָרן געוואָרן איז טאַקע אַ יינגל, אָבער דער קאָמוניסט האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פּלאַן. ער האָט זיין פרוי אַוועקגעשיקט אין אַ קליין שטעטל צו זיינע קרובים געלעגן צו ווערן. דאָרט איז געפּראַוועט געוואָרן דער ברית אין דער שטיל, און ווען דער טאַטע, וועלכער איז דערביי נישט געווען, האָט זיך שפּעטער דערוויסט, האָט ער פלומרשט געמאַכט „סקאַנדאַלן".

ער האָט פאַר קאָמוניסטישע חברים געשריגן, אַז מ'האָט אויף אים געבראַכט „אייביקע שאַנדע". סטייטש, ווי וועט ער די אויגן קאָנען ווייזן, אַז זיין קינד איז אַ געמלטס!...

קאָמוניסטישע פריינט האָבן מיט אים שטאַרק סימפּאַטיזירט און האָבן אים געהאַלטן אין טרייסטן, אַז נאָך אַלעם דעם איז עס נישט זיין שולד. עס איז געווען אַ נאַרישקייט, וואָס ער האָט די פרוי געשיקט צו „פינסטערע" און „פאַנאַטישע" קרובים. אָבער פאַרפאַלן. דאָס קינד וועט קאָנען אויסגעהאָדעוועט ווערן אַלס גוטער קאָמוניסט אפילו אַ געמלטס.

דעם פּאָטער איז אַרונטער אַ שטיין פון האַרצן. ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם חשד, אַז ער האָט מיט דעם גע־האַט צו טאָן און פילט זיך גליקלעך.

איך האָב אויך געהערט פון אַ קאָמוניסט, וועלכער האָט זיין עלטערן זון, איצט אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט־ניין, נישט גע־מלט. דאָס איז געווען אין יענע גוטע טעג, ווען ער אַליין איז געווען פאַנאַטיש אויף דער לינקער זייט און געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען אַ „פאַרברעכן" דאָס צו טאָן.

איצט האָט זיין פרוי געבאָרן אַ צווייט יינגל און פאַר דער צייט האָט זיך דער בעל דבר אַ סך אויסגעניכטערט.

ער וואָלט גאָר שטאַרק וועלן, אַז זיין צווייטער זון זאָל זיין אַ ייד, ווי אַלע יידן.

איז ער אָבער אין אַ פאַרלעגנהייט.

— ווי מלט מען איין קינד, ווען דאָס צווייטע איז עס נישט?

— האָט ער געפרעגט אַ מוהל. און ער האָט געוואָלט אַן עצה, ווי ווי אַזוי צו מלן ביידע קינדער.

מיטן נייגעבאָרענעם קינד וואָלט עס ווי איז געקאָנט אַראָנ־זשירט ווערן, אָבער מיטן אַכט־ניין - יאָריקן בחור איז שוין אַ פּראָבלעם. יענער קאָן נאָך שפּעטער דערציילן חברים און וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט עס געהאַט?

הענגט דער ענין אין דער לופט און דער פּאָטער גייט אַרום מיט אַ שווער געמיט.

— מיינט איר, אַז יידישקייט האָט נאָך אַזאַ שטאַרקן אָנ־האַלט אַפילו צווישן ראַדיקאַלן? — האָב איך געוואָלט וויסן.

אויף דעם איז דער ענטפער מצד אַ היפּש ביסל געווען, אַז אינערלעך פילט מען זיך איצט אין סאָוויעט־ריסלאַנד אפשר מער יידישלעך ווי פריער. גראָד דערפאַר, וואָס מען אונטערדריקט אַלץ, וואָס איז יידיש, דווקא דערפאַר, וואָס מען פאַרפאָלגט יעדן, וואָס צייגט אַ נייגונג צו רעליגיע, ווילט זיך אַ סך דווקא אָנהאַלטן דעם בונט מיט זייער פאָלק.

די שוועריקייטן זענען דערביי אָבער אַזוינע גרויסע. מענטשן דאַרפן אַזויפיל מקריב זיין, כּדי אָפּהיטן די יידישע גע־

באַטן, אַז דאָס איז כּמעט אַן אוממעגלעכקייט.

בלייבט עס דערפאַר נישט מער, ווי אַ גוטער ווונטש ביי גאָר אַ סך, באַזונדער די יונגערע.

וואָרום אין דער צייט, וואָס אויף די עלטערע קוקט מען זיך ווייניק אום, היט מען שטאַרק די יינגערע. אַ יונגער מענטש ריזי־קירט גאָר אַ סך, ווען ער פּרובירט זיך אידענטיפיצירן מיט רע־ליגיע אָדער נאַציאָנאַליזם.

— איז יידישקייט פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג? — האָב איך געוואָלט פרעגן מיינונגען.

די מערסטע זענען געווען פּעסימיסטיש.

— מיר גייען אונטער, — איז געווען די מיינונג פון דער גרוי־סער מאַיאָריטעט. — אַפילו די, וואָס האַלטן זיך נאָך ביי יידיש־קייט, זענען ווי אַ בוים, וואָס האָט נישט קיין צווייגן און קיין וואָרצלען. די קינדער ווערן פון אונז אַוועקגעריסן. מיר אַליין מוזן זיך מער איינגראָבן אין דער ערד. ווי קאָנען מיר אונטער אַזוינע באַדינגונגען האָבן אַ תּקומה?

אַנדערע, כאָטש ווייניק, זענען אָבער נישט געווען אַזוי פּע־סימיסטיש. זיי האָבן געזען אַ שטראַל פון האָפענונג טאַקע אין אַזוינע דערשיינונגען ווי די, וועגן וועלכע עס איז פריער דער־ציילט געוואָרן.

קאַפּיטל פיר־און־צוואַנציק

יידישע „בעזבאַזשניקעס" אין סאָוויעטן-לאַנד

1

איך האָב זיך מיט זיי באַקענט אין צוג אויפן וועג קיין כּער־סאָן: צוויי יידישע קאָמוניסטן, איינער אויפן אויסזען אין די ווייַ־טע פערציטיקער, כאָטש, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן נישט מער ווי צוויי און דרייסיק יאָר אַלט, און דער צווייטער—

אַ בּחור אין די צוואַנציקער. ביידע האָבּן שטעלעס ביי דער מלוכה, — דער עלטערער אַלס קולטור־טוער און דער ייִנגערער אַלס טעכ־ניקער.

מיר זענען שנעל געוואָרן באַפריינדעט.

— היינט איז אַ „וויכאַדנאָי דיען" (רו־טאָג), — האָט צו מיר געזאָגט דער ייִנגערער, וועלכער האָט שוין געהאַט איבּערגע־געבּן מיט גרויס שטאָלץ, אַז ער איז אַ טוער בּיי די „קאָמסאָמאָל־צעס" (יונגע קאָמוניסטן). — איך און מיין פריינט זענען היינט פריי. אויבּ איר האָט נישט דאַקעגן, וועלן מיר דעם טאָג פאַרבּרענגען צוזאַמען. מיר וועלן אויך אַבּיסל אַרומפאָרן אין בּערסאָן.

דער עלטערער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז ער שטימט־איין און דערבּיי צוגעלייגט:

— איך בּין אַ בּערסאָנער. קען די שטאָט גוט. וועל אייך צייגן אַלץ, וואָס איר וועט וועלן זען.

— ווייסט איר וואָס? — האָבּ איך געזאָגט צו די צוויי, — איך לאַד אייך איין אַלס מיינע געסט אין האָטעל, אויבּ מיר וועלן זיין צוזאַמען, לאָמיר שוין דורך מיין אויפהאַלט אין שטאָט זיך נישט צעשיידן.

זיי זענען געווען צופרידן און מיר זענען אַלע דריי אַריינגע־פאָרן אין דעם „צענטראַל" - האָטעל אין האַרץ פון שטאָט.

דער עלטערער, וועלכער האָט דאָרט זיינע עלטערן און אַנדע־רע קרובים, האָט געבּעטן אַנטשולדיקונג און איז אַוועק זען זיין משפּחה, אָפּמאַכנדיק מיט אונז זיך צו טרעפן פאַרנאַכט.

דער „קאָמסאָמאָל" האָט איצט אָנגעפאַנגען צוגרייטן אַ פּראָ־גראַם פאַרן טאָג. צי דאָס איז געווען אויס בּאַגער מיר צו דינען אויפן בּעסטן מעגלעכן אופן, צו ער האָט מיר געוואָלט צייגן, אַז ער איז נישט אַבּי־וועד, איך הער מיט אַמאָל, אַז ער רופט אויפן טעלעפאָן דעם „גאָר־סאָוויעט" (גאָראָדסקאָי־סאָוויעט — שטאָטי־שער סאָוויעט) און וויל דוקא רעדן מיטן פאָרזיצער, אָנגעבּנדיק זיך אַלס אַ גוטער בּאַקאַנטער זיינער.

— מיר האָבּן דאָ אַ וויכטיקן גאַסט, — הער איך אים זאָגנ־

דיק, — אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט. עס וואָלט געווען אַ יושר אים צו ווייזן אַלץ, וואָס איז ווערט געזען צו ווערן. זיי אַזוי פריינטלעך, חבר, און שיק אַרויס אַן אויטאָמאָביל. אויב מעגלעך, קום אַליין, אָדער שיק אימיצן אַנדערש אונז צו באַגלייטן.

איך האָב אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל.

— וואָס טוסטו, חבר? — האָב איך אויסגערופן. — צו וואָס דאָס געררודער? יענער קאָן נאָך מיינען ווער ווייס, ווער עס איז אין שטאָט און איך בין נישט מער, ווי אַ פאַרשטייער פון דער בורזשואַזער פרעסע!

און דערפאַר וויל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט זען דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן, — איז יענער באַשטאַנען.

— אָבער איך וויל נישט קיין אָפיציעלע אויפנאַמען, אפילו ווען דאָס זאָל געטאָן ווערן צוליב דיר און נישט צוליב מיר, — בין איך געווען אַנטשלאָסן.

דער „קאָמסאָמאָל” האָט זיך אָבער צו מיר נישט צוגעהערט.

ער האָט שוין אַליין געוווסט, וואָס ער האָט צו טאָן. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט שוין געהאַט פאַרטיק אַ פּראָגראַם.

דאָס ערשטע האָבן מיר געזאָלט זען די נייע טעקסטיל־פאַבריק, וואָס איז אין כערסאָן אָקאָרשט געעפנט געוואָרן. עס איז דער ערשטער שריט אויפן וועג פון גרויס־אינדוסטריע.

אַלץ צוגעגרייט אין פאָרויס זענען די טירן פון דער דאָזיקער פאַבריק פאַר אונז געווען אָפן, כאָטש מיר האָבן געמוזט דורכגיין אַלע פאָרמאַליטעטן, איידער דער באַוואָפנטער סאָלדאַט, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג, האָט אונז אַריינגעלאָזט.

סיי דער דירעקטאָר פון דער דאָזיקער פאַבריק און סיי דער הויפּט־אינזשינער זענען יידן. דער דירעקטאָר רעדט אַ זאַפטיקן אוקראַינישן יידיש.

ער איז נישט קיין פאַכמאַן, דערקלערט ער אָפנהאַרציק. ער האָט קיינמאָל נישט געחלומט, אַז ער וועט ווען זיין דער פירער פון אַ טעקסטיל־פאַבריק. ער איז אָבער אַ פּאַרטיי־קאָמוניסט און

ווען די פּאַרטיי האָט אים באַשטימט פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע, מוז די אַרבעט געטאָן ווערן בשלמות.

— און אָט זעט, וואָס מיר טוען דאָ! — רופט ער אויס ענטוזיאַסטיש, אַרומפירנדיק אונז פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער. — די גאַנצע פאַבריק האָט געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן ממש מיט די צען פינגער. דער צוועק איז א פילפאַכער. ערשטנס, ווילן מיר דאָ אין בערסאָן שאַפן אַן אינדוסטריע. צווייטנס, ווילן מיר דאָ ניצן אויסשליסלעך אייגענעם פּראָדוצירטן בוימוואָל (קאָטאָן), און דריטנס, ווילן מיר געפינען באַשעפטי־קונג פאַר אַלע פרויען, וואָס האָבן זיך פריער אָפּגעגעבן מיט פּראָסטיטוציע.

און איך דערוויס זיך, אַז אַלע פרויען, וואָס ווערן באַשעפ־טיקט אין יענער פאַבריק, זענען געוועזענע פּראָסטיטוטקעס.

דער דירעקטאָר איז פון דעם שטאַרק צופרידן.

— אָט זעט, וואָס מיר טוען־אויף פאַר די, וואָס זענען געווען די נידעריקסטע פון די נידעריקע, — זאָגט ער מיט שטאָלץ.

ווענן זיך אַליין דערציילט ער, אַז ער איז א געוועזענער זע־צער. האָט יאָרן געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון א רוסישער צײַ־טונג. — אָבער די פּאַרטיי האַלט, — זאָגט ער — אַז איך בין פעאיק צו טאָן וויכטיקערע אַרבעט און איך טו, וואָס מ'הייסט.

דער „קאָמסאָמאָל", זעענדיק, אַז איך בין פאַראינטערעסירט אין אַלץ, וואָס איך זע און הער, שמעלצט זיך פון נחת. זיין מי איז נישט געווען אומזיסט. עס איז דאָ וואָס צו זען, אפילו אין אַזאַ שטאָט, ווי בערסאָן.

פון דאָרט זענען מיר אַוועק אין א צווייטער פאַבריק, א שניי־דער־פאַבריק, וווּ די מערסטע אַרבעטער זענען יידן. עס איז שוין אָבער געוואָרן שפּעטלעך. די אַרבעטער האָבן זיך שוין געהאַלטן אין צעגיין. צוליבן רו־טאָג איז די טעטיקייט אין פאַבריק בכלל געווען א באַגרענעצטע. מיר זענען אַרום באַקוקן די שטאָט אין אַלגעמיין.

— איך וואָלט אויך וועלן זען די יידישע זייט פון בערסאָן, — האָב איך א זאָג געטאָן צום „קאָמסאָמאָל".

— דהיינו? — האָט ער געפרעגט.

— לאָמיר זאָגן די שולן, אויב זיי זענען נאָך נישט אַלע גע־שלאָסן געוואָרן, — האָב איך געענטפערט.

— אויב איר זענט פאַראינטערעסירט אין דעם, וועט זיין בעסער, אַז מיר זאָלן וואַרטן אויף ג. (דער עלטערער קאָמוניסט). ער וויים, ווו אַלע שולן געפינען זיך און וועט אונז פירן.

— אונז? — האָב איך איבערגעפרעגט. — וואָלט איר אויך חשק האָבן צו באַזוכן אַ שול?

— פאַרוואָס דען נישט? עס איז איצט אַ גוטע געלעגנהייט. אַליין וואָלט מיר גאָר נישט איינגעפאַלן אַזאַ זאַך.

— און ביי איך מוז עס אודאי קלינגען לעבערלעך, וואָס איך, אַ בורזשוי, האָב גאָר אַזאַ פאַרלאַנג, — האָב איך באַמערקט, װעלנדיק אַרויסקריגן פון דעם יונגן קאָמוניסט, וואָס ער דענקט וועגן דעם ענין.

— אין קעגנטייל, — האָט ער געזאָגט, אין אַ דערמוטיקנ־דיקן טאָן. — מיינט נישט, אַז איך בין אינגאַנצן אַ שייגעץ.

— דאָס אינטערעסירט מיך גראָד שטאַרק, — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט.

— איך האָב אַלס קינד אַליין אויך געלערנט, — האָט ער מיר פרייוויליק געגעבן אינפאָרמאַציע.

— געלערנט, וואָס? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— דאַווענען, חומש. איך געדענק אפילו, ווי מיין רבי האָט מיט מיר געלערנט רש״י.

— געדענקט איר נאָך פון דאַווענען אָדער חומש?

— מה טובו אוהליך יעקב ומשכנותיך ישראל, — האָט דער „קאָמסאָמאָל״ אָנגעהויבן זאָגן מיט נישט ווייניק כּוונה. — און וואָס איז שייך חומש, געדענק איך נאָך וועגן משה רבנו און ווי ער האָט באַפרייט די יידן פון מצרים.

— און וואָס אַ שטייגער דענקט איר וועגן משה רבנו? — האָב איך געפרעגט אין שפּאַס. — נאָך אַלעם דעם איז ער דאָך עפּעס אויך געווען אַ באַפרייער, אפשר נישט קיין קלענערער ווי לענין.

— לעניז? — האָט דער קאָמסאָמאָל אויסגערופן. — צו לענינען קאָן קיינער נישט פאַרגליכן ווערן. לענין איז דער באַפרייער פון דער גאַנצער מענטשהייט. משה איז אָבער געווען דער באַפרייער בלויז פון יידן.

— און דאָס איז פאַר אייך נישט גענוג? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ניין, מיר מוזן טראַכטן וועגן דער גאַנצער וועלט, נישט וועגן יידן אַליין.

— און איך וועל נאָך היינט זען, אַז איר וועט נאָך כאַפּן אַ קדושה, אויב מיר וועלן באַווייזן אין שול צו מנחה, — האָב איך זיך געוויצלט.

— און וואָס מיינט איר, אַז דאָס איז אינגאַנצן אויסגעשלאָסן? — האָט ער געפרעגט אויף צוריק.

2

ג. האָט אונז באַגעגנט אין דער באַשטימטער צייט. דער „קאָמסאָמאָל" האָט אים באַלד איבערגעגעבן, אַז איך וויל באַזוכן אַ שול.

— אַ שול? — האָט יענער זיך אָנגעכאַפּט מיט קענטיקער פרייד. — אָט וועגן דעם דאַרף מען זיך טאַקע ווענדן צו מיר. וואָרום ווער וויים נאָך וועגן די שולן אין כערסאָן ווי איך?

איך האָב עס בעת מעשה אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. פונדעסטוועגן האָב איך געפרעגט:

— און וואָס מאַכט אייך אַזוי קוואַליפיצירט, צו זיין אַזאַ ידען אין דאָזיקן ענין?

דער קאָמוניסט האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ערשטנס, בין איך אַמאָל געווען אַ משורר און געדאַוונט פאַרן עמוד אין די מערסטע שולן. דאָן סתם געווען אַן אָפטער באַזוכער אין די היגע שולן. דער עיקר אָבער, וואָס איך בין דער יעניקער, וואָס האָט צוגעמאַכט אַ פיר־פינף שולן דאָ און וויים נישט נאָר פון די, וואָס זענען צוגעמאַכט געוואָרן, נאָר אויך פון די, וואָס זענען געבליבן אָפן.

ער האָט עס ארויסגעזאָגט אין אַ טאָן, וואָס האָט קלאָר געצייגט, אַז ער איז שטאָלץ מיט זיין ארבעט.

איך האָב דעם בחור געשענקט אַ פאַרשנדיקן בליק. איך וואָלט זיך בשום אופן נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער זאָל זיין דער טיפ, וואָס איז פעאיק אויף דעם. גראָד אַזאַ הארציקער און צוגעלאָזטער מענטש!

איך האָב לכתחילה געפילט דערווידער צו אים. אָבער איך האָב זיך באַדענקט, אַז נאָך אַלעם דעם וועט עס זיין פון באַזונדערן אינטערעס צו באַזוכן אַ שול דווקא מיט דעם הויפּט פון די דאָרטיקע „ביעזבאַזשניקעס" (גאַטלאָזע).

— אָבער צו ערשט וועל איך אייך פירן זען די שולן, וואָס זענען אוועקגענומען געוואָרן, — האָט ער געזאָגט. — זעט, וואָס איך האָב אויפגעטאָן!

ער האָט עס ווידער געזאָגט מיט אַ גרויסן שטאָלץ, אַז ווי שטאַרק דאָס האָט מיר געשניטן ביים הארצן, האָב איך געטראַכט, אַז דער בחור האָט עס ווייניקסטנס געטאָן „לשמה", אין פולן ערנסט, איבערצייגט מסתמא, אַז ער טוט דערמיט אויף גרויסעס.

איך האָב עס אים געזאָגט אָפן. און דערביי אים דערציילט דאָס מעשהלע פון טאַלנער רבין, אויף וועמען אַ מתנגד האָט אַמאָל געוואָרפן אַ שטיין, און דער טאַלנער האָט דערביי געזאָגט, אַז ער איז דעם דאָזיקן מתנגד שטאַרק מקנא. ער האָט עס דאָך געטאָן מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז ער איז אויף אַזאַ אופן מקדש השם.

ג. האָט זיך הארציק צעלאַכט.

— קיין מומר להכעיס בין איך אודאי נישט, — האָט ער געזאָגט.

מיר האָבן דערגרייכט דעם געוועזענעם בערסאַנער שול-הויף, באַשטייענדיק פון אַ גרופּע שולן, מיט דער געוועזענער כאָר-שול אַלס די שענסטע און אימפּאַזאַנטסטע.

דער אויסקוק פון שול-הויף איז נאָך נישט געווען פאַרשוונדן. באַהאַלטענע קדושה האָט זיך נאָך געפילט אין דער לופט.

מיר זענען צוערשט אריין אין דער כאָר - שול. סטאָלאַרעס זענען געווען ביי דער אַרבעט, צוגרייטנדיק דעם פּלאַץ פאַר אַ קלוב.

דער באַלעמער איז שוין געווען פאַרוואַנדלט אין אַ בינע.

— איר זעט, קיין איינציקער „מגן דוד" נישט געבליבן! — האָט ג. געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די געמאָלענע ווענט און סופיט, טייטלענדיק אויף שווארצע קעסטלעך ביי די געזימסן פון סופיט.

— אין יעדן קעסטעלע איז געווען אַ מגן דוד, — האָט ער געלאַכט. — איצט געפינט כאָטש איינעם אויף אַ רפואה!

— און וואָס וואָלט איך געאַרט, אַז די מגן דודס וואָלטן גע־בליבן? — האָב איך געפרעגט.

— איך וואָלט זיך אויף זיי געשעמט צו קוקן, — האָט זיך אים אַרויסגערעדט, קענטיק אומבאַוווסטזיניק.

— און אין דעם בין איך מיט אייך מסכים, — האָב איך שוין געזאָגט סאַרקאַסטיש. — אונטער אַזוינע באַדינגונגען איז טאַקע בעסער, אַז איר האָט זיי אָפּגעמעקט.

מיר זענען אַריין אין דער צווייטער שול — דער „פּוילישער" בית מדרש. — דאָרט איז שוין אַלץ געווען איינגעשטעלט אין אַ קלוב, אָדער אין אַ ריי קלובן. און נישט בלויז פאַר יידן, נאָר אויך פאַר נישט־יידן. אין איינעם פון די שטיבלעך האָבן מיט־גלידער פון אַן אַרבעטער־אָרקעסטער געהאַלטן אין פּראַקטיצירן אויף פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

איינער האָט געהאַלטן אין טרובענען אויף אַ טראָמבאָנע.

— מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָס לערנט זיך אימיצער בלאָזן שופר, — האָט ג. געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— עפּעס זעט מיר אויס, ווי יידישקייט וואָלט אייך געווען צופיל איינגעבאַקן אין האַרצן, אָדער ליגט עס אייך גאָר צו שטאַרק אויפן געוויסן? — האָב איך געפרעגט, וועלנדיק זיך דערגרונטע־ווען אין דעם דאָזיקן מענטשן.

— און וואָס אַ שטייגער מיינט איר מיט דעם? — האָט ער געפרעגט, מיר שענקנדיק אַ בליק פון דער זייט.

— אַז אַמאָל איז אַ צו־שטאַרקע שנאה גאָר דער פּועל יוצא

פון א צו־שטאַרקע ליבע!
ג. האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— און וואָס זאָגסטו אויף דעם? — האָט ער זיך געווענדעט צום „קאָמסאָמאָל“, וועלכער האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט צו אונזער שמועס.

דער „קאָמסאָמאָל“ האָט געשוויגן. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. האָט זיך אים עפּעס נישט געשיקט? האָבן זיך אים עפּעס געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין ענטפער?

— איך האָב מורא, אַז איך וועל אים נאָך איינגאַנצן צעדרודערן! — האָב איך באַמערקט.

דאָ האָט שוין דער „קאָמסאָמאָל“ זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון א חלום.

— מיינט נישט, אַז אַלץ איז שוין ביי אונז אַזוי גלאַט, — האָט ער א זאָג געטאָן. — פאַראַן א סך קשיות, וועלכע לאָזן זיך נישט פאַרענטפערן.

— און איצט וועל איך אייך נעמען אין דער חב״דסקער שול, — האָט ג. געזאָגט. — זי איז איינע פון די שענסטע, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אָפן.

עס איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין יענער שול. עס האָט שוין געמוזט זיין לאַנג נאָך מעריב.

די שול איז נאָך געווען אָפן. אַריינקומענדיק האָבן מיר געזען, ווי ביי א טיש, העל באַלויכטן, אין קאָנטראַסט מיט דער טונקלהייט, אין וועלכער דער גאַנצער בית מדרש איז געווען איינגעהילט זענען געזעסן א צענדליק, אָדער מער אַלטע יידן פאַר אָפענע ספרים און זיך צוגעהערט צו א שיעור.

פון אָנפאַנג האָט מען אונז נישט באַמערקט, מיר האָבן זיך א ווייַלע אַרומגעדרייט אומגעשטערטערהייט. אימיצער האָט אונז אָבער דערזען. ער האָט עפּעס א מורמל געטאָן צו די איבעריקע, און מאָדנע: אַלע האָבן מיט שרעק שנעל צוגעמאַכט די ספרים. א פּאָר האָבן זיך אויפגעהויבן און אונז געקומען אַנטקעגן, קוקנדיק די גאַנצע צייט אויף אונז, ווי פאַרלאָרענע.

איך האָב זיך געווענדעט צו ג.

— וואָס האָבן זיי זיך אַזוי דערשראָקן, די יידן? — האָב איך געוואָלט ביי אים דערקלערונג.

ג. האָט זיך ווידער הארציק צעלאַכט.

— איר כאַפּט נאָך נישט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען? — האָט ער געפרעגט.

— דהיינו? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— זיי קענען מיר, — האָט ער געזאָגט.

— איז וואָס? — האָב איך נאָך אַלץ נישט געכאַפּט, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— זיי וויסן, אַז איך האָב צוגענומען יענע שולן, — האָט ער געזאָגט מיט פולער גלייכגילטיקייט, — מיינען זיי, אַז מיין קומען איצט אַהער האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג. זיי פאַלט אודאי איין, אַז דאָס איז אַ שריט אויף די שול צוצונעמען, בפרט, אַז זיי זעען מיר אין באַגלייטונג פון צוויי אַנדערע, באַזונדער איינער ווי איר, וואָס זעט אויס אין זייערע אויגן אפשר ווי אַ „קאָמיסאַר" פון מאָסקווע.

איך האָב דערפילט אַ שאַרפן ווייטאָק אין האַרצן. אומבאַוווסטזיניק האָב איך גורם געווען יידן אומזיסטע שרעק און עגמת נפש.

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן צו די זקנים, זיי צו באַרואיקן און אפילו בעטן ביי זיי מחילה.

די צוויי יידן, וואָס זענען אונז געקומען אַנטקעגן, האָבן שוין עפּעס געהאַלטן אין זאָגן, און האָבן עס געטאָן צוזאַמען.

— מיר טוען דאָ גאָרנישט! — האָבן זיי זיך פאַרענטפערט,

— מיר האָבן נישט געלערנט. גלאַט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. מיר האָבן מער גערעדט וועגן קהלשע ענינים.

ג. האָט שטילערהייט געלאַכט.

— וואָס פאַרא אַלטע נאַראָנים, — האָט ער מיר איינגערוימט אין אויער. — זיי וויסן נישט אָדער האָבן אין זייער שרעק פאַרגעסן, אַז לערנען ביים טיש מעג מען גראָד יאָ. אַ רב מעג אפילו

לערנען פאַרן עולם. ער טאָר בלויז נישט האַלטן קיין דרשות פון באַלעמער.

מיין רחמנות אויף די יידן איז געוואַקסן.

— מען דאַרף זיי אויפקלערן און זאָלן זיי וויסן, אַז מיר זע־נען אַהער נישט געקומען מיט קיין שלעכטע כוונות, — האָט שוין דער „קאָמסאָמאָל" געזאָגט, נאָכדעם, ווי ער האָט געגנוי און מיט אַ באַהאַלטענעם יראת הכבוד זיך אַרומגעקוקט אין דעם טונקעלן בית מדרש און איינגעזאַפּט די אומעט־אַניאַגנדיקע אַטמאָספערע.

די יידן, ווי צעשראָקענע האָזן, האָבן אָבער זיך שוין איינ־ציקווייז געהאַלטן אין אַרויסרוקן פון בית מדרש.

מיר זענען באַלד געוועזן אַליין און זענען אויך אַרויס.

— אַ רחמנות, — האָט דער „קאָמסאָמאָל" געהאַלטן אין איבערהזרן. — איך וואָלט אַהער מיט דיר בשום אופן נישט גע־גאַנגען, — האָט ער געזאָגט צו ג., — ווען איך וואָלט זיך אויף דעם גערינכט.

כאָטש מיין הארץ האָט מיר ווײ געטאָן פאַר די יידן אין האָב ווענן דעם לאַנג נאָכגעטראַכט, האָב איך אָבער געפילט, אַז נאָך אַלעם דעם האָב איך צופעליק בייגעוווינט אַ סצענע, וואָס האָט אפשר מער פאַר אַלץ געצייגט די לאַגע פון די רעליגיעזע יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

3

מיר האָבן זיך אַלע דריי אין שטילשווייגן צוריקגעקערט אין האָטעל. איינקויפנדיק אויפן וועג גוטע זאַכן צוצובייסן, האָבן מיר צווישן זיך געמאַכט אַ סעודה, ביי וועלכער עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין וויין און שנאַפּס.

נאָך עטלעכע כוסות זענען מיינע צוויי קאָמוניסטישע קאַמ־פּאַניאָנען געוואָרן פריילעך און אויפגעלעגט.

ג. האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן זיין פאַרגאַנגענהייט.

אינגאַנצן אַ שוסטערס אַ זון און וואָס פאַר אַ געלעגנהייטן האָט ער געקאָנט האָבן אין לעבן? אַלס קינד שוין געוועזן ביים

פּאָטערס וואַרשטאַט. אָבער דאָס האַרץ האָט געצויגן אין דער גרויסער, ברייטער וועלט.

האָט געזונגען ביי חזנים. האָט תּמיד ליב געהאַט נגינה. שפּעטער זיך אַרומגעדרייט ביים טעאַטער. אַז די רעוואָלוציע איז געקומען, איז ער געוואָרן טעטיק אויפן קולטור־פראָנט. פאַר אַ צייט אַרומפאָרן מיט אַ טרופּע, וואָס האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אין באַלאַגאַנעס אויפן פראָנט פאַר די קעמפנדיקע רעוואָלוציאָנע׳רע סאָלדאַטן און נאָכהער פאַר די אַרבעטער אין די פאַבריקן. איצט האָט ער אַ פּערמאַנענטן פּלאַץ אַלס קולטור־טוער.

און אַז ער האָט שוין אַליין געהאַט דערציילט וועגן זיך און נעקריגן אַלע אינפאָרמאַציעס וועגן אַמעריקע און דער וועלט פון מיר, האָט ער זיך אַ צי געטאָן לענג־אויס אויפן בעט און אָנגעהויבן זינגען.

איך האָב זיך צוגעהערט.

דאָס זענען נישט געווען קיין לידער פון רעוואָלוציע, נאָר חזנות. אַן אַלטער „ונתנה תוקף", אַ „כּבקרת רועה עדרו", אַ „הבן יקיר לי אפרים". און ער האָט געזונגען מיט געפיל און מיט האַרץ. איבערגעגעבן באַלד צו חסידישע ניגונים, איינער האַרציקער און מתיקותדיקער פון צווייטן.

דער קאָמסאָמאָל, כאָטש אים זענען די ניגונים געווען פרעמד, האָט אונטערגעהאַלפן.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג ג. וואָלט אַזוי אָוועקגעזונגען. איך האָב געהאַלטן מיינע אויגן אויף אים. איך האָב געקאָנט זען ווי דאָס זינגען האָט אים שטאַרק צענומען. טרערן האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן. איך בין אַליין אויך געווען גערירט.

ער האָט זיך אָבער פּלוצים געכאַפּט, אַז איך קוק אויף אים. ער האָט אין אַן אויגנבליק פאַרנומען, אַז ער איז אַ גרויסער קוריאָז אין מיינע אויגן, און מיט אַמאָל, איבעררייסנדיק דאָס זינגען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַ פיר טוענדיק מיט די הענט, ווי ער וואָלט אימיצן פון זיך געוואָלט אָוועקשטויסן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „טשאָרט פּאָבערי", לאָמיר עפּעס זינגען מער פריילעכס,

— און ער האָט אויפגעזונגען א רעוואָלוציאָנער לידל.

ווייטער איז עס אָבער שוין נישט געגאַנגען. מיר זענען באַלד ווידער געווען אין גאַס צו זען, וואָס עס איז געווען צו זען פון בערסאָנער ביינאַכטיקן לעבן.

מיר איז געווען אינטערעסאַנט זיך צו טרעפן מיט ג.ס פאָ־טער, וועגן וועלכן ג. אליין האָט מיר דערציילט, אז ער איז א פרומער ייד.

די באַציאונג צווישן טאַטן און זון זענען גראָד געווען די בעסטע.

איך האָב דעם פאָטער געפרעגט, וואָס ער דענקט פון זיין זונס אַנטי־רעליגיעזער טעטיקייט.

— האָט מיר א ווערט! — האָט יענער א זאָג געטאָן מיט ביטול. — און אז ער וועט פאַרמאַכן אַלע בתי מדרשים וועט עפּעס העלפן? און אז זיי וועלן אפילו פאַרברענען אַלע טליתים און תפילין, וועלן זיי מיט דעם עפּעס אויספירן? דעם הימל קאָ־נען זיי פאָר אונז נישט פאַרמאַכן און אונזערע הערצער קאָנען זיי פון אונז נישט ארויסרייסן!

און נאָך א ווײַלע שווייגן, האָט ער צו מיר זיך צוגעבויגן און מיר איינגערוימט אין אויער:

— און איר מיינט, אז זיי, די קאָמוניסטן, זענען אַזוי שלעכט? באשר זיי קאָנען זיך נישט העלפן! זיי אליין זענען דאָך נישט מער, ווי קנעכט, וואָס מוזן פאָלגן דעם האַר. אין האַרצן זענען זיי אָבער גאָר נישט אַזעלכע מומרים!

איך ווייס נישט, צי דאָס האָט אין אים גערעדט דער פאָטער, וואָס האָט געוואָלט געפינען א זכות אויף זיין זון, פאַר וועמעס געוויסן ער האָט זיך מסתמא שטאַרק געזאָרגט, אָדער ער איז געווען איבערצייגט, אז דאָס איז טאַקע אַזוי.

און פון דעם, וואָס איך האָב געזען פון ג.., איז דער אַלטער פאָטער זיינער דען נישט געווען בארעכטיקט צו זיין מיינונג?

איך בין אפילו נישט געווען אינגאַנצן זיכער, אויף וועמען עס איז א גרעסערער רחמנות, אויף דעם אַלטן שוסטער, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל גלויבן און איז געווען אַזוי זיכער מיט זיך

און מיט זיין גאָט, צי אויף זיין זון, וועלכער איז געווען אַזוי זיכער מיט דער גערעכטיקייט פון זיינע מעשים?

קאַפּיטל פינף־און צוואַנציק

יידישע „מאַראַנען“

1

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים וועל איך באַצייכענען דעם פּלאַץ: „ערגעץ אין סאָוויעט ־ רוסלאַנד“. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יידן, וואָס האָבן אין די פריערדיקע יאָרן מיט זיך פאַרגעשטעלט די סמעטענע פון רוסישן יידנטום. איצט זענען זיי דערשלאָגענע, האַלב ־ פאַרצווייפלטע מענטשן, וואָס בלאָנקען־ אַרום אויף גאָטס ערד, ווי אין עולם־התהו.

אַמאָל זענען זיי געווען די שרייבער, די דענקער, די געלערנ־ טע. מען האָט זיך צוגעהערט צו זייער וואָרט. זיי האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן.

איצט גייען זיי אַרום ווי בלינדע, וואָס טאַפּן אין דער פינ־ סטער. זיי קוויקן זיך מיט אַ ידיעה, וואָס גרייכט זיי אַמאָל פון אויסלאַנד. האָבן זיי מיך דערפאַר באַטראַכט פאַר אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע און האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט אַ טויזנט פראַגן וועגן אַמעריקע, ארץ ־ ישראל און אַנדערע לענדער. מאַנכע פון זייערע פראַגן זענען געווען פאַטעטיש, ווייזנדיק, ווי ווייניק אינ־ פאָרמירט זיי זענען וועגן די עלעמענטאַרסטע ענינים.

— איר ווילט עפּעס זען? — האָט איינער פון דער גרופּע מיך געפרעגט, פילנדיק שוין פולן צוטרוי צו מיר. — קומט מיט אונז!

מען האָט מיך גענומען דורך הויפן און הויפעלעך, ענגע און פינסטערע קאָרידאָרן. אַ טרעפּ־אַרויף, אַ טרעפּ־אַרונטער, ביז מיר זענען געבליבן שטיין פאַר אַ פאַרשלאָסענער טיר. אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, אויב אימיצער איז אונז נישט נאָכגעגאַנגען,

איז די טיר אויפגעשלאָסן געוואָרן און מיר האָבן זיך געפונען אין אַ גרעסערן חדר, ווו די ווענט זענען געווען פאַרשטעלט פון אונטן ביז אויבן מיט ספרים.

ס'איז געווען אַ געהיימע יידישע ביבליאָטעק פון ספרים, חכמת ישראל און העברעאישע ליטעראַטור.

— דאָס איז אפשר די איינציקע יידישע ביבליאָטעק פון דעם מין אין גאַנץ סאָוויעט־רוסלאַנד, — האָט מען מיך אינפאָרמירט. — דאָס זענען ספרים, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון שולן, עפנטלעכע און פּריוואַטע ביבליאָטעקן און יחידים, איידער די מלוכה האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו קאָנפיסקירן. איר געפינט אַלע תורה־ספרים, ווי אויך די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור. זאָל די דאָזיקע ביבליאָטעק אַנטדעקט אָדער געמסורט ווערן, איז נישט נאָר וואָלטן אַלע ספרים קאָנפיסקירט געוואָרן, נאָר אויך מיר אַלע, וואָס האָבן די דאָזיקע ספרים פּרעזערווירט, וואָלטן געגאַנגען אין תפיסה. אויך די, וואָס באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק, וואָלטן געווען אין געפאַר.

איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף די פּאָליצעס.

ס'איז באמת געווען אַ גרויסע און רייכע קאָלעקציע, ווו דער לומדישער ייד, אַזוי גוט ווי דער משכּילישער, קאָן געפינען אַלץ, וואָס ער דאַרף.

— אָבער ווער באַנוצט זיך מיט דער דאָזיקער ביבליאָטעק און ווי אַזוי גיט איר אַרויס ספרים און ביכער? — האָב איך געוואָלט וויסן.

דער ענטפער אויף דעם איז געווען:

פון אַרויסגעבן ספרים און ביכער אין דרויסן קאָן קיין רייד נישט זיין. אַלע, וואָס ווילן אַריינקוקן אין ספר, וואָס זענען נאַטירלעך אַזעלכע, וואָס מען קען און מ'האָט צו זיי צוטרוי, מוזן קומען אַהין, כאָטש דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט נישט ווייניק ריזיקע, דערפאַר, וואָס דאָס קאָן צוציען אויפמערקזאַמקייט און פאַראַטן דאָס אָרט.

— און ווער־זשע קומט אַהער? — האָב איך געוואָלט וויסן.

דאָס איז מיר אויך אויפגעקלערט געוואָרן:

עס איז דאָרט אין ביבליאָטעק, ווו עס קומען רבנים און אַזוי לומדישע יידן לערנען ש"ס און אַנדערע ספרים און ווו העבראַיסטן קומען לייענען. עס איז אויך דאָרט, ווו יונגעלייט קומען לערנען תורה, שטודירן יידישע וויסנשאַפט אָדער לייענען העברעאישע ליטעראַטור.

לערנט מען און מען לייענט דאָרט גאַנץ געשמאַק. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק, ווי איך וואָלט זיך געפינען אין אַ פאַרבאַרגענעם יידישן פאַרזאַמלונגס - פונקט אין אַלט; שפּאַניע, אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע.

איך האָב זיך גראָד באַקענט מיט עטלעכע פון די יונגעלייט. וואָס זיצן און לערנען און פאַרמירן אָפט גאַנצע נאַכט. איך האָב אויך געזען אַזעלכע, וואָס גיבן זיך אָפּ מער מיט ליטעראַטור, ווי מיט תורה. די מערסטע פון זיי זענען פּראָדוקטן פון נאָך דער רעוואָלוציע.

— אָט ווי איר זעט, לערנט מען נאָך ביי אונז תורה, כאָטש דאָס מוז געטאָן ווערן באַהאַלטענערהייט, בחדרי חדרים, — האָט איינער פון די יידן באַמערקט.

דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם פון די מערקווירדיקסטע עקזעמפּלאַרן פון דעם מאַראַנען-יידנטום אין סאָוויעטן-לאַנד.

דאָס איז געווען אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אויפן אויסקוק, ווי יעדער אַנדער בחור פון זיין מין און עלטער. ער האָט אָקאָרשט געהאַט געענדיקט זיין צווייטן קורס אין אוניווערזיטעט. ער טוט אַן אַרבעט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט נישט מחלל שבת זיין. אין זיין פרייער צייט זאָגט ער אַ שיעור גמרא פאַר יונגעלייט און פון צייט צו צייט עין-יעקב פאַר עלטערע יידן.

— און די אַנדערע בחורים? — האָב איך געפרעגט.

— כמעט יעדער פון זיי איז אַ געענדיקטער פון אַ העכערער שול. זיי אַרבעטן, ווי אַלע אַנדערע. זיי טוען אָבער אַלץ און זענען מקריב אַלץ, אַבי צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס זאָל זיי נישט

שטערן אין אפהיטן יידישקייט. תורה לערנען זיי אין זייער פרייער צייט.

— דאס קומט אונז אן מיט גאר גרויסע שוועריקייטן, — האט איינער פון די יונגעלייט מיר דערקלערט. — וואס ווייטער, ווערט אלץ שווערער און שווערער. מען שפיאנירט אונז. מען היט אונזערע טריט. פיל פון זיי זענען ארעסטירט געווארן און שמאכטן אין די טורמעס.

מען האט מיר דערציילט, אז גראד מיט עטלעכע טעג פריער זענען געמאכט געווארן נייע ארעסטן.

— דאס וועט אונז אבער נישט אפשרעקן, — האט א בחור פון א יאר צוואנציק, מיט ברענענדיקע אויגן, מיר געזאגט. — מיר האבן איבערגעלעבט אנדערע אינקוויזיציעס און מיר וועלן אויך איבערלעבן די קאמוניסטישע אינקוויזיציע.

— אבער ווי לאנג קאנט איר אזוי אויסהאלטן? — האב איך געפרעגט. — מיינט איר, אז דורכן מארטירערטום פון א הייפל קאן דאס יידנטום אין סאוויעט־רוסלאנד אויפגעהאלטן ווערן?

וועגן דעם זענען די מיינונגען געווען צעטיילט.

געווען אזעלכע, וואס האבן געהאט פולן גלויבן אין זייערע כחות.

— מיר וועלן זיך קיינמאל נישט אונטערגעבן. תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, — האבן יענע געזאגט עקשנותדיק.

עס זענען אבער אויך געווען אזעלכע, וואס האבן גערעדט מיט יאוש:

— מיר גייען אונטער. דאס יידישע פייער האלט אין אויס־געלאשן ווערן. עס צאנקען די לעצטע האלעוועשקעס. עס וועט בלייבן נישט מער, ווי אש...

זיי האבן אנגעוויזן אויף דעם, וואס די קליינע קינדער קאנען מער נישט דערצויגן ווערן אין יידישן גייסט.

— דאס איז נישט דערפאר, — האט מען מיר דערקלערט, — וואס מען האלט זיי מיט טויזנטער באנדן צוגעבונדן צו די מלו־

בהשע שולן און די טעטיקייט ארום די שולן, אזוי, אז זיי שטייען ממש אויסערן רשות פון זייערע עלטערן.

און מען האָט מיר דערציילט, ווי אזוי א רב האָט געהאַלטן א דרשה פאַר א געפּאַקטן בית־המדרש פון עלטערע און יינגערע מענטשן.

— אָבער ווו זענען אייערע קינדער? — האָט דער רב אויסגערופן. — זענט איר אַלע, רחמנא לצלן, „בעזדיעטניקעס" (קינדערלאָזע)?

ביי דעם האָט אין בית־מדרש אויסגעבראָכן א געוויין. אַלע האָבן געפילט, אז דאָ איז אָנגערירט געוואָרן דער סאַמע אָנגעווייטאָקטסטער פּונקט.

2

איך בין געווען אין א הויז. א יינגל פון א יאָר צען האָט זיך געשפּילט אין א ווינקל. איך האָב געשמועסט מיט די עלטערן.

איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אן איינפלוס זיי האָבן אויפן יינגל.

די מוטער האָט געוואָרפן א בליק צום יינגל, ווי זי וואָלט נישט געווען זיכער, אויב זי קאָן עפּעס זאָגן אין זיין קעגנוואַרט.

— עס איז גוט, וואָס ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט יידיש, — האָט זי באַמערקט. — ווען נישט, וואָלט נישט געווען זיכער אויסצורעדן א וואָרט. הערט ער עפּעס, וואָס ער האַלט פאַר רעליגיעז אָדער נאַציאָנאַל, הויבט ער אונז באַלד אָן מוסרן און זיך בייזערן.

און די מוטער האָט געגעבןביישפּילן:

— דאָ נישט לאַנג האָב איך זיך ארויסגערעדט „מיט גאָטס הילף" און מיין זונדל איז אויפגעשפּרונגען און מיר אָנגעהויבן טאַדלען, פאַרוואָס איך באַנוץ זיך מיט אזא אויסדרוק. דאָס געהערט צו א „טויטער וועלט", האָט ער זיך געהיצט. און וואָס איז דער וואונדער? מ'לערנט זיי אין די שולן צו זיין די אויפּפּאַסער און אפילו די „דערציער" פון זייערע עלטערן. זענען זיי,

דאָס קליינוואַרג, געוואָרן פּראָפּאַגאַנדיסטלעך, וואָס דערגייען טאַ־טע־מאַמע די יאָרן. איר האָט פּשוט מורא פאַר זיי אַ וואָרט צו זאָגן. אין זייער אומשולד קאָנען זיי עס נאָך האַלטן פאַר אַ קאָ־מוניסטישע „מצוה" צו פאַרמסורן זייערע עלטערן.

— און אַזוינע פאַלן, — האָט דער מאַן אונטערגעכאַפּט, — האָבן שוין נישט איינמאָל פּאַסירט. מען האָט די מוחות פון דעם קליינוואַרג אינגאַנצן פאַרסמט.

— און מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך? — האָב איך געוואָלט הערן, וואָס זיי ווייסן אַלס עלטערן.

— אויף דעם וואָלט איך אפשר נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער, — האָט דער מאַן געזאָגט. — האָבן מיר אָבער שוין אַ דערוואַקסענעם זון, וואָס איז אין זיין קינדהייט אויך געווען פאַרקאָכט אין דער רעוואָלוציע, ווי אָט דער תּכשיט, וואָס איר זעט פאַר אייך. ער האָט זיך אָבער אויסגעניכטערט. מען קאָן שוין מיט אים איינטענהן און אפילו אים פּרובירן איבערצייגן. אודאי האָבן מיר שוין מער נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים, ווי פאַר אָט דעם „שגץ".

פונדעסטוועגן זענען נאָך אַלץ דאָ מלמדים און העברעאישע לערער, וועלכע קומען אין די היימען פון די קינדער באַהאַלטע־נערהייט. פאַראַן טאַטעס און מאַמעס, וואָס נעמען אַלע ריזיקעס צו לערנען זייערע קינדער יידישקייט אַליין אָדער דורך מלמדים און לערער.

ביז נישט לאַנג צוריק, האָט מען מיר איבערגעגעבן, זענען אפילו געווען געהיימע חדרים, פּונקט ווי עס זענען געווען גע־היימע און אָרגאַניזירטע ישיבות.

איצט זענען שוין אַזעלכע חדרים ממש אויף אַ רפואה נישטאָ. אויב דאָ און דאָרט קאָנען זיך נאָך געפינען אַזוינע חדרים, ווייסן פון זיי נישט אפילו די יעניקע, וואָס האָבן זיך תּמיד מוסר־נפש געווען אַזוינע חדרים אויפצוהאַלטן.

די אָרגאַניזירטע געהיימע ישיבות זענען אויך צעשטערט געוואָרן. אָבער עס זענען נאָך דאָ אַ היפּש ביסל יונגעלייט, וואָס לערנען יעדער פאַר זיך אָדער אין גרופּן.

א רבֿ אין לעני־נגראַד האָט מיר דערציילט, אַז ביז גאָר נישט לאַנג צוריק האָט דאָרט עקזיסטירט אַ חבֿרה אונטערן נאָמען „תּפֿארת בחורים“, וואָס איז באַשטאַנען נאָר פֿון סטודענטן, וועלכע פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען אין געהיים און לערנען גמרא און אַנדערע למודים.

אַ היפּש ביסל פֿון די דאָזיקע „מאַראַנען“ האָבן זיך אויף דעם אָדער יענעם אופֿן געראַטעוועט פֿון דאָרט און געפֿינען זיך איצט אין אויסלאַנד.

— דאָס אַליין, — האָט מיר איינער געזאָגט, — צייגט אפֿשר די האָפֿנונגסלאָזע לאַגע, אין וועלכער די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ייִדן געפֿינען זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד. בּל־זמן זיי האָבן נאָך געמיינט, אַז זיי וועלן מיט זייער עקשנות עפּעס קאָנען אויפֿטאָן און ראַטעווען ייִדישקייט אין לאַנד, זענען זיי געווען גרייט אַפֿילו אויף מסירת־נפֿש. זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן איינזען, אַז אַלץ איז פֿאַרלאָרן. די פֿראַגע איז געווען, ווי זיך אַליין צו ראַטעווען.

און אַז עס קומט צו דער פֿראַגע פֿון אויסוואַנדערונג, האָב איך נישט איינעם געהערט טענהנדיק אומגעפֿער אויף אַזאַ אופֿן:

— פֿאַרוואָס שווייגן די ייִדן אין אויסלאַנד? פֿאַרוואָס פֿאָנגט מען נישט אָן קיין אַקציע אונדז אַרויסצונעמען פֿון אָט דעם דאָזיקן „עמק הבכא“ (יאָמער־טאָל)? מיט וואָס זענען מיר, רוסישע ייִדן, ערגער פֿון די דייטשע ייִדן? זענען מיר, די קרבנות פֿון סטאַליניזם, נישט אַזוי וויכטיק, ווי די קרבנות פֿון היטלעריזם?

— פֿאַרוואָס נישט אָרגאַניזירן אַ „פּדיון־שבויים“־פֿאָנד? — האָט איינער געפֿרעגט. — די צייט איז געקומען, ווען די ייִדן אין אויסלאַנד מוזן אָנהויבן ערנסט טראַכטן פֿון ראַטעווען דעם שאַרית הפּליטה פֿון רוסישן ייִדנטום און אַ ברייטע אַקציע פֿון דעם סאָרט וועט מוזן אונטערגענומען ווערן.

3

נישט קוקנדיק אויף דער פארצווייפלטער לאגע, אין וועלכער די רעליגיעזע און נאציאנאלע יידן געפינען זיך אין סאוויעט־רוסלאנד, זענען אָבער די שולן און בתי־מדרשים, וועלכע זענען נאָך נישט צוגעמאכט געוואָרן, תמיד געפאקט מיט מתפללים.

איך האָב באזוכט אין א וואָכעדיקן טאָג, ארום מיטאָג־צייט, די באר־שול אין מאסקווע, און איך האָב געזען צענטליקער יידן אין טלית און תפילין דאווענענדיק אָדער לערנענדיק.

עס האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט געדאווענט א גאנצן טאָג.

שבתים און ימים טובים זענען די שולן אומעטום געפאקט. ווען די ימים נוראים איז דאָך אָפגערעדט.

אפילו קאָמוניסטן האָבן מיר דערציילט, — זיי האָבן עס געטאָן כדי מיר צו באווייזן, אז סאוויעט־רוסלאנד איז א לאנד פון אמתער פרייהייט, — אז ימים נוראים זענען די שולן געווען געפאקט.

פרומע יידן האָבן מיר פארזיכערט, אז יונגעלייט און אָפט אפילו פארטיי־קאָמוניסטן, כאפן זיך אריין א שבת אָדער אין א דערוואָכן צו א קדושה אָדער א גאנצן דאווענען.

דאָס איז הויפטזעכלעך דער פאל אין די גרויסע שטעט, ווו מען האָט נישט מורא דערקענט צו ווערן. דער עיקר איז מען אָפגעהיט מיטן קדיש און יאָרצייט.

— וואָרום פארשטייט איר, — האָט מיר געזאָגט א רב, — ווען עס קומט צו פראווען אבילות אָדער יאָרצייטן, זענען אפילו כשרע קאָמוניסטן אין דעם אָפגעהיט. זיי האָבן קיין מורא נישט זיך צו פארטשעפען מיט לעבעדיקע, אָבער מיט טויטע וואגן זיי נישט זיך איינצורייסן.

מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אז עס איז פאקטיש אויף דעם איינקונפט פון די קדיש־זאָגער און יאָרצייט־האלטער, וואָס די מערסטע שולן האלטן זיך אויף.

— ווי אנדערש וואָלטן מיר עס געקאָנט באווייזן, — האָט מיר מסביר געווען א גבאי פון א שול אין לענינגראד.

און ער האָט פאַר מיר געמאַכט א רעכענונג.

די שול, פון וועלכער ער איז גבאי, האָט א הוצאה פון אַרום פיר טויזנט רובל א חודש. דאָס איז א געוואַלטיקע סומע פאַר יידן, וועמעס פאַרדינסטן זענען קליינע!

אז מ׳רעדט מיט די קאָמוניסטן וועגן די שולן און דאָס רעכט פון יידן צו דאַוונען, טענהן זיי, אז אפילו איצט האָבן נאָך די יידן מער שולן ווי זיי דאַרפן, לויט דער צאָל דאַוונער.

— מיר שטערן קיינעם נישט צו גיין דאַוונען, — זאָגן זיי. — און דאָרט, וו יידן זענען גרייט און וויליק אויפצוהאַלטן א שול און האָבן גענוג מתפללים, ווערן זיי נישט געשטערט.

די פרומע יידן טענהן אָבער, אז עס זענען פאַראַן צו ווייניק שולן און אז ווען עס וואָלטן נישט געווען אַזוינע רדיפות אויף דאַוונער און רעליגיעזע יידן בכלל, וואָלטן די שולן תמיד גע־ווען געפּאַקט מיט מתפללים.

— עלטערע יידן טשעפּעט מען טאַקע גאַנץ ווייניק, ווען זיי גייען דאַוונען, — האָט מען מיר געזאָגט. — פאַר יינגערע איז עס שוין אָבער א געפאַר. און אויב עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן א סך יונגעלייט, וואָס קומען אין שול, איז עס אפשר די בעסטע אַנדייטונג, אַז זייער צאָל וואָלט געווען פיל גרעסער, אויב זיי וואָלטן געווען פריי צו טאָן, וואָס זייער האַרץ גלוסט.

קאַפּיטל זעקס־און־צוואַנציק

דער מארטירער

1

אויב די באָלשעוויקעס האַלטן זיך ביי לענינס מאַקסים, אז „רעליגיע איז אָפּיום", באַציען זיי זיך אָבער ווייט נישט צו די „קרבנות פון רעליגיע", ווי מען באַציט זיך, א שטייגער, אין ציוויליזירטע לענדער צו „קרבנות פון אָפּיום". מען באַהאַנדלט זיי נישט ווי קיין „קראַנקע" אָדער „פאַרפירטע", נאָר ווי פאַר־

ברעכער, קענן וועמען מען טרעט ארוים מיט דער גאנצער גרוי־זאמקייט פון רויטן טעראר.

עס דארף אפילו הייסן, אז די יידישע קאמוניסטן זענען אין דעם פרט א סך שטרענגער און גרויזאמער, ווי זייער נישט־יידישע חברים.

— צו אונזער שאנד, — האט מיר געזאגט א רעליגיעזער יידישער טוער, — זענען די יעווסעקעס א סך גרויזאמער און ברו־טאלער צו זייערע יידישע קרבנות, ווי די נישט־יידישע קאמוניסטן צו די נישט־יידישע רעליגיעזע מענטשן.

מען האט מיר דערציילט פון א סך פאלן, ווו נישט־יידישע קאמוניסטישע פירער זאלן זיך האבן באצויגן מיט רעספעקט אוּן מיט איינזעניש צו רבנים און אנדערע רעליגיעזע טוער, מאכנ־דיק זיי הנחות און אפווישנדיק קלאגעס, וואס זענען געבראכט געווארן קעגן זיי.

— יידישע קאמוניסטן, — איז יענער באשטאנען, — ווילן אבער תמיד זיין „פויפסטלעכער ווי דער פויפסט" און איזדיע־קעווען זיך איבער יידישע רעליגיעזע מענטשן אומברחמנותדיק. זענען א סך פון זיי אמתע מארטירער און שטעלן מיט זיך פאר גרויסע מענטשלעכע טראגעדיעס.

איינעם אזא מארטירער און טראגישע פיגור האב איך באַ־געגנט גאר אונטער טשעקאווע אומשטענדן.

איך האב זיך געפונען אין א פריוואט ־ הויז אין א קליין שטעטל אין אוקראינע. די באלעבאטים פון הויז זענען גראד גע־ווען ארויסגעגאנגען און איך בין געבליבן אליין.

עס עפנט זיך די טיר און ס'באווייזט זיך א ייד. אויפן אויס־קוק ווייט אין די פופציקער, מיט גרויע האר דורכוועבנדיק זיין בלאנדע באַרד. זיינע קליידער אלט און מיט לאטעס, זיינע שיך צעריסן. ער האט געטראגן א הילצערן קעסטעלע אונטערן אָרעם.

דעם שטארקסטן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט זיין פנים און אויגן: דאָס פנים בלייך און אויסדריקנדיק יסורים, די אויגן פול מיט צער.

ער האָט מיך אָנגעקוקט אין שטוינען נישט דערוואַרטנדיק משמעות צו טרעפן אַ פּרעמדן אין הויז.

— די באַלעבאַטים זענען אַרויסגעגאַנגען, — האָב איך אים אינפאָרמירט.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין.

— אָבער וואָס האָט איר געדאַרפט? — האָב איך אים פאַרהאַלטן, פילנדיק, אַז אַרום דעם יידן איז דאָ אַ שטיקל געהיימניש. — אפשר וועל איך פאַר אייך עפּעס קאָנען טאָן?

דער ייד האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— און ווער זענט איר? — האָט ער געוואָלט וויסן.

איך האָב אים געזאָגט.

— אויב אַזוי, וועל איך אונטערוואַרטן, — האָט ער געזאָגט מונטערער.

— מיר וועלן דערווייל כאַפּן אַ שמועס, — האָב איך געוואָלט ווערן נענטער באַקאַנט.

— וואָס איז דאָ צו רעדן? — האָט יענער פּרובירט זיין באַהאַלטן.

— אודאי ווילט איר מסתמא וויסן וועגן ארץ־ישראל און אַמעריקע? — האָב איך אים פּרובירט געווינען. — איך וועל אייך דערציילן, וואָס איר ווילט וויסן, און איר וועט מיר דערציילן, וואָס איך וויל וויסן.

— עס איז אָבער דאָ אַ חילוק צווישן אונז. — האָט ער געזאָגט. — איר קאָנט רעדן פריי, איך אָבער נישט.

— הייסט עס, אַז איר האָט מורא מיט מיר צו רעדן? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע.

— יאָ, טאַקע, — האָט ער אַרויסגעזייט צווישן די ציין.

— איהר קאָנט נאָך וועגן מיר שרייבן אין ציי‌טונג, און מער וועט מיר נישט פעלן.

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז אויב איך וועל וועגן אים שרייבן, וועט עס זיין אַזוי, אַז מ'זאָל אים בשום אופן נישט דערקענען.

מיט דעם אַלעם האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אַ ישוב הדעת.

— צו וואָס רעדן אינגאַנצן? — האָט ער געפֿרעגט. — ס׳וועט אויסקומען, ווי איך וויל פֿון זיך מאַכן אַ וועזן. און אַסור אויב איך וואָלט גאָר וועלן, אַז אימיצער זאָל פֿאַר מיר זאָגן אַ גוט וואָרט.

— די וועלט מעג דאָך אָבער וויסן, וואָס ייִדן, ווי איר, האָבן צו דערציילן, — האָב איך אים געוואָלט געווינען. — אפֿשר וועט עס זיין אַ מוסר השׂכּל פֿאַר אַנדערע.

— זעט איר, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט, — אין דעם ליגט שוין אַ שטיקל געדאַנק. מיר דאַ זענען ווי באַגראָבן לעבעדיקער־הייט. מ׳הערט אונדז נישט און מען זעט אונדז נישט. דער איינדרוק ווערט געשאַפֿן, אַז ייִדן און ייִדישקייט זענען שוין ביי אונדז אינגאַנצן טויט און אַז די גאָט־לעסטערער האָבן אונדז מנצח געווען. עס איז אָבער אַ ליגן. זיי וועלן אונדז קיינמאָל נישט מנצח זיין!

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. זיינע באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן רויטלען.

איך בין געוואָרן געשפּאַנט. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס דער ייִד שטעלט מיט זיך פֿאָר און פֿון וואַנען עס נעמט זיך זיין שטאַרקייט און פֿעסטער גלויבן.

ער האָט מיר דערציילט אַ שטווינענדיקע געשיכטע.

דער ייִד, וואָס קוקט אויס איבער פֿופֿציק, איז אינגאַנצן אַ יונגערמאַן פֿון דרייסיק יאָר. ער איז פֿאַרעלטערט געוואָרן פֿאַר דער צייט.

— אַז מ׳האָט אויסצושטיין אַזוינע רדיפֿות און פֿיל צרות איבערצוקומען, מוז מען ווערן אַ זקן צו דרייסיק, — האָט ער באַמערקט. — אָבער אַ דאַנק דעם אויבערשטן פֿאַר דעם. טאַקע צוליב דעם, וואָס איך קוק אויס אַלט, קאָן איך אינגאַנצן אָנגיין מיט מיין אַרבעט. אַן עלטערן מענטשן קוקט מען אַזוי נישט נאָך.

— אָבער וואָס אַזוינס טוט איר? — בין איך געווען ניי‏גע‏ריק.

— נישט קיין סך. איך זאָרג, ייִדן זאָלן נישט עסן קיין טריפֿות און אַז ייִדישע קינדער זאָלן נישט אויסוואַקסן אָן תּורה און מעשׂים טובים.

— אָבער ווי אַזוי?

— איך בין אַ שוחט, אַ שוחט בן שוחט. שטאַם פון אַ משפּחה פון שוחטים זינט צענטליקער דורות.

זיינע זיידעס, פּעטערס און אַנדערע קרובים זענען געווען שוחטים ביי באַוווּסטע חסידישע רביים און אין גרויסע יידישע קהלות. עס איז אַ משפּחה, וואָס האָט שחיטה געהאַלטן נישט פאַר אַ פּרנסה־זאַך, נאָר פאַר אַ „מלאכת הקודש".

— מיר האָבן אַ קבלה, אַז אין אונזער משפּחה זאָל קיינמאָל נישט אויפגעגעבן ווערן די דאָזיקע הייליקע אַרבעט, — האָט ער מיר געזאָגט. — מיר האָבן זיך אַלעמאָל מתחתן געווען נאָר מיט שוחטים. מיין שווער איז אויך אַ באַוווּסטער שוחט.

האַלט דערפאַר דער דאָזיקער אַלטער־יונגערמאַנטשיק פאַר זיין הייליקער אויפגאַבע צו גיין פון הויז צו הויז און, ווו נאָר אימיצער האָט די מעגלעכקייט, שעכטן אַן עוף און אַמאָל אויך אַ שאָף, אָדער רינד.

פאַרשטייט זיך, אַז צוליב זיכערקייט גייט ער נאָר דאָרט, ווו ער ווייס, אַז מען וויל כשרות און אַז מען וועט אים נישט פאַר־ראַטן.

צו דעם האָט ער אויך אַ צווייטע אויפגאַבע. ער לערנט מיט קינדער דאָרט, ווו ס'איז מעגלעך.

אַ מוהל איז ער אויך און ער איז מל קינדער אין געהיים.

2

צו פאַרדעקן זיינע שפּורן גייט ער אום מיט אַ קעסטעלע, אין וועלכן ער האָט די מכשירים פון אַ גלעזער. ס'דאַרף הייסן, אַז ער קומט טאָן אַן אַרבעט, פאַרלאַטען אַ צעבראָכענע שויב, אָדער פאַרקיטעווען אַ לויזע שויב. צוליב דעם נעמט ער אונטערשריפטן פון די, וועמען ער באַזוכט, אַז ער האָט פאַר זיי געטאָן אַן אַרבעט. עס גיט אים אַ בעסערע מעגלעכקייט צו פאַרבאַהאַלטן די ווירק־לעכקייט.

— וואָלט מען מיך געכאַפּט שעכטנדיק אָדער לערנענדיק מיט

קינדער, וואָלט מען מיך אריינגעשליידערט אין תּפיסה, אָדער פאַר־שיקט ווער ווייס ווו, — האָט ער געזאָגט. — וואָלט איך פאַר דעם אפשר זיך נישט אָפּגעשראָקן. אין אמתן טראַכט איך אָפּט, אַז דאָס וואָלט געווען א גוטער אופן, ווי מקדש השם צו זיין. האָב איך אָבער מורא, אַז עס וועט זיך אַזוי לייכט נישט געפינען אימיצער, וואָס זאָל פאַרנעמען מיין פּלאַץ. דאַן האָב איך אויך אַן אנדער אורזאַך, פאַרוואָס ס'ווילט זיך מיר זיין פריי און דוקא אומוואַנדערן אין דער געגנט.

דער ייד האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און איך האָב גע־קאָנט מערקן, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

— און וואָס איז אָט די „אַנדערע אורזאַך" אייערע? — האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט, כאָטש איך האָב געפילט, אַז דאָס איז שוין אַ ריין פּערזענלעכע.

— מיין פרוי און קינדער, — איז געווען דער ענטפער.

נישט וואַרטנדיק מער, איך זאָל אים ציען פאַרן צונג, האָט ער דערציילט:

— איר האָט דען אַ באַגריף, ווי וויים עס גרייכט „זייער" רציחה? איך בין געווען אַ שוחט אין אַ דערבייאיק שטעטל, האָט מען מיך אַזוי לאַנג פאַרפאָלגט, ביז איך האָב פון דאָרט געמוזט עוקר זיין. דער רב און די אנדערע כּלי־קודש האָבן אויך געמוזט אויפגעבן אַלץ מיט אַן אַנדער. אָבער אָן אַ רב קאָנען נאָך יידן אויסקומען. אָן אַ מלמד אפשר אויך. אָבער אָן אַ שוחט? יידישקייט וועט דאָך, רחמנא לצלן, איינגאַנצן אונטערגיין!

— האָב איך געטאָן מיין אַרבעט בשתיקה. פלעגט מען אַלע ווייַלע מיך לאָזן אַרעסטירן. אַ חוץ די אַרעסטן, האָט מען אויף מיר געלייגט שווערע „נאַלאָגן", וועלכע ס'איז געווען אוממעגלעך צו באַצאָלן.

דער ייד האָט זיך אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט צו כאַפּן אָטעם און האָט ווייטער גערעדט:

— איך זאָל אייך אויסרעכענען די סדרה אַרעסטן און רדיפות, וואָלט איך אייך געדאַרפט אָפּהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. זאָל עס זיין גע־

נוג צו זאָגן, אַז איינזעענדיק, אַז איך קאָן מער נישט עקזיסטירן האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגיין אין אַ קאָלכאָז צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער. האָט מען מיך אָבער נישט געוואָלט אַריינגעמען, סיידן איך זאָל זיך אונטערשרייבן, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון גאָט. דווקא זוייל זיי האָבן געוווּסט, ווער איך בין, האָבן זיי ביי מיר געוואָלט אַזאַ דעקלאַראַציע.

— האָב איך דאָך אַזאַ זאַך נישט געוואָלט טאָן, כאָטש אַנ־דערע האָבן יאָ אונטערגעשריבן אַזוינע דעקלאַראַציעס און די־דאָזיקע דעקלאַראַציעס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די גאַזעטן. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס אַזוינע דעקלאַראַציעס האָבן געמיינט. מ׳האָט זיי דאָך מיט געוואַלט אַרויסבאַקומען פון יענע יידן. דאָס רוב האָבן יענע די דעקלאַראַציעס אַפילו נישט אָנגעזען.

— איך האָב אָבער געפילט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ צו גרוי־סער חילול השם, און איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט דער־לויבן אַזאַ דעקלאַראַציע זאָל געמאַכט ווערן אין מיין נאָמען. האָט מען מיך אַזוי לאַנג גערודפט, ביז איך האָב אַליין אָנגעשריבן אַ דעקלאַראַציע. איז אָבער די דאָזיקע דעקלאַראַציע געווען געשריבן אַזוי, אַז עס האָט קיינמאָל נישט געקאָנט הייסן, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון גאָט און פון יידישקייט, נאָר אַז מען וויל, אַז איך זאָל עס טאָן.

— די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז נישט געדרוקט געוואָרן, וואָרום דאָס וואָלט געווען מער קעגן זיי, ווי פאַר זיי. האָט מען מיר פון קאָלכאָז משלח געווען.

— וואָלט איך עס נאָך ווי עס איז מקבל באהבה געווען. זענען דען יידן אין שפּאַניע נישט געגאַנגען אויפן שייטער־הויפן און זע־נען זיי נישט אויסגעשטאַנען אַלערליי ענויים? אָבער די באָלשעווי־קעס, אַז זיי פאַרזעצן זיך אויף אימיצן, מאַכן זיי זיין עקזיסטענץ ממש אוממעגלעך.

— איך האָב נישט געקאָנט געפינען קיין וווינונג. און פאַר מיר, ווי פאַר מיר, פאַר מיין פרוי און קינדער איז עס געווען, כאָטש זיך צו לייגן אין גאַס און צו שטאַרבן.

— האָט אייער פרוי געהאַט טענות צו אייך? — האָב איך אים אונטערגעבראָכן, מיינענדיק, אַז דאָס האָט געפירט צו אַ פאַמיליע־קריג.

— דאָס בּראָד נישט. מיין פרוי, וועלכע איז פון זעלביקן עלטער וואָס איך, — האָט דער שוחט דערציילט, — איז אַן אמתע צדיקת. זי האָט זיך אין וועמען איינצוגעבן. איר פאָטער, אויך אַ שוחט, איז אַ גרויסער ירא שמים. ער האָט געהאַט און האָט נאָך עד היום אויסצושטיין נישט ווייניקער רדיפות, ווי איך, אָבער ער שרעקט זיך נישט אָפּ. ער זאָגט, אַז ער וועט זיין לעבן מקריב זיין און נישט אויפהערן צו שעכטן. די טאָכטער, מיין פלוניתטע, הייסט עס, איז געראָטן אין טאַטן. אָבער אַ שוואַכע פרוי און קליינע קינדער דערצו, וואָס קאָן מען דען טאָן? שטאַרבּן פון הונגער? אויסגיין פון קעלט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ?

— און וואָס האָט איר דען געטאָן? — האָב איך געשטעלט אַן אַנדער פראַגע.

— מיר האָבן זיך געגט.

דער ייד האָט ווידער אַרונטערגעבויגן דעם קאָפּ און ווידער האָב איך באַמערקט טרערן אין זיינע אויגן.

איך האָב מער נישט געוואָגט שטעלן פראַגן. איך האָב געוואַרט, ביז ער וועט אַליין רעדן.

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט, בּיז ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט ווייטער דערציילט זיין מאַרטירער־געשיכטע.

3

עס איז נישט געווען קיין פרייוויליקער גט, אָדער אפילו אַ גט, וואָס זאָל מאַן און ווייב, וועלכע זענען צוגעבונדן איינע צו די אַנדערע מיט ליבּ און זעל, באמת פאַנאַנדערטיילן. עס איז געווען אַ גט נאָר לפנים, כדי די קאָמוניסטישע דיקטאַטאָרס זאָלן מער די פרוי און קינדער נישט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער „פאַרברעכערישן" מאַן און פאָטער.

— וואָרום, פאַרשטייט איר, — האָט דער ייד געזאָגט און אין האַלז האָבן אים געשטיקט טרערן, — איך און מיין פרוי וואָלטן

זיך קיינמאָל נישט פאַנאַנדערגעטיילט. מיר האָבן עס נאַטירלעך נישט געטאָן לויטן יידישן דין, ווייל ס'איז פון אונז ביידע ווייט דער געדאַנק, אַז מיר זאָלן אויפהערן זיין מאַן און ווייב. די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. זענען מיר אויפן קאָמוניסטישן שטייגער אַריין אין ביוראָ און פּלומרשט געוואָרן אוים מאַן און ווייב.

— אויף אַזאַ אופן זענען מיין פרוי און קינדער כאָטש לפּנים געוואָרן פריי פון מיר. עס האָט אפילו געהייסן, אַז מיין פרוי איז פון מיר אַוועק דערפאַר, וואָס זי וויל נישט און קאָן נישט לעבן מיט אַ מאַן, וואָס איז אַ „רעליגיעזער פאַנאַטיקער".

— און וואָס איז געוואָרן פון זיי?

— נאָך אונזער שיידונג איז זי געוואָרן „כּשר" און זי האָט זיך צוזאַמען מיט די קינדער באַזעצט אויף אַ קאָלכאָז, נישט ווייט פון דאַנען.

— און מיט דעם איז דיר ראַגע, הייסט עס, געלעזט געוואָרן?— האָב איך געוואָלט וויסן.

— געלעזט געוואָרן פאַר אַזוי ווייט, וואָס מיין פרוי און קינדער האָבן ערגעץ ווו דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן. ווי גוט זיי איז דאָרט, ווייסט איר שוין מן הסתם אַליין. אַז אַך און ווי צו אַלע קאָלכאָזניקעס, בפרט נאָך צו אַ פרוי, וואָס האָט קוים כּח אויף די פיס צו שטיין. אָבער בעסער, ווי צו ליגן אין גאַס, איז עס דאָך.

איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס פאַראַ באַציאונגען ער האָט מיט זיין פרוי און אויב ער זעט ווען די קינדער.

דער ייד האָט מיר אויף אַלץ געגעבן אַ קלאָרע תשובה.

אַלס „געגטער" טאָר ער זיך נישט ווייזן ביי זיין פרוי, כּדי נישט אַרויסצורופן חשד. וואָגט ער עס נישט טאָן, ווען מענטשן קאָנען אים זען אַריינקומענדיק אָדער אַרויסגייענדיק. קומט ער אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. קיינער זעט אים נישט קומענדיק און קיינער זעט אים נישט אַוועקגייענדיק.

— איך מוז זיך אַריינגנבענען אין מיין אייגן הויז, — האָט ער געזאָגט מיט ווייטאָק אין זיין שטימע. — איך מוז קומען באַהאַלטערנערהייט צו זען מיינע אייגענע קינדער. פונדעסטוועגן פרוי-

ביר איך נאָך אַריינכאַפּן אַ יידיש וואָרט און גיב אַכטונג, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען יידן.

דער ייד איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

— אָבער ווער ווייס, וואָס פון זיי וועט ווערן? — האָט ער אויסגערופן. — ווער ווייס, אויב זיי וועלן נישט אויסוואַקסן דאָס, וואָס די קאָמוניסטן ווילן, אַז פון יידישע קינדער זאָל אויסוואַקסן?

— איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס מיר איז אַזוי שווער פון דאַנען זיך אַוועקצורייסן? אַזוי קאָן איך נאָך ווען צוקומען צו מיין פרוי און קינדער. אַז איך זאָל ערגעץ פאַרשיקט ווערן, וועל איך פון זיי אינגאַנצן אָפּגעריסן ווערן.

איך האָב פון דעם יידן געוואָלט וויסן, אויב עס זענען פאַראַן אַנדערע ווי ער, וואָס זענען זיך מקריב פאַר יידישקייט.

ער אַליין האָט מיר אָנגעגעבן נעמען און אַדרעסן פון יידישע מאַרטירער אין אַ פּאָר שטעט, וואָס איך האָב געדאַרפט באַזוכן.

— זייט אָבער פאָרזיכטיק, אַז דידאָזיקע נעמען זאָלן צו קיי־נעם נישט אַריינפאַלן, — האָט ער מיר אָנגעגעבטן.

זענען זיי די לעצטע „מאהיקאנער"?

דעם ענטפער וועט נאָר די צוקונפט קאָנען געבן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

קאָמוניסטישע „יידישקייט"

1

אַז איך האָב שוין געזען דעם חורבן, עקאָנאָמיש און גייסטיק, פונם אַלטן יידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווילט זיך מיר אויך באַקענען מיטן אַזוי־גערופענעם נייעם יידישן לעבן, מיט די פיל פאַרשריגענע קולטורעלע טעטיקייטן פון די יידישע קאָמוניסטן פון דער נייער „יידישקייט", וואָס דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער.

איר ווייסט, אַז עס זענען פאַראַן יידישע שולן, יידישע קולטור־צענטערן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, יידישע טעאַטערס, יידישע ציימונגען און יידישע פאַרלאַגן, הכּלל — אַ גרויסע, פיל־פאַרצווייגטע קולטורעלע יידישע אַרבעט.

דער ענין אימפּאָנירט אייך נאָך מער, ווען איר האָט אין זי־נען, אַז אייגנטלעך איז עס דאָס איינציקע געביט, אויף וועלכן די יידישע קאָמוניסטן זענען טעטיק אַלס יידן. אויפן עקאָנאָמישן געביט איז נישטאָ קיין באַזונדערע יידישע אַקציע. יידן זענען אַן אָרגאַנישער און אומאָפּטיילבאַרער טייל פון דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד.

האָבן אויפן עקאָנאָמישן געביט די יידישע קאָמוניסטן אַלס אַזעלכע נישט וואָס צו טאָן. אויב עס זענען נאָך פאַראַן יידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און אויב עס שאַפן זיך נייע פּראָבלעמען, האָבן זיי נישט צו טאָן אָדער ווייניק צו טאָן מיט יידישע קאָמו־ניסטן.

אויב עס איז פאַראַן אַ פראָנט, אויף וועלכן די יידישע קאָ־מוניסטן זענען די אומבאַגרענעצטע הערשער, איז עס דער קולטור־פראָנט. עס איז דאָרט, וווּ זיי ציינן אַרויס זייער קאַמפּס־לוסטי־קייט — קעמפנדיק מיטן „שונא", וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַלץ, וואָס איז יידיש־רעליגיעז, יידיש־נאַציאָנאַל, יידיש־קולטורעל (אויב דאָס האָט נאָר נישט דעם קאָמוניסטישן פּיעטשאַט). עס איז אויך דאָרט, וווּ זיי ציינן זייער גאַנצע קאָנסטרוקטיווע פעאיקייט, שאַפנדיק דאָס, וואָס זיי רופן אַ יידיש־פּראָלעטאַרישע קולטור, וואָס דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם, וואָס יידן האָבן געשאַפן ביז אַהער.

דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אָט די אַלע טעטיקייטן זענען גאַנץ ממשותדיקע און אין אַ געוויסן זין וואָגיקע. האָבנדיק די פולע שטיצע פון דער מלוכה, אויף וועמעס רעכענונג אַלץ ווערט אויס־געהאַלטן, ליידן דידאָזיקע קאָמוניסטיש־יידישע טעטיקייטן אפשר מער פון אַן אינערלעכער גייסטיקער אָרעמקייט, איידער ווי פון פינאַנסיעלע באַגרענעצונגען.

די יידישע שולן זענען אזוי גוט ווי די נישט - יידישע אין אלע הינזיכטן און פרטים. אלס באווייז דארף דינען דער פאקט, וואס א יידישע שול אין קיעוו, וועלכע געפינט זיך אויף דער שלום־עליכם־גאס, האט אין לעצטן יאר געווונען די פרעמיע, אלס די בעס־טע פון איר מין.

דאס יידישע מלוכה־טעאטער אין מאסקווע, למשל, איז לכל הדעות א גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג.

וואס איז נוגע דער יידישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין קיעוו, דער העכסטער יידישער בילדונגס־אינסטיטוציע אין סאוויעט־רוסלאנד, האט זי אודאי גאר גרויסע פארדינסטן, סיי אלס צענטער פאר וויכטיקע יידישע קאלעקציעס און סיי אלס צענטער פאר וויכ־טיקע וויסנשאפטלעכע און ליטעראַרישע שאפונגען.

אבער מיט דעם אלעם פילט זיך, ווי די גאנצע קאמוניסטישע קולטור־טעטיקייט, אפשר גארנישט אזוי צוליב וועלכער ס'איז שולד מצד די יידישע קאמוניסטישע פירער, וואלט געווען א באדנ־לאזע, נישט שלאגנדיק קיין ווארצלען אין ערגעץ, פארשטעלנדיק מיט זיך עפעס, וואס עס איז פאראורטיילט צום אונטערגאנג.

אויב איר זענט א מענטש מיט הארץ און געפיל, וועט איר דערביי אפילו פארנעמען די גאנצע טראגיק פון דעם גוראנגל, וואס גייט אן אויף דער יידישער גאס אין סאוויעט־רוסלאנד. האבנדיק זיך פארמאסטן צו געבן דער אלטער יידישקייט א טויט־קלאפ, האט די נייע קאמוניסטישע יידישקייט זיך אליין אויך דערהרגעט. אוז אין דער צייט, וואס די אלטע יידישקייט (אין אלע אירע פארמען און שאטירונגען) ווייזט נאך סימנים פון לעבן און זוכט זיך איינ־ווארצלען אויף דעם אדער יענעם אופן, ציענדיק זיין יניקה אין אלטן עבר, איז די נייע, קאמוניסטישע יידישקייט אינגאנצן אן ווארצלען, א דאנק דעם, וואס זי האט פאר זיך קיין באדן נישט גע־פונען.

איינע פון די הויפט־אורזאכן איז, וואס די קאמוניסטישע קולטור־טוער, ווי ערנסט און וויכטיק זיי זאלן נישט זיין, זענען

א קליין הייפל, וואָס האָבן א גאַנץ קליינעם, אָדער כמעט גאָר קיין איינפלוס נישט אויף די ברייטע יידישע מאַסן.

דער גאַנג פונם לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַזאַ, וואָס די, אויף וועמען די יידישע קאָמוניסטן וואָלטן געקאָנט אָדער גע־דאַרפט האָבן אַן איינפלוס, שטראָמען אריין אין אַלגעמיינעם לעבנס־שטראָם פון לאַנד, נישט וועלנדיק אַפילו איבערלאָזן הינטער זיך קיין שפורן פון זייער יידישער פאַרגאַנגענהייט. די פאַרמישונג פון די יידן מיט די נישט־יידן איז אַזאַ קאָלאָסאַלע, אַז דער באַ־אָבאַכטער בלייבט ממש פאַרגאַפט.

די רוסישע שפּראַך איז די הערשנדיקע אויף דער יידישער גאַס, און אויב יידן, באַזונדער די, אויף וועמען די קאָמוניסטן וואָלטן ווי נישט איז געקאָנט ווירקן, דערווייטערן זיך פון יידיש, קאָן שוין במילא נישט זיין קיין רייד פון באַפעסטיקן די קאָמוניס־טישע „יידישקייט" צווישן זיי.

אַן אַנדער ווירקנדיקער פאַקטאָר איז דאָס, וואָס יידן, באַזונדער־די, וואָס זענען קאָמוניסטיש געשטימט, האָבן זיך אָנגעהויבן אַסי־מילירן אויף אַזאַ געוואַלדיקן מאַסשטאַב, אַז אַפילו אַזוינע, וואָס וואָלטן געוועזן גלייכגילטיק צו אַזוינע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, רייבן זיך די אויגן און וווּנדערן זיך, וואָס אַזוינס ס'קומט פאָר.

די געמישטע הייראַטן וואַקסן אין צאָל, וואָס מיינט, אַז די טירן זענען ברייט אָפן פאַר דער אויסמישונג פון יידן און נישט־יידן.

דאָס, וואָס יידן, אַפילו דאָרט, וווּ זיי זענען אין גאָר גרויסע מאַסן, לעבן מער נישט צוזאַמען, נאָר זענען צעשפּרייט צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָט אויך א ווירקונג, און גאָר א גרויסע, אַז, סיי בנוגע שפּראַך און סיי בנוגע זיטלעכקייט, זאָלן יידן אויסגעמישט ווערן מיט נישט־יידן.

קאָן דערפאַר די קולטור־ און שפּראַך־טעטיקייט פון די יידי־שע קאָמוניסטן נישט גרייכן די יידישע מאַסן, אַפילו ווען די גרעסטע אָנשטרענגונג דערצו זאָל געמאַכט ווערן.

וויכטיקער פאַר אַלץ איז אָבער, וואָס גאָר א סך פון די יידישע

קאמוניסטישע קולטור ־ טוער אליין באַציען זיך מיט בטול צו זייער אייגענער אַרבעט. זיי האָבן נישט קיין אמונה אין דעם קיום פון זייער אַרבעט און האַלטן, אַז זי איז נישט מער, ווי אַ צייטווייליקע.

כמעט אַלע פון זיי זעיען פול מיט גאַל און שנאה צו דאָס „אַלטע", אָבער גאָר ווייניק האָבן ליב אָדער אפילו אַכטונג פאַר דאָס נייע, פאַר דער אַרבעט, וואָס זיי אַליין טוען.

אוודאי זענען דאָ אויסנאַמען און איך האָב נישט פאַרפעלט צו באַמערקן „נסתּרים" צווישן די קאָמוניסטישע קולטור־טוער. די־דאָזיקע „נסתּרים" האָבן אָבער מורא אויפצוהויבן אַ קאָפּ. זיי אַליין מוזן זיך פאַרבאָרגן טיף אין דער ערד און מאַכן דעם אָנ־שטעל, ווי אַלע, וואָס זיי טוען, איז נאָר צו שאַפן די בריק פאַר דעם איבערגאַנג פון יידיש אויף רוסיש. דער מינדסטער „אָפּנויג" קאָן נאָך ברענגען דעם חשד, אַז זיי זענען אָנגעשטעקט מיט „נאַ־ציאָנאַליזם", און דאָס איז חיות נישט זיכער. פאַר דעם ווערט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטיי און באַזייטיקט פון אַלע וויכטיקע טעטיקייטן, אפילו באַרויבט פון פּרנסה.

דאָס זענען קאָמוניסטישע „מאַראַנען", וועלכע זענען אפשר נישט אין קיין בעסערער לאַגע, ווי די נישט־קאָמוניסטישע „מאַראַ־נען".

עס זענען אויך אַזוינע, וואָס האַלטן שטענדיק אין לויערן. די, וואָס וואָלטן וועלן אָפּמעקן די לעצטע שפּורן פון פאָלק, וואָס האָט הונדערטער יאָרן אָנגעהאַלטן זיין אידענטיטעט, און וואָס וואָלטן אפילו פון דער יידישער שפּראַך איבערגעלאָזט נישט מער ווי אַ שאַרבן, אַרויסציענדיק פון איר דעם גאַנצן יידישן זאַפט און מאַכנדיק פון איר אַ מין יידישן „עספּעראַנטאָ", אָן אַ פאַרבינדונג מיטן עבר און אָן וועלכער עס איז לעבנס־קראַפט פאַר דער צו־קונפט.

2

טראָץ זייער „יידישלאָזיקייט" וואָלטן די יידישע שולן געקאָנט האָבן אַ באַדייטנדיקן דערציערישן ווערט, איז אָבער די צרה, וואָס

וויניק יידישע עלטערן ווילן בכלל שיקן זייערע קינדער אין יענע שולן, פילנדיק, אַז עס איז אַ סך „פּראַקטישער" זיי צו שיקן אין די אַלגעמיינע שולן.

איך האָב זיך אָבער געטראָפן מיט יידן, און גראָד אַזוינע, פון וועמען איך האָב עס בשום אופן נישט דערוואַרט, וואָס ווייסן בכלל נישט, אַז עס זענען דאָ יידישע שולן.

איך האָב אַזוינע יידן געטראָפן כמעט אין אַלע שטעט, וווּ איך בין געווען. אין קיעוו, למשל, וווּ עס זענען פאַראַן, דאַכט מיר, אַרום זיבעצן יידישע שולן, האָב איך זיך באַגעגנט מיט יידן, וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער בילדונגס־וועלט און זיי האָבן אַפילו נישט געוווּסט, אַז עס עקזיסטירן אַזוינע שולן.

צי איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דער אומפּעאיקייט מצד די יידיש־קאָמוניסטישע קולטור־טוער, זיך צו מאַכן מער באַקאַנט צווישן יידישן עולם, אָדער דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגע־מיינער אַפּאַטיע צו דער יידיש־קאָמוניסטישער קולטור־טעטיקייט, נעם איך זיך נישט אונטער צו זאָגן.

די יידישע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, וווּ איך האָב פאַר־בראַכט אַ לענגערע צייט און זיך באַקאַנט מיט אַלע אירע אָפּטיי־לונגען, איז בלי ספק אַ גרויסע דערגרייכונג. די וויכטיקע קאָלעק־ציעס, וואָס זענען דאָרט פאַראַן, און די וויכטיקע אַרבעטן, וואָס ווערן דאָרטן געטאָן, קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט די פון די בעסערע אינסטיטוציעס אומעטום.

אָבער דער איינדרוק, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן, אין אָנ־געזיכט פון דעם, וואָס די אַרבעט בלייבט פּאַקטיש איינגעשלאָסן צווישן די ווענט פון דער אַקאַדעמיע, איז, אַז העכסטנס שאַפט מען דאָרט אַן אַרכיוו און אַ מוזיי און אַז די אינסטיטוציע וועט קאָנען דינען אַלס מצבה פאַר דער יידישער קולטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

מען פאַרנעמט זיך דאָרט, למשל, מיט גאָר גרויסע וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן. מען האָט גאָר ברייטע פאַרנעמען בנוגע באַנייטע און קאָמוניסטיש־רעדאַקטירטע אויסגאַבן פון יידישע קלאַסיקער, נאַטירלעך אַזוינע, וואָס זענען געבשרט פון די קאָמוניסטישע „מורה

הוראות". אזוי, למשל, ווערט דאָרט פּראָיעקטירט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון שלום עליכמס אַלע ווערק. וואָס דאַרף זיין אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז אַהער נישט געזען געוואָרן אין יידיש.

עס איז אָבער אַ טרויעריקער פאַקט, אַז ווייטער ווי יחידי סגולה רירן די אַרבעטן נישט אָן. קיין פאָלק, קיין מאַסע, נאָר ווענעמען דאָס זאָל געשאַפן ווערן, איז פּאַקטיש נישטאָ. די, פאַר וועמען דאָס אַלץ דאַרף געטאָן ווערן, זענען זיך שוין צעלאָפן, איבערקלייבנדיק זיך אין אַנדערע לאַגערן.

די, אין וועמעס הערצער עס טליעט נאָך דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע געפיל, באַציען זיך מיט בטול און מיט נישט ווייניק פיינטלעכקייט צו דער יידיש־קאָמוניסטישער קולטור־טעטיקייט, ערשטנס דערפאַר, וואָס זיי האָבן בכלל מיסטרוי צו די יידישע קאָמוניסטישע קולטור־טוער, און צווייטנס דערפאַר, וואָס זיי פילן, ווי מ'וואָלט דורך דעם פאַרשוועכט עפּעס, וואָס איז ביי זיי הייליק.

איך האָב אין געשפּרעכן מיט יידן פון פאַרשידענע מינים געוואָלט אָנטאַפּן אָט די אַפּאַטיע, אויב טאַקע נישט שנאה, צו די קאָמוניסטישע קולטור־טוער.

דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט. יענע האָבן אַליין עס קוים געקאָנט אויסדריקן אין ווערטער.

אָט זענען מוסטערן פון עטלעכע ענטפערס, וואָס איך האָב געקריגן:

— ווער קאָן דען האָבן צוטרוי צו מענטשן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געהאַנדלט ווי מומרים להכעיס, — האָט געזאָגט אַ ייד, וואָס האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין רעליגיעזער מענטש און אַפילו אויך נישט קיין ציוניסט. — זיי זענען די טאָר־קוועמאַדאָס פון דער רויטער אינקוויזיציע, און ווער קאָן גלייבן אין זייער ערנסטקייט און איבערגעגעבנהייט?

אַן אַנדערער, וואָס האַלט זיך גראָד פאַר אַ „יידישיסט", האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט:

— דאָס, וואָס זיי טוען, איז נישט מער ווי חוזק. זיי האָבן אַליין אַרויסגעבריקעט דעם באָדן פון אונטער זייערע פיס. איצט

ווילן זיי אויף זייער אייגענער באַרנלאַזיקייט שאַפן עפּעס ממשות־דיקס.

און נאָך אַ מיינונג:

— עס איז נאָך אַ נס, וואָס זיי האָבן אַפּשיי פאַר גוים, ווען נישט, וואָלטן זיי דאָך אַפילו די יידישע שפּראַך אַזוי פאַרענדערט, אַז עס וואָלט פון איר קיין זכר נישט געבליבן. אַט נעמט זייער אויסלייגעכץ, וואָס מאַכט שוין אַליין אוממעגלעך, אַז מען זאָל קאָנען עפּעס לייענען אין יידיש. זיי וואַרפן אַרויס אַלע ווערטער, וואָס האָבן אַ העברעאישן אָפּשטאַם און וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער גערעכעניש פון יעדן יידן, וואָס רעדט יידיש.

די באַמערקונג וועגן דעם „אַפּשיי", וואָס די יידישע קאָמו־ניסטן האָבן פאַר נישט־יידן, וואָס וואָלט געקאָנט זיין ניי און אומפאַרשטענדלעך פאַר אימיצן אַנדערש, איז גראָד געווען פאַר־שטענדלעך פאַר מיר, ווייל איך האָב שוין פריער געהערט, און גראָד פון אַ וויכטיקן קאָמוניסט, וועגן דעם, ווי אַזוי נישט־יידן באַ־איינפלוסן אָפּט די יידישע קולטור־טוער אַפילו בנוגע אַזאַ **ענין**, ווי וועגן רייניקן די יידישע שפּראַך פון העברעאיזמען.

ווען דער קאַמף איז אויפגעהויבן געוואָרן אַרויסצוואַרפן די העברעאישע ווערטער פון יידיש, — אַ קאַמף, וואָס איז נאָך נישט פאַר־ענדיקט, — האָבן די, וואָס וואָלטן אויף דעם קיינמאָל נישט געוואָלט איינגיין, זיך געפילט אָפּהענטיק. גיי, קעמף פאַר אַזוינס, פאַר וואָס ס'קאָן באַלד געוואָרפן ווערן אין פנים אַריין די באַשולדי־קונג, אַז מען איז אָנגעשטעקט מיט צופיל יידישקייט.

איז אָבער אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע קולטור־טוער אין קיעוו, — האָט מיר יענער קאָמוניסט דערציילט, — דערשינען אַ וויכטיקער אוקראַינישער מלוכה־פאַרטרעטער. יענער, גראָד באַ־קאַנט מיט דעם, וואָס גייט־אָן אויף דער יידישער גאַס, האָט אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון דעם, וואָס מען וויל אַרויסוואַרפן אַלע העברעאיזמען פון יידיש.

— נעמט אַזאַ וואָרט, ווי שכל, — האָט יענער געזאָגט, —

עס וואָלט קלאָר געצייגט, אז יענע האָבן קיין שכל נישט, ווען זיי וואָלטן אויפהערן זיך באַנוצן מיט אַזאַ העברעאיש וואָרט...

אַז די יידישע קאָמוניסטישע טוער האָבן געהערט אַזויגע דיבורים פון אַ נישט־יידן, זענען די אָנהענגער פון העברעאיזמען געוואָרן ביי זיך תּקיפער.

3

איך האָב געוואָלט אַליין אויסגעפינען די באַציאונג צום יידישן וואָרט מצד די יידישע מאַסן. און דאָס, וואָס איך האָב אויסגעפונען, האָט אויף מיר געמאַכט אַ טרויעריקן איינדרוק.

נישט רעדנדיק פון דער גרויסער מערהייט יידן, וואָס באַציען זיך מיט מיסטרוי און פיינטלעכקייט צו דער יידיש־קאָמוניסטישער פּרעסע דערפאַר, וואָס זיי גלויבן נישט אין איר אויפריכטיקייט און זענען איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס זיי לייענען דאָרט, איז פּונקט דער היפּוך פון דערווירקלעכקייט, זענען בכלל פאַראַן ווייניק, אפילו צווישן די אַזוי־גערופענע קאָמוניסטישע עלעמענטן, וואָס לייענען יידישע צייטונגען.

עס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק, און דאָס האָבן מיר גאָר אַ סך צוגעגעבן, אויב עס וואָלט היינט צוטאָג געקאָנט עקזיסטירן אַן איין־איינציקע יידיש־קאָמוניסטישע צייטונג, אויב זי וואָלט זיך געדאַרפט אויסהאַלטן פון טיראַזש און פון אָנאָנסן. און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס עס זענען פאַראַן אַזוי ווייניק לייענער פון יידישע צייטונגען.

אויב זיי האַלטן זיך אויף, איז עס נאָר מיט מלוכה־געלט. דער ציל, וואָס זיי האָבן פאַר זיך, צו קריגן אַ גרויסע צאָל לייענער, ווערט קיינמאָל נישט דערגרייכט. אויב זיי דערגרייכן עפּעס, איז עס בלויז דורך נעגאַטיווע רעזולטאַטן — דאָס, וואָס זיי מאַכן אוממעגלעך אַנדערע מינים יידישע צייטונגען אין לאַנד און במילא מוז עס שווין הייסן, אַז די עקזיסטירנדיקע יידישע צייטונגען טוען עפּעס אויף.

עס גייט אַרום אַ יידישע צייטונג אין אָדעס, און איך האָב אין ערגעץ די דאָזיקע צייטונג נישט געזען אויסער ווי אין יידישן קאָמוניסטישן קלוב, ווו בלויז עטלעכע האָבן אין איר אַריינגעקוקט.

עס גייט אַרום אַ יידישע צייטונג אין קיעוו און גאָר ווייניק לייענען זי. דער „כאַרקאָווער שטערן" ווערט געהאַלטן פאַר גאָר אַ וויכטיקע צייטונג, אָבער איר אָפּגאַנג איז אַ נישטיקער און מ'זעט זי קוים אָן אַפילו אין כאַרקאָוו גופא.

אין מאָסקווע האָב איך ממש מיט ליכט אַרומגעזוכט דעם „עמעס", אָבער כ'האָב די צייטונג נישט געקאָנט קריגן.

אין דער צייט, וואָס אַזאַ צייטונג ווי די „מאָסקאָו דיילי ניוס", אין ענגליש, וועלכע האָט לכל הדעות געדאַרפט האָבן ווייניקער לייענער ווי דער „עמעס", קאָן מען קריגן אויף אַלע קיאָסקן, קאָן מען דעם „עמעס" כמעט אין ערגעץ נישט קריגן.

צוליב דעם דוחק אויף פּאַפּיר וועט איר אין סאָוויעט־רוסלאַנד זען, ווי מען מאַכט פון צייטונגען אַלערליי נוצן. מען וויקלט אין זיי איין עסנוואַרג און מען מאַכט מיט זיי פּעקלעך. מען באַנוצט זיי אויך צו מאַכן פּאַפּיראָסן. גאַנץ אָפט וועט איר זען, ווי אימיצער קויפט אַ צייטונג בלויז אין דעם עפּעס איינצווויקלען.

איך האָב אין ערגעץ נישט געזען קיין יידישע צייטונגען אַפילו באַנוצט פאַר פּעקלעך. און איך בין געווען אין די מערסטע יידישע צענטערן און זיך שטענדיק אַרומגעדרייט צווישן יידן.

איך בין געווען אין אַ ריי מלוכהשע ביכער־געשעפטן, ווו עס ווערן פאַרקויפט ביכער אין אַלע שפּראַכן און ווו עס זענען אויך פאַראַן אָפּטיילונגען פון יידישע ביכער.

אין דער צייט, וואָס אַרום די טישן, אויף וועלכע עס ליגן ביכער אין רוסיש און אוקראַיניש און אַנדערע שפּראַכן, איז תמיד אַ געזעמל: מען בלעטערט די ביכער, מען קוקט אין זיי אַריין און מען קויפט זיי טאַקע אויך, איז אַרום די יידישע ביכער פּוסט. זעלטן ווען איר זעט אימיצן דאָרט זיך אָפּשטעלן.

די פאַרקויפערינס זענען יידישע מיידלעך, אָבער זיי רעדן רו־סיש. אויב איר רעדט צו זיי אין יידיש, וועלן זיי ענטפערן, אָבער

איר וועט אליין אויף זיי רחמנות האבן, וואס זיי דארפן זיך נע־בעך „ברעכן" די ציין.

איך פרעג א יידן, פארוואס ער לייענט נישט קיין יידישע צייטונג, און ער ענטפערט מיר אזוי:

— זייט א בריה און פארשטייט, וואס דארט שטייט? אגב, דארף מען האבן א דריי פאר ברילן צו קאנען דערזען די פיצעלע־ציניקע אותיותלעך, דערצו פול מיט גרייזן און דאס רוב איינגאנצן פארמעקט.

איז מילא, וועגן פארשטיין, וועט איר זאגן, אז די יידישע צייטונגען אין סאוועט־רוסלאנד זענען איבער דער אינטעליגענץ פון דעם דורכשניטלעכן יידישן לייענער און אויב איר האלט עס פאר א מעלה, זאל עס ביי דעם בלייבן.

וואס איז שייך אבער וועגן „קאנען" לייענען א יידישע צייטונג, איז אמת, אז דאס פאפיר, אויף וועלכן יידישע צייטונגען ווערן געדרוקט, איז דאס ערגסטע און ביליקסטע, אז די שריפט איז די שווידערלעכסטע און אז צוליינגדיק צו דעם די אויסלייגעכץ, צו וועלכער דער יידישער לייענער איז נישט צוגעוווינט, און די ראשי־תיבות, אויף וועלכע די יידישע צייטונגען ליידן נאך מער ווי די נישט־יידישע, וועט איר וויסן, פארוואס דער יידישער ליי־ענער אין סאוועט־רוסלאנד איז אזוי אנטוישט און וויל קיין יידי־שע צייטונג נישט נעמען אין האנט אריין.

— די רוסישע צייטונגען זענען דאך אויך קאמוניסטישע,— זאגט מיר א דורכשניטלעכער יידישער לייענער, — אבער אז מען לייענט א רוסישע צייטונג, קאן מען נאך דארט עפעס געפינען, א חוץ די קאמוניסטישע פראפאגאנדע. אין א יידישער צייטונג געפינט מען פאקטיש גארנישט און דאס, וואס מען געפינט יא, איז תמיד אזוינס, וואס קאן דעם יידישן לייענער נישט אינטערעסירן.

אין דער צייט, וואס די רוסישע קאמוניסטישע ליטעראטור איז אפילו נאך אלע צענזורן נאך אלץ געבליבן רייך און איז פאר־העלטנישמעסיק רייך אויף איר אייגענעם חשבון, איז די יידישע

ליטעראטור אונטערגעגאנגען אזא צענזור, וואס האט פאר דעם יידישן לייענער כמעט גארנישט איבערגעלאזט.

אייגענע און נייע טאלענטן האט מען ווייניק. דאס, וואס עס איז דא, איז אזוי „מאדערניסטיש", אז דאס קאן זיך אפשר זיין די בעסטע ליטעראטור פון קריטיקערס שטאנדפונקט, אבער נישט קיין מאטעריאל פאר א „פראלעטארישער" מאסע צו לייענען.

לייענט מען נישט דאס אלטע, וואס איז פארבאטן אדער צענזורירט, און נישט דאס נייע, וואס עס איז פרעמד און אומפארשטענדלעך.

עס דארף אויך אנגעוויזן ווערן אויף דעם האס, וואס מען פארשפרייט דארט צו יידישע שרייבער, וואס זענען נישט פון קאמוניסטישן חדר. דאס האט געמוזט האבן א ווירקונג, אז די לייענער זאלן זיך באציען מיט בטול צום יידישן ווארט.

נישט רעדנדיק פון די, וואס זענען אינגאנצן טריף און ווערן דערפאר אינגאנצן נישט געדרוקט, אפילו די, וואס זענען נישט־טריף, ווערן קלאסיפיצירט אין „אונזערע" און „נישט־אונזערע", אין פראלעטארישע און נישט - פראלעטארישע שרייבער, אזוי, אז דער דורכשניטלעכער לייענער איז צעטומלט און הערט אפט אינגאנצן אויף צו לייענען יידיש, בפרט, ווען ער האט פאר זיך א רייכע נישט - יידישע ליטעראטור, ווו דער אויסוואל איז א רייכער און פארשידנארטיקער.

— אודאי, — האט מיר פרובירט מסביר זיין א געוויסער קולטור־טוער, וואס איז שטארק געבאפט אויף רוסיפיקאציע, — טוען אונזערע יידישע קולטור־טוער א דערציערישע ארבעט. די צרה איז אבער, וואס איידער זיי באוויזן צו דערציען דעם יידישן לייענער, ווערט יענער א לייענער פון רוסיש און ער דארף שוין אינגאנצן מער נישט האבן די יידישע ליטעראטור און די יידישע פרעסע.

זענען דערפאר טאקע א סך קאמוניסטן אליין שטארק פעסימיסטיש וועגן דער נייער יידישער קולטור אין סאוויעט־רוסלאנד. און אויב עס טליעט ערגעץ א פונק פון האפענונג, איז עס נאר אין שייכות מיט בירא־בידזשאן, ווי בירא־בידזשאן וואלט גע־

דארפט זיין די רעטונג פאר דער אונטערגייענדיקער יידישער קול־טור אין לאנד.

איז פאר א סך יידישע קאמוניסטן בירא ־ בידזשאן איצט געווארן דער „מרכז רוחני" (דער גייסטיקער צענטר), ווי דער, וואס אחד ־ העם האט אמאל געוואלט, אז ארץ־ישראל זאל ווערן.

און פונקט ווי אחד־העם, וועלכער האט זיך וויניק געקימערט וועגן דעם עקאנאמישן און פאליטישן אויפבוי פון ארץ־ישראל, אזוי אויך די דאזיקע קאמוניסטן בנוגע בירא־בידזשאן.

איז אבער די צרה, וואס ווען עס האנדלט זיך וועגן בירא־בי־דזשאן אלס גייסטיקן צענטר, זענען די יידישע קאמוניסטן ווידער אין שרעק, מורא האבנדיק, אז מען וועט זיי חושד זיין אין צופיל יידישן נאציאנאליזם, און די פראגע, וואס איר הערט אפט, טאקע מצד קאמוניסטן, איז, צו וואס קולטור ־ צענטערן אינגאנצן, אז יידן קאנען זיך גאנץ גוט שפייזן אויף דער רוסישער קולטור?

קאפיטל אכט־און־צוואנציק

ציוניזם אונטערן רויטן טעראר

1

מאסקווע און לענינגראד זענען פאר דער רעוואלוציע געווען די צוויי הויפט־שטעט פון לאנד און זיי זענען עס איצט. פריער איז לענינגראד, דאמאלס פעטערבורג, געווען ערשט און מאסקווע צווייט. איצט איז מאסקווע ערשט און לענינגראד צווייט. ביידע וואקסן כמעט מיט דעם זעלביקן טעמפא, מאסקוועס באפעלקערונג שוין גרייכנדיק איבער פיר מיליאן און לענינגראדס — האלטנדיק נאנט צו פיר מיליאן.

די מיינונגען זענען צעטיילט, וועלכע פון די צוויי איז די שענערע. מיר שיינט, אז לענינגראד. אבער וואס ס'זאל נישט גע־זאגט ווערן וועגן מאסקווע גופא, — דער קרעמל איז איינגאר־טיק, אומפארגליכבאר, רייצנדיק מיט זיין אזיאטישער שיינקייט.

אויסערלעך אפילו דעם אלטן, צאריסטישן, כאראקטער נישט פאר־לאָרן. פון די צוויי העכסטע טורעמס קוקן נאָך ארונטער די צאַ־ריסטישע הערבן מיטן צוויי־קעפּיקן אָדלער און די קייזערלעכע קרוין. די קירכן־גלעקער קלינגען נאָך אויס די שעהן פון טאָג, ווי אַמאָל, און זייער אויסערלעך, ווי אויך אינערלעך, אויסזען איז פולשטענדיק פּרעזערווירט.

— דאָס ווייזט בלויז, אַז די באָלשעוויסטישע הערשער פון לאַנד האָבן אַן אויג פאר רוסישער געשיכטע און טראַדיציע, — האָט מיר געזאָגט אַ רוס, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דער „אינ־טעליגענץ" און ארבעט איצט אין אַ מלוכה־קאַנצעלאַריע. — אפילו דער גרוזין סטאַלין וואָגט נישט אָפּצומעקן און אויסוואָרצ־לען דאָס עכט־ און כאראקטעריסטיש־רוסישע. ס'האָבן זיך גע־ענדערט פאָרמען, אויך אידעען, אָבער נישט דער גייסט.

דער דאָזיקער געדאַנק, ארויסגעזאָגט פון אַ רוס, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דער איצטיקער אָרדענונג, פון וועלכער, ווי ער האָט מיר אליין געזאָגט, ער איז אידעאיש אַ קעגנער, האָט מיך אינטערעסירט.

איך האָב דעמזעלביקן געדאַנק דערנאָך געהערט אויך פון אנדערע נאָך אין אַ מער־אויסגעשפּראָכענער פאָרם.

— וואָס־יוואָס, די פּאָליטיק פון דער סאָוויעט־רעגירונג איז אַ נאַציאָנאַלע,—האָט באַמערקט אַ רוסישער געלערנטער, אַ לעק־טאָר אין אוניווערזיטעט. — קיין בעסערע נאַציאָנאַלע ארבעט האָבן אפילו פּאַטריאָטישע רוסן נישט געקאָנט דערוואַרטן: אַ רי־זיקע ארמיי, די פארשטאַרקונג פון די רוסישע גרענעצן, די דאָמי־נירונג פון דער רוסישער שפּראַך און קולטור, די פּרעזערווירונג פון אַלץ, וואָס האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט. גייט דורך מאָסקווע און לענינגראַד, און אויב ס'זענען צוגעקומען נייע מאָנומענטן, פעלט כמעט קיינער נישט פון די אַלטע. אַלע קייזערלעכע מאָנומענטן בלייבן. פּיאָטר דער גרויסער קוקט נאָך אַלץ ארויס איבער דער נעווא אין לענינגראַד, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט, אַז ער האָט געעפנט פאר רוסלאַנד דעם וועג צו אייראָפּע.

איך האָב אין לענינגראַד אויך געזען אַן אנדער מאָנומענט,

לעניינס, ביים העלזינגפאָרסער וואָקזאַל, ווו דער רעוואָלוציאָנע־רער פירער שטייט מיט אַן עכט־לענינישער פּאָזע, די האַנט אויס־געשטרעקט צו די מאַסן. עס דאַרף רעפּרעזענטירן לענינס ערשטע רעדע ביים אָנקומען קיין רוסלאַנד. לענינס אויסגעשטרעקטע האַנט און פּיאָטער דעם גרויסנס אויסגעשטרעקטע האַנט האָבן דער־מאָלט ביי מיר באַקומען אַ המשך, פאַרבינדנדיק די רוסישע קעגנ־וואַרט מיט דער רוסישער פאַרגאַנגענהייט.

— יאָ, — האָט יענער רוסישער לעקטאָר אויסגעפירט, — דאָס רוסישע פאָלק איז אין זיין געשיכטע געווען אונטער פאַרשי־דענע הערשער און רעזשימען, מערסטנס אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע, אָבער עס האָט תּמיד אַליין אַלעמען מנצח געווען און האָט נישט געקאָנט אַרונטערגעשטויסן ווערן פון דער וועלט־אַרענע.

די דאָזיקע רייד, וואָס רייסן זיך אָפט אַרויס פון אמת־רוסישע נאַציאָנאַליסטן, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק אין קאָנטראַסט מיט דער הילפלאָזיקייט און האָפענונגסלאָזיקייט צווישן יידישע נאַציאָנאַליסטן אין סאָוויעטן־לאַנד.

— און וואָס חידושט איך אַזוי? — האָט מיר דערקלערט אַן אַמאָליקער ציוניסטישער פירער. — יעדעס אַנדער פאָלק אין סאָוויעטן־לאַנד ווערט אויפגעריכט אין אַן אמת־נאַציאָנאַלן זין, בלויז מיר, יידן, ווערן צעריבן, ממש פאַרניכטעט. פון דעם עבר רייסט מען אונז אַוועק. אונזערע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט זענען טריף און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. מען גיט אונז איין חלשות־טראָפּנס אין דער פאָרם פון יידיש־קאָמוניסטישער קולטור און אַ פאַריתומטע און באָדנלאָזע קאָמוניסטישע פאָרם פון „ציו־ניזם" — בירא־בידזשאַן. דער יידיש־דענקנדיקער ייד עפנט אָבער נאָר די אויגן און קוקט־אָן די ווירקלעכקייט און ער פאַלט צוריק אין חלשות, אפשר שוין אינגאַנצן מער נישט צו קומען צו זיך.

— און מיט וואָס דערקלערט איר עס? — האָב איך געוואָלט דערגרונטעווען יענעמס געדאַנקענגאַנג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טויזנטער און טויזנטער רוסישע יידן.

— מיט דעם, וואָס אונז, יידן, ווי̇ל מען ממש גייסטיק פאַר־ניכטן, איינגאַנצן אַרויסרייסן פון אונז די הערצער און טויטן אונזערע נשמות, — האָט יענער געזאָגט אַפּאַטיש. — אָט זעט איר דאָך, אַז ביי אונז גריבלט מען זיך אַפילו אין די נשמות, מען קריכט אַריין מיט די בלאָטיקע שטיוול אין אונזערע הערצער. ציוני־סטן, נאַציאָנאַליסטן, ליבהאָבער פון העברעאיש און עכט־יידי־שער קולטור שלײַדערט מען אין די תּפיסות.

— מיינט עס דען, אַז דער ציוניזם איז טויט אין סאָוויעטן־לאַנד? — האָב איך געוואָלט הערן אַ מיינונג.

— טויט, וואָס איז שייך אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, אָבער נישט אין גייסט, — איז געווען דער ענטפער. — ווייל ערשט איצט איז דער ציוניזם געוואָרן אונזער האָפענונג, די איינציקע האָפענונג אונזערע. אויב אַפילו אַ סך פון אונז האָבן שוין אויפ־געהערט גלויבן אין אונזער פֿריזענלעכער צוקונפט, זעען מיר אָבער אין ציוניזם די צוקונפט פון אונזער פאָלק. אונזערע יידישע מחנות זענען צום באַדויערן צעטיילט געוואָרן. די דאָזיקע מחנה, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס רוסישע יידנטום, איז אין געפאַר פאַר־ניכטעט צו ווערן. דערפאַר ווערן אָבער גרעסטעוועט די אַנדערע מחנות. ארץ־ישראל איז זייער אַנטריינונגס־פלאַץ.

— הייסט עס, אַז דער ציוניסטישער געדאַנק לעבט נאָך אין סאָוויעטן־לאַנד? — האָב איך געוואָלט זיין פּאָזיטיוו.

— ער איז געווען די יניקה, פון וואַנען מיר שעפּן אונזער חיות. אַנדערש וואָלטן מיר פּשוט אויסגעגאַנגען פון די כּחות, גייסטיקע אַזוי גוט ווי פיזישע.

איך בין געווען אַביסל סקעפּטיש. גראָד האָב איך די דאָזיקע מיינונג שוין געהערט פריער. איך האָב זי אַפילו געהערט אין ארץ־ישראל פון ערשט - געקומענע יונגע ציוניסטן, וועלכע זענען דורך ספּעציעלע פאָנדן פאַר דעם צוועק גרעסטעוועט געוואָרן פון סאָוויעטישע טורמעס, ווו זיי האָבן געשמאַכטעט פאַר ציוניסטי־שער טעטיקייט.

דער פאַקט, וואָס ס'זענען אין סאָוויעטן־לאַנד דאָ ציוניסטן, און גראָד יונגע, אין די תּפיסות, האָט געזאָלט זיין געננוג באַווייז,

אז דער ציוניזם איז נאָך אַ ווירקנדיקער און לעבעדיקער כּח אין לאַנד.

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַט די פריש - געקומענע יונגע ציוניסטן אין תּל - אביב, האָב איך געהערט, ווי איינער פון זיי האָט דערקלערט מיט פולער זיכערקייט, אַז לכל הפּחות זיבעציק פּראָצענט פון די רוסישע יידן זענען ציוניסטיש געשטימט.

איך האָב דעמאָלט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיך געטראַכט, אַז דער מענטש איז מגזם, אָדער, אַז פאַרבּרענגנדיק אַ לענגערע צייט אין תּפיסה, האָט ער פאַרלאָרן דאָס געפיל פאַר פּראָפּאָרציע.

אין ארץ - ישראל האָב איך באַגעגנט נישט - לאַנג - געקומענע בחורים און מיידלעך, ערשט אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זענען ציוניסטן פון סאָוויעט-רוסלאַנד. דאָס זענען שוין געווען, פאַר ווי ווייט זייער דערציאונג, פּראָדוקטן פון נאָך דער רעוואָלוציע. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אפילו געהערט צו געהיימע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. הייסט עס, אַז דער ציוניזם ווערט נאָך פּראָפּאַגאַנדירט אין סאָוויעט-רוסלאַנד און געפינט אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די רוסישע יידן.

איך האָב אָבער אַלץ געהאַט דעם איינדרוק, אַז אויף דער ציוניזם איז נישט אינגאַנצן אונטערדריקט, האַלט ער אָבער אין גוססן, ביז איך האָב אַליין אַלץ געזען און געהערט.

2

אַ נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דער ווירקלעכקייט האָט מיך איבערצייגט, אַז וואָס עס זאָלן נישט זיין די פּערספּעקטיוון פון די רוסישע יידן, דער ציוניזם איז נאָך צווישן זיי אַ ווירקנדיקער כּח, אויב נישט אין קיין אַנדער זין, ווי אין דעם, וואָס ער שטאַרקט זייער האָפענונג אין דעם קיום פון יידישן פאָלק און אין דער פּרעזערווירונג פון די יידישע נאַציאָנאַלע כּחות.

אודאי איז שווער צו געפינען אין סאָוויעטן-לאַנד אַן אָרגאַ-

ניזירטן ציוניזם. דאָס האָט גראָד עקזיסטירט און עקזיסטירט אפשר נאָך איצט. די פריערדיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען אָבער, נאָך די לאַנג־יאָריקע פאַרפאָלגונגען און טעראָר, פאַרניכטעט געוואָרן. אויב עפּעס עקזיסטירט איצט אין דער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע, איז עס אינגאַנצן אונטערערדיש.

— דער ציוניזם איז געווען צייטנווייז אומלעגאַל אונטערן צאַר, — האָט מען מיר געזאָגט, — און ער איז נאָך צענפאַך מער אומלעגאַל איצט, אונטער די באָלשעוויקעס. די צאַריסטישע הערשאַפט האָט אין ציוניזם געזען די געפאַר פון „קראַמאָלע"; די באָלשעוויקעס — די געפאַר פון קאָנטער־רעוואָלוציע.

אויף ווי ווייט דער ציוניזם איז פאַרצווייגט אונטערערדיש, איז שווער צו זאָגן. עס שיינט, אַז אפילו אין סאָוויעט־רוסלאַנד גופא האָט קיינער נישט קיין גענויען באַגריף וועגן דעם. אָדער מען רעדט וועגן דעם אַזוי פאָרזיכטיק, מיט רמזים, אַז איר וואָגט ממש נישט ווערן צודרינגלעך וועגן דאָזיקן פּונקט.

— בכלל דאַרפט איר וויסן, — האָט מיר אַ געוויסער ציוניסט מסביר געווען, — אַז אַלע ציוניסטישע פּאַרטיי־ליניעס זענען איצט פּאַקטיש אָפּגעווישט. מיר זענען דאָ אפילו נישט גענוי אינפאָרמירט וועגן די פּאָליטישע טענדענצן און ריכטונגען אין ציוניזם. אַלע, וואָס מיר ווייסן, איז, אַז ארץ־ישראל בויט זיך, אַז יידן וואַנדערן קיין ארץ־ישראל פון אַלע טיילן פון דער וועלט. דער ציוניסטישער געדאַנק פאַראייניקט אונז דאָ אַלעמען און מיר קריגן זיך ווייניק וואָס אַרום וועגן די פאָרמען און ריכטונגען אין ציוניזם.

האָט מיך נישט געוווּנדערט, וואָס ציוניסטן האָבן זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט, קענטיק מיטן זעלבן אינטערעס, אויף וויצמאַנען, סאָקאָלאָוון, אוסישקינען, בן־גוריונען, שערטאָקן און זשאַבאָטינסקין. אַלע זענען פאַר זיי געווען פירער פון דערזעלביקער וויכטיקייט, פאַרקערפּערנדיק די זעלביקע אידעע, נישט רעכענענדיק זיך, אָדער פּשוט נישט זייענדיק גענוי באַקאַנט, מיט די ריכטונגען, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב פאַר זיך מענטשן,

וואָס לעבן אין אַ געפּענגעניש, ווו זיי זענען אין במעט פּולשטענדי־קער אומוויסנהייט וועגן אַלץ, וואָס ס'קומט פֿאָר אין דער דרויסנדיקער וועלט. אַלץ, וואָס זיי ווייסן, איז, אַז הינטער די פֿינסטערע ווענט פֿון געפֿענגעניש שיינט אַ זון און עס גייט־אָן אַ לעבהאַפֿטע יידישע טעטיקייט.

דער ציוניזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד איצט שיינט מיר אפילו צו זיין אומצעשיידבאַר פֿון רעליגיע און נאַציאָנאַליזם בכלל. עס איז איין אידעע, וואָס באַזעלט די גרויסע מאַסע יידן, וואָס ווילן זיך נישט לאָזן פֿאַרשלינגען פֿון די פֿלאַמען פֿון קאָמוניסטישן קאַלך־אויוון, די אידעע פֿון יידישער פּרעזערווירונג, ווידער־אויפֿלעבונג, נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. סאָוויעט ־ רוסלאַנד רעפּרע־זענטירט פֿאַר זיי נאָך מער ווי פֿריער דעם גלות, און נאָך מער ווי אַ גלות, פֿון אַ יידיש ־ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אַ גיהנום, אַ פֿאַרניכטנדיקער און אויסוואָרצלענדיקער.

ריכט מען דעם בליק אַהין, ווו יידישקייט בליט און ווו דאָס יידישע פֿאָלק איז שעפּעריש, פֿאַרבינדנדיק דעם הייַנט מיטן נעכטן און מיטן מאָרגן.

ווייניק האָפֿן, אַז זיי אַליין וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו גרייכן ארץ־ישראל. אָבער די נאַציאָנאַל ־ באַוווסטזיניקע יידן טראַכטן נישט פֿון זיך אַליין. זיי טראַכטן פֿון גאַנצן פֿאָלק. וואָ־רום קיינמאָל האָבן זיי אַזוי נישט געפֿילט די באַדייטונג פֿון נאַ־ציאָנאַלן קיום, ווי איצט, ווען זיי זעען פֿאַר זיך, ווי גאַנצע גלידער פֿון יידישן פֿאָלק ווערן אָוועקגעריסן און געוואָרפֿן אין די פֿייערן פֿון וועלט־רעוואָלוציע.

קריגט אַמאָל אַ ייד אַ מעגלעכקייט אויסצוואַנדערן קיין ארץ־ישראל, כאַפּט ער זיך אָן דעם אָן מיט אַזאַ שמחה, וואָס לאָזט זיך קוים באַשרייבן.

איך בין אַליין געווען דער שליח איבערצוגעבן איינעם די בשורה וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. מיינער אַ באַקאַנטער אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט אַ פּרדס אין ארץ־ישראל, האָט מיך געבעטן נישט נאָר אָנצוקוקן דעם פּרדס אויף מיין באַזוך אין ארץ־ישראל, נאָר אויך צו באַזוכן זיין ברודער אין קיעוו און ביי אים פֿרעגן,

אויב ער וואָלט חשק געהאַט פאָרן נאָך ארץ־ישראל דאָרט איבער־צונעמען די אויפזיכט איבערן פּרדס.

— איך האָב אַליין צו אים וועגן דעם נישט געשריבן, — האָט מיר יענער געזאָגט, — דערפאַר, וואָס איך בין מסופּק, אויב ער וועט ווע̇לן פאַרלאָזן רוסלאַנד. אויב ער האָט אין די פריערדי־קע יאָרן אַ סך געליטן, איז ער איצט, קענטיק, צופרידן מיט זיין דאָליע. ער האָט אַ גוטע שטעלע און קריגט אַ הויך געהאַלט. איר קאָנט אָבער ביי אים אָנטאַפּן דעם דופק, און אויב ער איז גרייט, וועל איך פּרובירן שאַפן דאָס געלט אים איינצוהאַנדלען אַ וויזע, ווי אויך פאַר רייזע־קאָסטן.

איך האָב באַזוכט יענעם יידן אין קיעוו. ער האָט טאַקע אַ גוטע שטעלע. אים, דאַרף עס הייסן, גייט גוט, לויט רוסישע סטאַנ־דאַרטן.

איך האָב אים איבערגעגעבן דעם פּלאַן, מיט וועלכן זיין ברודער אין ניו־יאָרק טראָגט זיך אַרום.

— וואָלט איר געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל? — האָב איך אים געשטעלט די פראַגע דירעקט.

דער מאַן האָט מיך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אויב איך טרייב נישט קיין שפּאַס.

— צי איך וואָלט געוואָלט? — האָט ער אויסגערופן. — איך וואָלט געפלויגן! זאָל מיר מיין ברודער נאָר געבן די געלעגנהייט. ארץ־ישראל! — און אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ גע־היימנישפולער פייערל. — איך בין, דעם אמת זאָגנדיק, קיינמאָל נישט געווען קיין ציוניסט. איך ווייס אפילו נישט, אויב איך קאָן זיך מאַכן נוצלעך דאָרט. אָבער וואָס זאָל איך פון אייך באַהאַלטן? אויב איך וואָלט געפאָרן, ווו דאָס זאָל נישט זיין, אַבי צו אַנטלויפן פון אָט דעם עמק הבכא, וואָלט איך אָבער מיט דער גרעסטער שמחה געפאָרן קיין ארץ־ישראל, גרייט פאַר אַלע קרבנות. איר פאַרשטייט? ארץ־ישראל!

איך האָב אים פאַרשטאַנען, באַזונדערס, ווען ער האָט פאַר מיר געעפנט דאָס האַרץ און מיר דערציילט, וואָס ער האָט איבער־

געליטן און וואָס ער ליידט איצט, טראָץ דעם, וואָס ער איז שוין פאַרמישט פון די „גליקלעכע".

— איר האָט דען אַ באַגריף פון דעם שווידערלעכן טעראָר, אונטער וועלכן מיר לעבן דאָ? — האָט ער געפרעגט. — אָ, ווי דערלעבט מען צו זיין צוריק אַ פרייער מענטש אין אַ פריי לאַנד!

און אַ צווייטער פאַל:

ער איז אַן אַגראָנאָם מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיק - גוטע שטעלע ביי דער מלוכה. בעת דער רעוואָלוציע איז ער געווען אין אויסלאַנד, ווו ס'איז אים געגאַנגען גוט. ער האָט אַלץ אויפגעגעבן און צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד צו העלפן בויען דאָס לאַנד. איצט איז ער אינגאַנצן אַנטוישט, אויסגעניכטערט.

ער הערט, אַז איך האָב באַזוכט ארץ־ישראל. ער איז פאַראינטערעסירט אין דער דאָרטיקער קאָלאָניזאַציע. נישט בלויז אַלס פאַכמאַן, נאָר טאַקע אַלס ייד, כאָטש ער באַטאָנט, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין ציוניסט און האָט גאָר געקוקט מיט האַס אויפן ציוניזם. ער פרעגט זיך נאָך אויף געוויסע אַגראָנאָמען אין ארץ־ישראל, וועלכע, ווי ער זאָגט, זענען זיינע אַלטע באַקאַנטע.

איך ווייס, אַז מען האַלט אים פאַר אַן עקספּערט אין זיין פאַך. איך באַמערק, אַז ער וואָלט אין ארץ־ישראל געקאָנט שפּילן אַ ראָלע.

זיין פּנים פאַרוואָלקנט זיך. זיינע אויגן קוקן מיט צער און בענקעניש.

— איך וואָלט אַ האַלב לעבן אָפּגעגעבן צו קאָנען זיין אין יענעם לאַנד, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שווייגן אַרויסגעשעפּטשעט. — איך זע מיין טעות. אַנשטאָט צו פאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָב איך בעסער געדאַרפט פאָרן קיין ארץ־ישראל. גראָד געהאַט די געלעגנהייט, אויך די דערמוטיקונג פון ציוניסטישע פריינט. איצט איז אַלץ פאַרפאַלן.

— פאַרפאַלן? זאָגט עס נישט. איר קאָנט נאָך גאָר האָבן אַ נייע געלעגנהייט, — האָב איך אים געוואָלט טרייסטן.

— נישט איך און נישט קיין סך אַנדערע ווי איך, — האָט

ער געזאָגט מיט א זיפץ. — מיר זענען דאָ אַלע פאַראורטיילט צו שמאַרבן. גאָר גוט כאָטש, אז אַנדערע יידן האָבן זיך געראַטעוועט.

— און ווי קומען אזעלכע געדאַנקען צו אייך? — האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט.

— איך בין נישט דער איינציקער, וואָס פילט אַזוי, — איז געווען דער ענטפער.

3

ס'איז געווען אָקאָרשט נאָך מיין לאַנדן אין אָדעס. איך האָב באַזוכט דעם דאָרטיקן יידיש־קאָמוניסטישן קלוב. איך בין אַרומגערינגלט געוואָרן פון יונגעלייט און מיידלעך, ווי אויך עלטערע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

איך האָב נאָך געהאַט ביי זיך ארץ־ישראלדיקע פּאַפּיראָסן. אַרויסנעמענדיק דאָס שאַכטל האָב איך אָנגעבאָטן די אַרומיקע צו פאַררויכערן.

— וואָס איז דאָס פאַר א פּאַפּיראָסן? — האָט דאָס שאַכטל מיט דער העברעאישער אויפשריפט באַלד צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

די דערקלערונג, אַז זיי זענען אַן ארץ־ישראלדיקער פּראָדוקט, האָט דעם אינטערעס פאַרשטאַרקט. דאָס שאַכטל איז איבערגעגאַנגעי פון האַנט צו האַנט און איז מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פון יעדן באַטראַכט געוואָרן.

ווען א פינף־זעקס האָבן מיט מיר געהאַט פאַררויכערט, האָב איך אין דעם אופן, ווי יענע האָבן איינגעאָטעמט און אויסגעאָטעמט דעם רויך, געזען, אַז יענע פילן א באַזונדערע הנאה.

איז עס געווען סתם די הנאה פון רויכערן א גוטן אויסלענדישן פּאַפּיראָס, אַזאַ, וואָס רוסישע אַרבעטער זעען קיינמאָל נישט אויף די אויגן און וואָס זייערע פאַרדינסטן וואָלטן זיי קיינמאָל נישט דערלויבט, אָדער דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דאָס זענען געווען ארץ־ישראלדיקע פּאַפּיראָסן, פילנדיק דעם ריח פון יע־

נעם לאנד, וואס רופט תמיד ארוים בענקעניש אין יידישע הער־צער?

איך האב נישט געשטעלט קיין פראגן. אין א קאמוניסטישן קלוב וואלטן אזעלכע פראגן געווען צו־געוואגט. זיכער וואלט קיי־נער נישט געהאט דעם מוט צו ענטפערן. איך האב אבער באנוצט די געלעגנהייט צו מאכן עטלעכע באמערקונגען וועגן דער אנט־וויקלונג פון ארץ־ישראל און דעם וווקס פון דער ארץ־ישראלדי־קער פראדוקציע. אלע האבן זיך צוגעהערט מיט גרוים אויפמערק־זאמקייט.

שפעטער, אז איך און א פאר פון מיינע נייע באקאנטע האבן ארונטערגעשפאצירט אין גאס, האט איינער, קענטיק נאך א לאנגן ישוב־הדעת, צו מיר זיך געווענדעט מיט אט די ווערטער:

— נעמט נישט פאר אומגוט, וואס איך באלעסטיק אייך, איר וועט מיר אבער טאן א גרוים געפעליקייט, אויב איר וועט מיר שענקען דאס שאכטל. איך וויל עס פאר אן אנדענק!

איך האב עם אים אן פראגן אוועקגעשענקט און יענער האט עס באהאלטן אין קעשענע, ווי אן אבן טוב.

עס איז געווען סענטימענטט, וואס האט זיך נישט געלאזט אונטערדריקן אונטער קיינע באדינגונגען.

אין אן אוקראיניש שטעטל האב איך זיך געטראפן מיט א פשוטן יידן, וועלכער מאכט שוין גראד נישט קיין סוד פון זיינע יידישע סענטימענטן.

איך האב אים טראקטירט מיט אן ארץ־ישראלדיקן פאפי־ראס.

יענער האט דעם פאפיראס גענומען מיט ציטערדיקע הענט און אים באטראכט, ווי דאס וואלט געווען א גרויסער שאץ.

— איך רויכער נישט, — האט ער באמערקט. — איך האב זיך שוין לאנג אפגעוווינט פון דעם. גיי רויכער, אז עס איז נישטא גענוג אויף ברויט! אבער איך וויל דעם פאפיראס נישט צום רוי־כערן, נאר פאר אן אנדענק.

און ער האט ארויסגענומען א פאטשיילקע, דעם פאפיראס פארזיכטיק איינגעוויקלט און עס אריינגעלייגט אין קעשענע.

ס'איז אָבער נישט בלויז סענטימענט, נאָר אַ געוואַלטיקער אינטערעס, כאָטש דער דאָזיקער אינטערעס קאָן קוים באַפרידיקט ווערן אין אָנגעזיכט פון דעם, וואָס די ידיעות, וואָס מען האָט דאָרט וועגן ארץ־ישראל, זענען אַזעלכע מאָגערע.

מענטשן פאַרשלינגען, ווי די דורשטיקע וואַסער, יעדע ידיעה וועגן ארץ־ישראל. עס איז אַ זון, וואָס לייכט ערגעץ ווייט און ווע־מעס שטראַלן גרייכן נישט די רוסישע יידן, אָבער ס'איז גענוג צו וויסן, אַז זי לייכט ערגעץ, אַז אימיצער וואַרעמט זיך אונטער איר.

אַ גרויסע ווירקונג, האָט מען מיר געזאָגט, האָט דאָרט די געלט־שטיצע, וואָס האָט לעצטנס, אַ דאַנק דעם עקאָנאָמישן אויפשוווּנג פון לאַנד, אָנגעהויבן קומען אין אַלץ אַ פאַרגרעסער־טער מאָס פון ארץ־ישראל. קרובים פון ארץ־ישראל שיקן פונטן, זאָלן עס זיין איינציקע פונטן און בלויז פון צייט צו צייט, אָבער אַ פונט איז אַזאַ גרויסע מטבע — איבער צוויי הונדערט רוסישע רובל, מער ווי דער דורכשניטלעכער מאָנאַטלעכער פאַרדינסט פון אַ רוסישן אַרבעטער! עס קלינגט כמעט לעגענדאַריש. עס ציגדט די פאַנטאַזיע פון די פאַרשמאַכטע און טעראָריזירטע רוסישע יידן. פאַר ציוניסטן איז עס אַן אומבאַשטרייטבאַרער באַווייז, אַז זייער חלום איז נישט קיין פוסטער.

— נאָר נישט די געלט־שטיצע ווירקט אַזוי אויף דער פאַנ־טאַזיע פון די רוסישע יידן, — האָט מיר איינער געזאָגט, — ווי דער פאַקט, וואָס האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן ווערן אפילו אונ־טער דער קאָמוניסטישער צענזור, אַז ארץ־ישראל וואַקסט און בליט און אַז יידן קאָנצענטרירן זיך דאָרט פון אַלע עקן וועלט. עס שמעקט מיט יידישער גאולה, כאָטש די קאָמוניסטן דאָ ווילן עס אונז פאַרלייקענען און האַלטן אין שרייען, אַז דאָ און נישט אין ארץ־ישראל איז די גאולה. גלויבן מיר זיי קיינער נישט און פילן פונקט פאַרקערט. ווינקט און רופט ארץ־ישראל צו אונז, כאָטש מיר זעען זי נישט, און דער האַס צו אונזערע קאָמוניסטי־שע באַדריקער ווערט גרעסער. דער איינדרוק ווערט שאַרפער און בולטער: דאָ — פינסטערער גלות, נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג; אין ארץ־ישראל — פרייהייט און נאַציאָנאַלע ווידעראויפלעבונג.

— אָבער ווי לעבט און פרוכפערט זיך איצט דער ציוניזם אין סאָוויעט ־ רוסלאַנד? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע. — אַ באַוועגונג מוז דאָך האָבן זיינע פירער און לערער.

— ס'איז אינגאַנצן אַ תורה שבעל פה, — האָט מען מיר דערקלערט. — טאַטעס גיבן איבער צו זין און מאַמעס צו טעכטער, ברידער צו ברידער און שוועסטער צו שוועסטער. אַ וואָרט, אַ ווונק, דאָס אויפכאַפּן פון אַ ידיעה, אַ קלאַנג, און מען האָט פון וואַנען צו ציען די יניקה. נאָר דער הויפּט־קוואַל איז די פאַרצווייפלטע לאַגע דאָ אין לאַנד. אַלץ, וואָס דער ייד דאַרף, איז נאָר טראַכטן פון דער ווירקלעכקייט דאָ און ער וועט שוין במילא קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען אויף ארץ־ישראל...

— מאַרטירערטום, — איז געווען אַן אַנדער מיינונג, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן, — איז אויך אַ גרויסער ווירקנדיקער כּח. ציוניסטן האָבן געליפערט און ליפערן נאָך איצט אַ סך מאַרטירער. עס איז אַ מאַרטירערטום פאַר דער פרייהייט פון געדאַנק, פאַר דאָס רעכט פון יידן צו פירן זייער אייגענע עקזיסטענץ, פאַר דער פּרעזערווירונג פון אַלץ, וואָס עס איז אונז הייליק און טייער זינט טויזנטער יאָרן. עס איז מאַרטירערטום, וואָס באַגייסטערט און וואָס גיט מוט איבערצוקומען אַלע פּלאָגן און צרות.

— און דאָס, מיינט איר, וועט זיין שטאַרק גענוג בייצוקומען דעם רויטן טעראָר? — האָב איך געפרעגט.

— פיזיש אפשר נישט, אָבער גייסטיק יאָ, — איז געווען דער פּאָזיטיווער ענטפער פון אַ יונגן ציוניסט. — מיר דאַרפן נאָר ריכטן אונזער בליק אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן אַלעמאָל געזיגט און מיר ווען איצט אויך זיגן. היסטאָריש קאָנען יידן קיינמאָל נישט האָבן קיין ירידה. איצט אויך נישט. פּונקט ווי אַלעמאָל, אַזוי אויך איצט, פאַרקערפּערן מיר, די קליינע מינאָריטעט, די עקשנותדיקע אַנטשלאָסנהייט פון אונזער פאָלק, זיך נישט צו לאָזן באַהערשן דורך טעראָר און אינקוויזיציעס. דער ציוניזם, אויב איר ווילט, איז דער אַנטי־טעזיס פון קאָמוניזם. דערפאַר זענען טאַקע די קאָמוניסטן אַזוי פאַרביטערט. אָבער מיר זענען עקשנים, יידישע עקשנים, און מיר ווען זיך נישט

אונטערגעבן. מיר וועלן זיך טיפער איינגראָבן אונטער דער ערד, אָבער מיר וועלן זיך נישט לאָזן אויסראָטן.

קאַפּיטל ניין־און־צוואַנציק

"ידן אין דער רויטער ארמי"

1

איך דאַרף בלויז אָריבערטרעטן די גרענעץ פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד און איך געפינט אויס, אַז איך זענט אין אַ מיליטעריש (אויב טאַקע נישט מיליטאַריסטיש) לאַנד. עס שווימלט און גריבלט מיט סאָלדאַטן פון אַלע מינים: רויטע־אַרמייער, (אוני־פאָרמירטע און פּולקאָם־מיליטאַריזירטע „גע־פּע־או"־לייט, מיליציאָנערן און באַוואָפנטע בירגער.

אויב די אָפיציעלע ציפערן פון דער סאָוויעט - רעגירונג וואָלטן נישט געציינט (און ווער קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אַזוינע ציפערן?), אַז די רויטע אַרמיי ציילט נאָנט פון אַ מיליאָן מאַן, וואָס מיינט, שוין אַזוי אויך, אַז זי איז די גרעסטע אין דער וועלט, וואָלט איך געקאָנט ממש שווערן, אַז די צאָל גרייכט אין די מיליאָנען, אַזוי שטאַרק וואַרפן זיך די רויטע אַרמייער אין די אויגן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וווּ איך קומט.

אין מאָסקווע און אין לענינגראַד וועט איך אַלע ווײַלע זען מחנות סאָלדאַטן און מאַטראָזן, מאַרשירנדיק דורך די גאַסן אָדער מושטירנדיק זיך אויף די סקווערן. אחוץ פאַר די אָפיצירן, וועלכע ציינן נישט דעם „שיק" פון די אַמאָליקע צאַריסטישע אָפיצירן, וואָלט איך מיינען, אַז קיין זאַך, וואָס איז שייך דער אַרמיי, האָט זיך נישט געביטן.

דאָ און דאָרט הערט איך אויך דאָס טראַמפּען פון מאַרשירנדיקע מחנות באַוואָפנטע בירגער, אין וועמעס רייען עס פעלן אויך נישט קיין פרויען. און אָפט זענען עס די פרויען, וואָס האַלטן די קעפּ העכער פאַררייסן און ציינן אַרויס מער האָפּער־דיקייט.

אָפּט מאַרשירן זיי צום טאַקט פון קאַפּעליעס און אָפּט אונ־טערן קלאַנג פון זייער אייגענעם געזאַנג.

איינס פון די פּאָפּולערע לידער, וואָס סאָלדאַטן און מאַטראָזן זינגען, איז דאָס, וואָס נאָך יעדן רעפרעין ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „מיר גרייטן זיך, מיר גרייטן זיך פאַר דער לעצטער שלאַכט!״...

אַז דאָס מיליטער איז נישט בלויז צו שטאַרקן די פּראָלע־טאַרישע דיקטאַטור קעגן דער איינענער באַפעלקערונג, זאָגט מען אייך אָפּן.

— מיר זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים. קריג איז אומ־פאַרמיידלעך. מיר מוזן זיין גרייט צו פאַרטיידיקן אונזער לאַנד, — הערט איר, ווו נאָר איר קומט.

און אַז מען האָט דערביי אין זינען נישט בלויז יאַפּאַן, נאָר אויך די שכנישע לענדער אין אייראָפּע, דאַרפט איר אויך לאַנג נישט פאַרשן אויסצוגעפינען.

ווען איך בין געווען אין קיעוו שפּאַצירנדיק ביינאַכט, נאָך אַ טעאַטער - פאָרשטעלונג, אויפן קרעשטשאַטיק, די איצטיקע וואָראָווסקי־גאַס, וועלכע איז די הויפּט־גאַס פון שטאָט און די בעסט־באַלויכטענע און באַלעבטע, בין איך פאַר אַ ווײַלע געווען שטאַרק געפּלעפט, ווען פּלוצים זענען אַלע גאַסן־לאַמפּן אויסגע־גאַנגען און אַלע ליכטער אין די געשעפטן און פּריוואַט־וווינונ־גען זענען אויסגעלאָשן געוואָרן. נאָך איידער איך האָב געקאָנט אויסגעפינען, וואָס אַזוינס ס'איז געשען, האָבן אַלע אָנגעהויבן לויפן, ווי פון עפּעס אַ געפאַר.

איך בין געווען אין באַגלייטונג פון אַ באַקאַנטן יונגנמאַן, וועלכער האָט אָנגעהויבן לויפן מיטשלעפּנדיק מיר מיט זיך.

— וואָס איז געשען? — האָב איך היפּשלעך - דערשראָקן געפרעגט אים נאָכלויפנדיק.

— מיר וועלן צוערשט זיך אַריינכאַפּן אין ערשטן הויף, וואָס מיר וועלן גרייכן, — האָט יענער געזאָגט. — איך וועל אייך שוין דעם ענין אויפקלערן.

די אויפגעלייגטקייט, מיט וועלכער יענער האָט גערעדט,

כאָטש די איילעניש האָט געזאָלט צייגן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן עפּעס ערנסטעס, האָט מיך באַרואיקט. מיר האָבן זיך אַריינגע־כאַפּט אין אַ הויף. דער סטרוזש איז שוין געשטאַנען ביים טויער, גרייט אים צו פאַרמאַכן.

איך האָב דערווייל זיך צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר אין גאַס. עס האָט זיך דערהערט אַ טרובען און אַ פייפן, אַ גערויש פון שנעל־לויפנדיקע רעדער איבערן ברוק און דאַן דאָס גאַלאָ־פּירן פון פערד.

אפילו אין דער פינסטערניש האָב איך דורך די אייזערנע קראַטעס פון טויער געקאָנט זען, אַז עס טראָגן זיך פאַרביי רייטער, אַז עס מאַרשירן־דורך פוס־גייער און אַז עס לויפן־פאַרביי געפּאַנצערטע און אַנדערע מינים אויטאָמאָבילן.

זיילן עלעקטרישע ליכט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פון פאַרשידענע ריכטונגען, ווי עפּעס וואָלט אַרומגעזוכט געוואָרן אין דער פינסטער.

דער עולם, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין הויף, האָט זיך געמיטלעך געשמועסט.

— וואָס אַזוינס איז עס פאָרט? — בין איך שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

אַ מאַנעווורע, — האָט דער באַגלייטער מיינער מיר דער־קלערט. — דאָס איז אַ צוגרייטונג פאַר אַ פיינטלעכער לופט־אַטאַקע. אַזוינע מאַנעוורעס האָבן מיר גאַנץ אָפט. מיר זענען שוין צו דעם געוווינט.

איך האָב געפילט, אַז דאָס איז נישט סתם קיין מאַנעווורע, נאָר אַן ערנסטע צוגרייטונג פאַר אַ געפאַר, וואָס מען האַלט אין סאָוויעט־רוסלאַנד פאַר נישט קיין אויסגעטראַכטע.

מיין קוריאָזיטעט וועגן די סאָוויעטישע מיליטערישע ענינים וואָלט שוין אפשר מיט דעם געווען באַפרידיקט. האָט זיך מיר אָבער געוואָלט וויסן וועגן דער ראָלע פון יידן אין דער רויטער אַרמיי.

איך האָב אַ שמועס געטאָן מיט איינעם, וואָס האָט ידיעות וועגן דעם.

— איך וועל אייך דערציילן, ווי מען וויצלט זיך ביי אונז וועגן דעם, און איר וועט מעגלעך שוין פון דעם אליין עפּעס לערנען, — האָט ער געזאָגט. — עס איז דער ערשטער מאַי אין מאָסקווע. די גאַסן זענען אָפּגעשלאָסן פאַרן גרויסן מאַרש, וואָס עס דאַרף פאָרקומען. די טראָטואַרן זענען געפּאַקט. א קייט פון סאָלדאַטן, ציענדיק זיך מיט דער לענג פון די טראָטואַרן, האַלט די גאַסן ריין. אָפיצירן אויף פערד און צו־פוס גיבן אַכטונג אויף דער מיליטערישער אָרדענונג. קיינער ווערט נישט דערלויבט אַריבערצוגיין די גאַס.

מיטאַמאָל רייסט זיך דורך דורכן געפּאַקטן טראָטואַר א עלטערע יידישע פרוי. זי וויל דוקא אַריבער די גאַס. סאָלדאַטן פאַרשטעלן איר דעם וועג. מענטשן אויפן טראָטואַר פּרובירן זי צוריקהאַלטן.

— נישט איצט, נישט איצט! — וואָרנט מען זי.

די פרוי הערט אָבער קיינעם נישט, אפילו נישט די סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן זענען העלפלעך, זיי בעטן זיך ממש, זי זאָל בלייבן אויפן טראָטואַר. דער טומל, וואָס די פרוי האָט דערווייל פאַר־אורזאַכט, ציט די אויפמערקזאַמקייט פון אַן אָפיציר, וועלכער קומט־אָן רייטנדיק אויף א פערד. איצט, מיינט מען, וועט די פרוי זיכער צוריקטרעטן.

דער אָפיציר, אויסגעפינענדיק, וואָס עס האָט פּאַסירט, גיט א שטרענגן באַפעל דער פרוי, זי זאָל בלייבן, ווו זי איז, און נישט שטערן די אָרדענונג.

אָבער די פרוי דאַרף בלויז אָנקוקן דעם אָפיציר אויפן פערד.

— יאָסל! — רופט זי אויס, און דוקא אויף יידיש, — מיך וועסטו נישט לאָזן אַריבער די גאַס? איך זאָל עס טאַקע וועלן זען! געהערט אַביסל, יאָסל וועט מיך נישט לאָזן גיין, ווו איך וויל! — און זי רייסט זיך דורך צווישן די סאָלדאַטן און גייט זיך געמיטלעך אַריבער די גאַס, ווי זי וואָלט דערביי זאָגן: נו, גיי טו מיר עפּעס. יאָסל! איך קען דיך נישט פון נעכטן!...

2

צופעליק האָב איך מיט אַט די דאַזיקע „יאָסלס" און „חיימס" אַליין כמעט אומדערוואַרט זיך באַקאַנט. עס איז גע־ווען אויפן וועג קיין כאַרקאָוו. איך האָב זיך אין וואַגאָן באַקאַנט מיט אַ גרופּע יידישע אָפיצירן. דער גאַנצער וואַגאָן, און טאַקע אויך די איבעריקע וואַגאָנען פון ערשטן קלאַס, מיט וועלכן איך בין געפאָרן, זענען געווען געפּאַקט מיט אָפיצירן. די פּנימער פון די מערסטע האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס זענען „אחינו בני ישראל".

אין מיין קאָמפּאַרטמענט זענען פון די דריי אַנדערע פּאַסאַ־זשירן, אַלע אָפיצירן, צוויי געווען יידן.

איך האָב תמיד אויף מיינע נסיעות איבער סאָוויעט־רוס־לאַנד אין די ערשטע און צווייטע קלאַס־וואַגאָנען געזען מער מילי־טערישע מענטשן ווי ציווילע. דעמאָלט איז אָבער די צאָל בכלל געווען אַן אויסערגעוויינלעך־גרויסע. ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, איז עס געווען דערפאַר, וואָס מען איז דעמאָלט צו־ריקגעפאָרן פון „אורלויב".

דער אָפיציר ביי מיין זייט האָט געהאַט אַ באַזונדער שיין יידיש פּנים. איך בין באַלד מיט אים אַריין אין אַ שמועס, און גראַד אין יידיש.

ער האָט גערעדט אַ פיינעם פּוילישן יידיש. ער האָט געהאַט דעם ראַנג פּאָלקאָווניק, האָט ער מיר געזאָגט מיט שטאָלץ, אָנ־ווייזנדיק מיר אויף די מיליטערישע צייכנס, לויט וועלכע מען קאָן דערקענען דעם ראַנג.

זיין „פּוילישער" אַקצענט, האָט ער מיר דערציילט, נעמט זיך דערפון, וואָס ער קומט פון פּוילן. ווען די באָלשעוויקעס האָבן אַריינגעדרונגען אין פּוילן, האָט ער זיך, דעמאָלט אַ ייִנגל פון בלויז 15 יאָר, אָן זיי אָנגעשלאָסן און האָט מיט זיי צוריק מאַרשירט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד.

— און זינט דעמאָלט בין איך אין דער אַרמיי, אָנפאַנגענ־דיק אַלס פּשוטער זעלנער און דערגרייכנדיק צום ראַנג פּאָלקאָוו־

ניק, — האָט ער געזאָגט. — וואָלט עס אַ ייד געקאָנט באַווייזן אונטערן צאַר?

דער צווייטער יידישער אָפיציר, קעגנאיבער אונז, האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין אונזער שמועס. ער איז אויך געווען שטאָלץ מיט זיין מיליטערישער קאַריערע און האָט אַלע ווײַלע, ווי דער ערשטער, געזוכט צו באַטאָנען דעם פאַקט, וואָס יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד זענען איצט פריי און קאָנען דערגרייכן דאָס העכסטע, ווען נאָר זיי האָבן דעם ווילן און די פעאיקייט.

— מיר זענען אַלע אַרבעטער־קינדער, — האָט דער „פּוילישער" גערעדט. — וואָס עס איז שייך מיר אַליין, וויל איך אייך זאָגן, אַז איך האָב מיט מיינע אויגן געהאַט צוגעזען, ווי די פּעטליוראָווצעס, וועלכע זענען אַריין אין אונזער שטאָט, האָבן געטויטעט מיין פאָטער. עס איז געווען דערפאַר, וואָס איך האָב נאָך אַלס ייִנגל פון פופצן יאָר זיך געפילט אַזוי פאַרביטערט, אַז איך האָב באַשלאָסן צו טיילן דעם גורל פון די באָלשעוויקעס. פונדעסטוועגן, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט אַ שיסעריי און קוילן האָבן אָנגעהויבן פליען איבער אונזערע קעפּ, האָב איך אין טויט־שרעק אָנגעהויבן לויפן און שרייען: „מאַמע"! שפּעטער איז מיין שרעק אַוועק און איך האָב זיך באַטייליקט אין אַ מאַסע שלאַכטן. אָבער מיין אויסצייכענונג אַלס סאָלדאַט וואָלט מיר נאָך נישט געגעבן מיין ראַנג. איך האָב פאַר דעם געמוזט שטודירן. אַ געלעגנהייט דערצו האָט מען מיר געגעבן. דאָס גיט מען יעדן, וואָס צייכנט זיך אויס.

דער צווייטער אָפיציר, וועלכער איז שוין געווען אַ געבאָרענער אין אוקראַינע, האָט זיך אויך דערצו אויף אַן ענלעכן אופן.

— און וואָס מיינט איר? — האָט ער געזאָגט. — איך וועט איצט געפינען הונדערטער און טויזנטער יידישע יונגעלייט, וואָס מאַכן זיך מיליטערישע קאַריערעס.

— און מיט וואָס דערקלערט זיך עס? — האָב איך געוואָלט הערן זייער מיינונג.

דער „פּוילישער" האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז צוליב דער

גרויסער טרייהייט מצד די יידישע יונגעלייט צו דער איצטיקער אָרדענונג. ער האָט כּסדר געהאַלטן אין באַטאָנען די פרייהייטן, וואָס יידן געניסן איצט אין קאָנטראַסט צו די פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פריער.

— עס איז אפשר אויך צוליב דעם, וואָס יידן האָבן פריער קיינמאָל נישט געקאָנט זיין קיין אָפיצירן, — האָט ער געזאָגט.

דער צווייטער, דער „אוקראַאינער", האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג:

— נישט אַלע זענען אַזוינע פאַרקאָכטע קאָמוניסטן און אפילו נישט קיין שטאַרק באַגייסטערטע פאַר מיליטערישע קאַר־יערעס, — האָט ער געזאָגט. — די רויטע אַרמיי איז אָבער איצט דער בעסטער פּלאַץ, ווו מען קריגט די בעסטע באַדינגונגען. פאַרוואָס זאָל מען נישט וועלן זיין אין דער אַרמיי?

— אָבער ווי גרויס אַן ערך איז די צאָל פון די יידישע אָפי־צירן אין דער רויטער אַרמיי? — האָב איך געוואָלט ביי זיי אַרויסקריגן.

אויף דעם האָבן זיי מיר נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. עס איז נישטאָ אַזאַ סטאַטיסטיק.

— אַלץ, וואָס איר קאָנט טאָן, שפּאַצירט דורך די וואַגאָנען און קוקט זיך צו צו די פּנימער פון די אָפיצירן, וואָס פאָרן, און איר וועט האָבן אַ באַגריף, — האָט איינער פון זיי געהאַט אַ פאָרשלאָג.

איך האָב עס טאַקע געטאָן אין באַגלייטונג פון דעם „פּוי־לישן". אויפן וועג האָט ער מיך דערווייל פאָרגעשטעלט פאַר אַ ריי אַנדערע אָפיצירן, יידישע און נישט־יידישע, און ווי ער וואָלט עס געוואָלט טאָן צוליב מיר, אפשר מיר צו ציינן, ווי פריי יידן פילן זיך אין לאַנד בכלל און אין דער אַרמיי בפרט, האָט ער צו יעדן יידישן אָפיציר גערעדט יידיש, און אַלע, כּמעט אַלע, האָבן עס געטאָן, כאָטש די צונג האָט זיך ביי זיי „גע־טשעפּעט" און האָבן באמת גערעדט שווער יידיש.

איינער, אַ בחור מיט אַן אמת־„יידישער" נאָז, האָט דער־קלערט, אַז ער פאַרשטייט יידיש, אָבער רעדן קאָן ער נישט. פון־

דעסטוועגן האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל צו אים דווקא יאָ רעדן יידיש, ווייל ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט קיין יידיש וואָרט. ער אַליין האָט גערעדט רוסיש.

— פון דעם, וואָס איך זע, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַ העלפט, אויב נישט מער, זענען יידן, — האָב איך שפּעטער באַמערקט צו מיין באַגלייטער, ווען מיר זענען אַריין אין עס־וואַגאָן פאַר אַ גלעזל טיי. — איר מיינט דאָך נישט צו זאָגן, אַז די צאָל איז טאַקע אַזוי גרויס?

דאָס האָט דער „פּוילישער" אַליין זיך אויך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז די צאָל איז איבער־אַלע פּראָפּאָרציעס.

— זיכער איז די פּראָפּאָרציע פון יידישע אָפיצירן אַ פיל גרעסערע לויט דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, — האָט ער געזאָגט. — און ווער ווייס, — איך האָב זיך וועגן דעם נישט פאַרטראַכט, — אפשר איז טאַקע די צאָל אַ סך גרעסער, ווי מיר האָבן זיך ווען פאָרגעשטעלט. די פּראָפּאָרציע האַלט אויך אויס בנוגע געוויינלעכע סאָלדאַטן, כאָטש וואָס איז נוגע סאָלדאַטן, נעמט מען זיי דורך צוואַנג. יידן שטופּן זיך אָבער אַריין אין דער אַרמיי אַ סך לייכטער און שנעלער ווי אַנדערע.

— און ווי קומט עס? — האָב איך געשטעלט אַ פראַגע.

— ערשטנס, ווייל יידישע יינגעלייט רייסן זיך אין דער אַרמיי, — האָט ער געזאָגט, — צוליב די זעלביקע טעמים, וואָס איך האָב אייך שוין פריער אָנגעגעבן. צווייטנס, ווערן זיי שנע־לער אויסגעקליבן, ווייל מען ווייס, אַז זיי זענען געטריי און אינ־טעליגענט. וואָס מיר ווילן איצט, איז נישט דווקא סאָלדאַטן, וואָס קאָנען האַלטן אַ ביקס אין האַנט, נאָר אויך, וואָס קאָנען באַנוצן זייער פאַרשטאַנד.

און ער האָט זיך צעלאָזן, לויבנדיק די רויטע אַרמיי, באַ־זונדער די יידישע רויטע־אַרמייער, סיי די פּשוטע סאָלדאַטן און סיי די אָפיצירן.

— מיינט איר נישט, אַז די פּריווילעגיעס, וואָס מען האָט

אין דער אַרמיי, זענען די הויפּט־אַטראַקציעס? — האָב איך געפרעגט.

— אַ מיליטערישע קאַריערע איז היינט אין סאָוויעט־רוס־לאַנד די בעסטע פון אַ מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט. אַפילו צו זיין אַ פּראָסטער סאָלדאַט איז אַ סך בעסער ווי אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק, — האָט דער „פּוילישער" צוגעגעבן. ער איז אָבער נאָך אַלץ באַשטאַנען, אַז דער הויפּט־מאָטיוו איז אַן אידעאַליס־טישער.

— און ווי לעבט זיך אייך?

— אין פאַרגלייך מיט אַנדערע גאָר גוט, — האָט ער גע־זאָגט. — אָבער אַפילו מיט מיין געהאַלט און די פּריווילעגיעס, וואָס זענען געגעבן פאַר מיר אַליין, וואָלט געווען שווער אויסצו־האַלטן אַ פאַמיליע, אויב מיין פרוי וואָלט נישט געהאַט אַ שטע־לע אַלס אַ לערערין.

— און ווי איז מיט די, וואָס האָבן נישט קיין פרויען, וואָס קאָנען פאַרנעמען שטעלעס? — האָב איך געפרעגט.

— איז טאַקע נישט גוט, — האָט ער געענטפערט. — די מענער אַליין האָבן פאַר זיך אַלץ, וואָס זיי דאַרפן. די פרויען און די קינדער זייערע קאָנען זיי אָבער קוים באַזאָרגן.

3

ווי שווער עס לעבט זיך די פרויען פון די אָפיצירן, האָב איך שפּעטער געקאָנט אַליין זען.

אויפן וועג פון לענינגראַד קיין מינסק האָב איך באַגעגנט צוויי פרויען פון רויטע־אַרמיי־אָפיצירן. איינע איז געווען אַ יידישקע, וואָס האָט גערעדט אַ „מינסקער" יידיש. די צווייטע האָט אויך געקענט יידיש, אָבער זי איז נישט געווען קיין יידישע.

אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי זי קען יידיש, האָט זי מיר גע־זאָגט, אַז זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט צווישן יידן.

ביידע זענען געווען אָרעם געקליידט. דער פאַקט, וואָס ביידע זענען געפאָרן צו גאַסט צו זייערע עלטערן אין מינסק און

האָבן געטראָגן, ווי זיי אַליין האָבן מיר געזאָגט, זייערע בעסטע מלבושים, האָט נאָך בעסער געצייגט, ווי אָרעם זיי זענען.

ביידע האָבן נישט געהאַט קיין שיך, נאָר געטראָגן וואָלענע זאָקן מיט קאַלאָשן.

די יידישע אָפיצירשע האָט באַמערקט, אַז איך קוק אויף אירע קאַלאָשן, און זי האָט, אונטערשטאַמלענדיק, אַליין געגעבן אַ דערקלערונג:

— איך האָב ליבער אַזוי, ווי מיט שיך, — האָט זי געזאָגט. — מיינע שיך זענען אין מיין טשעמאָדאַן.

מען האָט אָבער געמעגט צווייפלען אין דעם.

די צווייטע האָט אויך געגעבן אַ דערקלערונג:

— מען האָט אונז מיט אַ חודש צוריק באַגנבעט. מען האָט אויך אַוועקגענומען מיינע שיך.

וויסנדיק שוין אָבער פון אַ סך אַנדערע, וואָס שטופּן־דורך דעם ווינטער אויף אַזאַ אופן, דערפאַר, וואָס שיך קאָסטן פון פופציק ביז הונדערט רובל און קאַלאָשן פון צוועלף ביז צוואַנציק רובל, האָב איך גאָר קיין צווייפל נישט געהאַט, אַז דער אמת איז אַ גאַנץ אַנדערער. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן קיין שיך, כאָטש זייערע מענער, אַלס רויטע־אַרמייער, גייען מיט לאַקירטע שטיוול און בכלל אין גאַנץ פיינע מיליטערישע קליידער.

די סאָלדאַטן אַליין טראָגן שוין גראָד נישט קיין לאַקירטע שטיוול, נאָר גרויסע און שווערע, ווי די סאָלדאַטן אַמאָל אין דער צאַרישער אַרמיי. זייערע שינעלן, וואָס זענען אָפט צו לאַנג, אָדער צו קורץ, דערמאָנען אויך אָן די אַמאָליקע צאַרישע סאָלדאַטן.

זיי זענען אָבער קענטיק צופרידן, ווייל צו האָבן אַ גאַנץ בגד און גאַנצע שטיוול, אפילו ווען זיי זענען נישט „צום פּוץ", איז אין דעם איצטיקן רוסלאַנד אַ וויכטיקער ענין.

נעמענדיק אויך אין באַטראַכט דאָס עסן, וואָס מען קריגט אין דער אַרמיי, און דאָן די געלעגנהייטן, וואָס מען האָט זיך צו לערנען און עפּעס צו דערגרייכן, איז גאָר קיין וווּנדער נישט וואָס די רויטע אַרמיי איז אַ גרויסע צוציאונג פאַר יונגעלייט.

עס איז געווען מיט דעם אין זינען, וואָס איך האָב בעסער

פארשטאנען דעם נייגיר, וואס יידישע יונגעלייט האבן ארויסגע־צייגט ביים „פריזיוו" אריינגענומען צו ווערן אין דער ארמיי אדער פלאט.

גראד ווען איך בין געווען אין סאוויעט־רוסלאנד, איז געווען די צייט, וואס דער יערלעכער „פריזיוו" איז דורכגעפירט געווארן.

די צייטונגען זענען געווען פול מיט באשרייבונגען פון יונגעלייט, וואס האבן זיך געבעטן, מ'זאל זיי נעמען פאר סאלדאטן אדער מאטראזן אין רויטן פלאט.

די באמערקונגען דערביי זענען געווען, אז דאס צייגט די גרויסע איבערגעגעבנהייט מצד די יונגעלייט צו דער סאוויעטן־מאכט און זייער נייגעריקייט צו זיין אין דירעקטער דינסט פון דער מלוכה.

ווען איך בין געווען אין קאלינינדארף, איז דארט פארגעקומען דער „פריזיוו" פארן גאנצן ראיאן. געדענקענדיק, וואס א „פריזיוו" איז געווען אין די צארישע צייטן, האט זיך מיר געוואלט זען, ווי א „פריזיוו" קוקט־אויס אין דער היינטיקער צייט.

די קאמיסיע, וואס איז דארטן ארונטערגעקומען איבערצוקוקן די יונגעלייט, וואס האבן זיך געמעלדעט פאר מיליטער־דינסט, האט נאטירלעך געהאט א פיל דעמאקראטישער אויסזען, ווי די אמאליקע צארישע טשינאווניקעס. די שטרענגקייט איז אבער געווען די זעלביקע, כאטש די מעטאדע אן אנדערע.

מען האט עקזאמינירט יעדן פיזיש, אבער אפגעשטעלט האט מען זיך גאר שטארק אויף די גייסטיקע פעאיקייטן און נאך מער אפשר אויף די מיינונגען, וואס מען האט ביי יעדן געזוכט ארויסצוקריגן.

די הויפט־ענדערונג איז געווען, וואס די קאמיסיע האט געלאזט פילן, אז דאס אריינקומען אין דער רויטער־ארמיי אדער רויטן־פלאט, איז א פריווילעגיע, וואס מען דארף זיך פארדינען דאס צו קריגן.

די קאנדידאטן האבן קענטיק אויך אזוי געפילט. א סך האבן זיך געבעטן, מען זאל זיי נישט אויסבראקירן.

איינער א יונגערמאן פון א דערבייאיקן קאלווירט האט גע־

וויינט מיט ביטערע טרערן, ווען מען האָט אים אויסבראַקירט פאַר דער רויטער אַרמיי.

דער „קאַלינינדאָרפער עמעס", וואָס האָט אין דעם זעלביקן טאָג איבערגעגעבן די נייעס, האָט אויף דעם אָנגעוויזן אַלס אַ פאַל פון גרויסער איבערגעגעבנהייט צו דער סאָוויעטן־מאַכט.

אויף מאָרגן האָט מען דעם יונגנמאַן, וועלכער איז נאָכאַמאָל געקומען צו דער קאָמיסיע, געמאָן די טובה און מען האָט אים צוגענומען פאַרן רויטן פלאָט. ער איז געווען מלא שמחה. און ווידער האָט דער „עמעס" געהאַט, וואָס צו דערציילן.

מיינע אַ באַמערקונג, אַז גיכער דאַרף עס ציינן די טרויע־ריקע לאַגע אין ציוויל־לעבן, איז אויפגענומען געוואָרן מיט גאַנץ ווייניק סימפּאַטיע מצד אַ דאָרטיקן קאָמוניסטישן טוער.

— איר וועט תמיד זוכן אַריינצוטייטשן אַזוינס, וואָס וועט אונז שטעלן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, — האָט יענער געזאָגט ברוגזלעך.

— צום באַדויערן, האָט מיר דאָס, וואָס איך האָב געזען און געהערט, — האָב איך געענטפערט אויף צוריק, — גאָרנישט איבערצייגט, אַז מען איז אַזוי פאַרליבט אין דער רויטער אַרמיי אָדער רויטן פלאָט, ווי איר וואָלט וועלן שאַפן דעם איינדרוק. מען רייסט זיך אַהין, ווייל אין פּריוואַט־לעבן איז אַזוי צרהדיק און דאָרט איז מען כאָטש באַזאָרגט מיט דאָס נויטיקסטע, שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס מען קאָן דאָרט זיך לייכטער מאַכן אַ קאַריערע.

דער קאָמוניסט האָט עס בשום אופן נישט געוואָלט צוגעבן.

קאַפּיטל דרייסיק

יידיש טעאַטער

1

ס'איז נישט מיין כוונה צו שרייבן טעאַטער־קריטיק. נישט פון דעם קריטיקערס, אַפילו נישט פון דעם טעאַטער־ליבהאָבערס שטאַנד־

פונקט, האט מיך אינטערעסירט דאס יידישע, ווי דאס נישט־יידישע טעאטער אין סאוויעט־רוסלאנד. וואס מיר האט אינטערעסירט, איז געווען די געזעלשאפטלעכע און דערציערישע ראָלע פון דעם טעאטער אין יידישן לעבן און וועגן דער באציאונג פון די יידישע מאסן צום טעאטער. עס האט מיר אויך אינטערעסירט, וואס פאר טעאטער־שטיקער מען שפילט איצט פאר די יידישע מאסן אין סאוויעט־רוסלאנד.

אויב מען קאן בכלל זען, וואס זיבעצן־אכצן יאר קאמוניסטישע דערציאונג האט אויפגעטאן פאר די רוסישע יידן, קאן מען עס אפשר צום בעסטן זען פון דעם יידישן טעאטער.

איך וועל זיך אפשטעלן אויף דריי באשטימטע פארשטעלונגען, וואס איך האב געזען אין דריי באזונדערע שטעט. יעדע פון די דאזיקע פארשטעלונגען דערציילט אן אנדער געשיכטע.

די ערשטע פארשטעלונג האב איך געזען אין אדעס. יידיש טעאטער האט דארט געשפילט נישט קיין אנדערע, ווי די אמעריקאנער אקטריסע קלארא יאנג מיט איר טרופע.

איך בין געווען פאראינטערעסירט צו זען, וואס קלארא־יאנג שפילט און ווי אזוי זי שפילט פאר א סאוויעטישן עולם, ספעציעל ווען זי איז אנגאזשירט געווארן פון דער מלוכה און שפילט אין א מלוכהשן טעאטער.

דערהויפט האט זיך מיר געוואלט זען דעם אדעסער יידישן טעאטער־עולם און ווי אזוי דער דאזיקער עולם נעמט אויף יידיש טעאטער.

איר טרופע האט דעמאלט געשפילט אין צענטראל־טעאטער. איינס פון די קלענערע אבער גאנץ אנגעזעענע טעאטערס אין אדעס. דארט שפילט געוויינלעך דאס יידישע ארבעטער־טעאטער, א לאקאלע טרופע, וואס האט דעמאלט גראד נישט געגעבן קיין פארשטעלונגען.

אויפן וועג צום טעאטער האט מען מיר דערציילט, אז כאטש די כוונות פון דאזיקן ארבעטער־טעאטער זענען די בעסטע און די טאלאנטן זענען גאר נישט פון די ערגסטע, איז אבער דאס טעאטער א גאנץ קליינער דערפאלג.

גאָר אַ קליינער עולם קומט צו די פאָרשטעלונגען און דאָס טעאַטער האָט גרויסע און לאַנגע הפסקות.

אַז איך האָב געפרעגט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, האָט מען מיר דערקלערט, און די דערקלערונג איז געקומען גראַד פון אייגענע מענטשן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס די פיעסן זענען גאָר פון אַ פּראָפּאַגאַנדע - כאַראַקטער און דער יידישער עולם האָט פיינט פּראָפּאַגאַנדע.

— וואָס דער היגער עולם וויל, — האָט מען מיר געזאָגט, — איז אונטערהאַלט, און דאָס קאָנען זיי אין אַרבעטער־טעאַטער נישט האָבן.

אונטערהאַלט האָט זיי געגעבן קלאַראַ יאָנג און איר טרופּע און דערפאַר איז טאַקע דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט.

און וואָס פאַר אַן אונטערהאַלט דאָס איז געווען!

שוין דער נאָמען פון דעם שטיק אַליין האָט צוגעצויגן אויפמערקזאַמקייט: „דאָס זעקסטע ווייב".

האָב איך נאָך געמיינט, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן עפּעס „סאָוועטישעס" און ציינט אויף די נייע „פרייהייטן" אין פאַמיליע־לעבן אינם לאַנד פון די סאָוויעטן. האָב איך אָבער געמאַכט אַ טעות.

עס איז געווען אַ מאַכערייקע פון דעם סאָרט, וואָס מען וואָלט שוין נישט געוואָגט שפּילן אַפילו אויף דער צווייטער עוועניו אין ניו־יאָרק. עס איז געווען די ביליקייט אַליין. שונד פון גידעריקסטן סאָרט, מיט וויצן, פון וועלכע מען האָט געדאַרפט רויט ווערן, און מיט לידלעך, וואָס האָבן דערמאָנט די אַמאָליקע לאַטיינער־הוראָוויץ־אָפּערעטקעס.

די גאַנצע אויפפירונג איז געווען ביליק, אָפּערעטקע־מעסיק.

וואָלט איך עס געזען אין אַ טעאַטער ערגעץ אין אַן אַמעריקאַנער פּראָווינץ־שטאָט, וואָלט איך עס מסתמא אָנגענומען פאַר „נאַטירלעך". פאַר אַדעם אונטער די סאָוויעטן, פון אַ טעאַטער אויסגעהאַלטן, און אונטערן אויפזיכט פון דער סאָוויעטישער מלוכה, האָב איך עס בשום אופן נישט דערוואַרט.

האָב איך זיך געריבן די אויגן און זיך געגויער צוגעקוקט

צום עולם, וועלכער האָט אָנגעפּאַקט דאָס טעאַטער אַזוי, אַז איך און מיינע באַגלייטער האָבן געמוזט שטיין.

דער עולם האָט געלאַכט הויך אויפן קול און האָט אַלץ און אַלעמען שטאַרק אַפּלאָדירט.

— אָט דאָס איז, וואָס דער עולם וויל, — האָט מיר געזאָגט מיט פאַרדראָס איינער פון די אַרטיסטן פון דעם אַרבעטער־טעאַטער, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט טאַקע דאָרט ביי דער פאָרשטעלונג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז געקומען בלויז פון קוריאָזיטעט אויסגעפינען, וואָס „פאַר אַן עולם מיר האָבן".

— אָבער וואָס פאַר אַן עולם איז עס טאַקע? — האָב איך געוואָלט וויסן. — איז עס אַ פּראָלעטאַרישער עולם?

די ענטפערס אויף מיין פראַגע זענען געווען פאַרשידן, לויט דער שטעלונג און דער שטימונג פון דעם, פון וועמען דער ענט־פער איז געגעבן געוואָרן.

איינער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס איז געווען דער דורכשניטלעכער, אָדעסער יידישער עולם און אַז דאָס ציינט קלאָר, אַז דער דורכשניטלעכער עולם גאַרט אַזוינע מאַכעריייקעס.

אַ צווייטער איז געגאַנגען ווייטער און דערקלערט, אַז דאָס ציינט, ווי דורשטיק דער עולם איז נאָך עפּעס, פון וואָס מען קאָן אַ לאַך טאָן, זאָל עס אפילו זיין אַזאַ נאַרישקייט, ווי די פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן.

— דאָס לעבן איז אַזוי טריב, — איז יענער באַשטאַנען. — מען איז אַזוי פאַרצערט, פאַרצרהט און פאַראומערט, אַז מען איז גרייט זיך צו לאָזן פאַרשיכורן פון וואָס נישט איז.

אַ דריטער, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס קאָמוניסט, האָט געגאָסן פעך און שוועבל אויפן עולם:

— דאָס זענען נישט מער ווי שפּעקולאַנטן, געוועזענע באַ־לעבאַטים, וואָס ווילן נישט און לאָזן זיך נישט אַרויסהויבן פון זייער נידעריקן קולטורעלן „ניוואָ", — האָט יענער געטענהט.

און צו באַווייזן, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז אמת, האָט ער אַזוי געטענהט:

— זענען עס דען אמתע פּראָלעטאַריער, וואָס פילן אַן דאָס

טעאטער? — האָט ער זיך געהיצט. — פּראָלעטאַריער קאָנען נישט צאָלן די הויכע פּרייזן, וואָס מען רעכנט דאָ פאַר בילעטן.

די פּרייזן פון די בילעטן, ווי איך האָב שוין געהאַט באַמערקט אויפן פּרייז־ליסט ביי דער קאַסע, זענען געווען פון פיר ביז פופצן רובל.

— דאָס זענען פּרייזן, וואָס אַ געוויינלעכער אַרבעטער קאָן נישט צאָלן, — האָט יענער זיך געוואָלט אויספירן. — זענען עס נאָר אַזוינע, וואָס האָבן לינקע הכנסות.

נאָכפאָרענגנדיק זיך גענויער וועגן דעם און טאָקע ביי אייניקע פון די צושויער, מיט וועלכע איך בין שפּעטער, נאָך דער פאָרשטעלונג, אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ געשפּרעך, האָב איך געקריגן אַ גאַנץ אַנדער אויסטייטשונג וועגן דער דאָזיקער דערשיינונג.

— אודאי קאָנען געוויינלעכע אַרבעטער זיך נישט פאַרגינען גיין אין טעאַטער, ווען די פּרייזן זענען אַזוינע הויכע, — האָט איינער זיך אויסגעדריקט. — און אודאי קאָנט איר צווישן אַזאַ עולם געפינען אַזוינע, וואָס האָבן זייטיקע הכנסות פון גאָר נישט קיין כּשרע קוואַלן. אָבער דער אמת איז, אַז די מערסטע, וואָס קומען אין טעאַטער, זענען די, וואָס האָבן שטיצע פון אויסלאַנד און ביי וועמען ס'איז אויף דעם אָדער יענעם אופן נאָך פאַרבליבן אַביסל געלט פון אַמאָל. אַנדערש וואָלט עס געווען אוממעגלעך.

אין אָדעסער „אַרבעטער", די יידישע צייטונג, וואָס גייט דאָרט אַרויס, האָב איך אויף מאָרגן געפונען אַ שאַרפע אַטאַקע אויף קלאַראַ יאַנג און אירע שונדישע פּיעסן.

אַלץ, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין יענעם אַרטיקל, איז אייגנטלעך געווען אמת און דער צאָרן פון דער צייטונג איז געווים געווען אַ באַרעכטיקטער.

איך האָב אָבער געוואָלט וויסן אויף וועמען, אַ שטייגער, בייזערט זיך „דער אַרבעטער", אויב די מלוכה אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַנגאַזשירן אַזאַ טרופּע און דערלויבן אַזוינע פּיעסן.

— ציינט עס דען נישט, אַז די מלוכה, וואָס קאָנטראָלירט דאָס טעאַטער, האָט פון דעם געמאַכט אַ געוויינלעך געשעפט?
— האָב איך געפרעגט. — אַז אָט די דאָזיקע מלוכה דער־לויבט זיך צו טאָן אַלץ, וואָס יעדער קאַפּיטאַליסטישער טעאַטער־דירעקטאָר וואָלט געטאָן, כּדי צו פאַרגרעסערן די הכנסה אין דער קאַסע? ווער, אַ שטייגער, איז שולדיק אין דעם, אויב נישט די, וואָס פירן אָן מיט דער טעאַטער־אָפּטיילונג?

איך האָב אויך געוואָלט וויסן, אויב דאָס יידישע טעאַטער ווערט נישט אַבזיכטלעך פאַרנאַכלעסיקט מצד די מאַכט־האָבער, וועלכע קימערן זיך מער, ווי אַרויסצוקריגן די רובלס פון די, וואָס האָבן זיי נאָך, איידער ווי צו דערציען די מאַסן?

נישט־קאָמוניסטישע מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע דער פאַל און אַז דער מלוכה אַרט נישט, מיט וועלכע מיט־לען עס ווערט פאַרגרעסערט די הכנסה אין דער קאַסע. זאָל עס אפילו זיין דורך קלאַרא יאַנגס שונד.

די קאָמוניסטן האָבן אָבער נאָר געוואָרפן די שולד אויף די „בורזשויען" און „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע" עלעמענטן.

2

אין כערסאָן האָב איך בייגעוווינט אַ פאָרשטעלונג פון אַ טרופּע, וואָס איז געווען אַ ריין רוסיש־יידישע.

געשפּילט האָט מען דאָרט יעקב גאָרדאָנס „קרייצער סאָנאַ־טאַ" אָבער אונטערן רוסישן טיטל „זאַ אָקעאַנאָם" (איבערן ים).

די אַפּישן, די פּראָגראַמען דאָרט, ווי אין אַנדערע יידישע טעאַטערס אין סאָוויעט־רוסלאַנד, זענען געווען אין רוסיש.

דער עולם איז אָבער געווען אַן עכט־יידישער, און פאַר ווי ווייט איך האָב זיך דערנאָך איבערצייגט, אַ ריין־פּראָלעטאַרישער.

שוין די פּיעסע אַליין איז געווען געגנוג, אַז מען זאָל זיך וואונדערן, ווי אַזוי זי קומט אין אַ טעאַטער, וואָס ווערט אָנגע־פירט פון דער מלוכה.

די טאַלאַנטלאָזיקייט און די אַמאַטאָרישקייט פון די שוישפּי־לער האָט נאָך צוגעגעבן וואָג.

דער עולם האָט געלאַכט דאָרט, וווּ עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן, און פאַרגאָסן טרערן דאָרט, וווּ עס איז געווען פון וואָס צו וויינען.

די „טראַגעדיע" פון דעם מיידל, וואָס ווערט פאַרפירט פון אַ גויאישן אָפיציר און ווי אַזוי זי ווערט דערנאָך באַטראָגן פון איר מאַן דורך איר אייגענער שוועסטער, האָט קענטיק אַזוי גע־רירט די הערצער פונם סאָוויעטיש־יידישן עולם, ווי פון אַ צווייטער עוועניו־אוידיענץ אין ניו־יאָרק.

דער שטרענגער טאַטע, וועלכער האָט אַזוי געשטורעמט קעגן זיין טאָכטער, האָט געהאַט די פולע סימפּאַטיע פון עולם.

איך בין אין טעאַטער גראָד געווען אין באַגלייטונג פון צוויי פּאַרטייִנע קאָמוניסטן, איינער אַליין אַ קולטור־טוער און אַ טע־אַטראַל. ער האָט פון צייט צו צייט געוואָלט מיר צייגן זיין מבֿי־נות אויף טעאַטער און געהאַט אויסצוזעצן קעגן די שפּילער. ער האָט אָבער די פּיעסע אַרונטערגעשלונגען ממש פאַסמאַקעווענדיק זיך.

עס איז געווען דורך אַט די דאָזיקע קאָמוניסטישע באַגליי־טער מיינע, וואָס איך האָב, צווישן די אַקטן און נאָכהער נאָך דער פאָרשטעלונג, זיך באַקאַנט מיט אַנדערע קאָמוניסטישע און פּראָלעטאַרישע טוער, מיט דער אַזוי גערופענער יידישער אינטע־ליגענץ פון כערסאָן.

איינער, וואָס האָט לכתחילה מיר געהאַט אָנגענומען פאַר אַ „מאָסקווער", ווי דאָס האָט שוין פּאַסירט ביי אַנדערע גע־לעגנהייטן, האָט מיר געהאַט צו זאָגן בלויז דאָס:

— אודאי שפּילט מען ביי אייך אין מאָסקווע בעסער טע־אַטער. אָבער פאַר אונז איז דאָס אויך גענוג.

קיין אַנדער אויסזעצונג האָט ער נישט געהאַט קעגן דער פאָרשטעלונג.

בלויז איינער, וועגן וועמען מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער

איז א פירער ביי די דארטיקע קאמוניסטן, האט זיך צעלאזט מיט טענות, וועלכע זענען געווען אויף דעם אופן:

— עס איז באמת נישט באגרייפלעך, ווי אזוי אונזערע חברים, וואס האבן צו טאן מיט טעאטער, זאלן דערלויבן אויפ־צופירן אזא בורזשואזנע פיעסע, — האט ער געזאגט. — גע־הערט אביסל, דארט האנדלט זיך נאך וועגן באלעבאטישע יידן, וואס ווילן זיך נישט שיידן מיט זייערע אלטע טראדיציעס! הייגט ווי קומט עס אין א פראלעטארישן טעאטער אזוינס, וואס מאכט אונטערשיד פון ייד און גוי און שטעלט בכלל נישט אין קיין גינסטיק ליכט דאס, וואס וואלט געקאנט באטראכט ווערן, אלס ליבע?

עס האט געדארפט הייסן, אז דאס שטיק אליין איז גאר נישט שלעכט, אז אויך די אמאטארישקייט פון די אקטיארן האט אים נישט געקימערט. עס איז נאר געווען צוליב „אידעאלאגישע" אורזאכן, וואס ער האט געהאט אויסצוזעצן קעגן דער פיעסע.

די אנדערע האבן אפילו אויף דעם זיך נישט אפגעשטעלט.

איך האב ווידער געשטעלט די פראגע, ווי אזוי א סאוויעטיש מלוכה־טעאטער קאן זיך דערלויבן אזא סארט פיעסע. פון איי־ניקע ענטפערס, וואס איך האב באקומען, האט עס ווידער גע־דארפט הייסן, אז צו אלעם ערשטן טראכט מען וועגן אנפילן דאס טעאטער און דערנאך וועגן די פיעסן.

— די, וואס האבן צו טאן מיטן טעאטער, ווילן צייגן דער־פאלג, פונקט ווי די, וואס האבן צו טאן מיט די מלוכה־קראמען. זיי וועלן אנווענדן אלע מיטלען צו ברענגען דעם עולם אין טע־אטער, פארגעסנדיק גאנץ אפט אן אינהאלט פון דער פיעסע. דער עיקר איז נאר, אויב די פיעסע ציט אן עולם און פיעסן פון דעם „קרייצער סאנאטא"־מין ציען דעם יידישן עולם א סך מער ווי ליטערארישע פיעסן.

3

דאס יידישע מלוכה־טעאטער אין מאסקווע איז שוין דער־פאר גאר אנדערש. דאס דאזיקע טעאטער שטייט באמת אויף גאר

א הויכער „ניווא" און מעג זיך פארגלייכן מיט די בעסטע טע־אטערס אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אייראָפּע.

די פּיעסע, וואָס איך האָב געזען, איז געווען די דראַמאַטי־זירונג פון מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי".

די אויפפירונג איז געווען אַן אמת־קינסטלערישע.

און דער אמת איז טאַקע, אַז ווען דעם דאָזיקן יידישן טע־אַטער אין מאָסקווע רעדט מען מיט גרויס ענטוזיאַזם נישט בלויז אין יידישע קרייזן, נאָר אויך אין נישט־יידישע. א סך באַזוכער זענען נישט יידן, און א סך פון די יידישע באַזוכער פאַרשטייען נישט קיין וואָרט יידיש.

האָבן מיר טאַקע אינטערעסירט עטלעכע דערשיינונגען אין שייכות מיטן דאָזיקן טעאַטער.

גראָד אין דעם דאָזיקן יידישן טעאַטער האָב איך געפונען וויייניקער טענדענציעזקייט, ווי אפילו אינם אמת־רוסישן טעאַ־טער.

דער צושויער קאָן, למשל, קיינמאָל נישט פאַרבייגיין נישט צו באַמערקן די טענדעציעזקייט פון אַלץ, וואָס ער זעט אויף דער רוסישער בינע. אפילו די נייעסטע רוסישע אָפּערע „מאַדאַם מאַקאַבעט פון גדיענסק" (די אָפּערע איז, אַגב, אויפגעפירט גע־וואָרן אויך אין ניו־יאָרק), וועלכע איך האָב געזען אין דעם „באָלשאָי טעאַטער" אין לענינגראַד, איז צוגעשניטן און צוגע־מאָסטן צום אַזוי־גערופענעם פּראָלעטאַרישן גייסט.

דאָס איז אָבער נישט אַזוי מיט אַזאַ פּיעסע ווי „מסעות בנימין השלישי", וועלכע איז יידיש־טראַדיציאָנעל און ווו עס האַנדלט זיך אפילו וועגן אַזאַ קאָמוניסטיש־„טריפהנעם" חלום, ווי דער חלום וועגן ארץ־ישראל.

קיין זאַך ווערט דאָרט אָבער נישט אויסגעלאַכט און קיין זאַך ווערט נישט געשטעלט אין קיין אומגינסטיק ליכט, וואָס איז געווען שטאַרק איבעראַשנדיק פאַר א קאָמוניסטישן טעאַטער.

די מוזיק איז עכט יידיש, און עס איז טאַקע אָט פון דער דאָזיקער עכט־יידישער מוזיק, וואָס דער עולם לעקט די פינגער.

דער עולם, צו וועלכן איך האָב זיך געגוי צוגעקוקט און

וועלכער האָט מיך אינטערעסירט נישט ווייניקער ווי די פּיעסע אַליין, איז אַ מער־געקליבענער. פון דעם פאַקט, וואָס די פּראָגראַמען (אויך אין רוסיש) אַנטהאַלטן אַ לענגערן אינהאַלט פון דער פּיעסע, סצענע פאַר סצענע, און וואָס, ווי איך האָב באַמערקט, די מערסטע צושויער האָבן אויפמערקזאַם שטודירט צווישן די אַקטן, האָט געצייגט קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ נישט־יידישן, אָדער בעסער געזאָגט, אַ נישט־יידיש־רעדנדיקן עולם.

עס האָט קיין צווייפל נישט געקאָנט זיין, אַז גאָר אַ סך האָבן נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, וואָס עס איז גערעדט געוואָרן אויף דער בינע. זיי האָבן די האַנדלונג נאָכגעפאָלגט מיט דער הילף פון פּראָגראַם.

איך האָב צווישן די אַקטן און נאָך דער פאָרשטעלונג זיך ספּעציעל אַרומגעדרייט אין גרויסן זאַל, ווו דער עולם קומט אַרויס שמועסן און כאַפּן עפּעס אין מויל. איך האָב געוואָלט אויפכאַפּן אַ יידיש וואָרט. קיינער האָט נישט גערעדט קיין יידיש, און לגמרי נישט.

פון אַ סך האָב איך אָבער געהערט, אַז זיי האָבן שטאַרק אָנגעקוואָלן נישט בלויז פון דער האַנדלונג, נאָר אויך פון די ניגונים.

— עס איז דער איינציקער פּלאַץ אין מאָסקווע, — האָט מיר איינער געזאָגט, ווען איך האָב זיך מיט אים פאַנאַנדערגערעדט, — ווו מען קאָן הערן אַן אמת־יידישן ניגון.

4

אין שייכות מיטן יידישן טעאַטער, ווי מיט דער גאַנצער קולטור - אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט אין סאָוויעט - רוסלאַנד, האָב איך זיך אויך אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די יידישע אַקטיאָרן און קולטור־טוער.

מיט אַ היפּש ביסל פון זיי האָב איך זיך געהאַט באַקאַנט און מיט זיי פאַרבראַכט.

אַלע האָבן זיך געהאַט גאָר אַ סך אויף וואָס צו באַקלאָגן. זיי קריגן נישט געגוג באַצאָלט. אַ סך מוזן ממש אונטערהונגערן.

דאָס געהאַלט פון אַן אַקטיאָר אָדער קולטור־טוער איז אַ גאַנץ קליינס. בלויז אין גאָר ווייניק אויסנאַמען קריגט מען אַ העכערן און מער־ווייניקער גענינגנדיקן לוין.

אויב מען איז נישט קיין פּאַרטיינער, האָט מען אַ חוץ דעם געהאַלט ממש נישט קיין שום פּריווילעגיעס. דאָס מיינט, אַז מען מוז אַלע באַדערפעניש קויפן אין אָפענעם מאַרק.

אונטער אַזוינע אומשטענדן וואָלט דאָס גרעסטע געהאַלט נישט געווען גענוג, בפרט ווען דאָס געהאַלט איז אָפט אַזוי קליין ווי צוויי הונדערט רובל אַ חודש.

איז די לאַגע זייערע גאָר אַ שלימע. אַ סך זענען געצוווּנגען זוכן זייטיקע פּרנסות.

אַ סך האָבן אויסגעדריקט זייער צווייפל אין די אמת־קינסטלערישע דערגרייכונגען נישט בלויז פון יידישן טעאַטער, נאָר אפילו נישט פון אַלגעמיין־רוסישן.

— עס איז אוממעגלעך צו מאַכן אמתן פּראָגרעס קינסטלעריש, ווען אַלץ איז אַזוי טענדענציעז, — האָבן עטלעכע זיך פּאַרטרויט.

איך האָב אָנגעוויזן אויף דאָס מאָסקווער יידישע טעאַטער און באַמערקט, אַז זיינע דערגרייכונגען זענען גראָד הויכע, קינסטלערישע.

— פון דעם דאָזיקן טעאַטער זאָלט איר נישט אורטיילן, ווייל ער איז נישט מער ווי אַן אויסשטעלונג, מיט וואָס זיך צו שיינען, — האָט מען מיר געזאָגט. — די מלוכה וועט אויף אַזוינע זאַכן זיך אָפט לאָזן קאָסטן ריזיקע סומען. עס איז אויף דעם דאָזיקן אופן, ווי אַזוי מען מאַכט אַן אָנשטעל. אין דורכשניט איז אָבער אַלץ שפּל און האָט אַ קליינעם באַטרעף.

מען האָט מיר צוגעגעבן, אַז דאָס, וואָס איך האָב געזען אין אָדעס און אין כערסאָן, איז אַסך מער מאַסגעבנדיק פאַרן יידישן טעאַטער, ווי דאָס, וואָס איך האָב געזען אין מאָסקווע.

קאַפּיטל איין־און־דרייסיק

שפּורן פון אַנטיסעמיטיזם

1

ווי טרויעריק עס זאָל נישט זיין דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער מצב פון די יידן אין לאַנד פון די סאָוויעטן, ווי שטאַרק יידן זאָלן זיך נישט באַקלאָגן אויף זייער מערכה, עס וועט אָבער תּמיד באַטאָנט ווערן, אַז וואָס עס איז שייך „פּאָליטיש״, געניסן יידן איצט די פולסטע פרייהייטן און האָבן דערגרייכט די פולסטע גלייכהייט מיט אַלע אַנדערע.

און ווען מען זאָגט „פּאָליטיש״, האָט מען נאַטירלעך נישט אין זינען די סאָוויעטישע דיקטאַטור און דעם „רויטן טעראָר״ און די אַלע שרעקן, וואָס מאַכן דאָס לעבן פון דעם רוסישן בירגער אומדערטרעגלעך. מען האָט אין זינען בלויז דעם פאַקט, וואָס לגבי דער רעכטלאָזיקייט און די פּאָגראָם־שרעקן אונטער די צאַרן, זענען איצט יידן פרייע מענטשן און פילן זיך שוין מער נישט ווי שטיף־קינדער, נאָר ווי גלייכע און פולבארעכטיקטע בירגער.

קאָמוניסטן ווי נישט־קאָמוניסטן וועלן נישט פאַרגעסן אין יעדן געשפּרעך וועגן דאָזיקן ענין צו אונטערשטרייכן: „פאַרגעסט נישט די פרייהייטן, וואָס יידן געניסן אונטערן רעזשים פון די סאָוויעטן. וואָלטן יידן פון דעם געקאָנט חלומען אין די צייטן פון צאַר?״

איר הערט עס אַזויפיל, אַז אייך הויבט זיך אָן דוכטן, אַז וואָס עס איז שייך די קאָמוניסטן, איז עס שוין ביי זיי אַ טייל פון זייער פּראָפּאַגאַנדע. די שרעקן פון דער פאַרגאַנגענהייט דאַרפן זיין אַן „אַנטשולדיקונג״ פאַר די שרעקן פון דער קיגנוואַרט.

איר דאַרפט, הייסט עס, פאַרקוקן אַלע טרויעריקע דערשיינונגען אין דעם איצטיקן רוסלאַנד, ווייל איר דאַרפט האָבן אין

זינען, וואָס יידן האָבן דאָרט געהאַט אויסצושטיין אונטערן אַלטן רעזשים.

עס איז נישט געווען מיט דער כּוונה צו „אַרגומענטי־רן" וועגן אָט דעם פּונקט מיט די פּאַרטיידיקער פון איצטיקן רעזשים, נאָר גיכער קלאָר צו מאַכן פאַר זיך אַליין דעם געדאַנקענגאַנג פון די, וואָס זאָגן עס, הויפּטזעכלעך פון די, וואָס האַלטן עס אין אי־בערקייען, ווי די פּאָפּוגייען, פּונקט ווי זיי קייען איבער אַ סך אַנדערע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן, — איך האָב ביי עטלעכע געלעגנהייטן געשטעלט די דאָזיקע פראַגע:

— און מיינט איר דען, אַז אָן די קאָמוניסטן און אָן דעם רויטן טעראָר וואָלט רוסלאַנד נישט געקאָנט זיין קיין פרייע מדינה? דאַרף דען אַלץ, וואָס מען זעט איצט אין רוסלאַנד, אַנט־שולדיקט ווערן בלויז דערפאַר, וואָס אונטער די צאַרן איז געווען אַזוי שוידערלעך?

נישט־קאָמוניסטן, די יענע, וואָס זענען אַליין פול מיט סקעפּטיציזם, נאָר רעדן אין „קאָמוניסטישן גייסט" דערפאַר, וואָס מען וואַגט נישט רעדן אַנדערש, האָבן זיך פון אַזאַ פראַגע באַלד געפילט אַנטוואָפנט. זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערשטאַמלען, און אַז איך האָב זיי צוגעדריקט צום וואַנט האָבן זיי געמוזט צוגעבן, אַז אַ פריי און אפשר אַ סך אַ פרייער און גליקלעכער רוסלאַנד, סיי פאַר יידן און סיי פאַר נישט־יידן, וואָלט געקאָנט געמאָלט זיין, ווען דאָס לאַנד וואָלט געוואָרן אַ רעפּובליק, אויף ברייטע דעמאָקראַטישע יסודות, פון וואָס מען האָט תמיד גע־חלומט.

וועגן יענע דערשלאָגענע און פאַרביטערטע, וואָס אין זייער פאַרצווייפלונג גיבן זיי אייך צו (ווען זיי פילן זיך מיט אייך זי־כער), אַז אונטערן צאַר וואָלט שוין געווען אַ סך „בעסער" ווי איצט, וועל איך דאָ לחלוטין נישט רעדן, ווייל נישט זענען יענע „צאַריסטן" אין דעם זין, ווי די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן וואָלטן עס וועלן האָבן, און נישט זענען זיי „קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערן" פון אַ וועלכן עס איז אַנדער מין. דאָס זענען גלאַט מענטשן, וואָס פילן זיך פולשטענדיק פאַרלאָרן.

קאָמוניסטן, באַזונדער די, וואָס פילן, אַז עס איז זייער פליכט אייך צו איבערציינגן אין דער „היסטאָרישער ראָלע", וואָס דער גורל האָט באַשטימט פאַר זייער פּאַרטיי, וועלן אייך געבן אַזאַ ענטפער:

— מאַכט נישט קיין טעות. רוסלאַנד וואָלט קיינמאָל נישט געווען פריי פון אַנטיסעמיטיזם און אפילו נישט פון פּאָגראָמען, ווען נישט פאַר דער דיקטאַטור, וואָס מיר האָבן איינגעפירט אין לאַנד. דער צאַריזם האָט אַזוי פאַרגיפטעט די מחות פון די רוסי־שע מאַסן קעגן די יידן, אַז אונטער געוויינלעכע אומשטענדן וואָלט עס געדאַרפט נעמען דורות, איידער דער אַנטיסעמיטיזם וואָלט אויסגעוואָרצלט געוואָרן. עס איז בלויז אונטער דעם דרוק פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם איז געמאַכט געוואָרן אומשעדלעך און ווערט לאַנגזאַם אויסגע־וואָרצלט. וואָרום וועלכע רעגירונג, אויב נישט קיין קאָמוניסטי־שע, וואָלט גענומען אַזוינע מאָסרעגלען קעגן אַנטיסעמיטיזם, ווי די סאָוויעטישע?

איך האָב קעגן דאָזיקן אַרגומענט בעצם נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן. ער זעט אויס צו זיין גוט באַגרינדעט. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, אויב דאָס מיינט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם מאַני־פעסטירט זיך נישט אין לאַנד, אפילו איצט, און אויב מיט אַלע מיטלען, וואָס ווערן אָנגענומען מצד דער מאַכט, מערקן זיך נאָך אַלץ צייכנס פון יידן־האַס.

קאָמוניסטן האָבן עס נישט געלייקנט און נישט־קאָמוניסטן האָבן וועגן דעם גערעדט, ווי וועגן אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין לעבן.

— די מינדעסטע אָפּשוואַכונג אין קאַמף קעגן אַנטיסעמי־טיזם מצד דער סאָוויעטן־מאַכט — און דער אַנטיסעמיטיזם וואָלט ווידער געווען אַן אָפענער, אַ בלוטיקער, — האָט מען מיר פאַר־זיכערט.

עס איז בלויז דער רויטער טעראָר, וואָס אונטערדריקט אַלץ, וואָס האָט אויך געמאַכט דעם אַנטיסעמיטיזם אומשעדלעך.

— וואָרום דער אַנטיסעמיטיזם, — האָט מען מיר גע־זאָגט, — ווערט נאָך אַלץ געטראָגן אין די הערצער פון מאַסן

רוסן. ער ציינט זיך אפילו אָפּט ארוים אין פארשידענע פאָרמען, טראָץ אַלע מאָסרעגלען אים אויסצוּוואָרצלען.

יידן דערציילן אפילו וויצן וועגן אָט דעם באַהאַלטענעם אַנ־טיסעמיטיזם פון די רוסן.

קומט אַן אוקראַאינער קיין קיעוו, לויטעט איינער פון די דאָזיקע וויצן. ער זוכט אַרום אַ געוויסע גאַס. ער שטעלט אָפּ אַ יידן און פרעגט אים, אין וועלכער ריכטונג ער דאַרף גיין צו גרייכן יענע גאַס.

— ווייסטו דען נישט, אַז די נעמען פון די גאַסן זענען גע־ביטן געוואָרן? — פרעגט אים דער ייד. — יענע גאַס האָט איצט אַ נייעם נאָמען. איך האָב שוין די אַלטע נעמען פון די גאַסן לאַנג פאַרגעסן.

דער רוס גיט אַ מעסט אָפּ דעם יידן און ענטפערט אים מיט אַ פראַגע אויף צוריק:

— און דיין אַלטן נאָמען „זשיד פּאַרכאַטי" האָסטו אויך פאַרגעסן?...

און אָט איז אַן אַנדער ווערטל אין דער פאָרם פון אַ פראַגע און ענטפער:

— ווי אַזוי קומט עס, אַז כּל זמן לעניין האָט געלעבט, זענען די מערסטע פירער געווען יידן: טראָצקי, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און נאָך און נאָך. איצט אונטער סטאַלינען, הערט מען בלויז פון איין פּראָמינענטן יידן, קאַגאַנאָוויטש?

אויף דעם לויטעט דער ענטפער אַזוי:

— לעניין, דער אמתער רוס, האָט קיין מורא נישט געהאַט, אַז דורך דעם, וואָס ער האָט אַרום זיך אַזויפיל יידן, וועט מען צווייפלען אין זיין עכטקייט אַלס רוס. סטאַלין, אַליין אַ גרוזין, האָט אָבער מורא פאַר דעם און ער דערווייטערט זיך פון יידן, ווי ווייט ער קאָן...

און אַז די סאָוויעט־רעגירונג אַליין נעמט נישט לייכט דעם אַנטיסעמיטיזם און האַלט, אַז מען מוז שטענדיק זיין אויף דער וואַך נישט דערלאָזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל אויפהויבן דעם קאָפּ, קאָן מען זען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

איך האָב עס באַזונדער געזען אויף מיין באַזוך אין דער „פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ" אין קיעוו און אין „צאַרסקאָיע סע־לאָ" נעבן לענינגראַד.

2

די „פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ" איז בלי ספק געווען דער גרעסטער און „הייליקסטער" מאָנאַסטיר אינם לאַנד פון די צאַרן. דאָרט איז געווען דער צענטער פונם רעליגיעזן לעבן נישט בלויז פון דער „מוטער פון די רוסישע שטעט", ווי קיעוו איז געווען באַקאַנט אין דער רוסישער געשיכטע, נאָר אויך פון גאַנץ רוס־לאַנד.

דאָרט געפינען זיך די ביינער און די מומיען פון אַ גרויסער צאָל „הייליקע" פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך און דאָרט גע־פינען זיך אויך די באַרימטע „קאַטאַקאָמבן" אָדער היילן, וווּ אַלערליי פרומאַקעס האָבן אַמאָל געלעבט און געשטאָרבן און דורך וועלכע טויזנטער רוסישע פּילגרימען פלעגן קריכן אויף די קני זיך אָנצוזאַפּן מיט פּראַוואָסלאַוונער „קדושה".

טויזנטער און טויזנטער מאָנאַכן און גייסטלעכע פון פאַר־שידענע מינים און ראַנגען האָבן דאָרט געהאַט זייער היים, און אויב עס האָט געזאָלט הייסן, אַז זייער צוועק איז געווען זיך צוריקצוציען פון דער וועלט און לעבן אין פולשטענדיקער „התּ־בודדות". האָבן זיי אָבער פון דער „פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ" גע־מאַכט אַן אינסטרומענט, סיי אין אַ רעליגיעזן און סיי אין אַ פּאָליטישן זין, אויסצואיבן גרויס איינפלוס אויף דער דרויסנדי־קער וועלט.

היינט איז די „פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ" אַ נאַציאָנאַלער מו־זיי, וווּהין טוריסטן און אייגענע בירגער ווערן געבראַכט פאַר אויפקלערונג, צו זען די רוסישע פאַרגאַנגענהייט אין קאָנטראַסט מיט דער קעגנוואַרט.

אַרויסקוקנדיק אויף דעם פּרעכטיקן דניעפּער, מאַכן די גרופּע געביידעס, וואָס שטעלן־צוזאַמען דעם מאָנאַסטיר, — קירכן מיט

פּיל־פּאַרביקע קופּאָלן און גאָלדענע צלמים און געביידעס פון אַנ־דערע מינים, — אַן אומפאַרגלייכלעכן איינדרוק.

עס איז אין אַזוינע פּלעצער, ווו איר פּילט, אַז די רעוואָלוציע איז פולשטענדיק און גרינטלעך. די מאַכט און דער גלאַנץ פון אַמאָל זענען איצט נישט מער ווי אַזוינס, וואָס מען קומט אָנ־קוקן, ווי אויף בייז־וווּנדער.

יונגע און מיטל־יאָריקע מענער, אָנגעטאָן אין „קורטקעס" און שטיוול, און פרויען מיט פאַטשיילקעס אויף די קעפּ און פויער־שע יובקעס, זענען די אויפפּאַסער. מען פירט אייך פון איין קלויס־טער אין צווייטן, פון איין געביידע אין דער אַנדערער. אַלץ איז, דאַכט זיך, ווי אַמאָל, אָבער דאָס אַמאָל איז טויט, ליגט פאַר אייערע אויגן אַ פאַרגליווערטס.

די גאָלדענע „איקאָנעס", די אין גאָלד־און־זילבער גע־וועבטע גלחישע קליידער, וואָס קוקן אויס, ווי זיי וואָלטן אָקאָרשט אַרונטער פון די פּלייצעס פון זייערע טרעגער, בלאַנקען און שע־מערירן פאַר אייערע אויגן. עס איז אַ וועלט, וואָס אַ ייִדיש אויג האָט אַזוי זעלטן אָנגעקוקט און פאַר וועלכער אַ ייִד האָט פּשוט מורא געהאַט. איצט איז עס שוין, ווי יענע לעגענדאַרע הידרע, פון וועלכער מען איז אַנטלאָפן אין טויט־שרעק, אָבער מען קומט אָנקוקן פון נאָענט, ווען זי ליגט שוין אויף דער ערד אויסגעצויגן אַ טויטע...

אַ יונג רוסיש מיידל פון „אינטוריסט" איז מיין וועג־ווייַ־זערין. זי גיט לאַנגע, אויף אויסנווייניק אויסגעלערנטע, דערקלע־רונגען וועגן אַלץ, וואָס דאַרט געפינט זיך.

עס איז נישט קיין געוויינלעכע ידיעות, וואָס זי גיט, נאָר ידיעות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט אין קאָנטראַסט מיט דער קעגנ־וואַרט.

— אָט דאָס איז דער באַלעמער, פון וואַנען די הויכע גייסט־לעכע פּלעגן האַלטן זייערע פינסטערע דרשות פאַר זייערע פאַנאַ־טישע און אַבערגלויבערישע צוהערער, — האַלט דאָס מיידל מיר אין אויפקלערן.

— און אָט דאָ שטייען נאָך די פּלעשער מיט ווייַן, וואָס די

פּאָפּן פּלעגן נוצן אין זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, — רעדט זי ווייטער. — אָבער זעט! — און זי ווייזט אָן אויף האַלב־אויס־געליידיקטע פלעשער „וואָדקאַ", — דערבײַ געפינט זיך אויך שטאַרקער שפּירט, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געדאַרפט האָבן קיין פּלאַץ אין אַזאַ „הייליק" אָרט. די גלחים זענען אָבער געווען שכּורים און האָבן אָפּט אין מיטן פון די צערעמאָניעס געטרונקען „וואָדקאַ" אָנשטאָט דעם „הייליקן" ווײַן.

איך הער זיך צו צו דער אָפיציעלער וועג־ווײַזערין און מיך אינטערעסירט מער דער אופן, ווי זי דערקלערט זאַכן, איידער דאָס, וואָס זי האָט צו זאָגן.

אין דער צייט, וואָס דאָס אינטוריסט־מיידל פירט מיך איבער די קירכן (איך בין יענעם טאָג געווען דער איינציקער טוריסט און געהאַט די וועג־ווײַזערין אינגאַנצן פאַר זיך אַליין), ווערט אויך אַ גרופּע רוסישע אַרבעטער און פּויערים געפירט פון אַ רוסישן „גיד". איך מאַרקיר אויס, אַז איך זאָל זײַן נאָענט גענוג צו הערן, ווי יענער „גיד" קלערט־אויף זײַנע מענטשן. עס איז פאַר מיר אויך אינטערעסאַנט צו שטודירן די ווירקונג, וואָס זײַנע רייד האָבן אויף די רוסישע צוהערער.

יענער האַלט לאַנגע דרשות און די דרשות זענען פול מיט פײַער וועגן דער אַלטער אָרדענונג און דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, וועלכע איז געווען אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די צאַרן.

עס איז קלאָר, אַז ער האַלט עס פאַר וויכטיק אַרײַנצוקנעלן מיט זײַנע צוהערער וועגן די עלעמענטאַרסטע ענינים.

אַזוי רעדט מען צו מענטשן, וואָס דאַרפן נאָך ערשט געוווינט ווערן, אָדער פאַר וועלכע מען דאַרף מורא האָבן, אַז זיי זאָלן זיך נישט צוריק אַרײַנגליטשן אַהין, פון וואַנען זיי זענען מיט מאַטערניש אַרויסגעצויגן געוואָרן.

מײַן וועג־ווײַזערין ווײַזט מיר אָן אויף אַ ווינקל אין דער הויפּט־קירך. דאָרט געפינט זיך אַן ארון מיט די ביינער פון אַ „הייליקן".

— קוקט זיך צו צום בילד איבערן ארון, — זאָגט די וועג־ווײַזערין.

איך גיי צו נענטער. איבערן ארון איז א מאָלעריי. אין אַן אויגנבליק ווערט מיר קלאָר, וואָס איך האָב פאַר זיך. עס איז א בילד, וואָס ציייגט, ווי יידן מיט שטעקנס און העק טויטן א רוסישן גייסטלעכן, אַט דעם „הייליקן", וועמעס ביינער עס געפי־נען זיך אין ארון.

— זעסטו שוין, וואָס פאַר א שענדלעכער פלאַץ די „פּע־טשערסקאיא לאַווראַ" איז געווען! — רעדט דאָס מיידל מיט האַרץ. — מען האָט פון דאַנען פאַרשפּרייט דעם שווידערלעכן ראַסן־ און רעליגיעזן האַס קעגן יידן. שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר א ווירקונג אַזוינע בילדער האָבן געהאַט אויף די טויזנטער און טויזנטער פּילגרימען, וואָס פלעגן אַהער קומען און וועלכע האָבן אַט פאַרן דאָזיקן ארון און בילד געקניט מיט גרויס ערפורכט! און די גלחים האָבן נאָך דערצו געהאַלטן אין צוליינען פון זייער זייט: „יידן זענען די מערדער פון אונזערע הייליקע. זיי האָבן דערמאָר־דעט יעזוס קריסטוס און זיי האָבן דערמאָרדעט אַט דעם הייליקן, וועמעס ביינער איר האָט פאַר זיך"!

איך הער זיך צו צום „גיד" פון דער גרופּע רוסן. יענער האַלט אויך א לאַנגע דרשה וועגן דעם שמאַך פון אַנטיסעמיטיזם און וועגן דעם, ווי די פאַרפלוכטע צאַרישע רעגירונג צוזאַמען מיט דער פאַרקויפטער קירך האָבן געהאַט געמאַכט יד־אחת צו האַלטן די אויגן פון פאָלק פאַרבלענדעט דורך וואַרפן די שולד פאַר אַלע צרות אויף די יידן.

— אַט דאָס בילד, וואָס איר זעט פאַר אייך, איז די בעסטע אילוסטראַציע, — האָט יענער געזאָגט.

שפּעטער, דורכגייענדיק די אונטערערדישע הייל, די „סאַ־טאַקאָמבן", ווו מענטשלעכע ביינער און סקעלעטן ליגן פאַר אייך אין גאַנצע קופּעס, האָט מיר מיין וועג־ווייזערין אָנגעציייגט אויף אַן אַנדער „הייליקנס" ארון, איבער וועלכן אַן ענלעך בילד, ווי איבערן ארון פון פריער דערמאָנטן, ציייגט, ווי יידן האָבן אים דערמאָרדעט.

דאָס מיידל האַלט פאַר מיר אַן ענלעכע אויפקלערונגס־רעדע,

ווי דאָס ערשטע מאָל, און דאָס אייגענע טוט נאָכהער דער „גיד״ פאַר זיין רוסישער גרופּע, וואָס קומט אָן שפּעטער.

איך נוץ אויס אַ געלעגנהייט צו פרעגן יענעם „גיד״, אויב ער דענקט, אַז עס איז נאָך דאָ אַ נויטווענדיקייט צו האַלטן אַזוינע אויפקלערונגס־רעדעס פאַר די רוסישע אַרבעטער און פויערים.

— איך זאָל עס זאָגן, — ענטפערט ער מיר. — לאָזט זיי אָפּ אַ ווײַלע און זיי וועלן צוריק אַרײַנפאַלן אונטערן איינפלוס פון די, וואָס האָבן שטענדיק פאַרשפּרייט אין לאַנד רעליגיעזן גיפט און ראַסן־האַס. הערט אויף האַמערן וועגן די פאַרברעכנס פון די, וואָס האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן, און זיי וועלן אפשר ווידער פאַלן אויף די קני פאַר די „איקאָנעס״.

מיר זענען געווען צום סוף פון די „קאַטאַקאָמבן״. אין אַרײַנגאַנג־צימער האָבן זיך געפונען מאַסן „פּושקעס״ פון אַלער־לײַ מינים און גרויסן, וואָס מען פלעגט אין די „גוטע״ צײַטן באַנוצן פאַר קלייבן געלט צווישן עולם.

איבער דידאָזיקע פּושקעס האָט זיך געפונען אַ גרויסער פּלאַ־קאַט מיט אַן אויפשריפט, וואָס האָט געוואָרנט, אַז מען זאָל אין די פּושקעס נישט אַרײַנוואַרפן קיין געלט.

— איר זעט, — האָט דער „גיד״ באַמערקט, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט אויספירן אַ געדאַנק, — זאָל נישט זיין אַזאַ וואָרנונג און אַ סך פון די, וואָס קומען דאָ, וואָלטן נאָך איצט געוואָרפן געלט אין די פּושקעס, מיינענדיק, אַז זיי וועלן מיט דעם טאָן אַ מצווה! פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס מיר דאַרפן האַלטן בסדר אין אויפקלערן דעם עולם! דער אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ סך אַנדערע איבלען פון דער אַלטער אָרדענונג, איז נאָך ווייט נישט אויסגעוואָרצלט אין סאָוויעטן ־ פאַרבאַנד.

3

צו זיין אין לענינגראַד און נישט צו זען דעם פאַרשוווּנדענעם גלאַנץ פון דעם אַלטן צאַריזם, וואָלט נישט פאַרפולט דאָס בילד

פון דעם אַלטן רוסלאַנד, וואָס איז טויט, און אויך נישט פון דעם נייעם רוסלאַנד, וואָס לעבט.

— און פאַרגעסט נישט אויך צו באַזוכן די אַמאָליקע „צאַר־סקאָיע סעלאָ", ווו די רוסישע צאַרן האָבן געוווינט און פון וואַנען צאַר ניקאָלײַ דער לעצטער האָט געמאַכט זײַן ויברח צום טויט, — האָט מיר געעצהט אַ קאָמוניסטישער פרײַנט. — דאָרט וועט איר ערשט זען, וואָס דער צאַריזם האָט געמיינט פאַר רוסלאַנד.

עס איז געווען אַ טריבער, רעגנדיקער טאָג, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן קיין „צאַרקאָיע סעלאָ", וואָס רופט זיך איצט „דעט־סקאָיע סעלאָ" (קינדער־דאָרף).

שוין אין דעם דאָרף אָדער שטעטל, וואָס איר פאָרט דורך, איידער איר קומט אַרײַן אין דעם אַמאָליקן צאַרישן הויף, — אַ דאָרף, באַשטייענדיק פון הילצערנע הײַזער, געבויט פון רונדע קלעצער, — הויבט איר שוין אָן פילן, אַז איר זענט אין אַ טויטער וועלט.

עס איז אַ שאָטן פון דער אַמאָליקער צאַרישער גדולה. דאָרט, ווו מען האָט זיך אַמאָל געבאָדן אין גרעסטן לוקסוס, לעבט מען איצט אין אָרעמקייט. אָרעמע אַרבעטער און פויערים דרייען זיך אַרום, מאַכנדיק דעם קאָנטראַסט נאָך איינדרוקספולער.

די צאָלרײַכע געביידעס, וואָס שטעלן־צוזאַמען דעם קייזער־לעכן הויף, שטייען איינזאַמע און פאַרלאָזענע מיט שטיקער פון טינק אָפּגעשפּרונגענע און אין גרויס באַדערפעניש רעמאָנטירט צו ווערן.

אַפילו די צוויי הויפּט־פּאַלאַצן, דאָרט, ווו די רוסישע צאַ־רן האָבן אַליין געוווינט, קוקן־אויס אָפּגעלאָזן און עלנט. בלויז ווען איר קומט אַרײַן אינעווייניק און איר הויבט אָן גיין פון איין זאַל אין צווייטן, הויבט איר אָן באַגרײַפן דעם גוואַלדיקן לוקסוס, אין וועלכן די הערשער פון אַלטן רוסלאַנד האָבן געלעבט.

אימיצער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס עשירות פון „צאַרסקאָ־יע סעלאָ" האָט נאָך איבערגעשטיגן דאָס עשירות פון פראַנצוי־זישן קעניגלעכן הויף אין ווערסאַיל. איך בין אין ווערסאַיל נישט

געוועז און קאָן נישט מאַכן קיין פאַרגלייכן. אָבער דאָס, וואָס מען זעט אין דעם הויפּט־פּאַלאַץ, אָדער דעם אַלטן פּאַלאַץ פון צאַרינע עליזאַבעטע און צאַרינע יעקאַטערינע, איז גענוג, אַז איר זאָלט בלייבן פאַרגאַפט.

מיט די דערקלערונגען, וואָס אייער וועג־ווייזערין גיט אייך, שפּאַצירנדיק פון איין זאַל אין צווייטן, ווערט פאַר אייך אויפגע־לעבט די רוסישע געשיכטע פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר. וואָס פאַר אַ זעלטענע קאָלעקציע פון קונסטווערק און אַנ־טיקן!

איין זאַל איז אינגאַנצן אויסגעפּלאַסטערט, פון אונטן ביז אויבן אײַנשליסנדיק די סטעליע, מיט די טייערסטע און פּרעכ־טיקסטע מאַלערייען. יעדעס בילד באַזונדער איז אַ קונסטווערק, וואָס איז ווערט אַ פאַרמעגן.

איר באַקענט זיך אַפילו מיטן אינטימען לעבן פון די אַמאָליקע רוסישע צאַרן און צאַרינעס. אָט זענט איר אינם קליינעם אָבער עלעגאַנטן שלאָף־צימער פון דער צאַרינע עליזאַבעטע. דערבײַ געפינען זיך די שמאָלע און געדרייטע טרעפּ, וואָס פירן צום אונ־טערשטן עטאַזש. עס איז געווען אָט דורך די דאָזיקע טרעפּ, וואָס די צאַרינע פלעגט אויפנעמען איר געליבטן, וועלכער האָט געוווינט אונטן אין פּאַלאַץ.

ערשט אין צווייטן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען די לעצטע וווינונג פון ניקאָליי דעם לעצטן, הויבט דער גאָר נאָענטער עבר פאַר אייך אויפלעבן.

דער דאָזיקער פּאַלאַץ איז אַ גוואַלדיקער קאָנטראַסט פון דעם צווייטן. דאָרט פילט איר זיך ווי אין אַ היים פון אַ געוויינלעכן גוט־באַזיצער. איר גייט־דורך דאָס איינציקע קליינע שלאָף־צימער פון דעם צאַר און דער צאַרינע, פון וועלכן די וועגט זענען באַהאָנ־גען מיט הונדערטער „איקאָנעס". איר באַטראַכט גענוי דאָס קליינע פּריוואַטע זיץ־צימער, ווו דאָס געקרוינטע פּאָרל פלעגט פאַרברענגען מיט די קינדער.

און אָט זענט איר אין דעם קליינעם קאַבינעט פון צאַר ני־קאָליי. דער שרייב־טיש און דעם צאַרס שטול שטייען, ווי ער האָט

זיי פאַרלאָזן אין יענעם לעצטן טאָג. אפילו דאָס דאַטום אויפֿן קאַלענדאַר איז דאָס זעלביקע. קיין זאַך איז נישט פאַרענדערט געוואָרן. די קאָמוניסטישע אויפֿפּאַסער פֿון פּאַלאַץ האָבן אַן אויג פאַר געשיכטע און זיי גיבן אַכטונג, אַז אַלץ זאָל פּרעזערווירט ווערן אין אָריגינאַל. אַפּילו די שויב אין צאַרס קאַבינעט, וואָס איז דורכגעשאָסן געוואָרן מיט אַ קויל אין איינער פֿון די שלאַכטן, וואָס איז פֿאָרגעקומען אַרום פּאַלאַץ, איז געבליבן אומפֿאַרענדערט.

עס ציט־צו אייער אויפֿמערקזאַמקייט אַ גרויסער דיוואַן, וואָס איז אינגאַנצן צו־גרויס און אויסער פּראָפּאָרציע. איר דערוויסט זיך, אַז עס איז געווען אַט אויף דעם דאָזיקן דיוואַן, וווּ ניקאָליי און זיין גאַנצע פֿאַמיליע פֿלעגן זיך אויסזעצן יעדן אָוונט פֿאַר אַן אינטימען שמועס.

אין דער צייט, וואָס אין דער צאַרינעס קאַבינעט געפֿינען זיך צוויי טעלעפֿאָנען, און ווי מען גיט אייך איבער, האָט איינער איר פֿאַרבונדן מיטן פֿראָנט אין צייט פֿון קריג און דער צווייטער — מיט די הויפּט־קאַנצעלאַריעס אין פּעטערבורג, האָט איר אין ניקאָליים קאַבינעט אינגאַנצן קיין טעלעפֿאָן נישט. עס איז קלאָר, און דאָס ווערט אויך פֿאַרזיכערט פֿון אייער וועג־ווייזערין, וועלכע האָט איר אָפֿיציעלע אינפֿאָרמאַציע, אַז אין די לעצטע יאָרן איז די צאַרינע געווען די אמתע הערשערין פֿון לאַנד.

אויף איין ענדערונג מאַכט מען אייך אויפֿמערקזאַם: אַ קאָלעקציע פֿון ביכער און בראָשורן און אַנטיקן.

— דאָס איז ניקאָליים אַנטיסעמיטישע קאָלעקציע, — דערציילט די וועג־ווייזערין.

איך קוק זיך צו נענטער און איך זע, אַז אַלע ביכער און בראָשורן זענען וועגן יידן און יידישע אַנגעלעגנהייטן, אָבער קיינס פֿון זיי איז גינסטיק געשריבן פֿאַר יידן.

— די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע ביכער און בראָשורן האָט מען געפֿונען ביי ניקאָלייען אין פֿאַרשידענע ווינקעלעך פֿון פּאַלאַץ, — גיט מען מיר איבער. — ער האָט זיך געקוויקט מיט אָט דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וואָס פֿלעגט אים צוגעשטעלט ווערן פֿון די פֿירער פֿון דער „שוואַרצער מאה”.

די אנטיקן, גיט מען מיר איבער, זענען די פּרעזענטן, וואָס ניקאָליי האָט געקריגן פון אזוינע פּארשוינען, ווי קרושעוואַן, פּורישקעוויטש און אנדערע פּאָגראָם־פירער.

מיך האָט פאראינטערעסירט דער פאַקט, וואָס פון אַלע „אויסשטעלונגען" האָט מען געפונען פאַר נויטיק אויסצושטעלן נאָר דאָס, וואָס ניקאָליי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אנטיסעמיטישער ליטעראַטור און וואָס ער איז געווען פארבונדן מיט די רוסישע פּאָגראָמטשיקעס.

— וואָס זאָל עס באַדייטן? — האָב איך שפּעטער געפרעגט אין א שמועס מיט א קאָמוניסטישן טוער.

דער ענטפער, וואָס ער האָט מיר געגעבן, איז כאַראַקטעריסטיש:

— די צאַרן, באַזונדערס צאַר ניקאָליי, האָבן דעם אנטיסעמיטיזם באַנוצט אַלס הויפּט־וואָפן אין קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערע כוחות אין לאַנד. און דער אנטיסעמיטיזם אין דער עקלהאַפטער פאָרם, וואָס ער האָט געהאַט אָנגענומען אין רוסלאַנד, איז געווען א גאַנץ ווירקזאַמער וואָפן. מיר קאָנען קיינמאָל נישט זיכער זיין, אויב דער דאָזיקער וואָפן וועט נאָך וויטער נישט באַנוצט ווערן פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע כוחות אין לאַנד. מיר מוזן דעריבער זיין אויף דער וואַך און ווו נאָר מיר האָבן א געלעגנהייט צייגן, צו וועלכע צוועקן און פון וועמען דער אנטיסעמיטיזם איז תמיד באַנוצט געוואָרן.

עס איז געווען דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך געפילט, אז דער אנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אפשר באַזיגט, אָבער נישט טויט.

טראַגישע יידישע פיגורן

1

איר דאַרפט זיי נישט זוכן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. נאָר אַ סך, יידן ווי נישט־יידן, שטעלן מיט זיך פאָר טראַגעדיעס. און דאָס זענען נישט דווקא די, וואָס שטייען אויף דער צווייטער זייט פון דעם קאָמוניסטישן לאַגער, נאָר אויך די, וואָס געפינען זיך אינעווייניק און זענען טרייע דינער פון קאָמוניזם.

איך וועל זיי נישט קלויבן. כ׳וועל זיי פאַרצייכענען, ווי זיי קומען מיר אין זכרון. ווי פאַר וועמען, פאַר מיר זענען זיי סימ־באָליש, ווי אויך סימפּטאָמאַטיש פון דעם קעגנוואַרטיקן רוס־לאַנד.

עס איז געווען אויף אַ באַזוך אין דער מאָסקווער כאָר־שול, דער אַמאָליקער צענטר פון דער מאָסקווער יידישער פּני, און היינט דער פאַרזאַמלונגס־פּונקט פון דערשלאָגענע און צעבראָכענע יידן, יונג און אַלט. מען דאַרף בלויז אויף אייך דערקענען, אַז איר זענט אַן אויסלענדער, און איז ־זעט באַלד ארומגערינגלט ווערן פון אַלע מינים בעטלער, מענער, פרויען און קינדער. איר ווייסט, אַז דאָס זענען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע בעטלער, נאָר געפאַלענע, צעמרע־טענע מענטשן, וואָס האָבן קיין אַנדער ברירה נישט, ווי צו בעטן רחמנות.

עס איז געווען אַ וואָכן־טאָג. כאָטש עס איז שוין געווען מיטאָג־צייט, האָט מען אין די שטיבלעך געשמאָק געדאַוונט. אַ פּאָר פון די גבאים האָבן מיר אַרומגעפירט איבער דער געביידע, צייגנדיק די פאַרשידענע איינריכטונגען, נישט אויסלאָזנדיק אפילו די מקוה, וואָס, ווי זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, ווערט גאָר נישקשהדיק באַזוכט פון יונגע מאָסקווער ווייבלעך.

מיר זענען אריין אין דער גרויסער שול, ווו עס האָבן זיך ארומגעדרייט עטלעכע שאָטנדיקע פיגורן. איך האָב נאָך נישט גע־האט געגוג פארנומען דאָס בילד, וואָס די דאָזיקע שול שטעלט מיט זיך פאָר און צו מיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן א פרויען־שטימע אין געבעט.

— גאָט אין הימל! — האָט די שטימע זיך געטראָגן איבערן גאַנצן שול. — ווי פלי איך אריבער קיין ארץ ישראל?!

איך האָב זיך אומגעקוקט. ביים ארון קודש איז געשטאַנען א יונגע פרוי פון ארום דרייסיק מיט צעשפרייטע הענט, ווי אין א תפילה. איך בין צוגעגאַנגען נענטער, וועלנדיק אויפכאַפן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין בעטן.

— עט, — האָט איינער פון די גבאים צו מיר א זאָג גע־טאָן, — ס׳נישטאָ וואָס צו איר זיך צוצוהערן. נישט מער ווי א גערירטע! — און ער האָט בשעת מעשה אָנגעצייגט אויפן מח.

אָבער גראָד דאָס האָט מיר געמאַכט נייגעריקער. עפּעס האָט דאָס אויסזען פון דער פרוי געצויגן באַזונדערע אויפמערקזאַמ־קייט. א פּנים, פאַרעלטערט פאַר דער צייט, און אויגן, וואָס האָבן ארומגעבלאָנדזשעט, ווי זיי וואָלטן עפּעס ארומגעזוכט. אירע קליי־דער זענען געווען אָרעם, אָבער אין אָרדענונג, אָנדייטנדיק, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן א פּערזאָן מיט געשמאַק.

— זי קומט דאָ אַלע טאָג, — האָט דער גבאי מיר געהאַלטן אין געבן אינפאָרמאַציע, וואָרשיינלעך דערפאַר, וואָס ער האָט שוין באַמערקט, אַז טראָץ זיין דערקלערונג, וויל איך זיך פון דער פרוי נישט אָוועקרייסן. — מ׳קאָן ממש פון איר נישט פּטור ווערן. און נאָר זי בעט, אַז דער אויבערשטער זאָל זי אָוועקטראָגן קיין ארץ־ישראל. און פאַרוואָס מיינט איר וויל זי קיין ארץ־ישראל? דער איינפאַל פון א גערירטן מח! עפּענען דאָרט א שולע פאַר מאַלעריי!

— ס׳מוז דערביי זיין אַן אורזאַך! — האָב איך באַמערקט, באַטראַכטנדיק די פרוי.

— די אורזאַך איז א פּשוטע, — האָט דער גבאי דער־קלערט. — זי איז א מאַלערין. אַזוי, לכל הפּחות, זאָגט זי. זי פאַר־

דערט נאָר, אַז מיר דאַ, דער עיקר די עלטערע און דערשלאָגענע ייִדן, זלן פאַר איר פּאָזירן, ווייל זי וויל אונז מאָלן. אָבער ווער הערט זיך צו איר צו?

— איר זענט אַן אויסלענדער, — האָט זי באַלד געטראָפן. — איך דערקען עס אָן אייערע קליידער און אייער רואיקן בליק. אַ היגער וואָלט נישט געהאַט די זיכערקייט און די אויפגעלייגטקייט, וואָס איך זע ביי אייך.

אירע רייד האָבן געקלונגען, ווי פון אַ קלאָרן מענטשן. איך האָב זיך עטוואָס פאַרלאָרן.

— יאָ, איך בין אַן אויסלענדער — אַן אַמעריקאַנער. און ווער זענט איר?

— ווער איך בין? — האָט זי איבערגעפרעגט. — איר מיינט, ווער איך בין געווען? מיר זענען אַלע בלויז געוועזענע. איצט איז קיינער מער שוין גאָרנישט. בלויז שאָף אין אַ סטאַדע, אָקסן געשפּאַנט אין דער סאָכע. — איר שטימע איז געווען דורכגענומען מיט ווייטאָק. אירע אויגן פול מיט צער.

— איז דאָס אַ משוגענע? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

דער גבאי, וועלכער איז צוגעקומען נעענטער, האָט מיר אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל.

— לאָזט זי אָפּ! — האָט ער מיר איינגערוימט אין אויער.

— קאָן דען אימיצער פאַרנעמען אונזער טראַגעדיע? —

האָט זי ווייטער גערעדט. זי האָט באַמערקט דעם גבאי הינטער מיר: אַן עלטערער מענטש, מיט אַ פיינעם, פאַרחלומטן פּנים. — איר זעט אַ פּנים? — האָט זי אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער אויף אים. — די גאַנצע טראַגעדיע פון אונזער פאָלק ווערט דאָרט אויסגעדריקט! אָ, ווי איך וואָלט אַזאַ פּנים געוואָלט מאָלן! עס וואָלט דערציילט אַלץ, וואָס מיר לעבן דאָ איבער! זעט, בעט אים, ער זאָל פאַר מיר פּאָזירן! — האָט זי אַפּעלירט צו מיר. — צו מיר וועט ער זיך נישט צוהערן. קיין געלט אים אָנצובאָטן האָב איך נישט.

דער ייד האָט זיך אָפּגערוקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים „אַרונטערנעמען" זיין פּנים.

— מער פעלט מיר נישט! — האָט ער באַמערקט.

— ס׳זענען דאָ פאַראַן אַזויפיל טראַגישע פּנימער, — האָט די פרוי ווייטער גערעדט. — עס איז צוליב דעם, וואָס איך קום דאָ. זיי וואָלטן אויפן קאַנווע אַזויפיל דערציילט! מער, ווי גאַנצע ביכער. יאָ, דאָס וואָרט איז צו־שוואַך אויסצודריקן, וואָס דאָס האַרץ פילט. אַפילו דאָס ליד איז צו שוואַך פאַר דעם. כ׳האָב אין מיינע פריערדיקע יאָרן געשריבן לידער. מבינים האָבן געלויבט די לידער. זיי האָבן אָבער נישט אויסגעדריקט, וואָס איך האָב גע־פילט. אַ פּאַסטוכס פייפעלע לגבי דעם ברוייזנדיקן ים פון לעבן. דאָס געמאָלטע בילד איז אָבער אַנדערש. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו איבערגעבן די ווירקלעכקייט. איר קאָנט דורך דעם זיך אַנטפּלעקן, ווי איר זענט! אודאי קאָן דאָס היינטיקע רוסלאַנד נאָר איבערגע־געבן ווערן דורך בילד און נישט דורך וואָרט. האָב איך דערפאַר אויפגעגעבן פּאָעזיע און זיך גענומען צו מאָלעריי. איך וויל אַרויס־געבן רוסלאַנדס גאַנצע טראַגעדיע, באַזונדער די טראַגעדיע פון מיינע אייגענע ברידער.

— האָט איר שוין עפּעס געשאַפן? — האָב איך איר גע־פרעגט נאָך אַלץ נישט זיכער, צי איך רעד צו אַ קלאָרער אָדער אַ גערירטער.

— איך וואָלט געשאַפן, — האָט זי געזאָגט. — איך וואָלט געקאָנט מאָלן בילדער, וואָס וואָלטן גערעדט צו דער גאַנצער וועלט, וואָס וואָלטן אויפגעוועקט דעם גאַנצן שוידערלעכן אמת. אָבער קיינער וויל פאַר מיר נישט פּאָזירן. כ׳האָב אויך נישט דאָס געלט צו קויפן די נויטיקע מאַטעריאַלן צום מאָלן.

און זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט, ווי זי וואָלט געוווּן די אומגליקלעכסטע פון אַלע אומגליקלעכע.

— איר האָט דאָך אָבער פריער מתפּלל געווען, גאָט זאָל אייך נעמען קיין ארץ־ישראל? — האָב איך געוואָלט געפינען לאָגיק אין אירע ווערטער.

— יאָ, דאָס איז דער חלום פון מיין לעבן — ארץ־ישראל. דאָרט, פיל איך, וואָלט איך ערשט געווען פריי צו מאָלן, וואָס איך פיל. אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז די דאָזיקע מעגלעכקייט וועל

איך האָבן גראָד דאָ. עס איז געווען צוליב דעם, וואָס איך בין אַהער געקומען פון ליטע. אָבער ווי אַנטוישט איך בין זינט דער־מאָלט! מיין חלום איז איצט ארץ־ישראל. נאָר ווער קאָן מיר אַהין ברענגען, אויב נישט דער רבונו של עולם? עס איז צוליב דעם, וואָס איך קום אַהער מתפלל זיין.

— דערוואַרט איר, אַז גאָט וועט זיך צוהערן צו אייער תפילה? — האָב איך געפרעגט.

— שוין־זשע נישט? — האָט זי געענטפערט מיט אַ פראַגע. — ווער דען קאָן מיר ברענגען אין לאַנד פון מיינע אבות, אויב נישט גאָט ברוך הוא? נסים האָבן שוין פּאַסירט און זיי קאָנען פּאַסירן אויך איצט, אפילו, ווען דאָס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ אומגליקלעך באַשעפעניש, ווי איך.

— און ביז וואַנען דער נס פּאַסירט?

— מאָלן אַט די טראַגישע פּנימער, וואָס איך זע דאָ אין שול! אָבער ווו נעמט מען כאָטש פּאַפּיר און בלייפעדער?

— וויפל וואָלט איר דערצו דאַרפן האָבן? — האָב איך איר געפרעגט.

— כאָטש אַ צען־פופצן רובל, — איז געווען איר ענטפער.

— אָט האָט איר דאָס געלט, וואָס איר דאַרפט, — האָב איך געזאָגט און איר דערלאַנגט פופצן רובל. — קויפט אייך, וואָס איר דאַרפט.

זי האָט זיך אָבער אַנטזאָגט נעמען דאָס געלט.

— איך נעם נישט קיין זאַך, וואָס איך האָב נישט פאַרדינט דורך אַרבעט, — האָט זי געזאָגט.

— דאַן זאָל עס זיין פאַר אַרבעט, — האָב איך געזאָגט. — איר וועט דערפאַר צייכענען מיין בילד.

די מאָלערין איז געווען צופרידן און האָט צוגענומען דאָס געלט.

— אָבער ווו וועל איך אייך טרעפן? — האָט זי געוואָלט זיין זיכער.

— דאָ אין שול, מאָרגן.

— פארגעסט נישט קומען, ווארום איך וועל זיין שטארק אנטוישט, אויב איר וועט עס נישט טאן.

— אודאי וועל איך קומען, — און זי האט צוגענומען דאס געלט.

איך בין נאטירלעך נישט געקומען. אין זעלביקן אוונט בין איך שוין געווען אויפן וועג קיין לענינגראד. אבער איך האב די גאנצע צייט געפילט חרטה, וואס איך האב נישט געהאלטן ווארט. זי האט געוויס געהאט עגמת נפש צוליב דעם.

2

איך האב שפאצירט דורך די גאסן פון לענינגראד. אין א טויער פון א הויף האב איך באמערקט, ווי אן אלטער מאן שטייט אנגעשפארט אן וואנט און וויינט. ער איז געווען גראד נישט שלעכט אנגעטאן, מיט א גאנצן פעלצל אויפן קערפער און נישט קיין סך אפגעטראגענע שטיוול אויף די פיס.

זיין פנים האט אויסגעדריקט גרויס פארצווייפלונג. איך האב זיך אפגעשטעלט און אים באטראכט. עס איז געווען א יידיש פנים, אבער א היפש ביסל פארגויאישט.

באמערקנדיק, אז איך קוק אויף אים, האט ער שנעל אויס־געווישט די טרערן און ארונטערגעלאזט דעם קאפ.

— וואס פעלט אייך, ר׳ ייד? — האב איך באלד געפרעגט אין יידיש.

ער האט מיר אנגעקוקט אין פארוווּנדערונג.

— איר רעדט יידיש? — האט ער זיך נישט געקאנט אפ־וווּנדערן.

איך האב פון אים ארויסגעקריגן א טרויעריקע געשיכטע. עס איז שוין געווען דער צווייטער טאג, וואס ער האט נישט גע־געסן, און צוויי נעכט, אז ער האט נישט געהאט קיין געלעגער, ווו אויסצורוען זיינע אלטע ביינער. ער איז פארלארן. ער ווייס נישט, וואס ס׳וועט פון אים ווערן, כאטש—צי זיך אויס אין גאס און שטארב.

— זענט איר א הימלאזער? און ווי איז עס צו דעם געקו־מען? — האב איך געוואלט וויסן.

און ער האָט דערציילט:

ס'האָט אים פּאַסירט אַן אומגליק. ער האָט די גאַנצע צייט געוווינט ביי אַ טאָכטער אין אָדעס. דער איידעם איז געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקער פאַרדינער און האָט דעם שווער אויסגעהאַלטן בכּבוד. ער אַליין איז אַ געוועזענער פּאַרוקן־מאַכער. ער איז שוין אָבער צו־אַלט צו אַרבעטן. ער איז שוין אַכציק יאָר און די הענט ציטערן.

איז דער איידעם קראַנק געוואָרן און ליגט שוין חדשים אין בעט. ער האָט געפּילט, אַז ער טאָר מער נישט זיצן אויף זייערע קעפּ. האָט ער געבעטן אויף הוצאות און איז געקומען קיין לענינ־גראַד, ווו ער האָט אַ צווייטע טאָכטער. עס וואָלט אים ביי דער טאָכטער אודאי גאָרנישט געפעלט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די טאָכטער געפינט זיך שוין מער נישט אין לענינגראַד.

איז ער געבליבן, ווי אויפן וואַסער. ער האָט נישט קיין אי־בעריקע קאָפּיקע אין קעשענע. קאָן ער נישט בלייבן אין לענינגראַד און קאָן אויך נישט פאָרן צוריק. ער האָט אַ זון ערגעץ נישט ווייט, אָבער עס דאַרף קאָסטן אַ פּופצן רובל באַן־געלט אַהין צו גרייכן. ער האָט צוזאַמענגענומען די לעצטע קאָפּיקעס און דעם זון גע־שיקט אַ בריוו. אָבער עס וועט נעמען עטלעכע טעג, איידער ער וועט פון אים הערן. דערווייל וואַלגערט ער זיך אין גאַס און הונ־גערט.

— איך בין שוין היינט פרי געגאַנגען אויפן „טאָלטשאָק" (מאַרק), — האָט ער מיר דערציילט, — און געוואָלט אויסטאָן דאָס פעלצל און עס פאַרקויפן. עס איז דאָס איינציקע, וואָס איך האָב אויף זיך, וואָס האָט אַ ווערט. אָבער ווי בלייבט מען אַ נאַקעטער אין אַזאַ קעלט? מיין איינציק פאַרגעניגן ווינטער איז געווען דאָס פעלצל. איך האָב עס נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן. וואָס דען, איך וואָלט דען איצט געקאָנט טראַכטן פון אַזאַ מל־בוש? יאָרן־לאַנג עס אָפּגעהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, צו וואַרעמען די אַלטע ביינער, איצט ניי פאַרקויף עס?

— און וואָס וועט זיין דער תכלית? — האָב איך געוואָלט וויסן, ווי אימיצער וואָלט אין אַזאַ פאַל זיך געקאָנט העלפן אין

דעם הײנטיקן רוסלאַנד. — זענען דען נישטאָ קײן פּלעצער, װו אײנער קאָן איבערנעכטיקן פאַר אומזיסט און קריגן אַ פרײען מאָלצײט?

— בשום אופן נישט, — איז געװען דער ענטפער. סײדן גײן בעטלען אין גאַס. אָבער װער קוקט זיך הײנט אום אױף אַ בעטלער? װען־נישט־װען װעט אימיצער צװאַרפן עטלעכע קאָפּיקעס, און װאָס קאָן מען טאָן מיט קאָפּיקעס?

איך האָב דעם ײדן אַרײנגענומען אין אַ רעסטאָראַן אױף דער אַמאָליקער נעװסקי־פּראָספּעקט און אים מכבד געװען מיט אַ מאָלצײט. גראָד איז דער רעסטאָראַן געװען פון די בעסערע. דער װײס־געדעקטער טיש און די מאכלים האָבן דעם ײדן אַזױ צענומען, אַז ער האָט זיך פאַנאַנדערגעװײנט.

— װען האָב איך געגעסן בײ אַזאַ רײכן טיש? — האָט ער געװײנט פון פרײד.

איך האָב דעם זקן נאָכהער גענומען צום װאָקזאַל און אים באַזאָרגט מיט אַ בילעט צו זײן זון און אים געגעבן עטלעכע רובל אין קעשענע אױף הוצאות.

— ערשט איצט זע איך, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ גאָט אין הימל! — האָט ער נישט געקאָנט קומען צו זיך פון איבעראַשונג. — צו דענקען, אַז אַזאַ גליק װעט מיר טרעפן גראָד דעמאָלט, װען איך האָב זיך שױן באַטראַכט פאַר אַ פולשטענדיק־פאַרלאָרענעם? מיט װאָס אַזױנס האָב איך עס דען זוכה געװען, אַז גראָד זאָלט איר אָנקומען און מיר באַמערקן?

איך האָב שפּעטער גערעדט מיט לענינגראַדער ײדישע פּלל־טוער און געװאָלט װיסן, אױב אין אַזאַ לאַגע, װי די, אין װעלכער דער דערמאָנטער ײד האָט זיך געפונען, איז גאָר פאַר אימיצן קײן הילף נישטאָ.

— װו זענען די ײדישע צדקה־אַנשטאַלטן פון אַמאָל? די הכנסת אורחימס און די הילפס־קאַסעס? — האָב איך געפרעגט. — װאָלט עס מעגלעך געװען אין די אַמאָליקע יאָרן, װען אין דער אַלטער פּעטערבורג זענען געװען בלױז אַ הײפל ײדן, אַז אימיצער זאָל דאַרפן אומגײן טעג נישט קײן געגעסענער?

די יידן האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ.

— אַלץ איז אונטערגעגאַנגען, — האָבן זיי געזאָגט. — פון קיין צדקה קאָן מער קיין רייד נישט זיין. מען פּרובירט נאָך העלפן אימיצן אין נויט, אָבער ווען פּאַסירט עס און מיט וויפל קאָן מען דען העלפן? דאָס, וואָס איר האָט געטאָן פאַר יענעם יידן (איך האָב זיי דערציילט, אַז איך האָב אויף אים אויסגעגעבן אַ פינף און צוואַנציק קערבלעך, אַרום האַלבן דאָלאַר אין אַמע־ריקאַנער געלט), איז ביי אייך, ווי איר זאָגט, אַ קלייניקייט. אָבער ווער קאָן עס דאָ טראַכטן פון אַוועקגעבן אַזאַ סומע? דער ייד וואָלט פּשוט געמוזט אויסגיין פון הונגער! מיט אַ סך פּאַ־סירט עס טאַקע! נישט אַלעמען טרעפט אַזאַ גליק אַנצוטרעפן פּונקט אַן אַמעריקאַנער!...

3

עס איז געווען אין קיעוו. אַ יידישער דאָקטאָר, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט און מיט אים געהאַט אַ לאַנגן שמועס, האָט מיך באַזוכט אין מיין צימער אין האָטעל „קאָנטינענטאַל".

איך האָב אים געהאַט פאַרבעטן צו זיך, נאָכדעם ווי ער אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט מיר גערן געלאַדן צו זיך אין הויז, אָבער ער שעמט זיך. אַזאַ אָרעמקייט הערשט ביי אים.

גראָד דאָס האָט מיר געמאַכט נייגעריק. איך האָב אָבער נישט געוואָלט זיין צודרינגלעך און אים געלאַדן צו זיך.

איך האָב שוין סיי ווי געוווסט, ווי עס לעבן דאָקטוירים און אַלע אַנדערע אין היינטיקן רוסלאַנד.

— קומט, מיר וועלן עסן צוזאַמען און מיר וועלן פאַר־ברענגען דעם אָוונט צוזאַמען, — האָב איך אים געזאָגט.

און ער איז געקומען.

אַריינקומענדיק אין צימער, וועלכעס איז געווען איינגעאָרדנט אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי אַ פאַרלאָרענער.

איך האָב אים אָנגעוויזן אויף אַ ווייכן שטול און אים געבעטן זיך זעצן.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין שטול אַ דערשלאָגענער.

איך האָב געקאָנט זען, אַז דער מענטש פילט זיך אומגליקלעך. איך האָב קוים געקאָנט כאַפּן די אורזאַך.

— ס'וואָלט שוין בעסער געווען, אַז איך זאָל אייך האָבן איינגעלאַדן צו זיך, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווייגן. — נאָך אַלעם דעם איז זיך מיט אָרעמקייט נישטאָ וואָס צו שעמען, אפילו ווען מען איז פריער געווען געוווינט צו בעסערס. ערגער, דאַכט מיר, איז צו קומען פּלוצים פּנים אל פּנים מיט אַ לעבן, צו וועלכן מען איז געווען געוווינט פון פריער, אָבער צו וועלכן מען קאָן זיך שוין מער נישט צוריקקערן.

— אָבער וואָס מאַכט אייך אַזוי אומבאַקוועם דאָ? — האָב איך נאָך אַלץ נישט געגעוי באַנומען, וואָס אים דריקט אויפן האַרצן.

טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

— אָט דער שטול, וועלכער איז, דאַכט זיך, אַזוי ווייך און אַזוי באַקוועם, און דאָס גאַנצע צימער, וואָס דערמאָנט מיר אָן די צימערן, וועלכע איך האָב אַמאָל באַוווינט, רופן ביי מיר אַרויס דעראינערונגען, וואָס פּרעסן מיר אויפן האַרצן. ניין, איך פיל מיך דאָ נישט־באַקוועם. לאָמיר בעסער אַרויס אין גאַס, איך מוז איינ־אָטעמען פרישע לופט, ווען נישט, וועל איך זיך פאַנאַנדערוויינען, ווי אַ קליין קינד!

4

אַ מיטליאָריקער ייד, וועלכער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט וועגן אַמעריקע, גיט אַ שטאַרקן זיפץ און הויבט אָן רעדן, ווי צו זיך אליין:

— אָ, די „קאַטשקע", די „קאַטשקע", — מורמלט ער, — זי האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט. איך וואָלט איצט געקאָנט זיין

אין אַמעריקע אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אָבער די „קאַטשקע" האָט צעשטערט מיין גליק.

איך קאָן דעם יידן נישט פאַרשטיין.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ „קאַטשקע", וועגן וועלכער איר רעדט? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

דער ייד גיט אַ שמייכל.

— איר ווייסט דען נישט, וואָס די „קאַטשקע" איז? — פרעגט ער.

איך געפין אויס, וואָס ער מיינט.

„קאַטשקע" איז רוסיש פאַר דאָס הוידן זיך פון אַ שיף. דער ייד האָט זיין גאַנץ לעבן געהאַט אַ געפיל פון מורא פאַר דעם. ער האָט געהערט, אַז מען ווערט קראַנק אויף דער שיף, און ער האָט מיט דעם נישט געוואָלט ריזיקירן.

— געוועזן מיינער אַ שכן, נאָך פאַר ניקאָלאַיען, — דער־ציילט דער ייד, — וואָס האָט צו מיר געזאָגט: אשר (אַזוי הייס איך), לאָמיר פאָרן קיין אַמעריקע. און ער מאַכט זיך באַלד גרייט אין וועג אַריין. איך ריר זיך אָבער נישט פון אָרט. איך האָב מורא פאַר דער „קאַטשקע". אַן איינרעדעניש פון אַ מענטשן! און עס איז געוועזן צוליב דער „קאַטשקע", וואָס איך בין געבליבן אין דערהיים. איצט זעט איר דאָך שוין, ווי אומגליקלעך איך בין. כ'וואָלט איצט אפילו דורך אונטער דער ערד געגאַנגען, און נישט דווקא קיין אַמעריקע, נאָר וווהין די אויגן וואָלטן געטראָגן. ס'איז שוין אָבער צו־שפּעט. אוי די „קאַטשקע", נישט געדאַכט זאָל זי ווערן!

5

איך געפין זיך אין אַ שטעטל אין אוקראַינע. איך באַזוך אַ יידיש הויז, ווו דער טאַטע איז אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר און איינער פון די זין איז אַ פאַרטייענער קאָמוניסט.

איך רעד מיטן זון, אָבער ער האַלט זיך שטייף און צוריק־געצויגן. מען קאָן פון אים גאָרנישט אַרויסקריגן.

דער טאַטע רעדט פאַר אים.

— עס איז אויף אים אפשר אַ גרעסערער רחמנות, ווי אויף אונז, — פאַרטרויט ער מיר, ווען מיר זענען אויג אויף אויג.

דער זון ווערט אָפּט געשיקט אויף גאָר ריזיקאַלישע שליחותן. אין די פריערדיקע יאָרן, ווען מען פלעגט פון די פויערים דאַרפן אָפּנעמען די תבואה, גאַנץ אָפּט מיט געוואַלט, האָט מען אים געשיקט פאַר דעם, און ער האָט אויף זיין חשבון נישט איין שיסעריי, וואָס ער האָט מיט זיינע באַוואָפנטע קאָמוניסטן דורכגעפירט.

גאָר לעצטנס איז ער געווען אויף ענלעכע שליחותן אין משך פון דער דורכפירונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, און ווידער שיסערייען און אַנדערע גרוילטאַטן. פויערים זענען אַרויסגעזעצט געוואָרן אויף זייערע שליטנס און אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די דערפער צו אַ זיכערן טויט, ווייל מען האָט זיי ממש אַוועקגעשיקט אָן ברויט, נאַקעט און הויל.

— מיינט איר, אַז מיין זון איז אַזוי האַרצלאָז, אַז דאָס האָט אויף אים קיין ווירקונג נישט געמאַכט? — רעדט צו מיר דער פאָטער. — עס איז אַ ביטער רחמנות אויף אים. ער פלעגט צוריקקומען אהיים און זיך פאַנאַנדערוויינען, ווי אַ קליין קינד! גאַנצע נעכט אָפּליגן און וויינען. אינדערפרי פלעגט מען די קישנס געפינען נאַס פון טרערן.

— און איצט האָט ער זיך שוין בארואיקט? — וויל איך וויסן.

— בארואיקט? — חזרט איבער דער פאָטער. — פאַרוואָס, מיינט איר, איז ער אַזוי אָנגעבלאָזן? ער קאָן נישט פאַרגעסן די גרוילטאַטן, וואָס ער האָט צוגעזען, און וואָס ער האָט זיך געפילט געצוווּנגען צו באַגיין!

און דער פאָטער פאַרטרויט מיר ווייטער:

— אפילו איצט כאַפּט ער זיך אָפּט אויף אינמיטן דער נאַכט און מען הערט פון זיין געלעגער אַ פאַרשטיקט געוויין. גאַנץ אָפּט הערט מען אים רעדנדיק פון שלאָף. ער בעט זיך, אַז מען זאָל אים פאַרגעבן. ער איז נישט שולדיק! ער האָט עס נישט געמיינט!...

אַז איך האָב שפּעטער, פאַרן אוועקגיין, זיך ווידער געטראָפן

מיטן קאָמוניסט, האָב איך אים פריינטלעך געדריקט די האַנט. מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען מיט רחמנות צו אים. איך האָב געוווסט, אַז איך האָב פאַר זיך אַ טראַגישע פיגור...

קאַפיטל דריי־און־דרייסיק

„חבר סטאַלין זאָגט"

1

איך האָב באַזוכט אַ קאָמוניסטישן טוער. איך האָב פון אים געוואָלט קריגן אינפאָרמאַציע וועגן ענינים, וועגן וועלכע ער איז געווען קאָמפּעטענט צו רעדן. איך האָב זיך באַלד ביים אַריינקומען פאַר אים פאָרגעשטעלט אַלס שרייבער פון דער „בורזשואַזער" פּרעסע. איך האָב עס געטאָן בכוונה, ער זאָל קיין טעות נישט האָבן און נישט קריגן דעם איינדרוק, אַז איך וויל פאַר אים שפּילן די ראָלע פון אַ „ראַדיקאַל", ווי אַ סך אַנדערע טוען עס, מיינענדיק, אַז זיי וועלן אויף אַזאַ אופן געפינען געפעליקייט אין די אויגן פון די קאָמוניסטן.

פון דעם, וואָס איך האָב געהערט אין די קאָמוניסטישע קרייזן וועגן דעם, ווי מען באַציט זיך גראַד צו די, וואָס חנפענען זיך צו זיי און לייגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט ביי זיי אויסצונעמען, מאַכנדיק אפילו דעם אָנשטעל, אַז מען איז אין אַ סך פּרטים גרייט מיט זיי מיטצואַרבעטן, האָב איך געפילט, אַז מיין שטאָלץ און זעלבסטווירדע פאָדערט, אַז איך זאָל בעסער פאַר זיי דערשיינען אַלס „קעגנער", איידער אַלס „אייגענער מענטש". זיי וועלן צום ווייניקסטנס נישט זאָגן דערנאָך, אַז מען איז נישט געווען ערלעך און אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט, אָדער זיי פּרובירט אָפּנאַרן.

יענער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, און כאָטש עס איז קענטיק, אַז אין אָנפאַנג איז אים געווען שווער צו באַ־

שליסן, ווי ער זאָל זיך האַלטן, האָט ער אָבער באַלד מיט פיינער חעפלעכקייט מיך געבעטן זיצן און אָנגעפאַנגען אויף אַזאַ אופן:

— ווי חבר סטאַלין האָט שוין געזאָגט, דאַרף מען זיך צו אַ קעגנער תמיד באַציִען פריינטלעך און אים געבן די נויטיקע אויפ־קלערונג, טאָמער וועט עס דאָך האָבן אַ ווירקונג.

און באַפאַנצערט מיט סטאַלינס „הכשר", האָט ער שוין גע־קאָנט רעדן פריי. איך האָב מער נישט געדאַרפט מאַכן קיין טעות אין זיין פריינטלעכקייט און אפילו צוגעלאָזטקייט. איך האָב מער נישט געדאַרפט אָננעמען, אַז ער אַליין איז געווען נייגעריק צו רעדן מיט אַן אויסלענדער, וואָס האָט אים געהאַט פונקט אַזויפיל צו דערציילן, ווי ער אַליין. זיין אייגענע קוריאָזיטעט און זיין אייגענע צופרידנהייט צו האָבן אַ געלעגנהייט צו קריגן אַ גרוס פון אַן „אַנדער און אַפגעשלאָסענער וועלט", ווי ער אַליין האָט אָנגע־רופן אויסלאַנד, האָט געקאָנט פאַרדעקט ווערן מיט סטאַלינס „דערלויבעניש" „צו רעדן צו און „אויפקלערן" אַ בורזשוי".

ווייס דער אויבערשטער, וואָס דער דאָזיקער קאָמוניסט, ווי אַ סך אַנדערע פון זיין מין, וואָלט געטאָן, אויב „חבר" סטאַלין וואָלט אַזאַ „הכשר" נישט געגעבן, אָדער וואָלט דעם ענין סתם געהאַט פאַרשוויגן.

אָן אַ וואָרט פון סטאַלינען פילט מען זיך אין סאָוויעט־רוס־לאַנד בכלל פאַרלאָרן. מען ווייס נישט, וואָס צו זאָגן. מען ווייס נישט, ווי צו האַנדלען און ווי זיך צו באַציִען צו דער אָדער יענער דערשיינונג.

איז סטאַלין דער „רבי", און די גרעסערע און קלענערע קאָ־מיסאַרן — זיינען גבאים און משמשים, און די גאַנצע מאַסע קאָ־מוניסטן — חסידים, וואָס זיינען גרייט אויפצוכאַפן יעדעס וואָרט, וואָס ס'קומט פון קרעמל, און בלינדערהייט אויספאָלגן יעדן באַ־פעל, ווי אומפאַרשטענדלעך ער זאָל נישט זיין.

סטאַלין האָט שוין לאַנג פאַרטונקלט יעדן און אַלעמען אין סאָוויעט־רוסלאַנד. ער פאַרטונקלט שוין אפילו באַלד לעגינען. איך זעט אַזויפיל בילדער פון סטאַלינען ווי פון לעגינען, און אַזויפיל

ציטאַטן פון דעם איצטיקן דיקטאַטאָר ווי פון דעם פאַרשטאָרבע־נעם פירער.

איר וועט כּמעט שוין נישט הערן קיין רעדע אָן אַ ציטאַט פון „חבר" סטאַלין. קיין קאָמוניסט וועט נישט מאַכן קיין דערקלע־רונג אָן זיך צו באַציען אויף „חבר" סטאַלין.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין איינעם פון די קאָלכאָזן אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן האָט מיר דער פאָרזיצער פון דאָרף, אַריינפירנדיק אין אַ שטאַל, צום אַלעם ערשטן אָנגעוויזן אויף אַ ציטאַט פון „חבר סטאַלין", וואָס איז געווען מיט ריזיקע אותיות אויסגעמאָלט אויף דער וואַנט.

— איז עס אַ סגולה, אַז די קי זאָלן געבן מער מילך? — האָב איך געשפּאַסט.

— ניין, אַז די קאָלכאָזניקעס זאָלן בעסער אַרבעטן, — איז געווען יענעמס טויט־ערנסטער ענטפער.

לייענט די אָפיציעלע ראַפּאָרטן פון די סאָוויעטישע צוזאַמענ־פאָרן און קאָנגרעסן. סטאַלין מאַכט די איינלייטונג און אַלע אַנדע־רע רעפערענטן באַנוצן עס אַלס טעקסט, אויף וועלכן צו מאַכן זייערע קאָמענטאַרן, תּמיד אונטערשטרייכנדיק, ווי „חבר סטאַלין" האָט שוין געזאָגט, אָדער „געגעבן אָנצוהערעניש".

אַליין האָט מען גאָרנישט צו זאָגן, האָט מען נישט דעם מוט צו זאָגן. מען איז אָדער מפרשים, אויסטייטשער פון דעם, וואָס סטאַלין זאָגט, אָדער מען איז בלינדע נאָכפאָלגער און אויספאָלגער.

אין אַן אינטימען געשפּרעך מיט אַ קאָמוניסט האָט יענער מיר געגעבן אַזאַ דערקלערונג:

— די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אַזוי אָרגאַניזירט, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויטאָריטעט אַ חוץ סטאַלינען, אויף וועמעס מיינונג מען זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן און וועמעס וואָרט מ'זאָל קאָנען נעמען פאַר מאָסגעבנדיק. יעדער איינער פילט, אַז ער מוז האַלטן די אויגן געריכטעט אויפן קרעמל, אויפצוכאַפּן אַלע מעגלעכע צייכנס, וואָס קומען פון דאָרט. מען קאָן זיך אויף קיין אַנדערן נישט פאַרלאָזן, סיידן ווי אויף חבר סטאַלין. וויל מען זיין זיכער, אַז מען וועט נישט אַריינפאַלן מיט אַ געוויסער מיי־

נונג, ציטירט מען סטאַלינען. ווײַל מען זײַן זיכער, אַז מען וועט נישט דורכפאַלן מיט אַ געוויסער האַנדלונג, זוכט מען געגנוי צו פאַרשטײַן די לעצטע דערקלערונגען, וואָס קומען פון חבר סטאַלין.

— הייסט עס, אַז דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט זיך געשאַפן אַן אַנדער אָפּגאָט, בוקט זיך פאַר אַ נײַעם מין „צאַר״, אפשר נאָך מעכטיקערן, ווי אַלע צאַרן, וואָס האָבן וועגן רעגירט אין־בערן לאַנד? — האָב איך געפרעגט.

יענער האָט מיר געשענקט אַ מאָדנעם בליק.

— איר באַגרײַפט נישט, וואָס סטאַלין איז פאַר אונז, — האָט ער געזאָגט. — ער איז נישט קיין אָפּגאָט און אויך נישט קיין צאַר, נאָר אונזער העכסטער אויטאָריטעט.

אימיצער אַנדערש האָט מיר פּרובירט אויפקלערן, אַז סטאַלינס מאַכט נעמט זיך דערפון, וואָס ער איז דער גרויסער בעל מכריע, דער פשרה־מאַכער צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואָלט שוין לאַנג זיך צעפאַלן אָדער וואָלט צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, — האָט יענער געזאָגט, — ווען חבר סטאַלין וואָלט נישט געהאַט די פעאיקייט און נישט באַזעסן די אויטאָריטעט צו האַלטן די גלײַכגעוויכט אַזוי, אַז רעכטע און לינקע זאָלן נישט האַלטן איינע די אַנדערע בײַ די גאָרגלען.

— אָבער ווי אַזוי האָט זיך סטאַלין געוווּנען די דאָזיקע אויטאָריטעט און מיט וועלכע מיטלען האַלט ער זיך אין זײַן פּאָזיציע? — איז געווען מײַן פראַגע.

וועגן דעם האָט שוין קיינער נישט געוואָלט אַרויסזאָגן קיין מיינונג.

אויף ווי ווײַט סטאַלינס אויטאָריטעט גרייכט איז אויך צו זען פון פאַקט, וואָס אויף דעם קאָנגרעס פון שרײַבער, וואָס איז פאַראיאָרן זומער פאָרגעקומען אין מאָסקווע, האָט איינער פון די באַוווּסטע סאָוועטישע שרײַבער געפאָדערט, אַז מען זאָל נעמען סטאַלינס סטיל פאַר אַ מוסטער און אַז די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור זאָל נאָכפאָלגן דעם דאָזיקן מוסטער....

.2

וואָס מען רעדט ווייניק אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אָבער וואָס וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק אין די אויגן איז דאָס, וואָס סטאַלינס אויטאָריטעט איז הויפּטזעכלעך באַזירט אויף מאַכט. די גאַנצע סאָוויעטישע דיקטאַטור, וועלכע איז קאָנצענטרירט אין סטאַלינס הענט, איז געבויט ווי אַ פּיראַמיד מיט סטאַלינען אין דער סאַמע שפּיץ און מיט די ברייטע אַרבעטער־מאַסן סאַמע אונטן.

פון סאַמע אונטן ביז גאָר אויבן זענען אַלע אָפּהענגיק פון סטאַלינען, וועלכער האָט אויפגעבויט אַ סיסטעם, אונטער וועלכן איינער האָט מורא פאַרן צווייטן און קיינער ווייס נישט, ווען און פון וואַנען אַ שווערע האַנט וועט אויף אים נישט אַרויפגעלייגט ווערן.

די אָפּהענגיקייט פון יעדן איינעם פאַר זיינע סאַמע עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן אויף דעם דאָזיקן סיסטעם און די אומזיכערקייט פון יעדן קאָמוניסטישן באַאַמטן, אַז ער זאָל נישט אַרונטערגעזעצט ווערן פון זיין אַמט אָדער אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער פּאַרטיי, האָט געשאַפן אַ לאַגע, וואָס קיינער איז נישט זיכער, נישט מיט דעם ביסל, וואָס ער האָט, און אפילו נישט מיט זיין פרייהייט און לעבן.

דער סאָוויעטישער פּיראַמיד איז אַזוי קינסטלעך אָדער טייוולאָניש אָרגאַניזירט, אַז יעדער איינער מוז, פאַר זיין אייגענער זיכערקייט, אַרויסקוקן צום סאַמע שפּיץ פאַר פירערשאַפט און באַלויכטונג. אָן דעם טאַפּט יעדער אין דער פינסטער און וואַגט נישט קיין מויל צו עפענען און קיין טריט צו שטעלן.

איינער האָט מיר אָפן געזאָגט, אַז אויב לענינען האָט מען ליב געהאַט און טראַצקין פאַרערט, האָט מען פאַר סטאַלינען מורא.

דאָס, וואָס ער באַהאַלט זיך הינטער די דיקע ווענט פון קרעמל און ווייזט זיך אַזוי זעלטן פאַר די ברייטע מאַסן, מאַכט די מורא פאַר אים נאָך גרעסער. ער איז אַ מיסטעריע.

ווען איך בין געווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז אָנגעגאַנגען די וואַל ־ קאַמפּאַניע פאַר נייע סאָוויעטן. איך האָב בייגעוווינט

עטלעכע מאסן - פארזאמלונגען, אויף וועלכע די רעדנער האָבן גערופן דעם עולם זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן.

— די סאָוויעטן זענען דער העכסטער אויסדרוק פון דעמאָקראַטיע, — האָט אַ רעדנער זיך געהיצט. — אַלע קאָנען קומען שטימען און יעדער איינער קאָן ארויסגעשטעלט ווערן אַלס קאַנדידאַט.

איך בין געזעסן צווישן אַ גרופּע אַרבעטער, אויף וועלכע איך האָב געקאָנט זען, אַז זיי זענען גאַנץ קאַלט און ווייניק פאַראינטערעסירט.

אין אַן אינטימען שמועס מיט איינעם פון זיי, אונטער פיר אויגן, האָב איך אים געפרעגט, אויב ער דענקט טאַקע, אַז דער רעדנער האָט אויסגעדריקט די סענטימענטן פון די מאַסן.

יענער האָט אַ לאַך געטאָן.

— צו וואָס דאַרפן זיי אונזערע שטימען איינגאַנצן? — האָט ער געפרעגט, — אַז אַלץ ווערט סיי־ווי באַשלאָסן פון סטאַלינען? איז דען איינגאַנצן פאַראַן אַ פאָלקס־ווילן? עס איז דאָך אפילו נישטאָ קיין ווילן פון קיין פּאַרטיי אין דעם פולן זין פון וואָרט.

איך האָב אים דערמאָנט, וואָס אַ פראַנצויזישער קעניג פלעגט זאָגן: „דער שטאַאט דאָס בין איך". סטאַלין וואָלט אודאי געקאָנט זאָגן, אַז נישט נאָר ער איז דער שטאַאט, נאָר אויך די פּאַרטיי, אין וועמעס נאָמען ער הערשט.

— דאָס דריקט פונקט אויס, וואָס איך האָב אין זינען צו זאָגן, — האָט יענער אונטערגעכאַפּט.

איך האָב זיך געפונען אין אַ סביבה פון קאָמוניסטן אין דער רעדאַקציע פון „קאַלינינדאָרפער עמעס" אין קאַלינינדאָרף. איך האָב זיי געשטעלט פראַגן וועגן סאָוויעט - רוסלאַנד און זיי מיר — וועגן אַמעריקע.

איינער פון זיי האָט געוואָלט שטאַרק וויסן וועגן פּרעזידענט רוזוועלט און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

ער האָט אָבער, קענטיק, נישט געוואַגט אַרויסצוווייזן אַז אינטערעס צו אַזאַ בורזשואזנעם פירער, אַפילו דעמאָלט, ווען סאָ־

וויעט־רוסלאַנד האָט זיך נאָך געהאַלטן אין פּאַסמאַקעווען מיט אַמעריקעס אָנערקענונג און פריינטשאַפט.

ער האָט אָבער ענדלעך געפונען אַ וועג, ווי אַזוי צוצוקומען צום ענין.

— אָט איז איצט דערשינען אין דרוק דאָס געשפּרעך, וואָס „חבר" סטאַלין האָט געהאַט מיט דעם ענגלישן שרייבער וועלס (יענער האָט עס אַרויסגעזאָגט אועלס), — האָט ער אָנגעהויבן.— וועלס האָט געזאָגט, אַז רוזוועלט שטעלט מעגלעך מיט זיך פאַר דעם אויסוועג פון קאָמוניזם און פאַשיזם, צווישן וועלכע עקסטרע־מען די וועלט געפינט זיך איצט. חבר סטאַלין האָט אויף דעם געענטפערט, אַז אויב רוזוועלט זאָל אפילו באמת וועלן דורכפירן וויכטיקע רעפאָרמען, וועלן אים די קאַפּיטאַליסטן אָפּשטעלן. אין אַנבעטראַכט, וואָס „חבר" סטאַלין האָט געזאָגט וועגן רוזוועלטן, וואָלט איר אפשר אַזוי גוט זיין און אונז דערציילן אַביסל מער וועגן אָט דעם פּרעזידענט אייערן?

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר מיר איז דאָ געווען דער אופן, ווי אַזוי די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן.

קיין קאָמוניסט אָדער ווער עס איז אַנדערש אין סאָוויעט־רוס־לאַנד וואָלט אין דער עפנטלעכקייט נישט געוואַגט אַרויסצווייזן אַ וועלכן־עס־איז אינטערעס אין אַ פרעמד לאַנד, דערהויפּט נאָך צו אַזאַ פּערזאָן, ווי רוזוועלט. עס איז געווען נאָר אויפן גרונט, וואָס סטאַלין האָט שוין אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן רוזוועלטן. סטאַלינס מיינונג איז אָבער נישט געווען גענוג קלאָר און פאַר־שטענדלעך. עס האָט געקאָנט הייסן, אַז סטאַלין אַליין האַלט פון רוזוועלטן, נאָר זעט נישט איין, ווי אַזוי ער וועט קאָנען דורכפירן זיינע רעפאָרמען. איז עס דערפאַר געווען צייט פאַר געוויינלעכע קאָמוניסטן אויסצוגעפינען אַביסל מער וועגן דעם ענין, און דאָס נישט אַזוי חלילה דערפאַר, וואָס זיי אינטערעסירט רוזוועלט, נאָר וואָס זיי ווילן בעסער פאַרשטיין די רייד פון זייער אומפאַרגלייכ־לעכן און מיט חכמה־שטראַלנדיקן פירער, „חבר" סטאַלין.

פאַראייניגוועגס האָט מען שוין „אַריינגעכאַפּט" אינפאָרמאַציע וועגן אַ סך אַנדערע אויסלענדישע ענינים, וואָס מען איז געווען

אזוי נייגעריק צו וויסן, אָבער וועגן וועלכע מען וואָלט אונטער געוויינלעכע אומשטענדן מסתּמא נישט געוואָגט זיך נאָכצופרעגן.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַ דאַנק דער סטאַליניסטישער צענזור איז מען אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַזוי אומוויסנדיק וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין אויסלאַנד, אַז איר מוזט אָפּט שמייכלען, ווען איר הערט, ווי מען רעדט דאָרט וועגן אויסלענדישע ענינים.

אַזוי, למשל, האָבן מיך גאָר אינטעליגענטע מענטשן געפֿרעגט, אויב עס איז אמת, אַז אין אַמעריקע פֿאַלט מען אין די גאַסן פֿון הונגער? אַז איך האָב זיי איבערגעגעבן דאָס, וואָס די פֿעדעראַלע און לאָקאַלע רעגירונגען טוען פֿאַר די אַרבעטלאָזע, האָבן זיי געקוועטשט מיט די פּלייצעס און עס קוים זיך געוואָלט גלויבן.

איינער האָט זיך צו מיר געווענדעט אויף אַזאַ אופן:

— דאָ איז נישט לאַנג געווען אַן אַמעריקאַנער לערער און ער האָט אונז געזאָגט, אַז אין די אַמעריקאַנער שולן זענען די רייכע און אָרעמע קינדער גלייך, קריגן דעם זעלביקן אונטעררייכט און די זעלביקע באַהאַנדלונג. מיר האָבן אים דאָ קיינער נישט געגלויבט. עס האָט זיך אונז נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז אין אַ בורזשואַזנעם לאַנד זאָל עס קאָנען זיין. וואָס זאָגט איר?

איך האָב אים נאַטירלעך געזאָגט, אַז יענער לערער האָט קיין ליגן נישט געזאָגט, אָבער באַמערקט דערביי:

— נאָר וואָס איז די פּעולה פֿון מיין באַשטעטיקונג, ווען איר וועט נישט האָבן קיין סיבה צו גלויבן מיר מער, ווי יענעם?

אַן אוקראַינישער גענעראַל, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט אין צוג, האָט ביי מיר געוואָלט קריגן אינפֿאָרמאַציע וועגן דער אַמעריקאַנער אַרמיי — אַן אינפֿאָרמאַציע, וואָס איך האָב אים געקאָנט געבן בלויז אויבערפֿלעכלעך.

— איז עס נישט אמת,—האָט ער געפֿרעגט,—אַז די אָפֿיצירן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי זענען אַלע מיליאָנערסקע זין?

איך האָב אים געזאָגט, אַז עס וואָלט אפשר געקאָנט געזאָגט ווערן, אַז די אָפֿיצירן דינען אין די אינטערעסן פֿון די מיליאָנערן, אָבער זיי זענען אַליין גראָד פֿון מיטלקלאַס, אָפּט אפילו פֿון אַר־

בעטער־קינדער, פשוט דערפאר, וואס די רייכע קינדער האבן בע־סערע קאריע־רעס, ווי מיליטערישע.

דער גענעראל איז געווען איבערראשט און איך האב געקאנט באמערקן, אז ער צווייפלט אין דעם אמת פון מיינע ווערטער.

3

אויב לענין איז געווען דער טיפישער פירער פון די מאסן, טראצקי — דער טיפישער רעוואלוציאנערער ארגאניזאטאר, איז סטאלין דער טיפישער הערשער, וואס קאנצענטרירט אלץ אין זיי־נע הענט און רעגירט מיט אן אייזערנער פויסט.

לענין האט געלערנט, אז עס איז נישט קיין פראגע פון פער־זאנען, נאר פון פארטיי. איז דעריבער די קאמוניסטישע לערע, אז אלץ דארף און מוז געטאן ווערן דורך דער פארטיי. אבער נאך קיינמאל און נאך ערגעץ איז נישט געווען אזא פערזאנען - קולט, ווי דאס איז איצט דער פאל אין סאוויעטן־לאנד.

און דער דאזיקער קולט איז נאר ארום איין־און־איינציקער פערזאן — די פערזאן פון „חבר" סטאלין.

עס איז כמעט לעכערלעך צו רעדן איצט אין סאוויעט־רום־לאנד וועגן דער הערשאפט פון א פארטיי — די קאמוניסטישע פארטיי. אין טעאריע איז עס טאקע די קאמוניסטישע פארטיי, וואס הערשט. אין דער ווירקלעכקייט איז אבער סטאלין דער אליינהער־שער. די פארטיי איז בלויז אן אינסטרומענט צו באפעסטיקן זיין הערשאפט.

אודאי קאן געזאגט ווערן, אז די קאנצענטרירונג פון דער מאכט אין סטאלינס הענט איז דער רעזולטאט פון דער צעריסנ־קייט פון דער פארטיי. גלויבנדיק אין דער דיקטאטור פון פראלע־טאריאט, האט די קאמוניסטישע פארטיי אליין געזאלט האבן די דאזיקע דיקטאטארישע מאכט. די פארטיי האט געזאלט זיין א ברייטע דעמאקראטישע קערפערשאפט, וואס רעכנט זיך מער מיט פרינציפן, ווי מיט עפעס אנדערש.

אין דער אמתן איז אבער די פארטיי אליין מאכטלאז, די

מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען פּונקט אַזוי די באַהערשטע, ווי די ברייטע מאַסן, וואָס שטייען אויסער די ראַמען פון דער פּאַרטיי.

עס איז נישט קיין דיקטאַטור פ ו ן פּראָלעטאַריאַט, נאָר א י ב ע ר ן פּראָלעטאַריאַט.

אודאי זענען דאָ קליקעס און פאַרשידענע ריכטונגען אין דער פּאַרטיי. עס קומען פאָר קאַמפן, רייסערייען, אינטריגעס און פאַר־שווערונגען. עס איז אָבער נישט צו מעדקן קיין אָפענעם, פריין פּאָליטישן קאַמף אַפילו אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי. עס איז תמיד אַ קאַמף דורך מאַכט, דורך אונטערדריקונג.

סטאַלין אַליין וואָלט שוין געהאַט, און האָט טאַקע געהאַט, אַלערליי פאַרשווערונגען קעגן זיך. וואָרום תמיד גייען־אָן אין דער פּאַרטיי באַהאַלטענע פּאָליטישע קאַמפן מצד די, וואָס זענען קעגן דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי. סטאַלין ווייס אָבער תמיד, ווי אויסצונוצן איין גרופּע קעגן דער אַנדערער, איין ריכטונג קעגן דער צווייטער.

אין ז קאַמף קעגן טראָצקין האָט ער באַקעמפט נישט נאָר די ריכטונג, וואָס טראָצקי האָט פאַרטרעטן, נאָר אויך די מענטשן. אָבער באַזייטיקנדיק טראָצקין, האָט ער אויסגעפונען, אַז דער טראָצקיזם קאָן אינגאַנצן נישט באַקעמפט ווערן. האָט סטאַלין אויסגענוצט טראָצקיס אידעען און געדאַנקען און זיי זענען גע־וואָרן אַ טייל פון דעם „סטאַליניזם".

סטאַלין איז אַוועק צו־ווייט מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע. דאָס גאַנצע פּויערטום איז שיער נישט אומגעבראַכט געוואָרן אין קאַמף. באַנוצנדיק הונגער אַלס וואָפן, איז די קאָלעקטיוויזאַציע דורכגע־פירט געוואָרן. אָבער מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז מען האָט דער־ביי שיער נישט רואינירט די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט.

מען האָט געמוזט מאַכן קאָנצעסיעס, גיין אַ טריט אויף צו־ריק. זענען אין דער פּאַרטיי געווען צוויי ריכטונגען, אַ רעכטע און אַ לינקע. די ערשטע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף די פּויערים מאַכן הנחות, און די לעצטע האָט געזאָגט, אַז מען מוז גיין ביזן סאַמע סוף און סאָציאַליזירן די לאַנדווירטשאַפט.

סטאַלין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויפן זאַטל פון די רעכטע, וואָרשיינלעך דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען אין דער מערהייט און די געלעגנהייט איז געווען אַ גוטע פאַר גיין אַ שריט אויף צוריק.

מען האָט די פויערים אָדער קאָלכאָזניקעס אָנגעהויבן מאַכן הנחות, מיטן רעזולטאַט, וואָס זיי קאָנען איצט האָבן אַ קליינע אייגענעווירטשאַפט. זיי האָבן אויך געקריגן דאָס רעכט צו פאַר־קויפן די פּראָדוקטן, וואָס בלייבן זיי פון זייער אייגענעם גע־ברויך, אויפן אָפענעם מאַרק.

די לינקע שטורמען קעגן דעם און זאָגן, אַז דאָס מיינט קול־טיווירן אַן אַפּעטיט פאַר פּריוואַט־אייגנטום און פּריוואַט־האַנדל און אַז דער דאָזיקער אַפּעטיט קאָן נאָך אַמאָל פאַרשלינגען די גאַנצע קאָלעקטיוויזאַציע.

סטאַלין איז אָבער גענוג אָפּאָרטוניסט צו וויסן, אַז די רעכ־טע זענען אויפן מאָמענט גערעכט, און ער איז קעגן די לינקע.

זאָלן אָבער די לינקע ווערן שטאַרק און עס זאָל זיך לוינען איבערצוגיין אויף זייער זייט און סטאַלין וועט עס זיכער טאָן, ווי ער האָט עס שוין געטאָן ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

זענען דאָ אַזוינע אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס האַלטן עס גראָד פאַר אַ מעלה אין סטאַלינען. דאָס מיינט פאַר זיי, אַז ער איז אין דער אמתן נישט קיין פעדאַנט און האַלט זיך נישט ביי איין פונקט. ער איז גרייט צו ענדערן זיינע מיינונגען לויט ווי די לאַגע פאָדערט.

מאַנכע גייען אַזוי ווייט און פאַרגלייכן סטאַלינען אין אָט דער דאָזיקער הינזיכט צו לענינען. האָט דאָך לענין אַליין איינ־געפירט דעם „נעפּ". די קאָנצעסיעס, וואָס מען האָט איצט גע־מאַכט צו די קאָלכאָזניקעס, דאַרפן זיין אַ מין לאַנדווירטשאַפטלע־כער „נעפּ".

עס ווערט אָבער אויך צוגעגעבן, אַז אין סטאַלינען מערקט זיך ווירקלעכער אָפּאָרטוניזם אין דער צייט, וואָס אין לענינען האָט מען נאָר געזען דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער, גרויס גענוג צו מאַכן אַליין אַ שריט צוריק, ווען די לאַגע האָט געפאָדערט.

עס איז צוליב אט דעם אפארטוניזם פון „חבר" סטאלין, וואס מען פילט זיך אין סאוויעט־רוסלאנד נישט זיכער, אויב מען גייט אין דער אדער אין יענער ריכטונג, וואס נישט די לינקע און נישט די רעכטע קאנען וויסן, אויף וועמעס זייט סטאלין וועט זיך ווארפן און וועמען ער וועט אויסנוצן קעגן וועמען.

מען וואלט זיך שוין מיט די איצטיקע פארמען פון דער קאָלעקטיוויזאציע געקאנט רעכענען אלס פערמאנענטע. איז מען אבער נישט זיכער, אויב סטאלין וועט אין משך פון א קורצער צייט נישט איבערגיין צו די לינקע און ליקווידירן אלץ, וואס איז ביז אהער געשאפן געווארן. אויב איצט זענען די פארמען א קאמפראָמיס צווישן פריוואט־אייגנטום און רעגירונג־אייגנטום, קאן גאנץ מעגלעך זיין, אז גאר אין גיכן זאל פון קרעמעל קומען דער „אוקאז, אז מ'דארף די דאזיקע פארמען בייטן אויף ריין קאמוניסטישע פארמען, וואס וועט זיין א נייע איבערקערעניש אין דער לאנדווירטשאפט, באגלייט פון א נייעם קאמף.

ענלעכס קאן געזאגט ווערן וועגן דער לאגע אין דער שטאָטישער ווירטשאפט. קיינער איז נישט זיכער, אויב נייע ענדערונגען וועלן נישט געמאכט ווערן, וואס וועלן זיין אזוי רעוואלוציאָנער ווי די ביז־אהעריקע.

ווארום „חבר" סטאלין דער דיקטאטאר, וועלכער האלט די מאכט א דאנק דעם, וואס ער קאן רייטן אויף צוויי און מער פערד מיט אמאל, איז אויך דער אומבאשטימטסטער אין זיין פאליטיק, האבנדיק פאר זיך וואַרשיינלעך בלויז איין זאך אין זינען: נישט נאר מוז די דיקטאטור פון פראלעטאריאט אנגעהאלטן ווערן, נאר אז די דאזיקע דיקטאטור מוז תמיד בלייבן אין זיינע הענט.